STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08136

DI LEGENDE FUN YESTA BERLING

Selma Lagerlof

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעלמא לאגערלעף

די לעגענדע

— פון —

יעסטא בערלינג

פון שוועדישן:
מרדכי פּאָרלערער

צווייטער טייל

מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער דיכטערין

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

SELMA LAGERLÖF

Legenda Gösty Berlinga

Wyd. „Kultur-Liga"
Warszawa 1927

Druk. Sikora i Milner
Nowolipki 6

18.

תשובה

ליבע פריינט! איך בעט אייך, טרעט אָפּ מיט שטילן רעספּעקט אין א זייט, אויב ס׳וועט אייך אמאָל פּאסירן, אז איר וועט אויף אייער וועג אָנטרעפן עפּעס א נעבעכדיקן פּארשוין, אן אומעטיקן מענטשן, וואָס זיין הוט הענגט אים אריבער איבער דער פּלייצע און די שיך האלט ער אין האנט, כדי נישט צו האָבן קיין שוץ קעגן דער ברענענדיקייט פון דער זון און קעגן דער שארפקייט פון די שטיינער, וואָס אויפן שליאך; מיט איין וואָרט, אויב איר וועט אָנטרעפן אזא הילפ־לאָזע באַשעפעניש, וואָס רופט קעגן זיך בכיון ארויס אלדאָס בייז פארשטייט איר געוויס אליין אויך, אז דאָס איז א בעל־תשובה, א וואנדערער צו די הייליקע קברים.

דער בעל־תשובה מוז טראָגן א כאלאט פון גראָבער לייוונט און לעבן מיט טרוקן ברויט און וואַסער, — אַפילו ווען ער איז א קיניג. ער מוז גיין, ער טאָר נישט פאָרן. ער מוז בעטלען און טאָר גאָרנישט באזיצן. ער מוז שלאָפן צווישן דערנער און רייבן די הארטע קברים־שטיינער מיט זיינע קני, בשעת ער פאלט כורעים. ער מוז זיך שלאָגן מיט א קאנטשיק איבערן רוקן; ער קאָן נישט פילן קיין שום אנ־דער טעם, ווי נאָר דעם טעם פון ליידן, קיין שום נחת, חוץ פון פיין.

די יונגע גרעפין עליזאבעט האָט אמאָל אויך געטראָגן אזא מין כאלאט פון גראָבער לייוונט און געבלעטערט איבער די דערנערדיקע וועגן פון תשובה. איר הארץ האָט זי אָנגע־קלאָגט פאר א גרויסע זינד, און זי האָט געדורשט נאָך טיפן שמארץ, ווי דער מידער וואנדערער לעכצט נאָך א דערפרישנ־דיקער באָד. זי האָט אליין געבערענגט אויף זיך א גרויזאַם אומגליק און מיט א פריידפול הארץ איז זי אראָפגעשטיגן אין דער נאכט־פינסטערניש פון פיין.

איר מאן, דער יונגער גראף מיטן זקנישן קאָפּ, איז אהיימגעקומען ערשט צומאָרגנס נאָך יענער נאכט, ווען די מיל און די קוזניע פון עקעבי זענען חרוב געוואָרן פונם פרי־לינג־שטראָם. ער האָט נאָך נישט באוויזן זיך אָפצורוען, ווי די גרעפין מערטאַ האָט אים אריינגערופן צו זיך און אים דערציילט וועגן אן אויסטערליש געשעעניש, וואָס איז פאר־גאנגענע נאכט פאָרגעקומען אין באָרג.

— דיין ווייב איז די נאכט נישט געווען אינדערהיים, הענריק. זי איז דערנאָך געקומען אין דער געזעלשאפט פון א מאנסביל. איך האָב געהערט, ווי ער האָט איר געזאָגט א גוטע נאכט, איך ווייס ווער ער איז. איך בין געווען וואך ווען זי איז ארויסגעגאנגען און אויך ווען זי איז צוריקגעקו־מען, הגם זי האָט זיך באמיט, אז קיינער זאָל דאָס נישט וויסן. זי פארראט דיך, הענריק, זי פארראט דיך, די דאָזיקע כלומרשטע צנועה, וועלכע האָט דאָ אויף אלע פענסטער אויפ־געהאנגען פויערשע גארדינען, בלויז מיר אויף צו להכעיס. זי האָט דיך קיינמאָל נישט געליבט, מיין אָרים קינד! איר פאָטער האָט בלויז געוואָלט טון א גוטן שידוך מיט איר. זי האָט דיך גענומען בלויז צוליב דיין גרויסן פארמעגן — — —

די גרעפין האָט אין אים אזוי פיל אריינגערעדט, אז דער נארישער גראף איז אריינגעפאלן אין גרויס גרימצאָרן, און ער האָט זיך תיכף געוואָלט גט'ן מיט זיין יונג ווייבל. ער האָט זי געוואָלט צוריק אהיימשיקן צו איר פאָטער.

— ניין, מיין טייערער זון, האָט די גרעפין מערטאַ גע־

זאָגט. אַזוי וועסטו זי בלויז דערפירן צו פולשטענדיקער גע-פאלנקייט. זי איז צעפּיעסטשעטע און שלעכט דערצויגן. אָבער לאָמיך זי נאָר נעמען אונטער מיין השגחה, וועסטו דאן זען, ווי איך וועל פון איר מאכן א לייט, און זי וועט זיך ביי מיר אויסלערנען, וואָס אזוינס איז פליכטן פון א ווייב.

דער גראף האָט באפוילן ארייננצורופן זיין ווייב, און ער האָט איר געמאָלדן, אז פון היינט אָן וועט זי זיין אונטער דער אפיטרופּסות פון זיין מוטער.

אך, סארא מערקווירדיקע סצענע דאָ האָט זיך אָפּגע-שפּילט! אזא ספּעקטאקל איז נאָך אוודאי קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן צו צרות און לייד גע-הייליקטן הויז.

ס'האָט זיך א שאָט-געטון א מאסע הארבע רייד, וואָס די אויערן פון דער יונגער גרעפין האָבן אזעלכע נאָך קיינמאָל נישט געהערט. דער גראף האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צום הימל, מיט טענות צו גאָט, פארוואָס ער האָט עס דער-לויבט, אז אזא נידערטרעכטיקע פרוי זאָל שלעפּן זיין נאָמען אין שמוץ. ער האָט איר מיט די פויסטן געדראָט און זי אליין געפּרעגט, וואָסער שטראָף קומט איר פאר אזא מין פארברעכן.

זי האָט זיך אָבער לחלוטין נישט דערשראָקן פאר אים. זי איז נאָך אלץ געווען איבערצייגט, אז זי האָט געהאנדלט גוט. זי האָט אים געענטפערט, אז זי האָט באקומען א שרעק-לעכן נאָז-קאטאר, און דאָס אליין איז שוין אויך א גענוגע שטראָף פאר איר.

— עליזאַבעט, רופט-אויס מיט צאָרן די גרעפין מערטאַ, דאָ איז נישטאָ וואָס חוזק צו מאכן!

— מיר ביידע, ענטפערט די יונגע פרוי, האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט איינשטימען, וואָס איז שפּאס און וואָס איז ערנסט.

— דו וועסט אָבער מודה זיין, עליזאַבעט, אז קיין שום אנשטענדיקע פרוי פארלאָזט נישט אין מיטן דער נאכט איר היים, כדי זיך ארומצושלעפּן מיט א באוואוסטן אוואנטורניק!

דאָ האָט די גרעפין עליזאַבעט דערזעען, אז איר שוויגער וויל איר דורכאויס טון א רעה. זי האָט פארשטאנען, אז זי מוז איצט קעמפן ביז צום לעצטן, כדי די ביי‌זווי‌ליקע שוויגער זאָל זי נישט אריינשלעפן אין א גרויסע צרה. און זי האָט אויפגענומען דעם קאמף.

— הענריק, בעט זי זיך ביי איר מאן, דערלאָז נישט, אז דיין מוטער זאָל זיך שטעלן צווישן אונז ביידע! לאָז מיך דערציילן, ווי אזוי דאָס אלץ איז צוגעגאנגען! דו ביזט דאָך א גרויסער בעל-יושר, און דו וועסט דאָך מיך נישט פאר-משפטן, נישט אויסהערנדיק מיך א פריער. לאָז מיך נאָר אלץ דערציילן, און דו וועסט זען, אז איך האָב געהאנדלט, ווי דו אליין האָסט מיך געלערנט, יאָ, הענריק, איך בין געגאנגען אין דיינע דרכים!

דער גראף האָט מיט א וואונק מיטן קאָפ געגעבן זיין שווייגנדיקע הסכמה, און די גרעפין עליזאַבעט האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אזוי זי איז געקומען דערצו, אז זי האָט יעסטאַ בערלינגן געטריבן אויפן שלעכטן וועג. זי האָט אים דערציילט וועגן אלצדינג, וואָס איז געשעען אין דעם קליינעם בלויען קאבינעטל, און ווי אזוי איר געוויסן האָט זי געיאָגט, זי זאָל גיין ראטעווען דעם מענטשן, וועלכן זי האָט שטארק בא'עול'ט און דערמיט אים געשטויסן צום שלעכטן.

— איך האָב דאָך קיין רעכט נישט געהאט אים צו פאר-אורטיילן, האָט זי דערקלערט, און מיין מאן האָט מיך אליין געלערנט, אז ס'איז נישט פאראן קיין צו גרויסער קרבן, ווען מען וויל פארגיטיקן אן עולה. וואָס, נישט אזוי, הענריק?

דער גראף האָט זיך געווענדעט צו זיין מוטער.

— וואָס זאָגט איצט מיין מוטער? האָט ער געפרעגט, און בשעת מעשה איז זיין קליינער גוף ממש פארשטייפט גע-וואָרן פון חשיבות און אויף זיין הויכן שמאָלן שטערן האָבן זיך געלייגט הדרתדיקע קנייטשן.

- איך, האָט די אלטע גרעפין געענטפערט, איך זע, אז אַנגאַ שערנהעק איז א קלוג מיידל. זי האָט גוט געוואוסט, צוליב

וואָס זי האָט די דאָזיקע געשיכטע דערציילט פאַר דיין ווייב.

— מיין מוטער באַווייליקט נישט מיך צו פאַרשטיין, האָט דער גראַף געזאָגט. איך פרעג, וואָס דענקט מיין מוטער וועגן דער דאָזיקער געשיכטע. צי האָט טאַקע גרעפין מערטאַ דאָנאַ פּרובירט באַאיינפלוסן איר טאָכטער, מיין שוועסטער עבבאַ דאָנאַ, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ פאַרטריבענעם גלח?

די גרעפין מערטאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. אָך, סאַראַ אויסטערלישער שוטה דער דאָזיקער הענריק איז! איצט איז ער אַרויף אויף גאָר אַ פאַלשע שפּור, דער הונט האָט אָנגעהויבן יאָגן דעם יעגער און געלאָזט דעם האָז אַנטלויפן. נאָר אויב די גרעפין מערטאַ איז אַ ווײַלע שולדיק געבליבן אַן ענטפער, האָט אָבער איר שווייגן לאַנג נישט געדויערט.

— טייערער זון מיינער! האָט זי געזאָגט, הויבנדיק מיט די אַקסלען. ס'איז פאַראַן אַ גרונט, מיר זאָלן אַרויפוואַרפן אַ צודעק פון פאַרגעסנקייט איבער די אַלע געשיכטעס וועגן אָט דעם אומגליקלעכן מענטשן, און דער זעלבער גרונט באַוועגט מיך דיך בעטן — נישט צו דערלאָזן צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין איז די נאַכט אומגעקומען.

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַ מילדן, מיטליידספולן טאָן, ס'איז אָבער נישט געווען קיין איין אמת וואָרט דערין.

— עליזאַבעט איז היינט געשלאָפן ביז שפּעט אויפן טאָג, האָט זי צוגעגעבן, און דעריבער האָט זי נישט געהערט, אַז מען האָט שוין אַרויסגעשיקט מענטשן נאָכצוזוכן יעסטאַ בערלינגן. ער איז נישט צוריקגעקומען קיין עקעבי, און מען האָט מורא, אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן. דאָס אייז האָט היינט באַגינען געגרירט. אָ, טוט אָקאָרשט אַ קוק, ווי דער שטורם האָט צעשמעטערט דאָס אייז אויף טויזנטער שטיקלעך.

די גרעפין עליזאַבעט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. דער טייך איז איצט כמעט ריין געווען פון אייז.

דאַן האָט זי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. זי האָט געוואָלט אויסמיידן גאָטס גערעכטיקייט. זי האָט געזאָגט

אַליגן, זי האָט דאָ גערעדט צביעותדיקע רייד און זיך געהילט אין א ווייסן מאַנטל פון אומשולד.

פון גרויס פארצווייפלונג איז זי געפאלן אויף די קני פאר איר מאן, און כליפענדיק האָט זי זיך מודה געווען אין אלץ:

— פאראורטייל מיך, פארשטויס מיך! איך האָב אים געליבט! דו זאָלסט גאָרנישט צווייפלען דערין, אז איך האָב אים געליבט. איך רייס מיר די האָר פון קאָפּ, איך צעפליק מיינע קליידער פון צער. אויב ער איז טויט, איז מיר שוין אַלצאיינס, קיין שום זאך ארט מיך שוין נישט מער, איך וועל זיך נישט פארטיידיקן. איך וועל דיר אויסזאָגן דעם גאנצן אמת. איך האָב די ליבע פון מיין הארצן צוגענומען פון מיין מאן און זי אוועקגעשענקט א פרעמדן. און איך פארשטויסענע, איך בין איינע פון די וואָס האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון פארבאָטענער ליבע!

אַך, די יונגע פארצווייפלטע, ליג דאָרט ביי די פיס פון דיינע ריכטער, און דערצייל זיי אלץ! זיי מקבל די מאַרטירער-שאפט, די דערנידערונג! דו חלשסט דאָך צו קאָנען אַראָפּ-צווינגען די בליצן פונם הימל אויף דיין יונגן קאָפּ!

טאקע אזוי, זאָג דיין מאן, ווי אזוי דו האָסט זיך דער-שראָקן, בשעת די ליידנשאפט האָט דיך באהערשט, די מעכ-טיקע ליידנשאפט, וואָס איז גובר אלץ, ווי דו ביזט פארצאַפּלט געוואָרן איבער דער געמיינקייט פון דיין הארץ! אז דו וואָלסט ליבער געוואָלט אין מיטן נאכט זיך באגעגענען מיט די שדים פון בית-עולם, איידער מיט די בייזע רוחות פון דיין אייגע-נער נשמה.

זאָג זיי, ווי אזוי דו האָסט זיך געפילט פארשטויסן פון גאָט און נישט ראוי צו טרעטן אויף גאָטס ערד. ווי דו האָסט מיט געבעטע און טרערן געקעמפט קעגן שטן, ווי דו האָסט מתפלל געווען; „אָ, גאָט אין הימל, ראַטעווע מיך, טרייב ארויס פון מיר דעם דיבוק, ראַטעווע מיך פון אונטערגאַנג!"

זאָג זיי אויך, אז דו האָסט געמיינט, דאָס ס'וועט זיין

אמבעסטן אלץ צו פארבאָרגן! דו האָסט געגלויבט, אז דו וועסט נושא-חן זיין ביי גאָט, האנדלענדיק אויף אזא אופן. דו האָסט געגלויבט, אז דו טוסט גאָטס געבאָט, בשעת דו האָסט געוואָלט ראטעווען פון אונטערגאנג דעם מאן, וועלכן דו ליבסט. אָבער דער דאָזיקער מענטש האָט גאָרנישט גע-וואוסט וועגן דיין ליבע. דו האָסט מער נישט געוואָלט, ווי נאָר ער זאָל נישט פאלן אין זינד צוליב דיר. צי האָסטו דען געוואוסט, וואָס איז יושרדיק און וואָס איז נישט יושרדיק? בלויז גאָט דער לעבעדיקער אליין האָט עס געוואוסט, און ער האָט דיך פאראורטיילט, ווען ער האָט געלאָזט פאלן דעם אָפּגאָט פון דיין הארץ, ער האָט דיר אזוי ארום געוויזן דעם גרויסן וועג פון תשובה, וואָס היילט-אויס פון אלע יסורים.

זאָג זיי אויך, אז דו ווייסט דאָס אין דער פארבאָרגנ-הייט איז נישטאָ קיין אויסלייזונג פון זינד. די בייזע רוחות האָבן ליב די פינסטערניש. נו, טאָ זאָלן דיינע ריכטער פעסט האלטן דעם קאנטשיק! די מלקות וועלן פאר דיר זיין א היילנדיקער באלזאם אויף דיינע זינד-וואונדן. דיין הארץ באגערט דאָך צוליידן.

זאָג זיי דאָס אלץ, בשעת דו ליגסט אויף די קני און פארברעכסט דיינע הענט אין גוואַלטיקן צער. מיט א קול פון ווילדע פארצווייפלונג, מיט א וואנזיניקן געלעכטער באגריס דעם געדאנק וועגן שטראָף און דערנידערונג. טו אזוי, ביז וואנען דיין מאַן הויבט דיך נישט אויף פון דער ערד!

און דער גראף הענריק זאָגט צו איר:

— פיר זיך אויף, ווי ס'פאסט פאר א גרעפין דאָנאַ, א נישט וועל איך מוזן בעטן מיין מוטער, זי זאָל דיך באַ-שטראָפן ווי א קליין קינד!

— טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט!

דאן איז דעם גראַף'ס משפט געפאלן:

— מיין מוטער האָט זיך אָנגענומען פאר דיר. דערום וועסטו אויך ווייטער וואוינען אין מיין היים. אָבער פון היינט אָן וועט זי באפעלן און דו וועסט געהאָרכן.

— — — — — — — — — — — — — —

אָט איז דער וועג פון תשובה!

די יונגע גרעפין איז געוואָרן איינע פון די נידריקסטע באַדינערינס. אָבער ביז וואַנען?

ביז וואַנען וועט א שטאָלץ האַרץ זיין בכּוח זיך צו בייגן? ביז וואַנען וועלן אומגעדולדיקע ליפּן קאָנען שווייגן? ווי לאַנג קאָן א העפטיקע האַנט צוריקגעהאַלטן ווערן?

פאַר דעם בעל-תשובה איז ליב די דערנידערונג פון געהאָרכזאַמקייט. בשעת דער רוקן טוט ווי פון שווערער האָ-רעוואַניע, איז דאָס האַרץ שטיל. ווען מען דערלויבט בלויז א פּאָר קורצע שעהן צו שלאָפן אויף א האַרטן געלעגער פון שטרוי, — צו דעם קומט דער שלאָף אומגעבעטן.

הגם די אַלטע גרעפין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א פּגע-רע און געזוכט וואָס מער צו פּייניקן די יונגע גרעפין, האָט די לעצטע פּאָרט נאָך געבענטשט איר שוויגער. מחמת זי האָט געפילט, אַז דאָס זינדיקע אין איר איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן.

דעריבער מאַכט נישט אויס, וואָס די גרעפין מערטא וועקט די טויט-מידע עליזאַבעט פיר א זייגער באַגינען. ס'מאַכט נישט אויס, וואָס זי צווינגט די נישט געניטע ווערבערין צו אַן אומנויטיק לאַנגן אַרבעטסטאָג ביים וועבשטול. אדרבא, דאָס איז זייער גוט. די בעל-תשובהניצע האָט אפשר נישט גענוג כּוח אַליין זיך פעסט צו קלאַפּן מיטן קאַנטשיק.

בשעת מען נעמט זיך צו דער גרויסער פרילינג-וועש, מוז די יונגע גרעפין שטיין ביי א באַליע, און איר שוויגער קומט אַליין צו, אום צו זען ווי זי אַרבעט.

—דאָס וואַסער אין דער באַליע איז דאָך שוין צו קאַלט, זאָגט זי, און נעמט א טאָפּ קאָכעדיק וואַסער און גיסט עס איבער אירע אנטבלויזטע אָרעמס אין באַליע אַריין.

דער טאָג איז א קאַלטער, בשעת די וועשינס מוזן שטיין ביי דער אָזערע און שווענקען די וועש. שטורמווינטן בושע-ווען און באַגיסן זיי מיט רעגן און שניי. די קליידלעך און די בלוזקעס פון די וועשינס ווערן דורכגעווייקט און שווער

ווי בליי. די ארבעט מיטן קלאַפּ-ברעטל איז אויך צו שווער פאַר דער יונגער פרוי, ס'בלוט שפּריצט איר אָפּער פון אונטער די דעליקאַטע נעגל.

אָבער די גרעפין עליזאַבעט באַקלאָגט זיך נישט. געלויבט איז גאָט פאַר זיין גוטסקייט! גרויס איז זיין חסד. וואו געפינט דען דער בעל-תשובה זיין נחת, אויב נישט אין ליידן? די צאַרטע קניפּן פונם קאַנטשיק פאַלן אַזוי ווייך אויפן רוקן, ווי זיי וואָלטן געווען רויזן-בלעטלעך.

די יונגע פרוי דערוויסט זיך באַלד, אַז יעסטאַ בערלינג לעבט. איר שוויגער האָט זי נאָר געוואָלט אַריינאַרן, זי זאָל זיך מודה זיין. טאָ איז וואָס? דאָס איז גאָטס וועג! דאָס איז גאָטס ווילן אַזוי צו קירעווען! דאָס האָט זי גאָט אַזוי גערופן צום וועג, וואָס פירט צו ריי־ניקונג פון זינד דורך תשובה.

בלויז פאַר איין זאַך שרעקט זיך די גרעפין עליזאַבעט. וואָס וועט זיין מיט איר שוויגער, וואָס איר האָט האָט גאָט בלויז צוליב אירעטוועגן אַזוי פאַרשטיינערט? אַך, ער וועט זי זיכער משפּטן מיט רחמים! וואָרום זי מוז דאָך זיין אַזאַ שלעכטע, כדי דורכדעם צו העלפן דער זינדיקער צוריק געפונען דעם וועג צו גאָטס חסד.

זי האָט נעבעך נישט געוואוסט אַז אכזריות איז אַ תענוג פאַר דער נשמה, וועלכע האָט שוין טועם געווען פון אַלע תאוות פון דער וועלט. ווען פאַר דער צערייצטער נשמה, וואָס לעבט אין פינסטערניש, פאַרפעלט חניפה און צערטלעכקייט, אָדער די באַרוישונג פון טאַנץ און דער רייץ פון שפּיל, דאַן נידערט זי אַראָפּ אין די טיפעניש פון אינסטינקט און שעפּט פון דאָרטן אכזריות. פאַר די אָפּגעטעמפּטע נערוון איז דאַן די פייניקונג פון מענטשן און חיות אַ קוואַל פון פרייד.

די גרעפין מערטאַ אַליין פאַרשטייט נישט, אַז זי איז אַ מרשעת. זי שטעלט זיך בלויז פאָר, אַז זי באַשטראָפט אַ לייכטזיניקע פרוי. זי שלאָפט נישט דורך די נעכט און קלערט אַלץ אויס נייע און נייע פיין-מיטלען.

איינמאָל אין אָן אָוונט גייט זי אַרום איבערן הויז און

הייסט דער גרעפֿין עליזאַבעט זי זאָל איר צושטעלן מיט א ליכט. זי טראָגט עס אין האַנט, מיט א לייכטער.

— דאָס ליכט גייט־אויס! זאָגט די יונגע פרוי.

— נו, טאָ זאָל דער לייכטער ברענען! ענטפערט די גרעפֿין מערטא.

און זיי גייען ווייטער, ביז דער קנויט פאַרלעשט זיך נישט אויף דער גרעפֿין עליזאַבעטס אָפּגעסמאַליעטער האַנט.

אָבער דאָס זענען נאָך אַלץ קלייניקייטן. די יסורים פונ׳ם גוף זענען גאָרנישט לגבי דער אינקוויזיציע פון דער נשמה. די גרעפֿין פאַרבעט געסט אין פּאַלאַץ אַריין און באַ־פעלט דער יינגער באַלעבאָסטע, זי זאָל באַדינען ביי איר מאַנס טיש.

זעט איר, דאָס איז א גרויסער טאָג פאַר דער בעל־תשובה׳ניצע. פרעמדע מענטשן וועלן זי זען אין איר דער־נידערונג. זיי וועלן זען, אַז זי איז שוין נישט מער זוכה צו זיצן ביי איר מאַנס טיש. אָ, מיט וואָסער חוזק זייערע קאַל־טע בליקן וועלן קוקן אויף איר!

אָבער פיל, פיל ערגערס פּאַסירט. קיין איין בליק טרעפט זיך נישט צוזאַמען מיט אירן. אַלע זיצן ביים טיש שטילשוויי־גנדיקע, און אויף זייערע פּנימער שפּיגלט זיך אָפּ א געדריקטע שטימונג. אַלע, סיי מענער סיי פרויען לאָזן אומעטיק אַראָפּ די קעפּ.

אָבער זי זאַמלט דאָס אַלץ, און ווי געגליטע קוילן לייגט זי דאָס אויף איר קאָפּ. — צי איז דען ווירקלעך איר זינד אַזוי שרעקלעך? צי איז דען טאַקע א חרפּה צו געפינען זיך אין איר נאָענטקייט?

אָט קומט דער נסיון: אַננאַ שערנהעק, איר אַמאָליקע פריינדין, און דער ריכטער פון מונקערוד, — יענערס שכן ביים גאַסט־טיש, כאַפּן זי אָן בשעת זי קומט צו צום טיש, זיי רייסן אַרויס דעם פּאַלומעסיק פון אירע הענט, שטופּן איר צו א שטול און האַלטן זי פעסט, כדי זי זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן.

— זעץ זיך דאָ אוועק קינד, זעץ זיך אוועק! זאָגט דער ריכטער, דו האָסט נישט געטון קיין שום בייז!

אלע געסט דערקלערן איינשטימיק, אז אויב זי וועט נישט בלייבן זיצןביים טיש, וועלן זיי תיכף פארלאָזן דעם פּאלאץ. זיי זענען נישט קיין געדונגענע תלינים, זיי וועלן זיך נישט לאָזן פירן אויפן שטריקל פון דער גרעפין מערטא דאָבא. זיי וועלן זיך נישט לאָזן אזוי אָפּנארן, ווי געוויסע אייזל-גראפן!

— אָ, איר גוטהארציקע מענטשן! רופט-אויס די יונגע בעל-תשובהניצע. אָ, איר ליבע פריינט! זייט נישט אזוי בארמ-הערציק. מיט דעם צווינגט איר מיך, איך אליין זאָל אויס-רופן מיין זינד! איך האָב זינדיק ליב געהאט א געוויסן מענטשן!

— קינד, זאָגט דער ריכטער, דו ווייסט דאָך גאָרנישט וואָס זינד איז! דו פארשטייסט גאָרנישט, ווי אומשולדיק דו ביזט. יעסטא בערלינג האָט צומאָל נישט געוואוסט, אז דו האָסט אים ליב. נעם צוריק דיין אָרט אין דיין היים! דו האָסט נישט געטון קיין שום בייז!

זיי דערמוטיקן זי אויף א ווײלע, און ווערן באלד אליין אויך פריילעך ווי קינדער. ארום טיש קלינגען געלעכטערס און שפּאסן.

די יונגע גרעפין טראכט אָבער, אז די דאָזיקע אייפריקע מענטשן, וועלכע ווערן אזוי לייכט גערירט פון יעדער זאַך, זענען טאַקע זייער גוטהארציקע, אָבער זיי זענען פּאָרט אַ געצייג פונם שטן. זיי ווילן איר איינרעדן, אז זי איז א מאר-טירערין און זיי מאַכן חוזק פון דער גרעפין מערטא, ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַן אלטע מכשפה. אָבער זיי פארשטייען זיך נישט אויף דעם. זיי ווייסן נישט, ווי די נשמה פון א בעל-תשובה לעכצט נאָך דער רייניקונג פון זינד. זיי ווייסן נישט ווי דאָס האַרץ צווינגט צו זוכן די היץ פון דער ברע-נענדיקער זון און די שארפקייט פון שטיינער, וואָס אויף די שליאכן.

טיילמאָל ווערט זי פון דער גרעפין מערטא געצוואונגען צו זיצן גאַנצע טעג ביי דער קראַנקע און אויסהערן אירע מעשיות אָן א סוף וועגן יעסטאַ בערלינגן, דעם פארטריבענעם גלח און אוואנטוריסט. טאָמער קלעקט איר נישט דער זכרון,— טראכט זי אויס פארשידענע נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע זאכן, אבי נאָר זיין נאָמען זאָל וואָס עפטער קלינגען אין די אויערן פון דער יונגער פרוי. און פאר דעם טאקע שרעקט זי זיך צומייסטן. אין אזעלכע טעג זעט זי, אז איר תשובה-טון וועט גאָר זיך נישט ענדיקן. ערשט דאן פילט זי די משא פון די תשובה-קייטן. איר פארבאָטענע ליבע וויל נישט שטארבן. די יונגע פרוי גלויבט, אז פריער וועט זי אליין שטארבן. אירע פיזישע כוחות הויבן זי טאקע אָן צו פארלאָזן. זי איז אָפט זייער קראנק.

— וואו באהאלט זיך עפעס דיין העלדישער ריטער? פרעגט די גרעפין מערטאַ מיט חוזק. יעדן טאָג דערוואַרט איך אים בראש פון דער חברה קאוואלערן. פארוואָס שטורעמט ער נישט דעם פאלאץ און זעצט דיך נישט ארויף אויף א טראָן? פארוואס ווארפט ער נישט אין קארצער נישט מיך און נישט דיין מאן? צי האָט ער דיך שוין פארגעסן?

די יונגע פרוי וויל אים פארטיידיקן און דערציילן, אז זי אליין האָט אים פארבאטן צו ברענגען איר הילף- אָבער ניין, צום בעסטן איז שווייגן, שווייגן— און ליידן!

וואָס א טאָג ווערט זי אלץ מער פארצערט פונם פייער פון עקזאלטאציע. זי גייט תמיד ארום ווי אין פיבער און איז אזוי דערשעפט, אז קוים וואָס זי קאָן זיך נאָך האלטן אויף די פיס. זי וויל שטארבן. די שטארקע כוחות פון לעבן,— די ליבע און די פרייד— זענען אין איר געפענטעט און פארמשפט און וואגן נישט צו באוועגן זיך, און די יונגע גרעפין האָט שוין מער נישט קיין מורא פאר קיינע שום ליידן.

— — — — — — — — — — — — — —

איר מאן האָט עפעס ווי פארגעסן אין איר עקזיסטענץ. ער פארשליסט זיך אין זיין קאבינעט און זיצט דארטן אָפּ

גאנצע טעג און נעכט, שטודירנדיק אומלעזבארע כתבים און אלטע פארפלעקטע דרוק־זאכן.

ער לייענט איבער פארשידענע יחוס־בריוו, געשריבענע אויף פארמעטן, פון וועלכע ס'הענגען אראפ די שוועדישע מלוכה־זיגלען, און וועלכע היטן זיך אויף אין געטאָקטע היל־צערנע פושקעלעך. ער באטראכט אלטע הערבן מיט ליליעס אויף א ווייסן פאָן און מיט סימבאָלישע פייגל אויף א בלויען פאָן. דערויף איז ער א גרויסער מבין און דאָס קאָן ער יעדן איינציקן געבן צו פארשטיין. ער לייענט כסדר די אלע אלטע כתבים מיט הספדים און פערזענלעכע באשרייבונגען פון די מיטגלידער פון דער אדל־משפחה דאנאַ. זייערע מעשים ווערן אין די דאָזיקע כתבים געגליכן צו די גרויסע אויפטוען פון די העלדן פון בני־ישראל און פון די געטער פון אלט־גריכנלאנד.

זעט איר, פון לייענען די דאָזיקע אלטע דאָקומענטן האָט ער שטארק הנאה. אבער וועגן זיין יונג ווייבל דאגהט ער נישט.

די הערצערישע רייד פון דער גרעפין מערטא האָבן אין אים אָפגעטויט זיין ליבע צו איר. „זי האָט דיך גענומען בלויז צוליב דיין פארמעגן". דאָס קאָן קיין שום מאן נישט פארליידן, דאָס מוז אין אים אויסלעשן יעטוועדן פונק פון געפיל. ס'איז אים שוין איצטער אלץ איינס געווען, ווי עס גייט צו מיט איר. זיין מוטער וועט עס זיכער געלונגען זי צוריק ארויפצופירן אויפן דרך־הישר. דאָס וועט זיין גוט פאר דער יונגער פרוי. גראף הענריק האָט שטארק בעוואונדערט זיין מוטער פאר אירע אויסערגעוויינלעכע דערציערישע פעאיקייטן.

די דאָזיקע פיין האָט געדויערט א חודש צייט. איר דארפט אבער וויסן, אז דאָס אלץ איז נישט צוגעגאנגען אויף אַזאַ אינטענסיוון, שטורמישן אופן, ווי דאָס קאָן אויסזען אויף די עטלעכע פארשריבענע זייטלעך. מען דערציילט, אז אויסער־לעך איז די יונגע גרעפין תמיד געווען א רואיקע. בלויז דאָס איינע מאָל, ווען זי האָט דערהערט, אז יעסטאַ בערלינג איז טויט, איז זי שרעקלעך דערשיטערט געוואָרן. אָבער אזוי טיף

איז געווען איר חרטה, וואָס זי האָט פאַרראַטן איר ליבע צו איר געזעצלעכן מאַן, אַז זי וואָלט זיך מסתמא צום טויט גע־לאָזט פאַרפּייניקן דורך דער שוויגער, אויב איר אַלטע הויז־ווירטין וואָלט נישט אַמאָל אין אַ געווייסן אָוונט געהאַט מיט איר אַ קורצן שמועס.

— די פרוי גרעפין דאַרף אַדורכרעדן מיט איר מאַן, האָט זי איר צוגעגעבן מוט. גאָט מיינער, די פרוי גרעפין איז דאָך ממש אַ קינד! די פרוי גרעפין פאַרשטייט, זע איך, אליין נישט, אין וואָס פאַרא מעמד זי געפינט זיך איצט, און צו וואָס אַזאַ מין פירעכץ קאָן נאָך חלילה ברענגען! די לי־בע פרוי גרעפין מוז דורכאויס זיך אַדורכרעדן מיט איר מאַן! וואָס מיינט דען די פרוי גרעפין, אַז איך זע נישט, ווי ס׳האַלט שוין?...

אָבער דאָס האָט זי טאַקע נישט געקאָנט דערציילן פאַר איר מאַן, בעת ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן מיט זיין פינסטערן חשד קעגן איר.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זי זיך שטילערהייט אָנגע־טאָן און איז אַרויס פונם הויז. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ דאָרפיש דינסטמיידל און געהאַלטן אַ פּעקל איינגעבונדן אין אַ פאַטשיילע. זי האָט איצט בדעה געהאַט צו אַנטלויפן פון איר היים און זיך שוין קיינמאָל נישט מער צוריק אומקערן.

זי איז נישט אַוועק, כדי אויסצומיידן צרות און ליידן. אָבער איצטער האָט זי געגלויבט, אַז זי האָט באַקומען אַ צייכן פון הימל, אַז זי זאָל אַוועק פון דאַנען, כדי אָפּצו־ראַטעווען דאָס געזונט און דאָס רעשט ביסל כוחות צו דעם, וואָס זי האָט נאָך געדאַרפט איבערקומען.

זי איז נישט אַוועק אין דער ריכטונג פון מערב, איבער דער אָזערע, — ווייל דאָרטן האָט געוואוינט דער, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. זי איז אויך נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון צפון, מחמת דאָרט האָבן געוואוינט אַ סך פון אירע גוטע פריינט. זי האָט אויך אויסגעמיטן די ריכטונג פון דרום, וואָרום דאָרטן, העט ווייט, ווייט, איז בעווען די

היים פון איר פאָטער, און זי האָט אפילו אויף איין טריט נישט געוואָלט קומען נענטער אהינצו. זי איז אוועק אין דער ריכטונג פון מזרח, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז דאָרט האָט זי נישט קיין היים און נישט קיין געליבטן פריינט און נישט קיין באַקאַנטן, און דאָרטן איז נישטאָ פאר איר נישט קיין הילף און נישט קיין טרייסט.

איר טריט איז נישט געווען לייכט און פריי, מחמת זי האָט נאָך נישט געפילט, אז גאָט זאָל איר שוין האָבן מוחל געווען. ס'האָט איר אָבער פאָרט שטארק הנאה געטון, וואָס פון היינט אָן וועט זי די שווערע לאסט פון אירע זינד טראָגן צווישן פרעמדע מענטשן. זי האָט געלעכצט נאָך זייערע גלייכגילטיקע בליקן, וואָס וועלן פאר איר זיין ווי דאָס קאַל־טע שטאָל, וואָס מען לייגט צו צו א געשוואָלענער בייל.

זי האָט בדעה געהאט צו וואנדערן אזוי לאנג, ביז וואַ־נען זי וועט נישט אָנטרעפן אויף עפּעס אן אָרים הייזעלע ביים וואלד, וואו קיינער וועט זי נישט דערקענען. און זי וועט צו זיי זאָגן:

— אָט זעט איר, ליבע מענטשן, אין וואָס פארא מעמד איך געפין זיך איצט! מיינע עלטערן האָבן מיך ארויסגעטריבן. גיט מיר, איך בעט אייך, א ביסל עסן און אַ דאך איבערן קאָפּ, ביז וואנען איך וועל מיר אליין נישט קאָנען פארדינען מיין שטיקל ברויט. איבעריקנס האָב איך א ביסל געלט אויך.

מיט אזעלכע מחשבות האָט זי געוואנדערט אין דער ליכטיקער יוני־נאכט. דער חודש מאי איז פאר איר אוועק אין צרות און פיין. פינסטער איז געווען איר נשמה אין דעם שיי־נעם חודש מאי, בעת די בזשאָזעס מישן־אויס זייער העל־גרינס מיט דעם טונקל־גרינעם פון די סאָסנע־וועלדער און איבער דער אָזערע קומט־אָן פון ווייטנס דער דרום־ווינט, אָנ־געזאפט מיט ווארימקייט!

דו שיינער חודש מאי! איך פיל, אז מען וועט מיר פאָרווארפן, פארוואָס איך בין נישט אזוי דאנקבאר ווי אנדע־רע מענטשן, וועלכע האָבן גענאָסן פון דיינע מתנות. איך

האָב נישט מיט א וואָרט אפילו באערט דיין שיינקייט און פראכט.

אך, מאי, דו ליבהארציקער ליכטיקער חודש, צי האָסטו נישט אמאל אָבסערווירט א קינד, וואס זיצט ביי זיין מאמע אויף די קני און הערט זיך צו צו מעשהלעך? אזוי לאנג ווי דאָס קינד הערט דערציילן וועגן טיראנישע ריזן און וועגן ביטערן גורל פון די קליינע פרינצעסעלעך, האלט עס דאָס קעפל אין דער הויך און די אייגעלעך ברייט פאנאנדערגעעפנט, און אז די מוטער הויבט־אָן דערציילן וועגן גליק און זונען־שיין, אזוי פארמאכט דאָס קינד די אייגעלעך און שלאָפט רואיק איין, מיטן קעסעלע אָנגעשפארט אויף דער מוטערס ברוסט.

זעסטו, מיין שיינער חודש מאי, אָט אזא מין קינד בין איך. זאָלן אנדערע דערציילן וועגן בלומען און זונען־שיין. אָבער פאר מיר קלייב איך תמיד אויס די פינסטערע נעכט, וואָס זענען פול מיט שדים און אימהדיקע איבערלעבונגען. פאר מיר קלייב איך אויס די הארטע, גרויזאמע שיקזאלן, און די צערפולע ליידנשאפטן פון ווילדע הערצער.

ז"ו

דאָס אייזן פון עקעבי

דער פרילינג איז אָנגעקומען, און פון אלע הוטעס אין ווערמלאנד האָט מען זיך געגרייט ארויסצושיקן דאָס אייזן קיין יעטעבאָרג *)

אין עקעבי איז אָבער נישט פאראן קיין אייזן צו שיקן. סוף זומער האָט דאָרט געהערשט א לאנגדויערנדיקע טרוקעניש. און אין פרילינג האָבן שוין דאָרט די קאוואלערן געבא-לעבאטעוועט.

פאר זייערע צייטן האָט זיך פון די ברייטע גראניט-שטיגן פונם ביערקזשעאישן וואסערפאל נישט אראָפגעגאָסן קיין וואסער, נאָר שטארק ביירישע ביר, און די לאנגע אָזערע לעיווען איז געווען אָנגעפילט מיט בראָנפן. פאר זייערע צייטן האָט מען אין די הוטעס און קוזניעס נישט באארבעט קיין רודע. די שמידן זענען אין די העמדער און אין הילצערנע טרעפאקעס געשטאנען ביי די אויוונס און אויף לאנגע שפיזן געבראטן שטיקער פלייש, און די לערניונגלעך האָבן אויף לאנגע צוואנגען געהאלטן געפילטע קאפהענער איבער די געגליטע קוילן. אין יענע צייטן האָט מען געטאנצט אויף אלע בערגלעך; מען איז געשלאָפן אויף די הובל-טישן און געשפילט אין קאָרטן אויף די קאָוואדלעס. ניין, — אין יענע

---

*) די גרויסע מערב-שוועדישע פאָרט-שטאָט Göteborg מ. פ.

צייטן האָט מען אין עקעבי נישט געשמידט קיין אייזן!

נאָר אָט איז דער פרילינג געקומען, און אין די סוח-רישע קאַנטאָרן פון יעטעבאָרג האָט מען אָנגעהויבן וואַרטן אויפן אייזן פון עקעבי. זיי האָבן דאָרט נאָכאַמאָל דורכגעקוקט די קאָנטראַקטן, וואָס מען האָט געשלאָסן מיטן מאיאָר זאַמצעליוס און מיט דער מאיאָרין, און אין וועלכע די לעצטע האָבן זיך מתחייב געווען צוצושטעלן עטלעכע הונדערט צענטנער אייזן. די סוחרים האָבן זיך דעריבער שטאַרק געחידושט, וואָס מען זעט נאָך אַלץ נישט דאָס אייזן.

אָבער וואָס גייט עס דער חברה קאַוואַלערן אָן די קאָנטראַקטן פון דער מאיאָרין? זייער איינציקע דאגה איז, אז ס'זאָל זיך נישט איבעררייסן די לאַנגע קייט פון הערלעכע סעודות און פון פאַרווײַלונגען און הוליאַנקעס, וואָס די פידלסמיטשיקעס זענען געריבן געוואָרן ביז צום פּלאַצן, און זיי האָבן בלויז אַכטונג געגעבן, אז דער טאַנץ-קאַראַהאָד זאָל גיין איבער אַלע בערגלעך.

קיין יעטעבאָרג איז אָנגעקומען דאָס אייזן פון סטעממע און דאָס אייזן פון סעליע. דאָס אייזן פון קרימסבערג האָט זיך אויסגעזוכט אַ וועג דורך די וויסטענישן, אַראָפּ-צו צו דער אָזערע ווענערן. פון אודעהאָלם איז אויך אָנגעקומען אייזן, און דאָסגלייכן פון מונקפאָרס און פון אַלע אַנדערע הוטעס. אָבער וואו איז דאָס אייזן פון עקעבי?

צי איז שוין עקעבי נישט מער די באַדײַטענדסטע הוטע פון גאַנץ ווערמלאַנד? צי וואַכט שוין קיינער נישט איבערן רום פון דער דאָזיקער אַלטער פירמע?

ווי אַש פאַרן ווינט, אַזוי איז דער דאָזיקער הויף איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די אָפּגעלאָזענע קאַוואַלערן. און זיי ווידער, — זיי זעען-צו, אז דער טאַנץ-קאַראַהאָד זאָל גיין איבער אַלע בערגלעך. וועגן וואָס דען זאָלן זייערע פאַרדאָרבענע מוחות דאגהן?

אָבער די שטראָמען און טײַכן, די זעגל-שיפן און פּאַראָמען, די פּאָרטן און שליוזן חידושן זיך און פרעגן:

— צי וועט נישט קומען דאָס אייזן פון עקעבי?

און ס'גייט א שושקעריי פון וואלד צו אָזערע, פון בארג צו טאָל:

— צי וועט טאקע אין דער אמתן נישט קומען דאָס אייזן פון עקעבי? צי וועט שוין קיינמאָל מער נישט קומען קיין אייזן פון עקעבי?

אין די טיפענישן פון די וועלדער הייבן-אָן די קופּעס האָלץ-קוילן, וואָס אין די ברענערייען, און די גרויסע קעפּ פון די פּאל-האמערס אין די פינסטערע קוזניעס בייגן זיך איין און מאכן הוזק פון עקעבי. די גרובנס עפענען-אויף זייערע ברייטע פּיסקעס און פּלאצן ארויס מיט א שאלנדיק געלעכטער, די שרייב-שטענדערס אין די קאנטאָרן פון די יעטע-באָרגער סוחרים שטיקן זיך אויך פון געלעכטער:

— נו, געהערט א מעשה? כא—כא—כא! ווי קאָמיש! זיי האָבן דאָך נישט קיין אייזן אין עקעבי! אין דער פּרעכטיק-סטער הוטע פון ווערמלאנד האָט פארפעלט אייזן! כ'לעבן, מען קאָן דאָך טאקע צעפּלאצט ווערן פון געלעכטער! כא—כא—כא!!!

אָ, שטייט-אויף, איר זאָרגלאָזע, שטייט-אויף איר היימ-לאָזע שלעפּערס! וועט איר עס דען דערלאָזן, אז אזא חרפּה זאָל פאלן אויף עקעבי? אָ, אזוי זיכער ווי איר ליבט דאָס דאָזיקע שענסטע ווינקעלע אויף גאָטס גרינער ערד, וואו איר האָט געפונען א מקום-מקלט. פאר אייערע ווילדע גייסטער, אזוי זיכער ווי דאָס דאָזיקע ווינקעלע געניסט פון אייער בענקשאפט, בעת איר געפינט זיך אויף ווייטע וועגן, אזוי זיכער ווי איר קאָנט נישט אין דער פרעמד אָנרופן זיין נאָמען, און אייערע אויגן זאָלן דערביי נישט פול ווערן מיט טרערן — אזוי זיכער בין איך, אז איר וועט דערהערן דעם רוף: שטייט-אויף, קאוואלערן, און ראטעוועט דעם כבוד פון עקעבי!

נו, וואָס אן אמת, אין עקעבי האָבן טאקע די פּאל-האמערס גערוט. אָבער דערפאר איז דאָך די ארבעט אין די

איבריקע זעקס הוטעס געגאנגען מיט פולן ברען, ווי תמיד.
און דאָרטן איז אוודאי פאראן אייזן גענוג און איבערגענוג.

און יעסטאַ לאָזט זיך דעריבער אוועק אויף אן אינספּעקציע-רייזע צו די פארוואלטערס פון די זעקס הוטעס.

קודם-כל מוז איך אייך זאָגן, אז קיין העגפּאָרס, וואָס ליגט נעבן דעם ביערקזשעי-שטראָם, אַביסל אויף צפון-צו פון עקעבי, — אהין האָט ער באלד פארשטאנען, אז ס׳איז נישטאָ וואָס צו פאָרן. די דאָזיקע הוטע ליגט צו נאָנט פון עקעבי, און זי איז תמיד געווען אונטער דער אוממיטלבארער השפעה פון דער קאוואלערישער באלעבאטישקייט.

ער איז דעריבער אוועק א פּאָר מייל ווייטער אויף צפון, און איז געקומען קיין לעטאפּאָרס. אז אויך דאָס איז א שיינע געגנט, — פון דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. פון איין זייט גיסט זיך דאָ דער אויבערשטער טייל פון דער לעיווען ברייט פאנאנדער איבערן פלאך-לאנד, און פון דער אנדערער זייט זעט מען דעם גלייך ארויסשטארטשענדיקן שפּיץ פון בארג, וואָס מען רופט „גורליטאַ“ און וואָס ליגט אין א סביבה פון ווילדער וועלדער-ראָמאנטיק, — ווי עס פּאסט טאקע פאר אזא אלטן חשובן בארג. אָבער אויך דאָ געפינט זיך נישט די קוזניע אין אזא מצב, ווי ס׳האָט געדארפט צו זיין: דאָס גרויסע שוואנג-ראָד איז צעבראָכן, שוין א גאנץ יאָר צייט.

— טאָ פארוואָס האָט מען עס נישט געלאָזט פאריכטן? פרעגט יעסטאַ.

— דער סטעלמאכער, מיין ליבער פריינט, ענטפערט דער פארוואלטער, דער איינציקער סטעלמאכער אין גאנצן אמט-קרייז, וועלכער וואָלט דאָס געקאָנט פאריכטן, איז געווען פארנומען ערגעץ אנדערשוואו. מיר האָבן נישט געקאָנט שמידן קיין איין צענטנער אייזן.

— פארוואָס-זשע האָט איר נישט געשיקט נאָכן סטעלמאכער?

— נישט געשיקט נאָכן סטעלמאכער, זאָגסטו? ס׳וואָלט געפּאסט, ווי מיר וואָלטן נישט יעדן טאָג געשיקט נאָך אים; ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט קומען, ווייל ער

איז געווען באַשעפטיקט מיטן בויען אַלטאַנקעס און שפּיל־פּלעצער אין עקעבי.

דאַן ווערט מיט אַמאָל קלאָר פאַר יעסטאַן, ווי אַזוי ס'וועט אים גיין אויף דער דאָזיקער נסיעה.

ער פאָרט ווייטער אויף צפון, קיין ביערנאַידעט. אויך דער דאָזיקער הויף ליגט אין אַ פּראַכטפולן שיינער געגנט. וואָס וואָלט געקאָנט אָנשטיין אַלס אַ סביבה פאַר אַ שלאָס. דאָס גרויסע וואוינהויז דאָמינירט איבער אַ טאָל, וואָס האָט די פאָרם פון אַ האַלב־קרייז און וואָס איז פון דריי זייטן אַרומגערינגלט פון מעכטיקע הויכן, און פון דער פערטער זייט ליגט די אָזערע לעיוועטן, וועלכע האָט דאָ איר ענד־פּונקט. יעסטאַ ווייסט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שענער אָרט פאַר נאַכטישע ראָמאַנטישע שפּאַצירן אין לבנה־שיין, ווי דער שטראַנדוועג לענג־אויס דעם טייך־שטראָם, פאַרביי דעם וואַסערפאַל, ביז אַראָפּ צו דער קוזניע, וועלכע געפינט זיך אין מעכטיקע געוועלבן, — אויסגעהאַקטע אין דער באַרגוואַנט. אָבער צי איז דאָרט פאַראַן אייזן?...

ניין, נאַטירלעך נישט!... ס'האָט זיי דאָ פאַרפעלט קוילן, און פון עקעבי האָבן זיי נישט באַקומען קיין געלט אויף צו באַצאָלן די קוילן־ברענערס און די פורמאַנעס. דעם גאַנצן ווינטער האָט די הוטע נישט פונקציאָנירט.

יעסטאַ פאַרקירעוועט צוריק אויף דרום. ער באַזוכט האָן, וואָס ליגט אויפן מזרחדיקן ברעג פון דער לעיוועט, דערנאָך פאָרט ער קיין לעיווסטאַפאָרס, וואָס ליגט טיף צווישן די וועלדער; ער פאָרט אויך קיין עלגפאָרס; אָבער דאָרטן גייט עס אים אויך נישט בעסער. אין ערגעץ איז נישט פאַראַן קיין אייזן, און דאַכט זיך, אַלץ צוליב דער שולד פון די קאַוואַלערן אַליין!

יעסטאַ קומט קיין עלגפאָרס — אַ קליינע הוטע אין מזרח. דאָס דאָזיקע קליינע אָרט ציט תמיד צו זייער פיל מענטשן, ווייל דאָרט קומען־פאָר הערלעכע יאַגדן און מען כאַפּט דאָרט זייער אַ סך פיש. אויף זיינע אַרומיקע ערדשפּיצן און אין

זיינע שכנותדיקע וועלדער קאָן מען גאנצע טעג ליגן אומגע-שטערט און טרוימען. דאָרט הערשט א שטילקייט און א רואי-קייט, וואָס איז ווי פרעמד פאר אונזער וועלט, — דער פולער מיט דאגות און אומרו. די גייסטער פון פרידן פראוועון דאָרט זייער מלכות, אָבער זיי מאכן אויך שווער דעם צופאָר אהינ-צו, אזוי, אז יעסטאַ און זיין „דאָן זשואַן" ווערן נישט ווייניק פארמאטערט איבערן וועג.

דער פארוואַלטער פון דער הוטע איז צו יענער צייט געווען איינער מיטן נאָמען גוסטאַוו בענדיקס, און ער איז געוואָרן שטארק ערנסט און פארזאָרגט, בשעת ר'האָט דער-הערט וועגן דעם ציל פון יעסטאַס רייזע.

הערט אָקאָרשט, סאַראַ שמועס ער האָט מיט יעסטאַן.

— און אין אנדערע הוטעס האָט איר שוין גאָרנישט קיין אייזן? פרעגט דער פארוואלטער.

— גאָרנישט מיט גאָרנישט! ענטפערט יעסטאַ מיט א גע-בראָכן קול.

— ליידאקעס! רופט-אויס דער פארוואלטער, ס'איז שקר וכזב יעדער וואָרט זייערס! קיין איינאיינציקער ליידיקער וואָגן איז דאָ ווינטער נישט אדורכגעפאָרן דורך מיינע וועל-דער. גלייב מיר, ליבער פריינט יעסטאַ, דאָס גאנצע אייזן איז שוין געוויס אין די מאגאזינען פון די יעטערבאָרגער סוחרים.

דערהערנדיק דאָס, באקומט יעסטאַ פרישן מוט. ער האָט-אמת, נישט געלייגט אזוי פיל האפנונג אויף זיין באזוך ביי בענדיקסן, אָבער איצטער איז ער שוין זיכער, אז ער וועט דאָ געפונען גענוג אייזן.

בענדיקס נעמט אים אָן פאר דער האנט און פירט אים אוועק צום קאנטאָר.

— קום, ליבער פריינט יעסטאַ, וועל איך דיר ווייזן עפעס אַ מערקווירדיקע זאך, זאָגט דער אלטער ליך, ארויסנע-מענדיק פונם שופלאָד צוויי קליינע שטאָלענע פיילן.

— נו, טרעף אָקאָרשט, וואו איך האָב עס געפונען?
פרעגט ער מיט טיפן ערנסט.

יעסטאַ קאָן נישט טרעפן.

— קוק זיך איין, זאָגט דער פּאַרוואַלטער, אַרויסנעמענ־דיק פונם זעלבן שופלאָד א געפּגרטן שטשור און ווייזנדיק יעסטאַן, אז אנשטאָט געוויינלעכע פּאָדערשטע ציין האָט ער גאָר קליינטשיקע שטאָלענע פיילן. נו, וואָס ווּעסטו איצטער זאָגן, יעסטאַ. ס'איז באמת אן אומרעכט פונם רבונו של עולם, צו דערלאָזן עפּעס אזוינס!.. אָט אזא מין שטשור, זעסטו, פרעסט אייזן ווי האלעשקעס. און דאָס האָבן זיי טאקע אָפּגעטון דאָ אויך, די דאָזיקע קליינע טייוולאָנים האָבן אויפגעפרעסן דעם גאנצן זאפּאס אייזן, וואָס מיר האָבן דאָ געהאט; זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין איין שטאבע. ערשט נעכטן בין איך געוועזן אין מאגאזין — ר'איז קאָמפּלעט ליידיק, ס'איז נאָר פארבליבן א פּאָר שפּענדלעך און א געפּגרטער שטשור. אָבער די דאָזיקע קליינע פיילן האָט ער שוין געהאט אין פּיסק, און דעריבער האָב איך טאקע באלד פארשטאנען, וואָס דאָ איז געשען. אפשר ווילסטו האָבן צום אָנדענק די דאָזיקע פיילן? דאָס זענען זייער אינטערעסאנטע עקזעמפּליארן!

מיט די דאָזיקע ליצנישע רייד ווענדעט ער זיך, א שטארק פארדאגהטער, צו יעסטאַ בערלינגן, וועלכער זיצט איינגעהויקערט אויף א קאנטאָר־שטול און איז גרייט זיך פּאַ־נאנדערצולאכן פון דעם פּאַרוואַלטערס ערנסטער דערקלערונג, אז די שטשורעס האָבן אויפגעפרעסן דאָס אייזן, הגם ער האָט שוין אין פארשידענע הוטעס געהערט דערציילן וועגן אזעלכע זאכן.

יעסטאַ קומט צוריק קיין עקעבי, און קוקנדיק אויף די געבעכדיקע פּאָר צענטנער אייזן, ווערט די קאוואלערן זויער און ביטער אויף דער נשמה. זיי לאָזן פארשעמט און אומעטיק אראָפּ די קעפּ און קאָנען נישט געפונען קיין אויסוועג פון דער שווערער סיטואציע. ס'דאכט זיך זיי, אז די גאנצע נאַ־טור מאכט חוזק פון עקעבי, אז דער באָדן ציטערט פון כלי־

פען און די בוימער דראָען זיי מיט צאָרנדיקע זשעסטן, און אויך דאָס גראָז און די בלומען ווייגען צוליבן אונטערגאַנג פונם אַלטן רום פון עקעבי.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער צו וואָס טויג די אַלע רייד און קשיות? אָט האָט איר דאָך דאָס אייזן פון עק״בי!

אָט ליגט עס דאָך, אָנגעלאָדעוועט אויף פּאַראָמען, פאַר-אַנקערטע ביים ברעג פונם טייך קלאַראַ, גרייט אָפּצושווימען שטראָם-אַראָפּ, גרייט ארויפגענומען צו ווערן אויף דער אייזן-וואָג אין קאַרלשטאַד, גרייט אוועקגעפירט צו ווערן מיט די ווענערן-באַרלינקעס קיין יעטעבאָרג. דער כבוד פון עקעבי איז אַלזאָ געראַטעוועט!

ווי אַזוי איז דאָס אָבער מעגלעך געווען? אין עקעבי איז דאָך פּאָרט נישט געווען מער ווי נישטיקע פופציק צענט-נער אייזן, און אין די איבריקע זעקס הוטעס האָט זיך דאָך קיין ברעקל אייזן נישט געפונען. טאָ ווי אַזוי איז עס פּאָרט מעגלעך, אַז איצט זאָלן פול געלאָדענע באַרלינקעס אוועקפירן אַזאַ משא אייזן צו דער אייזן-וואָג אין קאַרלשטאַד? נאָר וועגן דעם דאַרף מען פרעגן ביי די חשובע הערן קאַוואַלערן.

זיי אַליין געפונען זיך אויך אויף די שווער-אָנגעלאָדענע אַלטע באַרלינקעס און זיי ווילן דאָס מאָל פּערזענלעך פירן דאָס אייזן פון עקעבי קיין יעטעבאָרג. נישט קיין געוויינלעכע שיפס-לייט, נישט קיין פּשוטער בשר-ודם מעג דאָס מאָל מיט-פאָרן מיטן אייזן. די קאַוואַלערן זענען ארויפגעקומען אויף די שיפן מיט פלאַשן משקה און קוישן מיט שפּייז, מיט טרומ-פייטן און פידלען, מיט ביקסן און פיש-ווענטקעס און אָקע-קאָרטן. זיי האָבן באַשלאָסן צו טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעג-לעך פאַר זייער ליבן עקעביער אייזן, און זיי וועלן עס בשום אופן נישט פאַרלאָזן ביז וואַנען ס׳וועט נישט בשלום אָנקומען קיין יעטעבאָרג און אויסגעלאָדן ווערן אין דאָרטיקן פּאָרט. אַליין האָבן זיי עס דאָס מאָל געוואָלט אָנלאָדן, אויסלאָדן און איבערשיפן אַליין, מאַנעווורירן מיט די זעגלען און רודערס.

און זיי זענען טאקע די פאסיקסטע פארשוינען צו אזא מין אונטערנעמונג. צי איז דען זיי נישט באקאנט יעטוועדער אונ־טערוואסער־אינזל אין דעם טייך קלאַראַ, יעטוועדער שטיין־ריף אין דער אָזערע ווענערן? און מיטן רודער און זעגל־שטריק זענען זיי פונקט אזוי באהאוונט ווי מיטן פידל־סמיטשיק און מיט די לייצעס.

אויב זיי ליבן עפּעס אויף דער וועלט, איז עס זיכער דאָס אייזן אויף די בארלינקעס. זיי היטן עס אָפּ, ווי דאָס פיינסטע גלאָזוואַרג, זיי דעקן עס זאָרגעוודיק צו מיט פלאנ־דעקעס, קיין ברעקל דערפון טאָר זיך נישט ארויסזען. די דאָ־זיקע שווערע, גרויע שטאנגען ווען אויפהאלטן דעם כבוד פון עקעבי! קיין פרעמדער טאָר זיי נישט פארשוועכן מיט זיין גלייכגילטיקן בליק. אָ, עקעבי! דו ביזט דער געגנשטאנד פון אונזער בענקשאפט! און זאָל דיין כבוד ווייט שטראלן ארום דיר!

קיינער פון די קאוואלערן איז נישט פארבליבן אין דער היים. דער פעטער עבערהאַרד האָט פארלאָזן זיין שרייב־שטענדער, און דער קוזין קריסטאָפער איז אפערגעקראָכן פון אויוון־ווינקעלע. אפילו דער מילדער לעיוועגבאָרג האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין. קיינער פון די קאוואלערן פוילט זיך נישט, בשעת דער כבוד פון עקעבי שטייט אין קאָן.

אָבער פאר לעיוועגבאָרגן איז עס נישט גוט צו זען דעם מייך קלאַראַ. זיבן און דרייסיק יאָר האָט ער אים שוין נישט געזען. און אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט ער זיין פוס נישט ארויפגעשטעלט אויף א שיפל און נישט געקאָנט פארטראָגן דעם אָנבליק פון בלישטשענדיקע אָזערע־פלאכן און גרויע טייכן: דאָס פלעגט אים ברענגען אויפן רעיון זייער טרויעריקע זכרונות, און דעריבער האָט ער עס תמיד אויס־געמיטן. אָבער היינט האָט ער אויך נישט געקאָנט פארבלייבן אין דערהיים. דער כבוד פון עקעבי מוז געראטעוועט ווערן!

די מעשה איז אזוי, אז מיט זיבן און דרייסיק יאָר צוריק האָט לעיוועגבאָרג צוגעזען, ווי זיין כלה איז דערטרונקען גע־

וואָרן אין טייך קלאַראַ, און זינט דעמאָלסט איז זיין שוואַכער מוח אָפּטמאָל געוואָרן צעמישט.

בשעת ער שטייט און קוקט אויפן וואַסער, ווערט זיין פאַרשטאַנד אַלץ מער און מער פאַרטונקלט. דער גרויסער טייך, מיט זיינע אומצייליקע בלישטשענדיקע פּאַליעס, קומט אים פאָר ווי אַ ריזיקער שלאַנג מיט גלאַנציקע, זילבערנע שופּנס, וואָס טשאַטשעוועט אויף רויב. די הויכע, געלע זאַמדיקע ווענט, דורך וועלכע דער טייך שניידט דורך זיין שטראָם-לויף, זעען-אויס אין זיינע אויגן ווי די ווענט פון אַ פּולאַפּקע, וואָס אויף איר דעק דרייט זיך דער שלאַנג, און דער ברייטער שאָסיי, וואָס האַקט אַדורך אַ לאַך אין דער געלער וואַנט און שפּרייזט אין טיפן ווייסן זאַמד אַראָפּ צום ברעג, וואו ס'וואַרטן די באַרלינקעס און די שלעפּ-שיפן, — איז געוויס די עפענונג צו דער הייל פון גזלנים.

דער קליינער פאַרשוינדל שטייט און גאַפט מיט זיינע ברייט-פאַנאַנדערגעעפנטע בלויע אויגן. זיינע לאַנגע ווייסע האָר פלאַטערן אויפן ווינט, און זיינע תמיד לייכט-פאַררויטלטע באַקן זענען איצט בלאַס פון שרעק. ער ווייסט אַזוי זיכער, אַז אַ מענטש וועט באַלד אָנקומען איבער דעם דאָזיקן וועג און וועט זיך אַריינוואַרפן אין פּיסק פון דעם לויערנדיקן שלאַנג.

די קאַוואַלערן זענען שוין גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין און יעדער פון זיי נעמט אין האַנט אַ לאַנגן שיפל-באָסאַק אויף אַרויסצושטופּן די באַרלינקע אין מיטן שטראָם-לויף. אָבער דאַן טוט לעיזוענבאָרג אַ געשריי:

— בלייבט שטיין! אום גאָטס ווילן, בלייבט שטיין!

זיי פאַרשטיין אפילו, אַז ס'הייבט זיך אים אָן צו טומלען אין מוח, ווייל ער פילט איצט ווי די באַרלינקע וויגט זיך אים אונטער די פיס, אָבער דאָך בלייבן זיי שטיין מיט די אויפגעהויבענע באָסאַקעס אין די הענט. און ער ווידער, וועלכער זעט, אַז דער טייך טשאַטשעוועט דאָ אויף רויב און ער ווייסט, אַז עמיצער מוז דאָ באַלד אומבאַדינגט קומען צו

לויפן איבערן וועג, כדי זיך אריינצוווארפן אין וואסער, — ער הויבט וואָרנענדיק אויף זיין האנט און ווייזט אויפן וועג, ווי ער וואָלט דאָרט עמיצן געזען גיין.

יאָ, עס געשעען טיילמאָל אין לעבן אזעלכע צוזאמענטרעפונגען ווי די, וועלכע איז דאָ איצט פאָרגעקומען. ווער ס׳וויל קאָן זיך חידושן, וואָס די קאוואלערן זענען מיט זייערע בארלינקעס געלעגן נעבן דער שיפל-סטאציע ביים ברעג פון קלאַראַ, גראָד אין דעם פרימאָרגן, ווען די יונגע גרעפין עליזאַבעט האָט זיך אוועקגעלאָזט אויף איר וואנדערונג אין דער ריכטונג פון מזרח. ס׳וואָלט אָבער נאָך א גרעסער חידוש געווען, ווען די גרעפין וואָלט אין ערגעץ נישט געקאָנט באקומען קיין הילף אין איר נויט. אָבער גראָד האָט אזוי געטראָפן, אז אָפוואנדערנדיק א גאנצע נאכט, איז זי צוגעקומען צו דער שיפל-סטאציע פונקט אין דעם אויגנבליק, בשעת די קאוואלערן זענען שוין געווען גרייט זיך אָפצושטופן פונם ברעג. זיי זענען געבליבן שטיין און געקוקט אויף איר, ווי זי האָט אונטערגעהאנדלט מיטן שיפער, וועלכער האָט בשעת מעשה אָפגעבונדן זיין שיפל. זי איז געווען אַנגעטון ווי א פויערטע, און זיי האָבן זיך דעריבער נישט אָנגעשטויסן ווער זי איז, אָבער זיי האָבן נישט אראָפגעלאָזט קיין אויג פון איר, ווייל זיי האָבן אין איר פאָרט באמערקט עפעס באקאנטעס. און בשעת זי איז געשטאנען און גערעדט מיטן שיפער, האָט מען פון דערווייטנס דערזעען א שטויב-וואָלקן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן שליאך, און פונם שטויב-וואָלקן האָט זיך ארויסגעזעען א גרויסע געלע קאליאסע. די גרעפין עליזאַבעט האָט תיכף פארשטאנען, אז דאָס יאָגט מען זיך נאָך איר פון באָרג, און דאָ וועט מען זי זיכער פאקן! איצט איז שוין אוממעגלעך געווען, זי זאָל אומבאמערקט קאָנען אנטלויפן מיט א שיפל, און דאָס איינציקע אָרט, וואו זי וואָלט זיך געקאָנט באהאלטן, איז געווען אויף איינער פון די קאוואלערנס בארלינקעס. זי לויפט טאקע צו צו דער ערשטער פון זיי און שפרינגט ארויף, נישט באמערקנדיק באָר

וואָס פאַר אַ מענטשן ס׳געפינען זיך דאָרט. און גוט וואָס זי האָט עס טאַקע נישט באַמערקט, — אַ נישט, וואָלט זי בעסער זיך געוואָלט אַרונטערוואַרפן אונטער די קאָפּיטעס פון די גיך אָנגעטריבענע פערד, איידער צו זוכן רעטונג ביי זיי!

ווען זי איז אַרויף אויף דער באַרלינקע, האָט זי דערשראָקן אַ געשריי־געטון:

— מענטשן! ראַטעוועט מיך! באַהאַלט מיך ערגעץ!

מער האָט זי נישט באַוויזן אויסצורופן, ווייל זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטריק און איז אומגעפאַלן. די קאַוואַלערן האָבן זי געבעטן, זי זאָל זיך באַרואיקן, ביי זיי וועט איר חלילה קיין שום שלעכטס נישט געשען. זיי האָבן זיך שנעל אָפּגעשטופּט פונם ברעג, אַזוי אַז די באַרלינקע איז באַלד אַריין אין שטאַרקן שטראָם־לויף וואָס אין מיטן טייך, און אַ ווײַלע דערנאָך איז די קאָליאַסע צוגעקומען צום ברעג.

אין דער קאָליאַסע זענען געזעסן דער גראַף הענריק דאַנאַ און די גרעפין מערטאַ. דער גראַף איז צוגעלאָפן צום שיפער, אים פרעגן, צי ער האָט דאָ נישט געזען זיין ווייב. ער האָט זיך אָבער געשעמט צו זאָגן, אַז ער זוכט זיין אַנטלאָפן ווייב, האָט ער זיך אַזוי געווענדעט צום שיפער:

— ס׳איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען!

— אַזוי! האָט דער שיפער געענטפערט.

— ס׳איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען. איך פרעג אייך, צי איר האָט דאָ נישט אַמאָל געזען עפּעס?

— וואָס דרייט איר אַ ספּאָדיק? וועגן וואָס פרעגט איר?

— ס׳איז אַלצאיינס. איך זאָג דאָך אייך, אַז ס׳איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען!

און ער וואָלט, נאַטירלעך, בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין אַ טאָלק. די גרעפין מערטאַ האָט זיך געמוזט מטריח זיין אַליין צו רעדן מיטן שיפער. אין איין מינוט האָט זי שוין געוואוסט, אַז די אַנטלאָפענע געפינט זיך אויף איינער פון די פּאַמעלעך שווימענדיקע באַרלינקעס.

— וואָס פארא מענטשן געפינען זיך דאָס אויף די באַרליַנקעס ?

— דאָס זענען די קאוואלערן... בײַ אונז רופט מען זײ אַזױ.

—אך! זאָגט דאַן די גרעפין מערטאַ. האָסט זיך נישט וואָס צו זאָרגן, הענריק, דײַן ווײַב געפינט זיך אין גוטע הענט. איצטער איז שוין גלייכער מיר זאָלן זיך תּיכּף אומקערן א היים!

— — — — — — — — — — — —

אויף די באַרליַנקעס האָט נישט געהערשט אַזאַ גרויסע גדולה, ווי די גרעפין מערטאַ האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. אַזוי לאַנג, ווי די געלע קאָליאַסע איז נישט צוריק פארשוואונדן, איז די דערשראָקענע יונגע פרוי געזעסן איינגעהויקערט און נישט גערירט זיך פון אָרט; זי האָט בלויז שטום געקוקט צום ברעג.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, דאָס זי האָט דערזעען די קאוואלערן ערשט ווען די קאָליאַסע איז שוין געהאַט אוועק. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן. מען האָט אָבער באַוויזן צו פאַרהאַלטן זי בײַם סאַמע באָרטן, און זי האָט זיך קרעכצנדיק צוריק אַוועקגעזעצט.

די קאוואלערן האָבן נישט געוואַגט צו רעדן צו איר אָדער שטעלן עפּעס אַ פראַגע. זי האָט אַזוי אויסגעזען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, דאָס זי איז שוין נישט ווייט פון משוגעת.

די זאָרגלאָזע פאַרשוינען האָבן באַלד דערפילט די לאַסט פון דער אחריות, וואָס איז איצט געלעגן אויף זײ. דאָס אייזן, וואָס זײ האָבן דאָ געהאַט אויף די באַרליַנקעס, איז שוין אַליין אויך אַ גענוג שווערער יאָך פאַר זייערע אַקסלען, וואָס זענען נישט געוואוינט צו טראָגן די לאַסט, פון אַ וועלכער ס׳איז אחריות און דערצו נאָך האָבן זײ איצט געמוזט זאָרגן

פאר א יונגער אריסטאָקראטישער פרוי, וועלכע איז אנטלאָפן פון איר מאַן.

בשעת זיי האָבן זיך אויף די ווינטער-פארוויילונגען צוזאמענגעטראָפן מיט דער דאָזיקער יונגער פרוי, פלעגט זיך דער און יענער פון זיי ביי איר אָנבליק דערינערן וועגן א קליין שוועסטערל, וואָס ער האָט אמאָל ליב געהאט. בעת ער האָט זיך יונגערהייט געשפילט מיט איר, האָט ער געמוזט זייער פאָרזיכטיק זיין, ער זאָל איר חס-ושלום נישט טון עפעס שלעכטס, און ער האָט זיך אויך געמוזט היטן מיט די רייד, כדי חלילה נישט אין איר אָנוועזנהייט אויסרעדן עפעס א מיאוס וואָרט. אויב א פרעמדער ווייסערחברהניק האָט זי א מאָל צו שנעל געיאָגט בעתן שפילן זיך אָדער אין איר אָנוועזנהייט געזונגען מיאוסע לידלעך, דאן האָט ער זיך אויף אים געוואָרפן און שיער נישט צום טויט געשלאָגן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אז זיין קליין שוועסטער זאָל הערן געמיינע רייד, זי זאָל חלילה ליידן עפעס אן עולה, אָדער זי זאָל זיך פנים-אל-פנים צוזאמענטרעפן מיט א בייזן מענטשן, וואָס טראָגט אין זיך אומזיסטן האס צו זיינע מיטמענטשן.

די גרעפין עליזאַבעט איז טאקע געווען דאָס וואוילע שוועסטערל פון אלע קאוואלערן. בשעת זי האָט אירע קליינע הענטלעך ארייננגעלייגט אין זייערע הארטע דלאָניעס, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט דאן זאָגן:

— טו אָקאָרשט א קוק, א מין שוואכינקע איך בין! אָבער דו ביזט מיין גרויסער ברודער, און דו וועסט מיך זיכער באשיצן סיי קעגן אנדערע, סיי קעגן דיר אליין אויך!

כל-זמן זיי האָבן זיך געפונען אין איר געזעלשאפט, זענען זיי טאקע געווען די איידלסטע ריטער-לייט.

איצט האָבן די קאוואלערן דערשראָקן געקוקט אויף איר, און זיי האָבן זי רעכט נישט דערקענט. זי האָט זיך שטארק פארענדערט: דאָס פנים פארוויסט, אויסגעדארט, כמעט דורכזיכטיק, דער קארק האָט אינגאנצן פארלוירן זיין פריערדיקע קיילעכדיקייט. זי האָט זיך מסתמא בשעת איר נאכטישער

וואנדערונג צוקלאפט דעם קאָפּ אָן עפּעס אַ שאַרפע זאַך, מחמת פון צייט צו צייט האָט זיך איר באַוויזן אַ טראָפּן בלוט אויפן שטערן, און אירע בלאָנדע געקרייזלטע האָר זענען גע־וואָרן קלעפּיק פונם בלוט. איר קלייד איז געווען שמוציק פון דעם לאַנגן מאַרש איבער טוי־נאַסע יוגען, און אירע שיך זענען געווען צעפליקט. דאָס צוקוקנדיק, זענען די קאַוואלערן באַהערשט געוואָרן פון אַן אומהיימלעכן געפיל, ווי זיי וואָלטן איצט האָבן פאַר זיך גאָר אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. די גרעפין עליזאַבעט, וועלכע זיי האָבן געקענט, האָט נישט געהאַט אַזעלכע ווילדע, גליענדיקע אויגן. זייער אָרים שוועסטערל איז אַפּנים געיאָגט און געפּלאָגט געוואָרן ביז צו משוגעת!... עפּעס ווי אַ נשמה, וואָס איז דאָ אַהער אַראָפּגעקומען פון אַנ־דערע עולמות, וואָלט איצטער געקעמפט מיט דער ריכטיקער נשמה וועגן דער מאַכט איבער דעם דאָזיקן פאַרפייניקטן גוף.

זיי האָבן זיך אָבער נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק זאָרגן וועגן איר. אין איר וואַכן איצטער אויף אַלטע מחשבות. זי מיינט, אַז דער יצר־הרע איז שוין ווידער דאָ. גאָט וויל זי פּרוּוון מיט אַ פרישן נסיון. אָט שטייט זי ווידער צווישן פריינט, צי וועט זי קאָנען ביישטיין דעם נסיון, נישט צו פאַרלאָזן דעם וועג פון תשובה?...

זי האָט זיך האַסטיק אַ שטעל־אויף געטון און מיט פּחד אויסגערופן, אַז זי מוז די מינוט צוריק אַראָפּ אויף דער יבשה.

די קאַוואלערן האָבן זיך געפּרוּווט זי צו באַרויקן, אַז ביי זיי קאָן זי זיך פילן זיכער, זיי וועלן זי שיצן קעגן יעדער פאַרפאָלגונג.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט בלויז געבעטן, זיי זאָלן איר דערלויבן אַראָפּצולאָזן זיך אין דעם קליינעם שיפל, וואָס איז צוגעבונדן צו דער באַרלינקע, כדי זיך צוצושיפן צום ברעג, און דאָרט וועט זי שוין איינע אליין פאָרטזעצן איר וואַנדערונג.

אָבער ווי קאָנען זיי איר לאָזן אַוועקגיין איינע אליין? וואָס וועט ווערן מיט איר? ס׳איז דאָך גלייכער זי זאָל בלייבן

ביי זיי. זיי זענען, אמת, אלטע אָרימע מענטשן, אָבער אלענ-פאלס וועלן זיי שוין געפונען פאר איר עפּעס אן אויסוועג פון איר שווערער לאגע.

ניין, דאס האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט פארבראָכן די הענט און געבעטן, זיי זאָלן זי אראָפּלאָזן אויף דער יבשה. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו דערפילן איר בקשה: זיי האָבן דאָך געזעען, אין וואָסער מעמד זי געפינט זיך, ווי שוואך און אויסגעמאטערט זי איז. זיי האָבן פשוט מורא געהאט, אז ביי די ערשטע פּאָר טריט פאלט זי אנידער און שטארבט חלילה אוועק אויפן שליאך.

יעסטאַ בערלינג איז געשטאנען נישט ווייט פון איר און אראָפּגעקוקט אין וואסער אריין. ער האָט געקלערט, אז די יונגע פרוי וויל אים אפשר נישט גערן זען. ער האָט אליין נישט געוואוסט דערפון, אָבער זיינע רעיונות האָבן אים אלנ-פאלס אָנגעהויבן טאנצן אין מוח פון גרויס פרייד.

— איצטער ווייסט קיינער נישט, וואו די דאָזיקע יונגע פרוי געפינט זיך, האָט ער בשעת מעשה געטראכט, איצטער קאָנען מיר זי גלייך אוועקפירן קיין עקעבי. מיר קאוואלערן וועלן זי דאָרט באהאלטן און מיר וועלן זי גוט באהאנדלען. זי וועט זיין אונזער מלכה, אונזער הערשערין, אָבער קיינער וועט נישט וויסן, אז זי געפינט זיך דאָרט. אָ, מיר וועלן זי אָפּהיטן ווי ס׳שווארצאפּל פון אויג! און אפשר וועט זי זיך נאָך פילן גליקלעך אויך? אלע קאוואלערן וועלן זי באטראכטן ווי זייער אייגן קינד. איר ווירקונג וועט איידעלער מאכן אונזערע הערצער, מעד און וויין וועלן מיר טרינקען און קלוגע געשפּרעכן וועלן מיר מיט איר פירן אויף פראנצויזיש.

און אז ס׳וועט אוועק דאָס יאָר פון זייער באלעבאטעווען אין עקעבי? נו! ס׳וועט זיך שוין געפונען אן עצה!...

יעסטאַ האָט קיינמאָל נישט געוואוסט זיך קלאָר צו מאכן, צי ער ליבט זי ווירקלעך. באזיצן זי אָן זינד האָט ער נישט געקאָנט, און אראָפּשלעפּן זי אין זומפּ פון שלעכטס, האָט ער נישט געוואָלט. אָבער סארא הערלעכער טרוים דאָס איז, אז

ער וועט איר געבן צו געניסן פון דעם אלעם גוטן וואָס דאָס לעבן אין עקעבי קאָן שענקען! סארא שיינער טרוים דאָס איז!

ער האָט אָבער באלד אויפגעוואכט פון זיינע זיסע רעיונות, ווארום די יונגע גרעפין איז איצט געווען באהערשט פון א גוואלטיקן פחד; אין אירע רייד האָט געקלונגען א טאָן פון גרענצלאָזער פארצווייפלונג. די קאוואלערן זענען געווען פארזאמלט ארום איר און זיך באמיט זי צו בארואיקן, אָבער זי איז נעפאלן אויף די קני און זיך געבעטן מען זאָל זי לאָזן אוועקגיין.

— גאָט האָט מיר נאָך נישט מוחל געווען! האָט זי אויסגערופן. לאָזט מיך גיין!

יעסטא האָט באמערקט, אז קיינער פון די קאוואלערן האָט זיך נישט געפילט ביכולת צו דערפילן איר בקשה. און ער האָט פארשטאנען, אז דאָס וועט ער אליין מוזן טון, דווקא ער, וועלכער האָט זי אזוי שטארק געליבט!

ער איז צוגעגאנגען צו איר, אָבער דאָס גיין איז אים איצט אָנגעקומען מיט אזא שוועריקייט, גלייך ווי יעדער איבר פון זיין גוף וואָלט געשטעלט א ווידערשטאנד קעגן זיין ווילן, און ער האָט איר געזאָגט, אז ער וועט זי צופירן צום ברעג.

זי האָט זיך תיכף אויפגעהויבן. ער האָט זי אויף זיינע שטארקע הענט אראָפגעטראָגן אין שיפל אריין, זי צוגעפירט צום מזרחדיקן ברעג און געבליבן שטיין נעבן א שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צום שטראנד, און ער האָט איר געהאָלפן ארויסשטייגן פונם שיפל.

— וואו וועט איר זיך איצט אהינטון, פרוי גרעפין? האָט ער געפרעגט.

זי האָט מיט טיפן ערנסט אויפגעהויבן א פינגער און אָנגעוויזן אויפן הימל.

— פרוי גרעפין, אויב איר וועט חלילה קומען אין א נויט...

ער האָט נישט געקאָנט ווייטער רעדן, דאָס קול האָט

זיך אים פארהאקט. אָבער זי האָט אים פארשטאַנען און גע־ענטפערט:

— איך וועל שיקן א שלוח צו אייך, אויב איך וועל זיך נויטיקן אין הילף.

— איך וואָלט אייך גערן געוואָלט שיצן קעגן אלדאָס בייז, האָט ער שטיל געזאָגט.

זי האָט אים דערלאנגט די האנט צום געזעגענען זיך, ער איז אָבער נישט אימשטאנד געווען אויסצורעדן א וואָרט. איר האנט איז געווען קאַלט און נישט געענטפערט אויף זיין דרוק. זי האָט בלויז געהערט די שטים פון איר הארצן, וואָס האָט איר באפוילן אוועקצוגיין צווישן פרעמדע מענטשן. ס'איז פאר איר אליין נישט געווען קלאָר, אז זי האָט ליב אָט דעם מאן טאקע, פון וועלכן זי גייט איצט אוועק.

ער האָט איר געלאָזט אוועקגיין און האָט צוריק אוועק־געראָדערט צו די קאוואלערן. אָבער ווען ער איז צוריק ארי־בער איבערן באָרטן פון דער בארלינקע, האָט ער אזש גע־פיבערט פון מידקייט און מאכטלאָזיקייט, ווי ער וואָלט דאָ ערשט אָפגעטון דאָס שווערסטע שטיקל ארבעט פון זיין לעבן.

נאָך עטלעכע טעג האָט ער זיך אזוי געהאלטן אויף די פיס, ביז וואנען דער כבוד פון עקעבי איז געראטעוועט גע־וואָרן. ער האָט צוגעפירט דאָס אייזן ביז צו דער גרויסער וואָג, וואָס אין קאָניקענעז, דערנאָך האָט ער א לאנגער צייט פארלוירן די כוחות און די פרייד פון לעבן.

אזוי לאנג ווי די קאוואלערן האָבן זיך געפונען אויף די בארלינקעס האָבן זיי אין אים קיין שום פארענדערונג נישט באמערקט. ער האָט געהאלטן זיינע נערוון אין צוים און זיי אָנגעשפאנט ביז צום אויסערסטן, כדי אויפצוהאלטן די מונטערקייט און זאָרגלאָזיקייט, מחמת נאָר דורך מונטער־קייט און זאָרגלאָזיקייט האָט דער כבוד פון עקעבי געזאָלט געראטעוועט ווערן. ווי וואָלט זיי דען די דאָזיקע געוואגטע שפיל געקאָנט געלונגען, אויב זיי וואָלטן זי אונטערגענומען מיט פארזאָרגטע פנימער און מוטלאָזע הערצער?

אויב ס'איז טאקע אמת דער קלאנג, וואָס איז שפּעטער ארומגעגאנגען, אז די קאַוואלערן האָבן דעמאָלסט געהאט אויף די באַרלינקעס מער זאמד ווי אייזן, אויב ס'איז טאקע אמת, אז זיי האָבן אומאויפהערלעך ארויף-און-אראָפּ געטראָגן די זעלבע שטאבעס אייזן צו דער וואָג אין קאַניקענעז, ביז וואנען די עטלעכע הונדערט צענטנער אייזן זענען געוואָרן אָפּגעוואויגן, און אויב ס'איז אמת, אז דאָס האָט געקאָנט געשעען בלויז דערפאר, ווייל דער וואָג-מייסטער און זיינע משרתים זענען מיט א ברייטער האנט באַלויינט געוואָרן מיט כּל-טוב און מיט א שפּאָר ביסל משקה פון די קוישן און פלעשער, וואָס מען האָט מיטגעפירט פון עקעבי — דאן קאָן מען טאקע פארשטיין, אז ס'האָט דערביי געמוזט זיין לעבעדיק און לוסטיק אויף די באַרלינקעס!

ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס דאָרט איז דעמאָלסט פאָרגעקומען? נאָר אויב ס'איז טאקע אזוי געשען, דאן איז קלאָר, אז יעסטאַ האָט נישט געקאָנט האָבן קיין צייט צו זיין טרויעריק, כאָטש ער האָט אויך נישט געפילט דעם זיסן טעם פון געפאר און אוואנטורע. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אלץ פארענדיקט, איז ער אוועקגעפאלן א צוזאמענגעבראָכענער.

— אָ, עקעבי, דו לאנד פון מיין בענקשאפט! האָט ער צו זיך אליין אויסגערופן. זאָל ווייט און ברייט שטראַלן דיין רום!

תּיכף ווי די קאוואלערן האָבן דערהאלטן די קוויטונג פונם וואָג-אמט, האָבן זיי די גאנצע לאדונגען אייזן איבערגעטראָגן אויף א זעגל-שיף, וואָס פירט משאות איבער דער אָזערע ווענערן. געוויינלעך פלעגן פאכמענישע שיפערס איבערפירן דאָס אייזן קיין יעטעבאָרג, און די ווערמלענדישע הוטניקעס פלעגן זיך שוין נישט מער קימערן וועגן דעם, נאָכדעם ווי זיי האָבן פונם וואָג-אמט באַקומען א באַשטעטיקונג, אז זיי האָבן אָפּגעליפערט זייער סחורה. אָבער די קאוואלערן האָבן דאָס מאָל נישט געוואָלט לאָזן די ארבעט אין דערמיט,

נאָר זיי האָבן באשלאָסן אליין צופירן זייער אייזן ביז קיין יעטעבאָרג.

אויפן וועג האָט זיי געטראָפן אן אומגליק. אין מיטן דער נאכט איז אויסגעבראָכן א שטורעם. די שיף האָט פארלוירן איר רודער, זי איז ארויף אויף אן אונטערוואסער-פעלז, זיך צעבראָכן און דערטרונקען געוואָרן צוזאמען מיט איר גאנצער ווערטפולער לאדונג. די טרומפייטערס, די טאלעס קאָרטן און די נישט אויסגעטרונקענע פלעשער ווייַן זענען אויך אראָפּ צום גרונט. נאָר סארא באדייט האָט עס לגבי דעם, וואָס דער כבוד פון עקעבי איז געראטעוועט געוואָרן! הורא פאר עקעבי! דאָס אייזן איז דאָך אָפּגעוואויגן געוואָרן אין קאניקענעזישן וואָג-אמט! און הגם דער מאַיאָר זאמצעליוס האָט אוועקגעשריבן אן אומפריינטלעכן בריוו צו די סוחרים אין יעטעבאָרג, אז היות זיי האָבן נישט באקומען זייער אייזן, וויל ער אויך נישט האָבן זייער געלט, האָט דאָס אויך נישט אויסגעמאכט. עקעבי איז אזוי אויך געבליבן רייך, און דער כבוד פונם דאָזיקן פרעכטיקן הויף איז פאָרט געראטעוועט!

אַי וואָס די פאלהאמערס אין די קוזניעס, די שליוזן, די גרובנס און די ברענערייען פון האָלץ-קוילן, די שיפן און די פאראָמען האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען וועגן מאָדנע זאכן? אַי וואָס אין די טיפע וועלדער האָט אָנגעהויבן רוישן דאָס רכילות, אז די גאנצע עקספּעדיציע איז געווען א געמיינער שווינדל? אַי וואָס מען האָט געשמועסט אין גאנץ ווערמלאנד, אז אויף די בארלינקעס איז געווען בלויז אַ נישטיקע פאָר צענטנער אייזן און אז דער שיף-ברוך איז בכיון ארויסגערופן געוואָרן? טאָ איז וואָס? א דרייסטע טאט איז דאָ אלנפאלס אויסגעפירט געוואָרן, און קיינער וועט נישט לייקענען, אז דאָס איז געווען אן עכט קאוואלערישער שפּאס! אזא זאך ברענגט נישט קיין שאָדן דעם רום פונם אלטן הויף עקעבי!

אך, יענע צייטן זענען שוין לאנג פארביי! ס'קאָן זיין, אז די קאוואלערן האָבן ערגעץ אנדערש-וואו אויפגעקויפט אייזן אָדער זיי האָבן עס געפונען אין פריער אומבאַקאנטע

מאגאזינען. אין אזעלכע זאכן איז שווער צו דערגיין דעם אמת. דער וואג־מייסטער האָט אלנפאלס געלייקנט שטיין און ביין, אז דאָ זאָל האָבן געשעען א שווינדל. ווער־ווער, אָבער ער איז דאָך געווים געווען א בר־סמכא אויף וועגן סחורות!

ווען די קאוואלערן זענען אהיים געקומען, האָבן זיי דערהערט א ווייכטיקע נייעס. גראף דאָנאס חתונה האָט געזאָלט אנולירט ווערן. דער גראף האָט אוועקגעשיקט זיין באפולמעכטיקטן קיין איטאליען, ער זאָל דאָרט שאפן די באווייזן, אַז די חתונה איז פאָרגעקומען נישט געזעצלעך. דער באפולמעכטיקטער איז צוריקגעקומען אין מיטן זומער און געבראַכט גענוג מאטעריאל. אין וואָס די באווייזן זענען באשטאנען ווייס איך נישט אויף זיכער, און לאָמיר אויך נישט פרווון דאָס אויספאָרשן. מיט אלטע לעגענדעס דארף מען זיך באגיין זייער פאָרזיכטיק, ווי מיט אלטע האלב־פארוועלקטע רויזן: זיי פארלירן אזוי שנעל זייערע קרוין־בלעטלעך, ווי נאָר מען רירט זיך צו צו זיי... מענטשן זאָגן, אז די חתונה אין איטאליען איז געפראַוועט געוואָרן דורך אַן אומלעגאלן גלח. איך אליין ווייס אויך נישט מער. ס'איז אָבער אלנפאלס א פאקט, אז די חתונה צווישן דעם גראף הענריק דאָנאַ און עליזאַבעט פאָן טורן איז דורכן געריכט אין ברובי דערקלערט געוואָרן אלס נישט פאָרגעקומענע.

די יונגע פרוי האָט דאָס אָבער נישט געוואוסט. זי האָט צו יענער צייט געלעבט צווישן פויערים פון א ווייטער געגנט, — אויב זי האָט בכלל נאָך געלעבט.

.20

לילענקרונאַ הויז

צווישן די קאוואלערן האָט זיך געפונען א געוויסער פּארשוין, וועמען איך האָב אָפּט דערמאָנט אלס א גרויסן מו־זיקער. ער איז געווען א וואוקסיקער, ברייטביינערדיקער מאן, מיט א גרויסן קאָפּ און א געדיכטער שווארצער טשופּרינע. צו יענער צייט איז ער זיכער נישט מער אלט געווען ווי א יאָר פערציק, אָבער זיין מיאוס קאנטיק פּנים און רואיקער, פלעג־מאטישער הילוך האָט אים צוגעגעבן א פיל עלטערן אויסזעען. ער איז געווען א גוטער מענטש, אָבער אן אומעטיקער.

איינמאָל אין א נאָכמיטאָג האָט ער גענומען זיין פידל אונטערן אָרעם און פארלאָזן עקעבי, נישט געזעגנדיק זיך מיט קיינעם, הגם ער האָט נישט געהאט בדעה זיך אומצו־קערן. זינט ער האָט צוגעזעען דאָס אומגליק פון דער יונגער גרעפין עליזאַבעט, איז אים מיאוס געוואָרן דאָס לעבן אין עקעבי. ער איז אָן אָפּרו געגאנגען דעם גאנצן אָוונט און די גאנצע נאכט, ביז ר׳איז באגינען צוגעקומען צו א קליינעם פאָלווארק, וואָס מען האָט גערופן „לעיוודאַלאַ" און וואָס איז געווען זיין אייגנטום.

קיינער איז נאָך דאָרט אזוי פרי נישט געווען אויפגע־שטאנען פון שלאָף. האָט זיך לילענקרונאַ אוועקגעזעצט אויף דער גרינער הוידלקע, וואָס פארן הויז און באקוקט זיין נחלה.

גרויסער גאָט! צי איז נאָך ערגעץ פאַראַן אויף דער וועלט א שענער אָרט?! דער פליין וואָס פאַרן הויז איז באַדעקט מיט פרישן הפל-גרינעם, זאַפטיקן גראָז. אזא גראָז-פליין וועט איר זיכער אין ערגעץ נישט געפינען! דאָרט האָבן זיך די שעפסן געפאַשעט און דאָרט האָבן זיך אויך די קינדער אַרומ-געיאָגט מיט זייערע שפילערייען. און נישט געקוקט דערויף איז דער גראָז-פליין תמיד געווען געדיכט און פריש באַוואַקסן. דער פליין איז קיינמאָל נישט באַרירט געוואָרן פון א קאָסע, אָבער לפּחות איינמאָל אין וואָך האָט די באַלעבאָסטע געלאָזט אָפּקערן פון דעם פרישן גראָז אַלע פאַרדאַרטע שטיקלעך צווייגלעך, שטרוי און פאַרוועלקטע בלעטער.

ער האָט א קוק-געטון אויף דעם סטעזשקעלע פון ים-שטיינדלעך און פלוצלינג שנעל אויפגעהויבן די פּיס, דער-זעענדיק סאַרא שאָדן זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע פּאָדעש-וועס האָבן דאָ אָנגעמאַכט. די קינדער האָבן אין אָוונט ערשט פיין צעגראַבליעוועט דאָס סטעזשקעלע.

אך, ווי אַלץ איז דאָ גוט געוואַקסן! די זעקס יאַזשעמ-בינעס, וואָס האָבן באַוואַקסט דעם הויף, זענען געווען הויכע ווי בוקעס און ברייט-קרוינענדיקע ווי דעמבעס.

אַזעלכע ביימער האָט מען זיכער אין ערגעץ נאָך נישט געזעען! ווי שיין זיי זענען געווען מיט די געלע ריטלעך פון די פלעכט-קוסטעס, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום זייערע דיקע שטאַמען, און מיט די גרויסע ווייסע בלומען-הענגלעך, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון צווישן די טונקל-גרינע בלעטער! דאָס האָט אים דערמאָנט אָן די שטערן אויפן הימל. ס'איז ממש צו חידושן זיך, ווי די בוימער האָבן זיך דאָ צעוואַקסן!

אָט נישט ווייט פון דאָרט, וואו ער איז געזעסן, איז געוואַקסן אַן אַלטע וויעזשבע, וואָס איז געווען אַזוי גראָב-שטאַמיק, אז צוויי פּערזאָן האָבן זי נישט געקאָנט אַרומנעמען. זי איז שוין אפילו געווען צעקרישלט און הויל, — א בליץ האָט פון איר אַראָפּגעפּליקט דעם שפּיץ, — אָבער אינגאַנצן אָפּ-

שטארבן האָט זיך איר פאָרט נאָך נישט געוואָלט. יעדן פרי־לינג האָט זיך אויף דעם אָפּגעבראָכענעם הויפּט־שטאם באוויזן א בינטעלע גרינע צווייגעלעך, כדי צו ווייזן, אז זי לעבט נאָך.

אָדער נעמט יענע טשערעמוכע, וואָס ביי דער מזרח'דיקער וואנט. זי האָט זיך אזוי הויך און ברייט צעוואקסן, אז זי האָט איבערגעדעקט דאָס גאנצע הויז; דער דאך, וואָס איז געווען געדעקט מיט טאָרף איז איצט געווען באשאָטן מיט דעם אראָפּגעבלאָזענעם ווייסן בליעכץ אירן, ווייל זי האָט שוין געהאט אָפּגעבליט.

אויף די פעלדער זענען אין פארשידענע ערטער געוואקסן עטלעכע גרופּקעס בזשאָזעס. די דאָזיקע בוימער האָבן זיך אויף לילינקרונאָס נחלה אפנים געפּילט ווי אין גן־עדן; זיי האָבן זיך ברייט און ווילד פאנאנדערגעוואקסן אין די פארשידנסטע געשטאלטן, ווי זיי וואָלטן זיך בכיון געפלייסט נאָכצומאכן דאָס אויסזעען פון פארשידענע אנדערע בוימער־מינים: איין בזשאָזע איז ענלעך געווען צו א ליפּאָווע בוים, — געדיכט און פארצווייגט, מיט א ווייסן געיועלב איבער זיך; א צווייטע איז געשטאנען גלייך ווי א פּיראמידע אָדער ווי א טאָפּאָלע; א דריטע ווידער, האָט געהאט אראָפּגעהאָנגענע צווייגן ווי א ווייגענדיקע ווערזשבע. איינע איז נישט ענלעך געווען צו דער צווייטער, אָבער אלע זענען זיי געווען פראכטפולע.

לילינקרונאַ האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאצירן ארום דעם הויז. אָט איז דאָ־ט דער גאָרטן געלעגן אזוי רייצנד שיין, אז ער איז געבליבן שטיין מיט א פארכאפּטן אָטעם! די עפּלביימער האָבן זיך צעבליט. נו יאָ, ער האָט דאָס שוין געזען אין אנדערע מקומות אויך, אָבער אין ערגעץ האָבן זיי נישט אזוי וואונדערלעך שיין געבליט, ווי אין דעם דאָזיקן גאָרטן, וואו ער האָט דאָס צוגעזען פון זיינע קינדער יאָרן אָן.. ער איז מיט צונויפגעלייגטע הענט און פאָרזיכטיקע טריט געגאנגען ווייטער איבער די סטעזשקעס פון ים־שטיינדלעך; דער באָדן איז געווען ווייס און די עפּל־ביימער זענען אויך געווען ווייס, בלויז עטלעכע פון זיי מיט א ראָזן ניואנס.

ער האָט נאָך אין ערגעץ נישט געזעען אזוי פיל שיינקייט ווי דאָ, וואו יעדער בוים איז אים באקאנט, ווי מען איז באקאנט מיט שוועסטער און ברודער און חברים. דאָס בליעכץ פון די עפל-ביימער וואָס זייערע פּירות ווערן אם שפּעטסטן צייטיק איז געווען אינגאנצן ווייס, פון די פּרי-זומערדיקע, — ראָז און פון די גן-עדן-עפּל, — כמעט פורפור-רויט. צום שענסטן איז אָבער געווען דער אלטער ווילדער עפּלבוים, וואָס זיינע קליינע ביטערע עפּעלעך האָט קיינער נישט געקאָנט עסן. ער האָט זיך נישט געקארגט קיין בליעכץ, און אין די שטראַלן פון דער פרימאָרגן-זון האָט ער אויסגעזען, ווי א גרויסע שניי-קופּע.

וואָרום איר דארפט נישט פארגעסן, אז דאָס איז געווען באגינען! דער טוי האָט געגלאנצט אויף אלע בלעטער, דער שטויב איז געוואָרן גרינטלעך אָפּגעשווענקט פון זיי. פון אונ-טער די וואלדיקע בערג, נעבן וועלכע די דאָזיקע הערלעכע נחלה איז געלעגן, זענען די ערשטע זונען-שטראַלן געקומען צו לויפן; פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אָנגעצונדן א שרפה אין די שפּיצן פון די יאָדלעס.

א לייכטער נעפּל האָט זיך ווי א דינער שיינהייטס-שליי-ער אויסגעשפּרייט איבער די קאָניטשינע-בערגלעך איבער די גערשטן און קאָרן-פעלדער, ווי אויך איבער די פרישע האָבער-שפּראָצונגען, און דערביי זענען די שאָטנס אזעלכע שארפע געווען, ווי ביים שיין פון דער לבנה טיף אין דער נאכט.

דערנאָך איז ער צוגעגאנגען און באטראכט די גרויסע בייטן מיט גרינוואַרג, וועלכע זענען געווען אדורכגעשניטן דורך די ברייטע גאָרטן-סטעזשקעס פון ים-שטיינדלעך. ער ווייסט, אז דאָס איז די פּראצע פון זיין ווייב מיט די דינסט-מיידלעך. די פרויען האָבן דאָ אזוי לאנג געגראָבן, געבראָ-נעוועט, געגראבליעוועט און געמיסטיקט, ארויסגעריסן דאָס ווילד גראָז און אויף אלערליי אופנים באארבעט די ערד, ביז וואנען זי איז געוואָרן גרינג און פוכיק. נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעגלייכט די פלאך פונם גאנצן גרויסן בייט און שארף

ארומגעשניטן זיינע קאנטן, האָבן זיי גענומען שפאגאט און צייכנשטעקנס און אויסגעשניטן קוואדראטן און ראנדן. צום סוף האָבן זיי מיט קליינע לוסטיקע טריטעלעך אויסגעטראָטן די שמאָלע סטעזשקעלעך צווישן די קוואדראטן און געזייעט און געפלאנצט, ביז אלע ראנדן און קוואדראטן זענען געוואָרן פארפולט מיט זריעה. די קינדער האָבן זיי צוגעהאָלפן ביי דער דאָזיקער ארבעט, און איר קאָנט זיין זיכער, אז זיי האָבן זיך דערביי געפילט איבערגליקלעך! — הגם זיי האָבן זיך שטארק אָנגעמאטערט ביים כסדרדיקן אראָפּבייגן זיך און אויסשטרעקן די קליינע הענטלעך איבער די ברייטע בייטן. איצט קאָנט איר שוין אליין אויך פארשטיין, אז די חברה קליינווארג איז דאָרט שטארק צונויףגעקומען!

איצטער האָט דאָס פארדייעטע אָנגעהויבן ארויסצושפּראָצן.

גאָטס ברכה אויף אלע געוויקסן! טוט אָקאָרשט א קוק, ווי עזותדיק די ארבעס- און באָבעס-שטענגעלעך פאררייסן זייערע קעפּ פון צווישן די גראָבע בלעטער! און ווי גלייך און לייטיש די מייערן און ריבן האָבן זיך אויסגעשטעלט! צום לוסטיקסטן איז אָבער די פּיעטרושקע מיט אירע קליינע געקרייזלטע בלעטעלעך, וואָס האָבן נאָר א קאפּעטשקע אונטערגעהויבן די אויבערשטע ערדשיכט און ממזריש אפּערגעקוקט מיט איין אויג, ווי זיי וואָלטן נאָך דערווייל בדעה געהאט אביסל צו שפּילן אין באהעלטעניש מיטן לעבן!

דאָ איז אויך געווען א קליין בייטל, וואו די צעטיילונגס-שטריכן זענען נישט געווען אזוי גלייך אָנגעצייכנט און וואו די קליינע קוואדראטלעך האָבן אויסגעזען ווי א מוסטערקארטע פון כל המינים, וואָס מען קאָן נאָר פארזייען און פארפלאנצן. מען האָט תיכף געקאָנט זען, אז דאָס זענען די קינדערס גערטנדלעך.

ליליענקרונאַ האָט אפּערגענומען זיין פידל פון אונטערן אָרעם, אים ארונטערגעשטעקט אונטער דער באָרד און אָנגעה.יבן שפּילן. די פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך אויף ביינאכט

באהאלטן אין די הויכע פלעכט-קוסטעס, וואָס האָבן דעם גאָרטן געשיצט קעגן די שארפע צפונדיקע ווינטן, זענען אויך נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און געלאָזט הערן זייער געזאנג. אין דעם דאָזיקן הערלעך שיינעם באגינען האָט קיין איין באשעפעניש, וואָס איז נאָר באשאָנקען מיט דער מתנה פון זינגען, נישט געקאָנט שווייגן. אויך דער סמיטשיק האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אליין באוועגט.

ליליענקרונאַ איז געגאנגען הין און צוריק איבער די סטעזשקעס — און געשפּילט.

— בנאמנות, האָט ער דערביי געטראכט, א שענער אָרט איז נישטאָ אויף דער גאנצער וועלט! וואָס איז משטיינסגע-זאָגט דאָס גאנצע עקעבי לגבי לעיוודאַלאַ! מיין הויז איז, אמת, געדעקט מיט טאָרף און בלויז איין שטאָק הויך, ס׳שטייט ביים ראנד פון וואלד, באלד נעבן א בארג און מיט דעם לאנגן טאָל פאר זיך; דאָ איז נישט פאראן עפּעס אויסערגע-וויינלעכעס: נישט פאראן דאָ קיין אָזערע, נישט קיין וואסער-פאל, נישט קיין שטראנד-לאָנקעס און נישט קיין פארקן. אָבער דאָך, ווי שיין דאָ איז אלץ! און שיין איז עס דערפאר, ווייל דאָס איז א גוטע, פרידלעכע היים, וואו דאָס לעבן איז נישט שווער. אלץ וואָס וואָלט אין אנדערע מקומות ארויסגערופן פארביטערונג און שנאה, ווערט דאָ פארגלעט דורך מילדקייט. אָט אזוי דארף דאָך טאקע זיין אין א גוטער היים!

דאָרט אינעווייניק שלאָפט די באלעבאָסטע אין דער שטוב, וואָס אירע פענסטער גייען ארויס אין גאָרטן. זי כאפּט זיך פלוצלינג אויף פון שלאָף און האָרכט זיך איין, אָבער זי רירט זיך נישט פון אָרט. זי ליגט און שמייכלט צו זיך אליין און האָרכט זיך ווייטער איין. די מוזיק דערנענטערט זיך אלץ מער און לסוף דוכט זיך, דאָס דער קלעזמער איז געבליבן שטיין אונטער איר פענסטער. נישט דאָס ערשטע מאָל ווערט זי אויפגעוועקט דורך פידל-שפּיל — זי האָט שוין געוואוסט, אז אזוי פלעגט איר מאן אהיימקומען. דאָס פלעגט אלעמאָל געשען

נאָך אן אויסערגעוויינלעך ווילדער אהאנטורע, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלעבט אין עקעבי.

ער שטייט אונטערן פענסטער און איז זיך דורך זיין שפילן מתודה פאר איר און בעט, זי זאָל אים מוחל זיין. ער דערציילט איר וועגן די פינסטערע כּוחות וואָס נארן אים אוועק פון דעם, וואָס ער ליבט בלב-ונפש: פון איר און פון די קינדער. און דאָך ליבט ער זיי אזוי שטארק! אָ, ווי ער ליבט זיי!

בשעת ער שפילט, הייבט זי זיך אויף פון בעט, כאפט אויף זיך שנעל די קליידער, — נישט וויסנדיק רעכט וואָס זי טוט. זי איז אינגאנצן פארכאפט פון זיין מוזיק.

— נישט לוקסוס און פראכט האָבן מיך אוועקגענארט — שפילט ער — נישט די ליבע צו א צווייטער פרוי, אויך נישט דער פארלאנג נאָך כבוד, נאָר די רייצנדיקע פארשידנארטיקייט פון לעבן: די מתיקותדיקייט, ביטערקייט און עשירות פון איבערלעבונגען האָב איך געמוזט פילן ארום זיך. אָבער איצט איז מיר דאָס שוין דערעסן געוואָרן, איצט בין איך דערשעפּט, אָבער דאָר צופרידן. איך וועל שוין מער נישט פארלאָזן מיין היים, זיי מיר מוחל, פארגיב מיר דאָס מאָל!

זי רוקט אוועק דאָס פאָרהענגל און עפנט-אויף דאָס פענסטער און ער דערזעט איר שיין, גוט פנים.

זי איז א גוטהארציקע און קלוגע פרוי. אירע בליקן זענען אזוי ווי די שטראלן פון דער זון: זיי ברענגען מיט זיך א ברכה פאר אלץ אויף וואָס זיי פאלן. זי באלעבאטעוועט און היט-אָפּ יעדע זאך. דאָרט וואו זי געפינט זיך, מוז אלצ-דינג בליען און וואקסן. זי טראָגט דאָס גליק אין זיך.

ער כאפט זיך ארויף צו איר איבערן פענסטער ברעטל, און ער איז גליקלעך, ווי א יונגער געליבטער.

דערנאָך נעמט ער זי ארום און הויבט זי ארויס דורכן פענסטער אין גאָרטן ארײַן און טראָגט זי צו אויף זיינע הענט צו די עפּלביימער. דאָרט דערקלערט ער איר, ווי שיין ס'זענען

די לײדערס פלאַנצונגען און די בײטן מיט די קאָמישע פּיעט־רושקע־בלעטלעך.

בשעת די קינדער שטײען־אויף פון שלאָף, װערט עס דאָרט אַ פרײד און אַ גדולה, װאָס דער טאַטע איז אַהײמגעקו־מען! זײ נעמען אים אײנגאַנצן צו פאַר זיך. װײזנדיק אים אַלע נײע און אױסטערלישע זאַכן: דעם קלײנעם האַמער־שלי־מאַק, װאָס קלאַפּט דאָרט אין זײן מושלע בײם קװעלכל, דאָס פויגל־נעסטל אױף דער װיעזשבע און די פּיצינקע קאָרעסלעך, װאָס שװימען אַרום אין די טױזנטער אונטער דער סאַמע אױ־בערפלאַך פונם װאַסער.

װען זײ האָבן אים שױן אַלצדינג געװיזן, איז ער מיטן װײב אין די קינדער אַװעק אױף אַ װײטן שפּאַציר איבער די פעלדער. ער האָט געמוזט באַקוקן װי געדיכט די גערשטן װאַקסן, באַטראַכטן די פרישקײט פון דער קאָניטשינע און זעען װי די קאַרטאָפליעס הײבן שױן אָן אַרױסצושטעקן זײערע גרינצלטע בלעטער.

אַהײמקומנדיק פון דעם פּאַשע־פעלד, זענען זײ אַרײן אין קו־שטאַל, װאו דער טאַטע האָט געמוזט אָפּגעבן שלום־עליכם די נײגעבוירענע קעלבלעך און די יונגע שעפּסעלעך. זײ האָבן געזוכט פריש־געלײגטע אײער אינם הינער־שטײג, און יעדן פערד האָבן זײ געגעבן שטיקלעך צוקער.

די קינדער לויפן אים נאָך אַ גאַנצן טאָג. קײן שום לעקציעס, קײן שום אַרבעט, רק מען שלעפּט זיך אַרום מיטן טאַטן!

אין אָװנט שפּילט ער פּאָלקעס אויף זײן פידל, און אין משך פון אַ גאַנצן טאָג איז ער אַזאַ גוטער חבר געװען, אַז זײ שלאָפן אײן מיט אַ פרומער תּפילה אויף די ליפּעלעך, אַז הלװאי זאָל דער טאַטע שױן אױף תּמיד פאַרבלײבן בײ זײ!..

ער פאַרבלײבט טאַקע גאַנצע אַכט טעג און ר׳איז די גאַנצע צײט פרײלעך און לוסטיק װי אַ װײסערחברהניק. ער איז פאַרליבט אין אַלץ, װאָס געהערט צו זײן הײם, און גאָר באַזונדער אין זײן װײב און קינדער, און ער טראַכט נישט װעגן עקעבי.

אָבער אין א שיינעם פרימאָרגן איז ער שוין ווידער נישטאָ אין דערהיים. ער האָט עס נישט געקאָנט אויסהאלטן; שוין צו פיל גליק און רו פאר אים. עקעבי האָט טויזנט מאָל געמעגט זיין אַ כפרה פאר זיין היים, נאָר עקעבי האָט זיך אָבער פאָרט געפונען אין סאמע ברען פון וויכטיקע געשעענישן און דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען. אָ, וואָס דאָרט איז אַלץ נישט פאראן — צו טרוימען און צו שפילן וועגן דעם! ווי קאָן ער דען לעבן אָפּגעזונדערט פון די קאוואלערן און פון זייערע בראוואדעס, און אויך פון דער לאנגער אָזערע לעיווען, ארום וועלכער ס׳האָט זיך געוועבט די פארכשופטע לעגענדע פון לעבן!

אין זיין פאָלווארק איז אַלץ אוועק אין די געוויינלעכע דרכים. אַלץ האָט געשפראָצט און געבליט, געוואקסן און רייף געוואָרן אונטער דער השגחה פון דער מילדער באַלעבאָסטע. אלע האָבן דאָ געלעבט רואיק און צופרידן. וואָרום אַלץ וואָס וואָלט ערגעץ אנדערש-וואו ארויסגערופן מחלוקת און פארביטערונג, איז אין דעם דאָזיקן פאָלווארק אריבער אָן שום שמערץ און ווײ-געשריי, און יעדע זאך איז דאָ דערפילט געוואָרן ווי געהעריק איז. אָבער וואָס האָט מען זיך געקאָנט פאר אן עצה געבן, וואָס דער באַלעבאָס פון הויז האָט געבענקט נאָך יענעם לעבנס-שטייגער, וועלכן די קאוואלערן האָבן געפירט אין עקעבי? צי איז דען שיין געווען צו באַקלאָגן זיך דערויף, — פונקט ווי אויף דעם, וואָס די זון פון הימל פארשווינדט יעדן אָוונט אין מערב און לאָזט די ערד איבער אין פינסטערניש.

וואָס איז נאָך אזוי אומבאזיגבאר, ווי הכנעה? און וואָס קאָן נאָך אזוי זיכער אָפּהאלטן א זיג, ווי געדולד?

21

די מכשפה פון די בערג

די מכשפה פון די וויסטע בערג וואנדערט איצט ארום ביי די ברעגן פון דער לעיווען. א סך מענטשן האָבן זי דאָרט געזעען ארומגיין, אזא נידריקע מיט אן איינעבויגענעם רוקן. זי איז אָנגעטון אין א לעדערנעם קלייד מיט א גארטל, וואָס איז באשלאָגן מיט זילבער. מען ווייסט לחלוטין נישט, צוליב וואָס זי איז פון די וועלפישע נאָרעס אראָפּגעקומען צו מענטשלעכע ישובים. וואָס זוכט די באָבע פון די בערג אין דעם פרישן גרינס פון די טאָלן?

זי גייט ארום אין בעטלט. זי איז א קארגע און פארלאנגט נדבות, הגם זי איז שטיינרייך. אין די היילן פון נישט-צוגענגלעכע בערג באהאלט זי שווערע פליטעס פון ווייסן זילבער, און אויף זאפטיקע גרינע לאָנקעס וואָס אין טיפע בארג-דורכגענג פאשען זיך גרויסע סטאדעס פון שווארצע קי מיט באגילדעטע הערנער, וואָס זענען איר אייגנס. און דאָך וואנדערט זי ארום אין פאנטאָפל פון קאָרע און אין א פארשמאָלצן לעדערן קלייד, וואָס פון זיינע קאָלירטע זוים-בענדער זעט זיך אראָפּ הונדערט-יעריקער שמוץ. זי שטופּט אָן איר ליולקע מיט מאָך און בעטלט ביי אביונים. כ'לעבן, ס'איז ווירקלעך אן עבירה עפּעס צו געבן אזא מין מנובלדיקער

בריאה, וואָס ווייסט קיינמאָל נישט צו דאנקען, און וואָס האָט קיינמאָל נישט גענוג.

זי איז שוין אן אלטע שקראפע. קיינער ווייס נישט, צי זי איז אמאָל דער גלאנץ פון יוגנט געלעגן אויף איר ברוין-הויטיקן פנים, וואָס שיינט פון פעטס, מיט דער פלאטשיקער נאָז און שמאָלע קרומע אויגן, וואָס פינקלען ארויס פונם שמוץ, ווי צוויי שטיקער גליענדיקע קוילן פון אַש. צי איז זי אויך אמאָל אלס יונג מיידל געזעסן נעבן דעם שניטערס ביידל און דורך די נגונים פונם וואלד-האָרן געענטפערט אויפן פאסטוכלס ליבעס-לידלעך? עטלעכע הונדערט יאָר האָט זי שוין אזוי אָפגעלעבט, די עלטסטע זקנים געדענקען נאָך פון זייער קינדהייט אָן, ווי זיי האָבן זי פונקט ווי איצט געזען וואנדערן איבערן לאנד און פון זייערע עלטערן האָבן זיי אויך געהערט דערציילן. אז יענע ווידער האָבן זי שוין אין זייערע יונגע יאָרן געזען אלס אַן אלטע באָבע. און זי איז נאָך אלץ נישט געשטאָרבן. איך, וועלכע שרייב דאָס, איך האָב זי אויך געזען און זי האָט זיכער נאָך נישט איינגענומען קיין סוף!

זי איז א מעכטיקע באבע. זי,—די טאָכטער פון די פּי־נען, וועלכע זענען באהאוונט אין כישוף — בייגט זיך נישט פאר קיינעם. אירע ברייטע זוילן שטעלן נישט קיין שרעקעווי־דיקע טריט אויף די שטיינער פונם שאָסיי. אויב זי וויל, קאָן זי אראָפּברענגען א האָגל, און זי קירעווע אויך מיט די בליצן. זי קאָן פארפירן א סטאדע קי אויף א פאלשן וועג און זי קאָן אָנשיקן דעם וואָלף אויף דער' שעפסן-טשערעדע. הכלל, — גוטס קאָן זי קנאפּ-וואָס אויפטון, דאקעגן שלעכטס, — זייער פיל! בכן, דאַרף מען זען נישט זיין צוקריגט מיט איר. ווען זי זאָל אפילו בעטלען די איינציקע ציג וואָס מען פאר־מאָגט, און אויך א גאנץ שעפל וואָל, גיט עס איר! ווארום אויב נישט, — פגר'ט אוועק דאָס פערד, אויב נישט, — ברענט די כאטע, אויב נישט, — ווערט די קו קראנק, אויב נישט, —

שטאַרבט אַ קינד, אויב נישט — ווערט די טיכטיקע שפּאָרזאַמע באַלעבאָסטע משוגע!

זי איז קיינמאָל נישט קיין ליבער גאַסט. דאָס בעסטע אָבער איז — פריינטלעך זי אויפנעמען, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ווער ווייסט, צוליב וואָס די אומגליק־ברענגענדיקע באַבע איז אַראָפּגעקומען צום גרינעם טאָל? יעדער ווייסט אָבער, אַז זי האָט נישט בלויז אין זינען אָנצופילן איר בעט־לער־זעקל. שלעכטע סימנים ווייזן זיך צוזאַמען מיט איר אָנ־קומען: וועלף און פוקסן וואָיען אימהדיק אין בין־השמשות, שוואַרצע און געלע ווערים, וואָס שפּייען מיט גיפט, קריכן אַרויס פון וואַלד און קומען־צו ביז צו דער שוועל פון שטוב.

זי איז זייער אַ שטאָלצע, די דאָזיקע אַלטע מכשפה. זי טראָגט אין איר מוח סודותפולע, דורות־אַלטע חכמה, געירשנט פון אירע אבות די תושבים אַרום דער לעיווען ווייסן וועגן דעם און דאָס ווירקט אויף זייער פאַנטאַזיע. וואונדערלעכע היעראָגליפן זענען אויסגעקריצט אויף איר וואַנדער־שטעקן, וועלכן זי וויל פאַר קיין שום געלט נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט. זי קאָן זינגען כשוף־לידער, זי קאָן קאָכן כשוף־משקה, זי איז אויך אַ גרויסע מבינטע אויף קרייטעכצער, און זי קאָן אַריבערשיסן פאַרכישופטע קוילן איבער דער אָזערע. אחוץ דעם קאָן זי אויך מאַכן קניפּלעך אויף איר פאַטשיילע, וואָס ברענגען אַראָפּ אַ שטורם.

וואָלט איך געקאָנט דערגיין די מחשבות פון אַ הונדערט־יעריקן מוח! וואָס טראַכט זי וועגן די מענטשן, אָט די באַבע, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דער וואַלד־פינסטערניש, די שקראַפּע וועלכע איז אַראָפּגעקומען פון די מעכטיקע, וויסטע בערג? פאַר איר, וועלכע האָט געגלויבט אין טאָר — דעם פּאַרטיליקער פון די ריזן — און אויך אין די פינישע געטער, זענען קריסטן געווען דאָס זעלבע וואָס היימישע הויף־הינט פאַר אַ גרויען וואָלף. זי איז אומגעצוימט ווי די שניי־זאַוויע־רוכע, שטאַרק ווי דער וואַסערפאַל, און דעריבער קאָן זי נישט ליבן די קינדער פונם פלאַך־לאַנד.

אָבער נישט געקוקט דערויף, קומט זי זייער אָפט אַראָפּ פון די בערג, כדי זיך צוקוקען צו די קליינע מענטשעלעך מיט זייערע קאַרליק-מידות. אַלע ווערן פאַרצאַפּלט, ווען מען דערזעט זי, אָבער די שטאַרקע טאָכטער פון דער וויסטעניש גייט רואיק און זיכער אַרום צווישן זיי, געשיצט פון דער שרעק וואָס אַרום איר. די מעשים פון אירע אבות און אויך אירע אייגענע מעשים זענען נאָך נישט פאַרגעסן געוואָרן. אַזוי ווי די קאַץ גלייבט אין אירע נעגל, אַזוי גלייבט זי אין דער סודותפולער חכמה פון איר מוח און אין דער קראַפט פון איר כשוף-געזאַנג, וואָס איז אינספּירירט פון די געטער. קיין שום מלך איז נישט אַזוי זיכער אין זיין מאַכט, ווי זי אין דעם קיניגרייך פון שרעק וואָס זי באַהערשט.

אַזוי האָט די מכשפה פון די בערג אַדורכגעוואַנדערט עטלעכע געגנטן. איצט איז זי געקומען קיין באַרג און אָן שום וואַקלעניש גייט זי גלייך אַרויף צום גרעפישן הויף: זי גייט קיינמאָל נישט דורכן קיך-אַריינגאַנג. זי גייט גלייך איבער די טעראַסע-שטיגן, און מיט אירע ברייטע קאָרע-פּאַנטאָפל שטעלט זי אַזעלכע פעסטע טריט אויף די סטעטשקעס, וואָס זענען באַפּוצט מיט בלומען, גלייך ווי זי וואָלט גע- טרעטן אויף אַ פּוסטן באַרג-וועג.

ס'איז געשען אַזוי, אַז די גרעפין מערטאַ איז גראָד אַרויסגעגאַנגען אויף די פּאַלאַץ-שטיגן און בדעה געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַציר, כדי צו געניסן פונעם הערלעך שיינעם יולי-טאָג. גלייכצייטיק זענען צוויי דינסטמיידלעך פאַרבייגעגאַנגען, טראָגנדיק אויף אַ דרענגל פריש-געריכערטע שינקעס אין גאַנ- צע זייטן חזיר-פעטס. זיי האָבן עס געטראָגן צו דער ספּיזשאַרניע. פאַרבייגייענדיק פאַרן גאַניקל זענען זיי געבליבן שטיין און געפרעגט:

— אפשר וועט די גנעדיקע פרוי גרעפין אַ קוק-טון אויף די שינקעס צי זיי זענען שוין גענוג געריכערט?

די גרעפין מערטאַ, וועלכע האָט דעמאָלסט געפירט די באַלעבאַטישקייט אינם באַרגישן שלאָס, בייגט זיך אַריבער אי-

בער דער באַלוסטראַדע און וויל א קוק-טון אויף דעם חזיר-פּעטס, אָבער אין דער זעלבער רגע לייגט-אַוועק די אַלטע פינקע איר שמוציקע האַנט אויף איינע פון די שינקעס.

אַך, ווי געשמאַק ס׳איז, דאָס דאָזיקע ברוין געראויכער-טע פעטס! סאַראַ אנגענעמער רח ס׳טראָגט זיך פון די שינ-קעס, וואָס זענען געפּעקלט מיט יאַלאָוויעץ! דאָס וואָלט גע-קאָנט אָנשטיין אַלס א מאכל אפילו פאר די מעכטיקע פינישע געטער! די מכשפה וויל דאָס האָבן! און זי לייגט ארויף איר האַנט אויך אויף א זייטל חזיר-פעטס.

אָהאָ, די טאָכטער פון די בערג איז נישט געוואוינט צו שנאָרען אָדער צו בעטן מען זאָל איר עפּעס שענקען! צי איז עס דען נישט אָפּהענגיק פון איר חסד, וואָס מענטשן און געוויקסן לעבן בכלל? דער פראָסט און דער פארוויסטנדיקער שטורם און דער וואסערשטראָם — אַלץ שטייט אין איר מאכט, זי זאָל עס קאָנען אראָפּברענגען אויף א געוויסן אָרט. דרום דארף זי נישט בעטלען, נאָר גאָר פשוט, זי לייגט אוועק איר האַנט אויף עפּעס א זאַך, — און דאָס איז שוין אירס!

די גרעפין מערטאַ ווייסט אָבער נישט פון דער מכשפהס מאכט.

— אוועק פון דאַנען, דו שלעפּערקע! רופט זי אויס מיט כעס.

— גיב מיר די שינקע, זאָגט די מכשפה פון די בערג.—

— דו ביזט חסר דעה, צי וואָס? בייזערט זיך די גרעפין, און זי באַפעלט די דינסטמיידלעך, זיי זאָלן אריינטראָגן די שינקעס אין ספּיזשארניע אריין.

די אויגן פון דער דורות-אַלטער באבע בליצן-אויף אין פלאַמענדיקן צאָרן און ווילדן באגער.

— גיב מיר די ברוינע שינקע! חזרט איבער די מכשפה איר פארלאנג. אויב נישט, מעגסטו זיך ריכטן אויף א שווארצן סוף!

— איך וואָלט עס שוין ליבערשט אוועקגעגעבן די סראָ-קעס איידער דיר!

ביי די דאָזיקע רייד טרייסלט זיך די מכשפה פון כעס. זי הייבט אויף דעם שטעקן מיט די היראָגליפן און פּאָכעט מיט אים ווילד. אירע ליפּן שליידערן ארויס אויסטערלישע ווערטער, די האָר שטעלן זיך איר קאַפּויר, די אויגן שפּריצן פונקען און איר פּרצוף פאַרקרימט זיך אין א שרעקלעכער גרי־מאַסע.

— דיך אליין וועלן די סראָקעס אויפעסן! רופט זי אויס צום סוף.

זי גייט אוועק און הערט נישט אויף צו שילטן און צו פּאָכן מיטן שטעקן. איצט גייט זי צוריק אהיים, שוין געווענ געוואנדערט אין דער ריכטונג פון דרום. איצט האָט שוין די טאָכטער פון דער וויסטעניש, בשלמות אויסגעפירט איר מיס־יע, צוליב וועלכער זי איז אראָפּגעקומען פון די בערג.

די גרעפין מערטאַ בלייבט נאָך א ווײַלע שטיין אויף די פּאלאַץ־שטיגן און לאכט זיך אויס פון דער מכשפהס משוגענע העזיות. אָבער דאָס געלעכטער וועט באלד פארשטומט ווערן אויף אירע ליפּן, ווײַל אָט קומען אָן פון דאָרט די סראָקעס! זי גלויבט נישט אירע אייגענע אויגן. זי קלערט, אז זי חלומט אפשר. אָבער ניין, אָט קומען זיי דאָך ווירקלעך צו פליען, די מנובלדיקע סראָקעס, וואָס זאָלן זי אויפעסן!

זיי קומען צופליען מיט גרויס ליאַרם און געפּילדער, גאנצע טשאַטעס, פונם פּארק און פונם גאָרטן. זיי זענען גרייט צו צעפּיקן זי און צערייסן אויף שטיקלעך, מיט זייערע קלויען און גיריק אויסגעשטרעקטע שנאָבלען. פאר דער גרעפינס אויגן שעמערירט א געוואלטיקע מאסע ווייסע און שווארצע פליגלען. ווי אין א קאָשמאר זעט זי הינטער דער דאָזיקער מאסע, ווי ס׳דערנענטערן זיך אלע סראָקעס פון דער גאנצער ארומיקער געגנט, דער הימל איז באדעקט פון שווארצע און ווייסע פליגל. אין דער שארפער זונען־שיין בלישטשען זייערע פע־דערן ווי גלאנציקע מעטאלן. די העלזער קודלען זיך אָן ביי זיי ווי ביי צעווילדעוועטע רויב־פייגל. אין אלץ ענגערע קרייזן פליען די דאָזיקע בייזע חיות ארום דער גרעפין, און

מיט די שנאָבלען און קלוען פארמעסטן זיי זיך אויף איר פנים און האלז. דאן מוז זי שוין אריינלויפן אין פאָדער-הייזל און שנעל פארמאכן די טיר הינטער זיך, זי קאָן זיך קוים האלטן אויף די פיס פון גרויס שרעק, דאָס הארץ צעזעצט איר שיר נישט די ברוסט, זי איז פארטויבט פון דעם ליארם און פונם פליגל-געפּאטשעריי.

אויף דעם אופן ווערט זי אָפּגעשלאָסן פון דער ליכטיקער זונען-שיין און פון דער פרייד פונם זומער. פון היינט אָן איז איר באשערט געווען צו פארברענגען אין אָפּגעשלאָסענע חדרים און הינטער אַראָפּגעלאָזטע גארדינען, איר גורל איז פון איצט אָן געווען בלויז פארצווייפלונג, בלויז שרעק און פארווירונג, וואָס האָבן געגרענעצט מיט משוגעת.

די דאָזיקע דערציילונג מיינע קאָן אליין אויך אויסזעען משוגע, הגם ס'לעבן נאָך הונדערטער עדות, וועלכע קאָנען באשטעטיקן, אז זי שטימט מיט דער מסורה פון דער דאָזיקער געשעעניש.

די פייגל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן אָנלען פון דער באלוסטראדע און אויפן דאך. זיי זענען דאָרט געזעסן און ווי געוואַרט, אַז די גרעפין זאָל זיך באווייזן, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען ווארפן אויף איר. זיי האָבן זיך אויפגעבויט זייערע נעסטן אין פארק און דאָרט זענען זיי שוין פארבליבן. ס'איז אוממעגלעך געווען זיי צו פארטרייבן. דאָס שיסן אויף זיי האָט נאָך פארערגערט די זאך. פאר איין סראָקע, וואָס איז געפאלן א טויטע, זענען צען נייע אָנגעקומען. טיילמאָל פלעגן גרויסע מחנות פון זיי זיך אוועקלאָזן נאָך שפייז, אָבער ס'איז פאָרט נאָך פארבליבן א גרויסע צאָל סראָקעס אַלס שילדוואכן און אויב די גרעפין מערטאַ האָט בלויז געוואגט ארויסצוקוקן דורך א פענסטער, אָדער אפילו אויב זי האָט נאָר עטוואָס ארויפגערוקט דעם ראָלעט, און ווער שמועסט נאָך אויב זי האָט געוואגט ארויסצוגיין פאר דער טיר, האָט זיך באלד א שווארצע כמארע פייגל א לאָז געטון צו איר, פאטשנדיק מיט די

פליגלען און ליארמענדיק. די גרעפין האָט פון גרויס שרעק געמוזט אנטלויפן אין דעם ווייטסטן חדר.

זי האָט כסדר פארברענגט אין שלאָף-שטוב, וואָס נעבן רויטן זאל. איך האָב אָפטמאָל געהערט דערציילן, אַז אין יענער שרעקלעכער צייט, ווען דער שלאָס-באָרג איז געווען באַלאגערט דורך סראָקעס, האָט די דאָזיקע שטוב זייער אן אומעטיקן איינדרוק געמאכט: שווערע פּאָרטיערן זענען געהאָנגען פאר די טירן און פענסטער, די פּאָדלאָגע איז געווען באַדעקט מיט דיוואנעס, און די געציילטע מענטשן, וועלכע זענען דאָרט אריינגעקומען זענען געגאנגען מיט לייכטע, שטילע טריט און נישט הויך גערעדט.

א ווייסטע אימה האָט זיך באזעצט אין דער גרעפינס הארץ. אירע האָר זענען שנעל גרוי געוואָרן, איר פנים האָט זיך באדעקט מיט קנייטשן, און אין פארלויף פון איין חודש צייט איז זי געוואָרן אַ זקנה. זי האָט נישט געקאָנט שטארקן איר הארץ, ס׳זאָל צווייפלען אין דער קראפט פונם פארשאלטענעם כישוף. אין מיטן דער נאכט פלעגט זי זיך אויפכאפן מיט א געוואלט, אז די סראָקעס פרעסן זי, און גאנצע טעג איז זי ארומגעגאנגען אין איר תפיסה און זיך אויסגעוויינט אירע אויגן צוליב דעם ביטערן סוף, וואָס איז איר באשערט. זי האָט צו זיך נישט גערן געוואָלט אריינלאָזן קיין מענטשן, מורא האָבנדיק, אז די פארהאסטע פייגל זאָלן זיך נישט צוזאמען מיט זיי ארייינרייסן, זי איז דעריבער ס׳רוב געזעסן איינזאם אין שטוב, פארשטעלנדיק זיך דאָס פנים מיט די הענט, שאָקלענדיק זיך אהין און אהער אין איר פאָטעל. זי איז געוואָרן צעבראָכן און אָפגעשוואכט פון דער דומפיקער לופט אין דער פארמאכטער און פארהעמערטער שטוב, און בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זי אויפשפרינגען מיט אַ יאָמערלעכן געוואלט-געשריי.

ס׳איז שווער, כ׳לעבן, זיך פאָרצושטעלן אַ ביטערערן גורל פון א מענטשן. ווער וואָלט דען נישט רחמנות געהאט אויף איר?

איך האָב נישט מער קיין סך צו דערציילן וועגן איר,
און דאָס וואָס כ׳האָב שוין דערציילט, איז אויך קיין גוטס
נישט געווען. און עפּעס ווי כ׳וואָלט צוליב דעם געהאט גע-
וויסנסביסן. זי איז דאָך אין איר יוגנט פּאָרט אַזא גוטהארצי-
קע און לעבנס-פרייליכע געווען, און אַ סך לוסטיקע אנעק-
דאָטן וועגן איר האָבן משמח געווען מיין הארץ, הגם איך
האָב דאָ ליידער נישט קיין אָרט זיי איבערצוגעבן.

די דאָזיקע אָרעמע וואנדערין האָט נעבעך נישט גע-
וואוסט, אז די נשמה איז אייביק א הונגעריקע. מיט פּוסטע
פּארוויילונגען און נארישקייטן קאָן זי נישט זאט ווערן. בא-
קומט זי נישט קיין אנדערע שפּייז, ווערט זי לסוף ווי אַ
חיה-רעה. צוערשט צערייסן זי אנדערע, און דערנאָך זיך אליין.
דאָס איז דער מוסר-השכל פון דער דאָזיקער לעגענדע.

.22

דער יום-טוב פון הייליקן יאהאן.

ס׳איז דעמאָלסט געװען דער שײנער יום-טוב פון הײליקן יאָהאַן, פונקט װי איצט, בשעת איך שרײב די דאָזיקע שורות. די הערלעכסטע צײט פון יאָר איז אָנגעקומען.

אָבער דאָס איז טאַקע געװען די ערגסטע און אומעטיקסטע צײט פאַרן בײזװיליקן פריץ פונם הויף אין פּאָרס. ער האָט שטאַרק געליטן דערפון און געטראָגן אַ שנאה צום לאַנגן ליכטיקן זומער-טאָג, צוליב זײן נצחון איבער דער פינסטערניש. גרויס עגמת-נפש האָט אים פאַרשאַפט דער שײנער גרינער לבוש, אין װעלכן ס׳האָבן זיך אָנגעטון די בײמער, און אויך דער פאַרבן-רײכער דיװאַן, װאָס האָט צוגעדעקט די ערד.

אַלץ האָט זיך אײנגעהילט אין שײנקײט. אפילו דער שטײנערדיקער שטויביקסטער װעג איז איצט אויך געװען באַזוימט מיט בלומען: מיט גרויסע לופּטלעך, מיט פּיאָלעטענע װיקע און גרינע קלײ-בלעטעלעך.

בשעת די ליכט-פּראַכט פונם יאָהאַן-טאָג איז געלעגן אויסגעשפּרײט אויף די בערג און דער גלעקער-קלאַנג פון דער קירך האָט אָפּגעהילכט אַזש ביז צום הויף פון פּאָרס, און בשעת די מתיקותדיקע יום-טוב-רו האָט באַהערשט די גאַנצע אַרומיקע געגנט, — דאַן האָט אין דעם מענטשן-פײנט-

לעכן סינטראם, אויפגעבראַוזט דער כעס. ס׳איז אים פאַרגע־קומען, אז גאָט און מענטשן האָבן גאָר אינגאנצן פארגעסן, דאָס ער לעבט נאָך. האָט ער דערום אויך באשלאָסן צו גיין אין קירך. ער וועט זיך באווייזן פאר די דערפרייטע מענטשן, וועלכע זענען זיך איצט אזוי שטארק משמח מיטן ליבן זומער. זאָלן זיי אים זען, — טאקע אים, סינטראַמען — דעם ליבהאָבער און אָנזאָגער פון האָפנונגסלאָזער פינסטערניש, פון נאכט אָן א באגינען, פון טויט אָן תחית־המתים, פון ווינטער אָן א פרילינג!

ער האָט זיך אָנגעטון אין א וואָלפישן פעלץ און פוטערנע הענטשקעס. ער האָט געהייסן איינשפאנען זיין רויטן פערד אין א בוידשליטן און אָנבינדן גלעקלעך אין דעם כאָמוט, וואָס איז געווען באשלאָגן מיט מושלעס: אויסגעשטאט ווי צו א נסיעה אין א דרייסיק גראדיקן פראָסט, האָט ער זיך גע־לאָזט אין וועג אריין צו דער קירך. דאָס סקריפען אונטער די שליטנשינעס האָט ער אָנגענומען, אז דאָס איז פונם פראָסט און דעם ווייסן שוים, וואָס אויפן פערדרוקן — אלס פראָסט־טוי. ס׳איז אים לחלוטין נישט געווען הייס. פון אים האָט געשטראלט קעלט, ווי ווארימקייט פון דער זון.

ער איז געפאָרן איבער די ווייטע פעלדער, וואָס אין צפון, פון דער ברוביער קירך. אויפן וועג האָבן זיך געפונען גרויסע, רייכע דערפער, און תבואה־פעלדער, איבער וועלכע ס׳האָבן פריילעך ארומגעפלאטערט לערכן און געלאָזט הערן זייער לוסטיקע שירה. איך פארזיכער אייך, אז איך האָב נאָך אין ערגעץ נישט געהערט לערכן זאָלן אזוי שיין זינגען, ווי אויף די דאָזיקע פעלדער, און ס׳חידושט מיך שטארק, ווי אזוי סינטראַם איז דעמאָלסט ביכולת געווען זיך טויב צו מאכן פאר דעם כאָר־געזאנג פון די דאָזיקע אויסגעצייכנטע משוררים.

פאר א סך זאכן האָט ער געמוזט פארבייפאָרן, וואָס וואָלטן אים זיכער דערצאָרנט, אויב ער וואָלט כאָטש איין בליק געוואָרפן אויף זיי. ער וואָלט, למשל, פאר יעדן הייזל

געזעען צוויי בזשאָזעס, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר און זיך געבוקט פאַר יעדן באַזוכער אָדער פאַרבייפאָרער, און דורך די אָפענע פענסטער וואָלט ער געקאָנט אַריינקוקן אין שטיבלעך, וואָס זייערע סטעליעס און ווענט זענען געווען באַפּוצט מיט בלומען און גרינע צווייגן. די אָרימסטע שלע־פּערקע האָט געטראָגן אין האַנט אַ צווייגעלע בעז, און יעדע פּויערטע האָט געהאַט אַריינגעשטעקט אַ גאַנצן בוקעט אין איר שטערנטיכל.

נעבן יעדן פּויערישן הויף זענען געשטאַנען מאַי־סלו־פּעס *). די בלומען וואָס מען האָט נעכטן אָוונט אָפּגעריסן פון די לאָנקעס האָבן שוין אָנגעהויבן אָפּצופּאַלן און די קרענץ זענען שוין אַראָפּגעהאָנגען ווי אויסגעווייקטע. דאָס גראָז אַרום זיי איז געווען צעטרעטן, וואָרום אין דער ליכ־טיקער יאָהאַן־נאַכט האָט דאָרט געברויזט דער פריילעכער טאַנץ.

אויף דער לעיווען זענען געשוואומען אַ סך טראַטוועס, די קליינע ווייסע זעגלען זענען לכבוד יום־טוב געווען אַרויפ־געצויגן אויף די מאַסטן, הגם קיין שום ווינטל האָט זיי נישט אָנגעבלאָזן, און אויף יעדן מאַסט־שפּיץ איז געהאָנגען אַ קראַנץ.

אויף די פיל וועגן, וואָס פירן קיין ברובי, זענען יום־טובדיק געקליידטע מענטשן געגאַנגען אין קירך אַריין. באַזונ־דערס די פרויען זענען געווען פּראַכטפול אין זייערע היימיש געוועבטע, קאָלירטע זומער־קליידלעך, וואָס זענען ספּעציעל אויפגענייט געוואָרן לכבוד דעם דאָזיקן יום־טוב.

און ס׳האָט גאָרנישט געטומען קיין שיער און קיין סוף צו די מענטשנס פרייד — צוליב דער יום־טוב רו, צוליב דער פרייהייט פון דער וואָכעדיקער אַרבעט, צוליב מחיהדיקן, וואַ־רימען וועטער, מיט דער אויסזיכט אויף אַ גוט געראַטעניש,

*) אין שוועדן איז אַ מנהג ערב דעם יום־טוב פון הייליקן יאָהאַן אין אָוונט אויפצושטעלן סלופּעס, באַפּוצט מיט בלומען־קרענץ און גרינס. אַרום די דאָזיקע „מאַי־סלופּעס" טאַנצט מען אַ גאַנצע נאַכט. מ. פּ.

און מיט די יאגדעס, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רויטלען ביי די ראנדן פון די וועגן. זיי האָבן זיך מיט צופרידנקייט איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט פון דער לופט, באטראכט דעם לויטערן הימל און זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צום געזאנג פון די לערכן.

— מען זעט טאקע, אז ס׳איז אַ פון גאָט געבענטשטער טאָג! האָבן זיי איינער פארן אנדערן איבערגעחזרט.

אין דעם איז סינטראַם אָנגעפאָרן. ער האָט געשאָלטן און געפאָכעט מיט דער בייטש איבערן פערד וואָס איז געווען באדעקט מיט שווייס, דער זאמד האָט שרעקלעך געסקריפעט אונטער די שליטן-שינעס, און דאָס שארפע קלינגען פון די שליטן-גלעקלעך האָט פארטויבט דעם קלאנג פון די קירכן-גלעקער, און אויף זיין שטערן אונטערן פוטערנעם היטל האָבן זיך געלייגט צאָרנדיק קנייטשן.

די קירך-גייער זענען פארציטערט געוואָרן, דערזעענדיק סינטראַמען, — וועלכער איז פאר זיי געווען די פארקערפערונג פונם טייוול. אפילו היינט, אינם יום-טוב פון זומער-פראכט, איז זיי נישט באשערט געווען צו קאָנען פארגעסן דאָס רשעות און די פינסטערע קעלט. שווער, כלעבן, איז דער גורל פון די, וואָס וואנדערן אויף דער ערד!

די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף דער נידריקער מויער, וואָס ארום דער קירך, אָדער זיך געשיצט פאר דער זון אין די שאָטנס פון די קירך-ווענט און געווארט ס׳זאָל זיך אָנהויבן די גאָט-דינסט, האָבן זיך געחידושט, זעענדיק ווי סינטראם גייט גלייך צום אריינגאנג. א ווײַלע פריער האָט דער הערלעכער טאָג אָנגעפילט זייערע הערצער מיט פרייד, וואָס זיי איז נאָך באשערט צו לעבן און צו געניסן פון דער זיסקייט פון לעבן. אָבער איצט, אז זיי האָבן דערזעען סינטראַמען, האָט זיי באהערשט א פאָרגעפיל, אז ס׳דערנעטערט זיך עפּעס אן אויסטערליש אומגליק.

בשעת ער איז אדורכגעגאנגען אין מיטן פונם פאַרזאַמלט עולם, האָבן די מענטשן מיט שרעק באמערקט דעם סודותפולן

אופן פון זיין באגריסן זיך, און דער וואָס איז פון אים געוואָרן אויסגעמיטן, האָט זיך זייער געפרייט, מחמת ער האָט נאָר געגריסט די, וועלכע האָבן אים געדינט. ער האָט טאקע טיף אראָפּגענומען דאָס היטל פאַרן קארגן ברוביער גלח, דאָקעגן האָט ער עס נאָר א קליין ביסל אויפגעהויבן, בשעת ר׳איז פארבייגעגאנגען פאר מאריאַננע סינקלער און פאר די קאוואלערן. דעם גבאי פון דער קירך און דעם סטאראָסטע האָט ער לחלוטן נישט געגריסט.

סינטראם איז אַריינגעגאנגען אין קירך, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און אַ שליידער געטון זיינע הענטשקעס אויפן שטענדער, אזוי אז די וועלפישע קלויען וואָס זענען געווען איינגענייט אין דער פעל פון די הענטשקעס האָבן הויך אָפּגעהילכט אין דער שטילער קירך. עטלעכע פרויען, וועלכע זענען געזעסן אין די פאָדערשטע בענק, זענען געפאלן אין [illegible]ות בשעת זיי האָבן דערזעען די משונהדיקע האָריקע געשטאלט, און מען האָט זיי געמוזט ארויסטראָגן פון דער קירך.

קיינער האָט אָבער נישט געוואגט ארויסצוטרייבן סינטראמען פון קירך, הגם ער האָט אלעמען געשטערט תפילה-צוטון מיט כונה. צו שטארק איז געווען די מורא פאר זיין רשעות, אז ס׳זאָל עמיצער האָבן די דרייסטקייט צו הייסן אים ארויסגיין.

אומזיסט האָט דער אַלטער פּראָבאָשטש גערעדט וועגן דעם ליכטיקן זומער-יום-טוב. קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט. די מענטשן האָבן בלויז געטראכט וועגן קעלט און רשעות, וועגן דעם אויסטערלישן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי און וואָס דער ביזוויליקער פריץ פון פאָרס איז געווען זיין אָנזאָגער.

נאָך דער גאָט-דינסט האָט מען געזעען, ווי סיטראַם איז ארויסגעגאנגען ביז צום שפּיץ בערגל, אויף וועלכן די ברוביער קירך ליגט, און ער האָט מיטן בליק א פיר-געטון איבער די [illegible] פון דער לעיוועז און איבער די דריי ערדשפּיצן

דאָס סטאַרטשען-אַרויס פונעם מערבדיקן בּרעג. מען האָט גע-
זעען, ווי ער האָט געדרעט מיט דער געבּיילטער פויסט קעגן
דער אַזערע און אירע גרינע שטראַנדן. נאָכדעם האָט ער זיך
געווענדעט צו דרום, וואַרפנדיק צאָרניקע בּליקן בּיז העט ווייט
וואו ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די בּוזע ערדשפּיצן, וואָס שניידן
זיך דאָרט טיף אַריין אין דער לעיווען, פאַרשפּאַרן דעם וועג
פאַר דער וואַסער-פלאַך. אויך צו צפון האָט ער געווענדעט
זיין בּליק, פאַרביי דעם בּאַרג „גוֹרלִיטאַ", בּיז אַזש העט קיין
בּיערנאַידעט. ער האָט זיך געווענדעט צו מערב און צו מזרח,
וואו די לאַנגע בּערג זוימען אַרום דעם טאָל, און ער האָט
ווידער געבּיילט זיין פויסט. אַלע האָבן געפילט, אַז אויב ער
וואָלט אין זיין רעכטער האַנט געהאַט אַ בּינט בּליצן, וואָלט
ער זיי אין ווילדער פרייד אַ שליידער-געטון איבּער דער רואַי-
קער געגנט, פאַרשפּרייטנדיק אומגליק און טויט. ער האָט שוין
אויף אַזוי ווייט צוגעוואוינט זיין האַרץ צו רשעות, אַז ער
האָט נישט געקאָנט פילן קיין אַנדערע פרייד, ווי נאָר פון
אומגליק, פון חורבן און פון פּיין. בּיסלעכווייז האָט ער זיך
אויסגעלערנט ליב צו האָבן אַלץ וואָס איז מיאוס און געמיין.
ער איז מער חסד-דעה געווען ווי דער ווילדסטער משוגענער,
אָבער דאָס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען.

מען האָט שפּעטער געהערט דערציילן משונהדיקע מעשיות
וועגן אים. מען האָט געזאָגט, אַז בּשעת דער קירך-שמש האָט
אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין שלאָס פון דער טיר, האָט
זיך דער שליסל-צאָן אָפּגעבּראָכן צוליב אַ האַרט שטיקל פּאַ-
פּיר, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט טיף אין שלאָס. געווען
איז דאָס, ווי מען קאָן זיך שוין משער זיין, אַ בּריוו צו אַ
וועזן פון יענער וועלט.

די מענטשן האָבן זיך בּסוד-סודות געשושקעט וועגן
דעם, וואָס דאָרט איז געווען געשריבּן. דער גלח האָט בּאַלד
פאַרבּרענט דאָס פּאַפּיר, אָבער דער שמש האָט דאָס בּייגע-
וואוינט, און בּשעת מעשה האָט ער געכאַפּט אַ קוק און גע-
זעען, ווי די אותיות האָבן זיך מיט זייער רויטן קאָליר אָפּ-

געצייכנט אויפן שווארצן פאפיר. נישט ווילנדיק האָט ער איבערגעלייענט, וואָס ס'איז געווען געשריבן אויף דעם דאָזיקן טייוול-שטיק. ער האָט דאָרט געלייענט זאָגט מען, אז דער בייזוויליקער מנוּבל האָט געוואָלט חרוב-מאכן די גאנצע געגנט, אזוי ווייט ארום ווי מען קאָן נאָר זעען פונם ברוביער קירך-טורם. ער האָט געוואָלט, אז דער וואלד זאָל פאר-שטעלן די קירך. ער האָט געוואָלט, אז דער בער און דער פוקס זאָלן וואוינען אין די מענטשנס הייזער. די פעלדער זאָלן ליגן אומבאארבעט און מען זאָל אין דער גאנצער געגנט נישט הערן נישט דאָס בילן פון א היימישן הונט און נישט דאס קרייען פון א האָן. דער דאָזיקער רשע-מרושע האָט געוואָלט דינען זיין האר דורך יעדן מענטשנס אומגליק. אָט-דאָס האָט ער אים מסתמא געהאט צוגעזאָגט.

די מענטשן זענען דאן ארומגעגאנגען פארדאגהטע און אין שטילער פארצווייפלונג געטראכט וועגן דעם ביטערן גורל, וואָס דערווארט זיי: וואָרום זיי האָבן געוואוסט, אז דעם רשע'ס מאכט איז גרויס, אז ער האָט אלצדינג וואָס לעבט, אז ער וואָלט געוואָלט די גאנצע פרוכטבארע געגנט זאָל זיך פארוואנדלען אין א מדבר, ווען ער זאָל אפילו דערצו דארפן נעמען צו הילף די מגפה דעם הונגער אָדער די מלחמה, אלץ כדי צו פאריאָגן און פארטיליקן יעדן איינעם וואָס ליבט די ערלעכע, גליק-און פרייד-ברענגענדיקע ארבעט.

.23

די פייע פון מוזיק

נאָכדעם ווי יעסטאַ בערלינג האָט אליין געהאָלפן דער יונגער גרעפין עליזאַבעט דאָנאַ צו אנטלויפן פון איר מאַן, איז ער ארייגעפאלן אין א שווערער מרה־שחורה. זעענדיק אז קיין שום זאך קאָן אים נישט אויפמונטערן, האָבן די קאוואלערן באשלאָסן צו זוכן הילף ביי דער גוטער פייע פון מוזיק, וועלכע איז, ווי באקאנט, א מעכטיקע פייע און האָט שוין נישט איינעם געטרייסט אין זיין ביטערן יאוש.

בכן האָבן זיי אין א שיינעם יולי־טאָג באפוילן אויפצועפענען די טירן פונם גרויסן סאלאָן אין עקעביער פאלאץ, און אויפפראלן אלע פענסטער, כדי ס'זאָל זיין וואָס מער זון און לופט: די פארנאכטיקע גרויסע, רויטע זון, און די אָוונטיקע מילדע, קילע לופט. מען האָט אראָפגענומען פון די מעבל די איבערדעקן אין קאָלירטע פאסן, אויך די טיולענע שלייערן פון די ווענעציאנישע זשיראנדאָלן. דערנאָך האָט מען אויפגעעפנט דעם פאָרטעפיאן. די גאָלדענע גריפאָנען וואָס האָבן אונטערגעהאלטן די מארמאָר־פליטעס פון די טישלעך האָבן ווידער אויפגעגלאנצט אינם העלן ליכט. די ווייסע געטינס וואָס אויפן שווארצן פאָן איבער די שפיגלען האָבן פריילעך געטאנצט. די פיל־פארביקע בלומען פון די זיידן־אדאמאשענע טישטוכער האָבן שעמערירט אין אָוונט־

רויט. מען האָט אָנגעריסן רויזן און אין קרישטאָלענע וואזעס זיי ארייַנגעטראָגן אין סאלאָן, וועלכער איז באלד פול גע־וואָרן מיט זייער ריח. דאָרט האָבן זיך געפונען וואונדערבא־רע רויזן, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט זייער נאָמען און וואָס זענען פון ווייטע מקומות אהערגעבראכט געוואָרן קיין עקעבי. דאָרט זענען געווען די געלע רויזן, וואָס אין זייערע אָדערן פליסט רויט בלוט, ווי אין א מענטשן־קערפּער, און די מילך־ווייסע רויזן מיט די איינגעריסענע בלעטער־קאָנטורן, אויך די ראָזע מיט זייערע גרויסע קרוין־בלעטלעך און פארבלאָזע דורכזיכטיקע רענדעלעך, און די טונקל־רויטע רויזן מיט די שווארצע ניואנסן. מען האָט ארייַנגעטראָגן אלע רויזן־סאָרטן, וואָס אלטרייַנגער האָט ארויפגעבראכט פון פרעמדע מדינות, כדי משמח צו זיין פרויען־הערצער.

דערנאָך האָט מען ארייַנגעברענגט א סך נאָטן און נאָטן־האלטערס, בלאָז־אינסטרומענטן. סמיטשיקעס און געשניצטע פידלען פון פארשיידענע גרויסן און פורעמס, ווארום דאָ האָט איצטער די גוטע פייע פון מוזיק געזאָלט איבערנעמען די ממשלה, כדי צו טרייסטן און פרייליך מאכן יעסטא בערלינגן.

די פייע האָט צו דעם צוועק אויסגעקליבן די אָקספאָרד־סימפאָניע פון דעם גוטינקן אלטן קאָמפּאָזיטאָר היידן, און די קאַוואלערן האָבן זיך גענומען אייַנאיבן דערין. דער פּאטראָן יוליוס פירט מיטן דיריגענט־שטעקעלע און די איבעריקע שפּילן יעדער אויף זיין אינסטרומענט. אַלע קאַוואלערן קאָנען שפּילן, — אנדערש וואָלטן זיי דאָך קיין קאַוואלערן נישט געקאָנט זיין.

ווען אלצדינג איז שוין צוגעגרייט, שיקט מען אריינ־רופן יעסטאַן. ער איז נאָך אלץ שוואך אין מוטלאָז, אָבער ביים אָנבליק פון דעם שיין־דעקאָרירטן זאל ווערט ער פאָרט דער־פרייט און ס'טוט אים אויך הנאה דער צוזאָג צו הערן גוטע מוזיק. דאָס ווייסט מען דאָך, אז פאר דעם, וואָס האָט עגמת־נפש איז גוטע מוזיק די בעסטע חברטע. זי איז מונטער און שפּי־

לעבעדיק ווי אקינד, זי איז גראציעז און באצויבעריש ווי א יונגע שלאנקע פרוי, און זי איז גוט און קלוג ווי א זקן, וואָס האָט דורכגעלעבט א לאנג פרוכטבאר לעבן.

די קאוואלערן הייבן אָן שפּילן, אָבער מתחלת אזוי שטיל, אז עס קלינגט, ווי דאָס פליסטערן פון א לייכט ווינטעלע אויפן פעלד. דער קליינער רוסטער שפּילט מיט גרויס כונה. ער לייענט די נאָטן דורך די גרויסע ברילן, וואָס ליגן אים אויפן שפּיץ-נאָז און ער קושט ארויס מילדע טע-נער פונם פלייט און לאָזט זיינע פינגער צארט לויפן איבער די קלאווישן און טאָן-לעכער. דער פעטער עבערהאַרד זיצט איינגעבויגן איבער דעם וויאָלאָנטשעל. דער פארוק האָט זיך אים אראָפּגערוקט אויף איין אויער און די ליפּן ציטערן אים פון עקסטאז. דער קאפּיטאן בערג שטייט שטאָלץ מיט זיין לאנגן באס-טראָמפּייט. טייל מאָל פארגעסט ער וואו ער האלט אין דער וועלט און ער טוט א בלאָז מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע מעכטיקע לונגען. אָבער דאן דערפילט ער תיכף דעם דיריגענטס שטעקעלע אויף זיין ברייטן קאָפּ.

אלץ גייט גוט; נישט בלויז גוט — נאָר אויסגעצייכנט! פון די טויטע נאָטן-שריפטן צויבערן זיי ממש ארויס די גוטע פייע אליין בכבודה ועצמה.

יאָ, יאָ, ליבע פייע פון מוזיק! שפּרייט-אויס דיין מאנטל, היל-איין יעסטאַ בערלינגן אין אים און פיר אים צוריק אוועק אין קיניגרייך פון פרייד, וואו ער פלעגט האָבן זיין שטענדיקן וואוין-אָרט!

אך, אך, שיינע צייטן אָנגעקומען, אז יעסטאַ בערלינג זאָל זיצן אזוי בלאס, מוטלאָז און אָן חשק צום לעבן, און די אלטע הערן קאוואלערן זאָלן אים דארפן פארשפּילן ווי א קליין קינד! אָ, איצט וועט שוין אפּנים זייער קארג זיין מיט פרייד אין דער הערלעכער פּראָווינץ ווערמלאנד!

איך ווייס, פאַרוואָס די דאָזיקע לייט האָבן אים אזוי שטארק ליב. איך ווייס, ווי אומענדלעך לאנג דער ווינטער-אָוונט קאָן אמאָל זיין, און ווי די מרה-שחורה קאָן זיך דאָרט,

אין די פאראייזאמטע ישובים, ארייננגבענען אין די נשמות. יאָ, איך פארשטיי זייער גוט, וואָס די מענטשן פון יענע מקומות האָבן געפילט, ווען ער, דער לעבנסלוסטיקער יעסטא בערלינג, איז צו זיי געקומען.

לאָמיר זיך אָקאָרשט פאָרשטעלן א זונטאָג-נאָכמיטאָג, בשעת די ארבעט רוט און די מחשבות האָבן נישט מיט וואָס זיך צו באשעפטיקן. א צפונדיקער שטורמווינט פייפט אָן אויפהער און פאטשט אריין א וויסטע קעלט אין שטוב, אזא שרעקלעכע קעלט, וואָס קיין שום פייער-מאכן קאָן זי נישט פארטרייבן. אָט האָבן מיר פאר זיך א קליין חלבן ליכטל, וואָס מען מוז עס כסדר אָנשנייצן; פון קיך דערגרייכן צו אונז די מאָנאָטאָנע טענער פון רעליגיעזע לידער, וואָס דאָס דינסטמיידל זינגט דאָרט.

אָבער אין מיטן דערין דערהערט זיך דאָס קלינגען פון די שליטן-גלעקלעך. שנעלע פוס-טריט סקריפּען אויפן שניי, און טרייסלען אים פון זיך אראָפּ טופענדיק אויף די שטיגן, וואָס פירן צום פאָדערהייזל. יעסטאַ בערלינג קומט אריין אין שטוב, ער לאכט און וויצלט זיך, ער איז לעבעדיק און לוסטיק, ער ברענגט מיט זיך ליכט און ווארימקייט. ער עפנט באלד אויף דעם פאָרטעפּיאן און שפּילט אזוי, אז מיר חידושן זיך, פון וואנען נעמען זיך אזעלכע טענער צו די אלטע סטרונעס. עד קאָן זינגען אלע לידלעך, אלע נגונים, און ער איינער אליין קאָן שענקען גליק און פרייד דעם גאנצן הויז. אים איז נאָך קיינמאָל נישט קאלט געווען, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט קיין מידקייט. א פארדאגהטער מענטש האָט פארגעסן אָן זיינע צרות, בשעת ער האָט אים דערזען. אַך, סארא גוט הארץ ס'האָט אין אים געקלאפּט! וואָסער מיטלייד ער האָט געהאט מיט אלע אונטערדריקטע און פארפאָלגטע, מיט אלע אָרימע און שוואכע! און סארא זשעני דאָס איז געווען! יאָ, יאָ, איר האָט געדארפט הערן, ווי די אלטע לייט האָבן גערעדט וועגן אים!

ס'איז מסתמא געווען אויך גראָד אזא אָוונט, בשעת ר'איז אַמאָל אלס גאסט געקומען צופאָרן קיין מונקערוד, צום חשובן ריכטער, וועגן וועלכן איך האָב בלויז פארבייגייענדיק דערמאָנט. אין דער דאָזיקער גוטער היים, וואָס איז קיינמאָל נישט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך די שטורמישע געשעענישן פון יענער צייט, האָט ער זיך צוזאמענגעטראָפן מיטן אלטן פּראָבאָשטש פון ברובי.

ווי נאָר דער פּראָבאָשטש האָט אים דערזען, אזוי האָט ער אים תּיכּף אוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן.

— קום אהער, יעסטאַ, זעץ זיך אוועק און שפּיל-אויף עפּעס א לעבעדיקס. ביים פּאָרטעפּיאַן ברענגסטו דעם גרעסטן נוצן!

יעסטאַ האָט געשפּילט און צוגעזונגען א לוסטיק לידל, און די פארזאמלטע האָבן שוין נישט געקאָנט איינזיצן אויף אן אָרט. די אלטע דאמען און הערן זענען אויפגעשטאנען און זיך אוועקגעלאָזט אין א טענצל, און בשעת יעסטאַ האָט נאָכ-דעם אָנגעהויבן זינגען א בעלמאניש פּאָלקס-לידל, האָבן זיי אויך מיטגעזונגען. די אלטע פּראָבאָשטשיכע, וועלכע איז גע-ווען דיק ווי א פאס, האָט זיך ארויסגעשארצט דאָס קליידל און איינע אליין זיך אוועקגעלאָזט אין א קאָזאקל און געזונ-גען מיט א הייזעריקער, גרילצנדיקער שטים:

אולא טאנצט און הויבט א פיסל,
פון די קאָראָנקעלעך ווייזט זי א ביסל,
אויך פון די ווייסע קניען נישט קיין סך...
ביים שיין פון די לאָמפּן א גאנצע נאכט!

דער אלטער פּראָבאָשטש און אלע פארזאמלטע האָבן אויסגעשאָסן אין א הילכיקן געלעכטער און אויסגערופן:

— ווען דער ממזר יעסטאַ זיצט ביים פּאָרטעפּיאַן, קאָן ער אפילו אלטע לייט מאכן צום נארן-קאָפּ!

נאָר דאָס איז געווען אמאָל פארן אומגליק מיט דער גרעפין עליזאבעט. איצטער אָבער זיצט יעסטא שטיל און או-מעטיק, הגם ער הערט ווי די גוטע פייע פון מוזיק באמיט זיך אים אויפצוהייטערן. איצט וואָלט ער אפשר ליבער גע-

וואָלט זיך געפינען אין איינזאמקייט און רו. אָבער ער וויל פּאָרט צוליב-טון זיינע אלטע חברים, און דעריבער הערט ער זיך צו צו זייער מוזיק. ער זעט, אז ער מאכט זיי אומעטיק מיט זיין צער און זיי האָבן שוין איצט נישט מער קיין הנאה פונם הערלעכן לעבן אין עקעבי. יאָ, יאָ, מען זעט אין זיי באשיינפערלעך, אז די עלטער רוקט זיך אָן!

אָבער פּלוצלינג, בשעת זיי האלטן אין מיטן שפּילן, ברעכט ער אויס אין א געוויין: דאָס לעבן קומט אים פּאָר אזוי שרעקלעך אומעטיק! ער פארשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט און וויינט אזוי ביטער, אז די קאוואלערן דערשרעקן זיך. דאָס זענען נישט די זיסע טרערן, וואָס מוזיק רופט גע-וויינלעך ארויס. אָ, ניין דאָס איז א פארצווייפלט כליפּען. נישט פארשטייענדיק וואָס דאָ קומט פּאָר, לייגן זיי אוועק די אינ-סטרומענטן.

אָבער די גוטע מוזיק-פייע, וואָס איז פארליבט אין יעס-טאַ בערלינגן (זי אויך!) פאלט ביי זיך נישט אראָפּ. זי זאָגט זיי אונטער דעם געדאנק, אז זיי זאָלן אויפשפּילן עפּעס א פריילעכס; דער פאטראָן יוליוס נעמט די גיטארע און הייבט-אָן זינגען א לוסטיק לידל. ער פארקרימט זיין פּנים אין פאר-שיידענע גרימאסעס און שפּעט-נאָך דאָס מעקען פון קי און דאָס בעקען פון שעפּסן.

דאָס איז געווען זייער א וואוילער איינפאל פון דער גוטער פייע, אָבער יעסטאַ האָט אזא פעסן קלאפּ-געטון מיט דער פויסט אין טיש, אז דער פאטראָן יוליוס איז אזש אונ-טערגעשפּרונגען. און יעסטאַ האָט מיט רוגזה אויסגערופן.

— איך בין טאקע א מנובל, איך בין אין דער אמתן אן אויסוואורף, וואָס לעבט נאָר צוליב דעם, כדי צו ברענגען אומגליק אויף זיינע מיטמענטשן! אָבער דאָך, ליבע חברים, דארפט איר נישט חוזק-מאכן פון מיין אומעט. אפילו בעסערע מענטשן פון אייך וואָלטן דאָס אויך מורא געהאט צו טון!

ער איז געווען אומגערעכט קעגן זיי. ער האָט אליין אויך געוואוסט, אז זיי האָבן נישט בדעה געהאָט חוזק צו

מאכן פון אים, אָבער ער האָט זיך פאַרט נישט געקאָנט באַ־הערשן. נאָך דעם העפטיקן אויסברוך איז ער ווידער געבליבן זיצן שטיל און פארשעמט, און זיי זענען אויך אנטשוויגן געוואָרן. דער דאָזיקער אומבאגרינדעטער אויסברוך האָט זיי טיף וויי־געטון און אויך די גוטע מוזיק־פייע האָט זיך דערפון שטארק מצער געווען. אָבער פלוצלינג דערמאָנט זי זיך, אז זי האָט דאָך צווישן די קאוואלערן א העלדישן קעמפער פאר איר זאך.

דאָס איז דער מילדער לעיוועגבאָרג, אָט דער וועלכער האָט פארלוירן זיין כלה אין דעם מוטנעם טייך, און וועלכער איז דער געטרייסטער פון יעסטאַ בערליגגס שקלאפן. ער שארט זיך איצט צו צום קלאוויר, און טוט מיט די שמאָלע פינגער זיינע א לייכטן פיר איבער די קלאווישן.

אין קאוואלערן־פליגל וואָס אויפן ערשטן שטאָק האָט לעיוועגבאָרג שטיין א גרויסן הילצערנעם טיש אויף וועלכן ער האָט אָנגעמאָלט א קלאוויאטורע און א נאָטן־האלטער, ביי דעם דאָזיקן טיש קאָן ער אָפזיצן שעהנווייז און לאָזן די פינגער לויפן איבער די שווארצע און ווייסע קלאווישן. דאָרט איבט ער זיך יעדן טאָג איין אין טאָן־סקאלעס און עטיודן און אויף דעם דאָזיקן אינסטרומענט שפילט ער אויך אויס זיין באליבטן בעטהאָווען. ער שפילט קיינמאָל נישט קיין אנדערע זאכן, ווי נאָר פון בעטהאָווען. די גוטע מוזיק־פייע האָט אים מזכה געווען מיט איר באזונדערס גרויסן חסד, און ער האָט זיך מיט גרויס התמדה געווידמעט דעם שטודיום פונם אלטן מייסטער, אזוי אז ער האָט אפילו באוויזן איבערצושרייבן א גרויסן טייל פון זיינע זעקס און דרייסיק סאָנעטן.

אָבער לעיוועגבאָרג וואגט זיך קיינמאָל נישט צוצורירן צו א ריכטיקן מוזיק־אינסטרומענט; זיין איינציקער אינסטרומענט איז דער הילצערנער טיש. פארן פאָרטעפיאן האָט ער גרויס אָפשיי: ער לאָקט אים, אָבער ער שרעקט אים אויך. אָט די גריליצנדיקע כלי, אויף וועלכער מען האָט שוין אזוי פיל לוסטיקע פאָלקעס געשפילט, איז פאר אים א הייליקטום. ער

האָט עס קיינמאָל נישט געוואגט אָנצורירן. סארא אויסטערלישער אינסטרומענט דאָס איז מיט זיינע וואונדערבארע סטרונעס, וואָס זענען בכוח ארייננצובלאָזן א פריש לעבן אין דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָרס ווערק! ער דארף בלויז צולייגן זיין אויער צום פּאָרטעפּיאַן, כדי תיכף צו הערן ווי די וואונדערשיינע טענער פון פארשידענע אַנדאַנטעס און שערצאָס רוישן דאָרט אין דער שטיל, ווי דאָס ווינטל וואָס קומט פון צייטיקע תבואה־פעלדער. דער פּאָרטעפּיאַן איז פאר לעיוועגבאָרגן דער עמוד, פאר וועלכן מען דארף מתפלל־זיין צו דער געטין פון מוזיק, צו דער גוטער פייע! אָבער צוליב דעם גרויסן יראת־הכבוד, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן צו דער מאיאָרינס פּאָרטע־פּיאַן, האָט ער קיינמאָל נישט געוואגט צו שפּילן אויף אים. ער אליין האָפט שוין נישט, אז ער זאָל נאָך אמאָל אזוי רייך ווערן, דאָס ער זאָל זיך קאָנען קויפן אן אייגענעם פּאָרטע־פּיאַן, און די מאיאָרין האָט אים נישט גערן געוואָלט צולאָזן צו אירן.

ער האָט שוין נישט איינמאָל געהערט, ווי מען האָט אויף דעם דאָזיקן פּאָרטעפּיאַן געשפּילט פּאָלקעס און וואלסן און ווי מען האָט אויף אים געגרימפּלט די לוסטיקע בעלמאנישע פאָלקסלידלעך. אָבער לויט זיין מיינונג איז דאָס שפּילן נישט געווען עפּעס ענדערש, ווי א פּחיתת־הכבוד פאר דעם דאָזיקן אינסטרומענט, און דעריבער איז טאקע קיין חידוש נישט וואָס ער האָט תמיד אזוי שטארק געקרעכצט און געגרילצט. אָ, ניין! וואָלט מען נאָר אויפגעשפּילט עפּעס פון בעטהאָווען, דאן וואָלט מען געהערט, סארא דונערנדיקע טענער ער וואָלט ארויסגעגעבן!

אָבער איצט, מיינט לעיוועגבאָרג, איז שוין געקומען די צייט, אי פאר אים, אי פאר בעטהאָווען. ער וועט צוזאמענ־נעמען זיין גאנצן מוט, ער וועט בארירן זיין הייליקטום און ער וועט זיין יונגן באַלעבאָס און מושל פריילעך מאכן מיט די וואויל־קלאנגען, וואָס דרעמלען אינם דאָזיקן אינסטרומענט.

ער זעצט זיך אוועק און הויבט-אָן שפּילן. אָבער ער פילט זיך אומזיכער און אויפגערעגט, ער פּרובירט א פּיר-טון מיט זיין ציטערנדיקער האנט איבער די קלאַווישן, ער פּרובירט א פּאָר אַקאָרדן, כּדי אָנצושלאָגן דעם ריכטיקן טאָן, ער קנייטשט דעם שטערן, ער פּרובירט נאָך אמאָל, אָבער לסוף פארשטעלט ער זיך מיט די הענט דאָס אַלטע פּנים זיינס און צעוויינט זיך ביטער.

יאָ, ליבע געטין פון מוזיק! ס'איז זייער ביטער פאר אים, וואָס דו האָסט זיך אזוי אומפריינטלעך באצויגן צו זיין ערשטן פּרווו אויף א ריכטיקן פּאָרטעפּיאַן! דאָס הייליקטום איז דאָך גאָרנישט קיין הייליקטום. דאָרט אינעווייניק ליגן נישט קיין קלאָרע, העלע אקאָרדן און טרוימען אין דער שטיל, דאָרט איז נישט פאראן קיין מעכטיק ברויזנדער שטורם פון טענער. דאָרט איז גאָרנישט פארבליבן פון דעם אומענדלעכן וואויל-קלאנג, פון דער וואונדערבארער הארמאָניע, וואָס האָט אמאָל געראַשט אין דער לופט פונם גן-עדן, בשעת די מלאכים האָבן געזונגען שירה פאר גאָט, ניין, דאָס איז בלויז אן אַלטער גרימפּלקאסטן, און נישט מער.

סוף-כּל-סוף האָט אָבער די גוטע געטין רחמנות-גע־קראָגן, און זי האָט געטון א ווינק צום פיפיקן פּוּלקאָווניק. ער נעמט מיט זיך דעם קליינעם רוסטערן און זיי גייען ביידע ארויף אין קאוואַלערן-פליגל, פון וואנען זיי ברענגען אראָפּ לעיווענבאָ־גס טיש מיט די אָנגעמאָלטע קלאַווישן און נאָטן-האַלטער.

— טו נאָר א קוק, לעיווענבאָרג! זאָגט דער פּוּלקאָווניק בשעת זיי קומען צוריק, אָט האָסטו דיין אייגענעם פּאָרטע־פּיאַן! אנו, שפּיל-אויף עפּעס פאר יעסטאַן!

דערזעענדיק זיין טייערן חפץ, הערט לעיווענבאָרג אויף צו וויינען, און ער זעצט זיך אוועק צו שפּילן בעטהאָווענען פאר זיין אומעטיקן, יונגן פריינט. איצט וועט ער שוין זיכער ווערן פריילעך!

ביים זקן אין קאָפּ קלינגען די הערלעבסטע טענער, און ער קאָן זיך גאָר אנדערש נישט פאָרשטעלן ווי נאָר, אז אויך יעסטאַ הערט ווי שיין ער שפּילט. יאָ, יעסטאַ באמערקט זיכער, ווי גוט ער שפּילט היינטיקן אָוונט. אָ, איצט זענען שוין פאר אים נישט פאראן קיין שום שוועריקייטן! ער מאכט זיינע פּאסאזשן און טרילן אומגעהייער גרינג, ער פירט-אויס די שווערסטע טעכנישע קונץ-שטיק. ער וואָלט זיך, כ'לעבן, געוואונטשן, אז דער קאָמפּאָזיטאָר אליין זאָל דאָס הערן!

וואָס לענגער ער שפּילט, אלץ מער עקזאלטירט ווערט ער, און יעדער טאָן קלינגט אין אים כמעט מיט אן איבער-ערדישער קראפט.

ער שפּילט:

— צער, אָ, צער! פארוואָס זאָל איך דיך דען נישט ליבן? צי דערפאר וואָס דיינע ליפּן זענען קאלטע, דיינע באקן פארוועלקטע, דערפאר וואָס דיין אומארמונג דערשטיקט, דיין בליק פארשטיינערט?

צער, אָ, צער! דו ביזט ווי איינע פון יענע שטאָלצע, שיינע פרויען, וואָס זייער ליבע איז זייער שווער צו געווינען, אָבער דערפאר ברענט זי שטארקער, התלהבותדיקער ווי די ליבע פון אנדערע פרויען. א פארשטויסענער ביסטו, אָבער איך האָב דיך צוגעדריקט צו מיין הארץ און דיך געליבט. איך האָב ארויסגעצערטלט די קעלט פון דיינע אברים, און דיין ליבע האָט מיך אָנגעפילט מיט גליק.

אָ, ווי איך האָב געליטן! אָ, ווי איך האָב געבענקט, זינט איך האָב פארלוירן מיין ערשטע געליבטע! א פינסטערע נאכט האָט זיך אויסגעשפּרייט אין מיר און ארום מיר. אין הייסער תּפילה, אין אינערלעכן געבעט צו גאָט בין איך כסדר געלעגן פארזונקען, אָבער גאָט האָט מיין תּפילה נישט געהערט. די טויערן פון הימל זענען געווען געשלאָסן פאר מיין לאנגער דער-ווארטונג. פון די אויסגעשטערנטע הימלען איז צו מיר נישט אראָפּגעקומען קיין מלאך-הגואל מיך אויסצולייזן פון מיין פּיין.

אָבער מיין בענקשאפט האָט לסוף צעריסן דעם פּאָר האנג, און דו האָסט צו מיר אראָפּגעגידערט איבער א בריק פון לבנה-שטראלן. אָ, צער, דו מיין געליבטער! אין העלן ליכט פּיסטו צו מיר געקומען, מיט א שמייכל אויף די ליפּן. פרייליך טאנצנדיקע מלאכימלעך האָבן דיך ארומגערינגלט. זיי האָבן געטראָגן רויזן-קרענץ און געשפּילט אויף ציטרעס און פלייטן. א גרויס גליק האָט מיך באהערשט, בשעת כ׳האָב דיך דערזעען!

דו ביזט אָבער פארשוואונדן, פארשוואונדן! און קיין שום בריק פון לבנה-שטראלן איז נישט געווען פאר מיר, איבער וועלכן איך זאָל דיר קאָנען נאָכגיין! אויף דר׳ערד בין איך געלעגן, אָן פליגלען, געבונדן צום שטויב. מיין איכה-קלאָגן איז געווען ווי דאָס רעווען פון א ווילדער חיה, ווי דער באטויבנדיקער קנאל פונם דונער. איך האָב געוואָלט שיקן דעם בליץ אלס שליח צו דיר. איך האָב פארשאָלטן די גרינע ערד: הלוואי זאָל א וויסטע שרפה פארברענען אלע תבואות, אלע ביימער, אלע געוויקסן, א מגפה זאָל פארטיליקן דעם גאנצן מענטשלעכן דור! איך האָב גערופן דעם טויט און די פארניכטונג. זאָלן זיי אויסראָטן, חרוב-מאכן און אָפּמעקן אלץ וואָס פרוכפּערט זיך און לעבט, וואָס שפּראָצט און וואקסט, וואָס ליבט און פרייט זיך, וואָס בליט און שמעקט אויף דער ערד! איך בין געווען איבערצייגט, אז די אייביקע פיין פונם גהינום איז א גענוס אין פארגלייך מיט מיינע מאטערנישן.

און דאן, אָ צער, ביסטו געוואָרן מיין פריינט! פארוואָס זאָל איך דיך דען נישט ליבן, ווי מען ליבט יענע שטאָלצע, שטרענגע פרויען, וואָס זייער ליבע איז שווער צו געווינען, אָבער וואָס ברענט שטארקער, תתלהבותדיקער ווי די ליבע פון אלע אנדערע פרויען?

אזוי האָט ער געשפּילט, דער אָרימער מיסטיקער. ער איז געזעסן ביי זיין „פּאָרטעפּיאן“, שטראלנדיק פון באגייסטע-רונג, הערנדיק די וואונדערבארסטע טענער, און זייענדיק

איבערצייגט, אז אויך יעסטאַ מוז דאָס הערן און געטרייס ווערן דערפון.

יעסטאַ האָט אים באַטראַכט און זיך צוגעהערט צו זיין מוזיק. תּחילת איז ער געווען בייז צוליב דער נייער קאָמעדיע, וואָס מען שפּילט דאָ מיט אים, אָבער ביים אָנבליק פון דעם נעבעכדיקן זקן, וועלכער איז געזעסן און שטאַרק הנאה גע-האַט פון זיין שפּילן בעטהאָווענען, איז ער ביסלעכווייז מיל-דער געוואָרן.

יעסטאַ האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דער דאָזיקער מענטש, — וועלכער איז איצט אַזוי מילד און זאָרג-לאָז, — איז אויך אַמאָל פאַרזונקען געווען אין עלנט און פּיין, ווי אַזוי אויך ער האָט פאַרלוירן זיין געליבטע. און דאָך איז איצט דער דאָזיקער מענטש אַ שטראַלנדיקער פון באַגייסטערונג געזעסן ביי זיין „טיש". מער איז אַלזאָ נישט נויטיק פאַרן גליק פון אַ מענטשן?

יעסטאַ האָט זיך דערפילט דערנידעריקט אין זיינע אייגענע אויגן.

— וואָס איז עס מיט דיר, יעסטאַ, האָט ער צו זיך אַליין געטענהט. צי קאָנסטו שוין מער נישט פאַרליידן קיין צרות? דו, וואָס דו ביזט דיין גאַנץ לעבן געהאַרטעוועט גע-וואָרן אין דחקות און נויט; דו, וואָס האָסט געהערט, ווי יעדער בוים אין וואַלד, יעדעס גרעזל אויף דער לאָנקע האָט פאַר דיר געפּריידיקט רעזיגנאַציע און געדולד; דו, וואָס ביזט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ לאַנד וואו דער ווינטער איז הארב און דער זומער קנאַפּ, דו האָסט שוין אויך פאַרגעסן די קונסט פון ליידן?

יאָ, יעסטאַ, — אַלץ וואָס דאָס לעבן ברענגט דאַרף אַ מאַן קאָנען צונעמען מיט מוט אין האַרצן און אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַנדערש איז ער קיין מאַן נישט. דו האָסט פאַרלוירן דיין געליבטע, — נו, טאָ לייד ווי פיל דו ווילסט, זאָל די פּיין פון געוויסנסביסן מאַטערן און פאַרצערן דיין נשמה, אָבער ווייז דאָס נישט אַרויס פאַר קיינעם, אויסערלעך זאָלסטו

זיין אַ מאַן און אַן עכטער ווערמלענדער! זאָל דיין בליק בלישטשען פון פרייד, און באַגעגן דיינע פריינט מיט גוטע רייד!

שטרענג איז דאָס לעבן, שטרענג איז די נאַטור. אָבער מוט און פרייד באַשאַפן זיי ביידע, אַלס קעגנגעוויכט צו זייער אַכזריות, אַנדערש וואָלט דאָס דער מענטש נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

מוט און פרייד! דאָס זענען די ערשטע פליכטן פון לעבן. דו האָסט זיי נאָך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, ווּעסטו זיי אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן!

צי ביסטו אַן ערגערער מענטש ווי לעווענבאָרג, וועלכער זיצט דאָרט ביי זיין הילצערנעם „פּאָרטעפּיאַן", צי ביסטו אַן ערגערער מענטש ווי די אַלע איבעריקע קאַוואַלערן, — די מוטיקע, די זאָרגלאָזע, די אייביקע יונגעלייט? דו ווייסט דאָך אַליין אויך, אַז קיינער פון זיי האָט אין זיין לעבן נישט אויסגעמיטן קיין צרות און פּיין!

און יעסטאַ קוקט זיך איצט געניי אַרום אויף זיינע חברים. אַך, סאַראַ בילד דאָס איז! זיי זיצן טיף-ערנסטע און הערן זיך צו מיט גרויס כּוונה צו דער מוזיק, וואָס קיינער הערט זי נישט!

לעווענבאָרג ווערט פּלוצלינג אויפגעוועקט פון זיינע חלומות דורך אַ פריילעכן געלעכטער. ער הויבט-אויף די הענט פון די קלאַווישן און האָרכט זיך איין שטאַרק אַנטציקט. אָ, דאָס איז דאָך טאַקע דאָס אַמאָליקע געלעכטער פון יעסטאַ בערלינגן, — זיין גוטער, פריינטלעכער, מיטרייסנדיקער געלעכטער! דאָס איז זי, די הערלעכסטע מוזיק, וואָס דער אַלטער לעווענבאָרג האָט אין זיין גאַנץ לעבן געהערט.

— איך האָב געוואוסט, אַז בעטהאָווען וועט דיר העלפן, יעסטאַ! רופט ער אויס. נו, איצטער ביסטו שוין, זע איך, געזונט!

און ס'איז טאַקע אַזוי געשען, אַז די גוטע פייע פון מוזיק האָט אויסגעהיילט יעסטאַ בערלינגן פון זיין מרה-שחורה.

.24

דער ברוביער גלח

אלמעכטיקער גאָט עראָס! דו ווייסט, אז טיילמאָל קומט אונז פאָר, אז עמיץ האָט זיך שוין פולשטענדיק באפרייט פון דיין יאָך; אלע מתיקותדיקע געפילן, וואָס פארייניקן מענטשן, זעען-אויס ווי אָפּגעשטאָרבן אין זיין הארץ; דער שגעון שטרעקט שוין זיינע נעגל צום דאָזיקן אומגליקלעכן פארשוין. אָבער מיט אמאָל באווייזטו זיך אין דיין אלמאכט, דו אפוטרופס איבערן לעבן, און דאָס פארטרוקנטע הארץ צעבליט זיך ווידער, ווי דעם הייליקנס שטעקן, און גיט פון דאָסניי ארויס בלומען און פרוכטן.

קיינער קאָן שוין נישט זיין קיין גרעסערער קמצן, ווי דער ברוביער גלח, און קיינער איז נישט אזוי דערווייטערט געוואָרן פון מענטשן דורך זיין נידערטרעכטיקייט און אומבארמהארציקייט, ווי ער. זיינע חדרים ווערן ווינטער נישט באהייצט, ער זיצט אויף פראָסטע, נישט געהובלעוועטע און נישט געפארבטע בענקלעך, ער טוט זיך אָן אין שמאטעס, עסט טרוקן ברויט און ווערט ווילד אין כעס, בשעת א בעטלער טרעט-איבער זיין שוועל. ער לאָזט דאָס פערד זיינס פארהונגערן אין שטאל און פארקויפט דאָס היי. זיינע קי ציפּן דאָס טרוקענע גראָז וואָס ביי די וועג-קאנטן און דעם מאָך פון די ווענט פון הויז. אזש ביז צום שליאך הערט מען דאָס

בעטשען פון זיינע הונגעריקע שעפסן. די פויערים ווארפן אים צו ברעקלעך עסן, וואָס זייערע הינט ווילן עס נישט נעמען אין פיסק אריין, און שענקען אים מלבושים, וואָס שלעפּערס ווילן עס צומאָל נישט אָנקוקן.

זיין האנט איז תמיד אויסגעשטרעקט, כדי עפּעס צו פארלאנגען, זיין רוקן איז תמיד איינגעבויגן, כדי צו דאנקען... ער בעטלט ביי די רייכע און אנטלייט עס אויף פּראָצענט צו אָרימעלייט. דערזעט ער ערגעץ-וואו א מטבע, ווערט זיין הארץ פארצערט פון אומגעדולד ביז וואנען ער האָט זי נישט אין זיין קעשענע, און אומגליקלעך איז דער, וועלכער קאָן אים נישט אומקערן דעט חוב צום באשטימטן טערמין!

ער האָט שפּעט חתונה-געהאט. ס'וואָלט אָבער פיל גליי־כער געווען, ווען ער וואָלט דאָס אינגאנצן נישט געווען גע־טון. זיין ווייב איז געשטאָרבן פון פיין און דערשעפּונג, און זיין טאָכטער איז אוועק אלס דינסט צו פרעמדע מענטשן. ער ווערט אלט, אָבער די עלטער ברענגט אים נישט קיין רו אין זיין שטרעבן צו זאמלען, פארקערט, די קארגשאפט פארלאָזט אים קיינמאָל נישט, אפילו אויף איין רגע.

— — — — — — — — — — — — — —

ויהי היום, איינמאָל אין א שיינעם העלן טאָג, אָנהויב חודש אויגוסט, האָבן פ״ר פערד געשלעפּט א שווערע קאָליאסע בארג-ארויף איבער די גרוביער בערגלעך. אן אריסטאקראטישע אלטע פריילין קומט דאָ מיט גרויס שטאט צופאָרן קיין ברובי. זי האָט מיט זיך א באדינער און א קאמערדינערין, חוץ דעם קוטשער נאטירלעך. זי פאָרט אויף א באזוך צום ברוביער גלח. ער איז דער מאן, וועלכן זי האָט אין איר יוגנט געליבט.

בעת ער איז געווען הויז-לערער אין דער היים פון אי־רע עלטערן, האָבן זיי זיך ביידע געליבט. אָבער איר שטאָל־צע משפחה האָט זיי צעשיידט. און איצט קומט זי צופאָרן קיין ברובי, כדי כאָטש נאָך איינמאָל אים צו זען, איידער זי שטארבט. אלץ וואָס דאָס לעבן קאָן איר נאָך געבן, איז ווי־דער זיך צו זען מיט דעם געליבטן פון איר יוגנט.

דאָס קליינע אריסטאָקראטישע דאמעלע זיצט אין דער קאָליאסע און טרוימט. זי פאָרט נישט צו דעם אָרעמען, חושכדיקן גלחישן הייזל אין ברובי. ניין, זי געפינט זיך איצט אויפן וועג צו דער לופטיקער, געדיכט-באוואָקסענער בעז-אלטאנקע אין אירע עלטערנס פארק, וואו איר געליבטער ווארט אויף איר. זי שטעלט אים זיך פאָר אלס א יונגן, טעמ-פעראמענטפולן בחור; ער קאָן ליידנשאפטלעך קושן, ער קאָן הייס ליבן. איצט, בשעת זי ווייסט, אז זי וועט אים באלד דערזעען, שוועבט זיין בילד פאר אירע אויגן מיט אַ זעלטע-נער בולטקייט. אך, ווי שיין ער איז, ווי הערלעך שיין! ער איז פארחלומט, ער איז פלאמענדיק ענטוזיאסטיש אין זיין לי-בע, און ער איז אימשטאנד אויך איר נשמה אָנצופילן מיטן געטלעכן פייער פון ליבע.

איצט איז זי שוין אָבער געל-בלאס, פארוועלקט און אלט. ער וועט זי אפשר נישט דערקענען,—אזא זעכציקיעריקע זקנה ווי זי איז איצט. זי קומט אָבער נישט, כדי זיך צו ווייזן, נאָר כדי צו זען דעם געליבטן פון איר יוגנט, וועל-כער איז עד-היום פארבליבן אומבארירט פון די שטורמען פון דער צייט, און וועלכער איז נאָך אלץ אזוי יונג, אזוי שיין, אזוי פול מיט לעבן, ווי אמאָל.

זי קומט פון אזעלכע וייטע מקומות, אז זי האָט ביז איצט גאָרנישט געהערט וועגן דעם ברוביער גלח און זיינע מעשים.

די קאָליאסע פאָרט ארויף אויפן שפיץ-בערגל, פון וואַ-נען מען זעט שוין דאָס גלחישע הייזל.

— האָט רחמנות, ליבע הארציקע מענטשן, הערט זיך דאָס קרעכצנדיקע קול פון א בעטלער, וועלכער ליגט אויף די קני ביים שאָסיי-גרוב. האָט רחמנות, שענקט עפעס א נדבה פאר אן אָרימאן!

די איידעלע דאמע גיט אים א זילבערנע מטבע און פרעגט אים, צי דאָס הויז פונם ברוביער גלח געפינט זיך נישט דאָ ערגעץ אין דער נאָנט.

דער בעטלער ווארפט אויף איר א כיטרן שארפן בליק.

— דעם גלחס הויז ליגט אָט-אָ דאָרט גלייך, זאָגט ער, אָבער דער גלח איז נישטאָ אין דער היים, קיינער איז איצט נישטאָ אין גלחס הויז.

ביי די דאָזיקע ווערטער פונם בעטלער באקומט די אריסטאָקראטישע דאמע אזא מראה, ווי זי וואָלט געהאלטן ביים חלשן. מיט אמאָל פארשווינדעט די לופטיקע בעז-אלטאנקע,—דער געליבטער איז דאָרט נישט פאראן. ווי האָט זי דאָס געקענט זיך דענקען, אז זי וועט אים נאָך דאָרט געפונען,— נאָך א פערציקיאָריקער דערווארטונג?

— וואָס האָט דען די גנעדיקע דאמע געהאט צו טון אין דעם גלחס הויז? פרעגט דער בעטלער.

די גנעדיקע דאמע זאָגט אים, אז זי איז פון א ווייטער געגנט געקומען, כדי צו טרעפן דעם ברוביער גלח. זי איז מיט יאָרן צוריק געווען באפריינדעט מיט אים.

פערציק יאָר און פערציק מייל האָט זיי צעשיידט. און וואָס זי איז אָפּגעפאָרן א מייל, האָט זי פון זיך אראָפּגעוואָרפן א יאָר צייט מיט זיין משא פון צערפולע זכרונות, אזוי אז בשעת זי איז איצט צוגעקומען צום גלחישן הויז אין ברובי פילט זי זיך ווידער, ווי א צוואנציק יעריק מיידל אָן שום זאָרגן, אָן שום זכרונות.

דער בעטלער באטראכט זי מיט פאַרשנדיקע בליקן, און אין זיינע אויגן פארוואנדלט זי זיך פון א צוואנציקיעריק מיידל אין א זעכציקיעריקע זקנה און באלד פארקערט, פון א זקנה אין א יונג מיידל.

— דער גלח וועט נאָכמיטאָג אהיימקומען, זאָגט ער; ס'וואָלט צום בעסטן געווען, אז די גנעדיקע דאמע זאָל אזוי גוט זיין צופאָרן צום גאסט-הויז און צוריקקומען נאָכמיטאָג. איך בין אייך ערוב, אז נאָכמיטאָג וועט איר טרעפן דעם גלח אין דערהיים.

א ווייל̇ע דערנאָך פאָרט די קאָליאסע צוריק אראָפּ צום ברוביער גאסט-הויז, אָבער דער בעטלער רירט זיך נאָך אל̇ץ

נישט פון אָרט; ער ציטערט איבערן גאנצן גוף און קוקט איר נאָך. ער וויל פאלן אויף די קני און קושן די שפורן פון די רעדער.

ארום מיטאָג-צייט גייט דער גלח אריין צו דער פראָבאָשטשיכע, וואָס איר מאן איז דער עלטסטער גלח פון דער ברוביער פאראפיע. אָבער איצט איז דער גלח אן אָפּגעצוואָגענער, אן אָפּגעראזירטער און אויסגעפּוצטער אין בגדי יום-טוב. ער טראָגט שיך מיט בלאנקענדיקע שנאָלן און זיידענע זאָקן, אן אָנגעקראָכמאלעטן ווייסן זשאבאָ און פרישע מאנזשעטן.

— אן אריסטאָקראטישע דאמע קומט היינט צו מיר צו פאָרן, זאָגט ער צו דער פראָבאָשטשיכע, זי איז א גרעפישע טאָכטער, טאָ ווי קאָן איך, אזא אביון, ווי איך בין, זי אויפנעמען ביי מיר אינם גלחישן הייזל? די פּאָדלאָגעס ביי מיר זענען שווארץ ווי בלאָטע, מיין גאסט-שטוב איז אָן מעבל, דער פוילאפ איז עס-שטוב איז גרין פון שימל און פייכטקייט. איך בעט אייך חשובע פרוי פראָבאָשטשיכע, העלפט מיר אין מיין פארלעגנהייט! פארגעסט נישט, אז זי איז אן אריסטאָקראטישע דאמע, — א גרעפישע טאָכטער!

— נו, טאָ קאָנט איר דאָך זאָגן, אז דער גלח איז אוועקגעפאָרן! ענטפערט די פראָבאָשטשיכע.

— טייערע פרוי פראָבאָשטשיצע! בעט ער זיך ביי איר, פערציק מייל איז זי געפאָרן, כדי צו טרעפן מיך — אזא אביון! זי ווייסט דאָך נישט, ווי ס'גייט מיר אין פרנסה. איך האָב צומאָל נישט קיין בעט פאר איר, וואו זי זאָל זיך קאָנען אָפּרוען פון דער לאנגער נסיעה. איך האָב אויך נישט קיין געלעגער פאר אירע באדינער.

— נו, טאָ זאָל זי צוריקפאָרן!

— אך, ליבע הארציקע פרוי פראָבאָשטשיכע! איר פארשטייט דאָך נישט, וואָס איך מיין. איך וויל ליבערשט אוועקגעבן מיין גאנץ ביסל אָרימקייט, אלץ וואָס איך האָב מיט אזוי פיל מי און מאָטערניש צונויפגעשלעפּט, איידער כ'זאָל

זי לאָזן צוריק אוועקפאָרן און נישט געבן איר קיין אָפּרו אונטער מיין דאך. צוואנציק יאָר איז זי אלט געווען, בשעת מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזעען, און זינט דעמאָלסט איז שוין פערציק יאָר אוועק... איצט פארשטייט איר מיך שוין, פרוי פּראָבאָשטשיכע? האָף איך, אז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן אין מיין בקשה. און דאָ האָט איר געלט, אויב געלט קאָן דאָ עפּעס העלפן!.-

אָ, עראָס! די פרויען ליבן דיך. זיי וועלן ליבערשט גיין הונדערט טריט פאר דיינעטוועגן איידער איין טריט פאר אן אנדער גאָט.

אין דער פלעבאניע פון ברובי ווערן אויסגעליידיקט די חדרים, ס'ווערט אויסגעליידיקט די ספּיזשארניע. מען שפּאנט-איין פערד אין אלע פורלעך, מען לאדעוועט זיי אָן און מען פאָרט-צו צום גלחשן הייזל, ווען דער אלטער גוטמוטיקער פּראָבאָשטש וועט אהיימקומען פונם רעליגיע-לימוד מיט די קאָנפירמאציע-קינדער, וועט ער מוזן ארומגיין אין ליידיקע חדרים, און אליין אריינקוקן אין קיך און פרעגן צי דאָס מי-טאָג-עסן איז שוין פארטיק, און ער וועט טאקע נישט האָבן קיין מיטאָג, ווארום נישט די פּראָבאָשטשיכע און נישט די קעכין איז דאָרט פאראן. סארא עצה קאָן מען זיך דען געבן? עראָס האָט אזוי געוואָלט, עראָס, דער אלהערשנדער!

פארנאכט-צו שלעפּט זיך ווידער די שווערע קאָליאַסע בארג-ארויף. און אין דער קאָליאסע זיצט די קליינע אריס-טאָקראטישע דאמע און טראכט, צי ס'וועט נישט ווידער גע-שען עפּעס אן אומגליק, אזוי אז זי וועט נאָך אלץ נישט קאָנען זיך טרעפן מיטן געליבטן פון איר יוגנט. זי איז נאָך אלץ אין ספק, צי איז טאקע אמת, אז זי גייט זיך איצט טרעפן מיט דעם איינציקן מענטשן, וועלכער איז אמאָל מסוגל געווען צו פארשאפן איר פרייד.

די קאָליאסע פארקירעוועט אין טויער אריין, צום גלחישן הויף, זי בלייבט אָבער פּלוצלינג שטיין: די קאָליאסע איז צו ברייט, דער טויער איז צו שמאָל. דער קוטשער שמייסט

מיט דער בייטש, די פערד שלעפּן מיט אַלע כּוחות, דער באַדינער שעלט, אָבער ס'העלפט נישט. די הינטערשטע רעדער האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין די טויער-סלופּעס. די גרעפישע טאָכטער קאָן נישט אַריינפאָרן אויפן גלחישן הויף, כּדי צו טרעפן זיך מיט איר געליבטן.

אָבער אָט קומט דאָרט עמיצער... יאָ, דאָס איז ער! ער הייבט זי אַראָפּ פון דער קאַליאַסע, ער טראָגט זי אויף זיינע הענט, וואָס זענען נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל, און דריקט זי צו צו זיין ברוסט, פּונקט אַזוי טעמפּעראַמענטספול ווי מיט פערציק יאָר צוריק. זי באַגעגנט זיך מיט די בליקן פון אַ פּאָר אויגן, וואָס שטראַלן נאָך מיט דעם זעלבן גלאַנץ ווי דעמאָלסט, בעת זיי האָבן נאָך נישט מער געהאַט באַגריסט ווי פינף און צוואַנציק פרילינגען.

אַ שטורם-פּאַליע פון הייסע געפילן לויפט אַדורך איר גאַנץ וועזן. זי האָט זיך פלוצלינג דערינערט, אַז ער האָט זי אַמאָל פּונקט אַזוי געהאַט אַרויפגעטראָגן איבער די שטיגן צו דער טעראַסע, וואָס פאַר זייער פּאַלאַץ. די גאַנצע פערציק יאָר האָט זי געלעבט מיט דער איבערצייגונג, אַז דער דופק פון איר ליבע צו אים קלאַפּט נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק, ווי אין דעם לעצטן טאָג, וואָס זיי האָבן זיך געזעגן, אָבער דאָך האָט זי שוין געהאַט פאַרגעסן, סאַראַ געפיל דאָס איז צו ווערן איינגעשלאָסן אין שטאַרקע אָרעמס און אַריינצוקוקן אין יונגע, שטראַלנדיקע אויגן.

זי זעט נישט, אַז ער איז שוין אַלט. זי זעט בלויז זיינע אויגן, זיינע שטראַלנדיקע אויגן!

זי זעט נישט די שוואַרצע פּאָדלאָגעס, די פּולאָפן, וואָס זענען גרין פון פייכטקייט, זי זעט בלויז זיינע שטראַלנדיקע אויגן. ד״ר ברוביער גלח איז פאַר איר אין דער דאָזיקער רגע אַ הערלעך-שיינער מאַנסביל. ער ווערט שיין בלויז דערמיט, וואָס ער קוקט אויף איר.

זי הערט זיין שטים, זיין שטאַרקע קלאַנגפולע, מעלאָדישע שטים. אַזוי רעדט ער בלויז צו איר. און צו וואָס באַ-

דארף ער גאָר די מעבל פֿון דעם פּראָבאָשטש־הויף צו זיינע לײַדיקע חדרים, צו וואָס די גוטע מכלים, צו וואָס די באַ־דינונג? די אַלטע דאַמע וואָלט זיכער נישט באַמערקט און נישט געפֿילט, אַז די אַלע זאַכן פֿעלן דאָ. פֿאַר איר איז גע־נוג, וואָס זי הערט זײַן שטים און זעט זײַנע אויגן.

זי איז נאָך קיינמאָל נישט, אָ,ווירקלעך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי איצט!

ער פֿאַרנייגט זיך פֿאַר איר אַזוי איידל און שטאָלץ, ווי זי וואָלט געווען אַ קיניגין און ער איר פֿאַוואָריט. ער רעדט צו איר מיט צערעמאָניעלער מליצה, אויפֿן אַלטן שטײַ־גער, און זי — זי שמייכלט בלויז און איז גליקלעך!

פֿאַרנאַכט נעמט ער זי אונטערן אָרעם און פֿירט זי אַרויס אין דעם אַלטן, אָפּגעלאָזענעם גאָרטן. זי זעט נישט, עפּעס זאָל דאָ זײַן מיאוס, פֿאַרוואַרלאָזט; די פֿאַרוואַקסענע, פֿאַרפֿלאָנטערטע קוסטעס פֿאַרוואַנדלען זיך אין אירע אויגן אין גלײַך־געשוירענע שפּאַליערן, דאָס ווילדגראָז — אין גלײַכע שמאַראַגד־גרינע און סאַמעט־ווייכע גראָז־דיוואַנען. לאַנגע אַלעען הילן זי אײַן אין זייערע שאָטנס, און אין נישעס פֿון טונקל־גרינעם געצווייג בלאַנקען ווײַסע סטאַטועס פֿון יוגנט, פֿון טרײַהייט, פֿון האָפֿנונג, פֿון ליבע.

זי ווייסט, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ ווײַב, אָבער זי טראַכט נישט וועגן דעם. ווי זאָל זי קאָנען טראַכטן גאָר וועגן אַזוינס? זי איז דאָך נישט מער אַלט ווי צוואַנציק יאָר און ער פֿינף און צוואַנציק. מען זעט דאָך באַשײַנפּערלעך, אַז ער איז טאַקע נישט מער אַלט ווי פֿינף און צוואַנציק יאָר און ס׳ברויזט אין אים פֿון יוגנט און קראַפֿט. צי איז דען גאָר מעגלעך, אַז פֿון אים זאָל דאָס ווערן דער קאַרגער גלח פֿון ברובי, — ער, אָט דער לאַכנדיקער, טעמפּעראַמענטפֿולער בחור?

אָבער אים, דעם ברוביער גלח טוט טײלמאָל עפּעס אַ רויש אין די אויערן וועגן טרויעריקע, פֿינסטערע געשעענישן. אָבער די ווײ־געשרייען פֿון די אָרימעלײַט, די קללות פֿון די באַשווינדלטע, די שימף־ווערטער פֿון די פּאַראַכטער, און די

חוזק-לידלעך וואָס מען וועט שפּעטער זינגען וועגן אים, — דאָס אַלץ עקזיסטירט איצט נאָך נישט פאַר אים. אין זיין האַרץ פלאַמט בלויז ריינע, אומשולדיקע ליבע. ס'קאָן דאָך גאָרנישט געמאָלט זיין, אז אָט-אָ דער שטאָלצער בחור וועט עס אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב-באַקומען דאָס גאָלד, אַז ער וועט צוליב דעם קריכן אפילו אין דער טיפסטער בלאָטע, אַז ער וועט צוליב דעם אויסשטיין פאַראַכטונג און שנאה, פאַרליידן קעלט, הונגער און דחקות, — אַלץ צוליבן ביסל גאָלד? צי וועט דער דאָזיקער ליבנסווירדיקער בחור אַמאָל פאַרפּייניקן זיין ווייב און לאָזן זיין איינציק קינד פאַרהונגערן, — אַלץ צוליב דעם שמוציקן גאָלד? ניין, דאָס איז פּשוט אוממעגלעך! ער איז זיכער פּונקט אַזאַ גוטער מענטש ווי אַלע אַנדערע, ער איז זיכער נישט קיין רשע-מרושע, קיין חיה-רעה אין מענטשלעכער געשטאַלט.

צי וואָלט דען די געליבטע פון זיין יוגנט געוואָלט גיין געאָרעמט מיט אַזאַ נידערטרעכטיקן פאַרשוין, וועלכער איז נישט ראוי צו דערפילן די פליכטן פון דעם אחריותפולן אַמט, וואָס ער האָט געוואָגט צו פאַרנעמען? ניין, דאָס וואָלט זי זיכער נישט געטון!

אָ, עראָס, אַלמעכטיקער גאָט! דער דאָזיקער מענטש, וואָס גייט דאָ נעבן דער געליבטער זיינער — ער האָט נישט אין דעם אָוונט, און אויך נישט אין די נאָנטסטע פּאָר טעג, נישט געקאָנט זיין דער ברוביער גלח!...

אויפן פערטן טאָג פאָרט די דאַמע צוריק אוועק. דעם טויער האָט מען ברייטער געמאַכט. די קאָליאַסע פאָרט אַזוי שנעל באַרג-אַראָפּ פונם ברוביער בערגל, ווי נאָר אויסגערוטע פערד קאָנען לויפן.

סאַראַ חלום, סאַראַ הערלעכער חלום! אין פאַרלויף פון די דאָזיקע דריי טעג האָט זיך קיין ברעקל וואָלקן נישט באַוויזן!

זי איז אַ שמייכלענדיקע צוריקגעפאָרן אַהיים, צו איר פּאַלאַץ און צו אירע זכרונות. זי האָט שוין דערנאָך קיינמאָל

נישט מער געהערט דערמאָנען זיין נאָמען, און זי האָט אויך נישט נאָכגעפרעגט וועגן אים. בלויז דעם דאָזיקן זיסן טרוים האָט זי געוואָלט וועבן ביזן סוף פון איר לעבן.

דער ברוביער גלח איז אָבער פארבליבן אין זיין וויסטער היים, וויינענדיק פון טיפן צער. זי האָט אים אויפסניי יונג געמאכט. צי וועט ער איצט צוריק אלט ווערן? צי וועט זיך צו אים צוריק אומקערן דער בייזער גייסט און אויפסניי אים פארוואנדלען אין אן אויסוואורף, און ער וועט ווידער ווערן פאראכטעט און באשפיגן ווי ביז איצט?

.25

דער פּאַטראָן יוליוס

דער פּאַטראָן יוליוס האָט אראָפּגעטראָגן זיין רויט-גע-פארבטן הילצערנעם קופערט פונם „קאוואלערן-פליגל". דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן דופּטנדיקן פּאָמעראנצן-בראָנפן אין א גרין פּעסעלע, וואָס האָט אים שוין באגלייט אויף א סך נסיעות, און אין דעם גרויסן געשניצטן קעסטל, וואָס האָט אים געדינט אויף צו האלטן דאָרט זיין צדה-לדרך, האָט ער אריינגעלייגט ברויט, פּוטער און הארטן קעז, וואָס איז שוין אזש געווען ברוין פון לאנג ליגן, און אויך געפּעקלטע ברוסט-און-בראָטן און בלינצעס מיט מאלינעס-איינגעמאכץ.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערמיט אָפּגעפּארטיקט, איז ער ארומגעגאנגען איבער גאנץ עקעבי און זיך מיט טרערן אין די אויגן געזעגנט מיט אלצדינג, וואָס איז אים ליב און טייער געווען. צום לעצטן מאָל האָט ער צערטלעך געגלעט די אָפּגעריבענע באָלן פון דער קעגלשפּיל און אויך די חברה קליינוואַרג מיט די רויטע בעקלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין לויפערלעך אויף א בערגל, נעבן דער קוזניע. ער איז ארומגעגאנגען איבער אלע אלטאנקעס אין גאָרטן און איבער די היילן, וואָס אין פּארק. ער איז אריינגעגאנגען אין די שטאלן און סטאָדאָלעס, געגלעט די פערד איבער די לענדן, א טרייסל-געטון דעם בייזן ביק פאר די הערנער או-ן

געגעבן די קעלבלעך זיינע הענט צום לעקן. ערשט צום סוף איז ער ארויפגעגאנגען אין גרויסן זאל פון הויפט-בנין, וואו ס'האָט אויף אים געוואַרט דער צוגעגרייטער אָפּשיד-פּרישטיק.

אך, ווי גרויזאם דאָס לעבן איז, ווער קאָן עס דען דורכהאלטן? סם איז אין דעם טאָג געווען אין די מאכלים, גאַל אינם וויין. אומעט האָט די קאַוואַלערן געשטיקט אין די העלדזער, א געפּל פון טרערן האָט זיי פארשטעלט די ראיה. די אָפּשיד-טאָסטן זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך כליפּען. אך, ווי גרויזאם דאָס לעבן איז! פון היינט אָן וועט דער פּאַטראָן יוליוס לעבן בלויז מיט דער בענקשאפט צו די הער-לעכע איבערלעבונגען אין עקעבי. זיינע ליפּן וועלן זיך שוין נישט מער פארציען צו א שמייכל, די לוסטיקע לידלעך וועלן אין זיין זכרון אָפּשטארבן ווי די בלומען אויף הארבסטיקן באָדן. ער וועט ווערן בלאס, אָפּפאַלן פון די כוחות און פאר-וועלקן, ווי א פראָסט-געשעדיקטע רויז, ווי א דורשטיקע ליליע. קיינמאָל מער וועלן שוין די קאַוואַלערן זיך נישט זען מיטן אָרימען פּאַטראָן יוליוס! שווערע, אומעטיקע פאָרגעפילן זענען אים אדורכגעלאָפן דורך זיין נשמה, — ווי די שאָטנס פון וואָלקנס, וואָס ווערן געיאָגט דורכן שטורם און פאלן אויף פריש-צעאַקערטער ערד. דער פּאַטראָן יוליוס האָט געזאָלט אהיימפאָרן, כדי צו שטארבן אויף זיין אייגן בעט.

שיינענדיק פון געזונט און קראפט, איז ער אצינד גע-שטאנען פאר זיינע חברים. קיינמאָל וועלן זיי שוין אים נישט מער זען אין אזא מעמד. קיינמאָל מער וועלן זיי נישט קאָנען אין שפּאַס אים פרעגן, ווי לאנג איז שוין, אז ער האָט נישט געזען זיינע אייגענע פינגער פון די פיס, קיינמאָל וועלן זיי זיך שוין נישט מער קאָנען ווינטשן צו האָבן זיינע קיי-לעכדיקע באקן אלס באלן צום קעגלשפּיל. ער האָט זיי פאר-זיכערט, אז דאָס חלאת איז אים שוין פארקראָכן טיף אין די לונג-און-לעבער, און דאָס האָט אים ממש אויס מענטש געמאכט. ער האָט עס שוין לאנג געפילט, און ער האָט גע-וואוסט, אז זיינע טעג זענען שוין געציילטע, און דעריבער

האָט ער געוואָלט אהיימפאָרן, כדי צו שטארבן אויף זיין אייגן בעט.

אך, זאָלן אים כאָטש די קאוואלערן האָבן אין אייביקן אָנדענק! זאָלן זיי אים כאָטש תמיד דערמאָנען צום גוטן, און נישט פארגעסן אָפצוזריכטן הזכרות נאָך זיין נשמה!

די פליכט האָט אים גערופן. אין דערהיים איז געזעסן זיין אלטע מאמע און געווארט אויף אים. זיבצן יאָר צייט האָט זי זיך שוין אויסגעוויינט אירע אויגן און געווארט, ער זאָל אהיימקומען פון עקעבי. איצט האָט זי צו אים אָנגעשריבן א שטרענגן ארויספאָדער-בריוו, דעריבער האָט ער איר שוין געמוזט צוליב-טון. ער האָט געוואוסט, אז דאָס וועט פאר אים זיין א טויט. אָבער אלס גוטער זון האָט ער באשלאָסן פאר יעדן פרייז צו טון זיין פליכט לגבי זיין אלטער מאמע.

אך, סארא שאָד עס זענען אים געווען די הערלעכע סעודות! סארא שאָד ס'איז אים געווען דער שטאָלצער, מעכטיקער וואסערפאל און די חנעוודיקע שטראנד-לאָנקעס! סארא שאָד עס זענען אים געווען די פריילעכע שמחות, די ווייסע, גלאטיקע טאנץ-פאָדלאָגעס, דער ליבער קאוואלערן-פליגל, צו וועלכן ס'האָבן אים צוגעבונדן אזוי פיל הערלעך-זיסע זכרונות! אך, איר פידלען און וואלד-פלייטן! אך, דו שיין לעבן אין גליק און אין פרייד! א טויט איז עס צו שיידן זיך מיט דעם אלעם!

דערנאָך איז פּאַטראָן יוליוס אריינגעגאנגען אין קיך און זיך געזעגנט מיט דער דינערשאפט. שטארק גערירט פון דער הארציקער אָפשיד-סצענע, האָט ער ארומגענומען און געקושט יעדן איינציקן, אָנהויבנדיק פון דער הויז-פארוואלטערין ביז צו דער לעצטער שווארץ-ארבעטערין. די דינסטמיידלעך האָבן געוויינט און געקלאָגט איבער זיין ביטערן גורל, נעבעך. זיי איז אויך געווען א שאָד, וואָס אזא פריילעכער, גוטער מענטש האָט געזאָלט אהיימפאָרן שטארבן, און זיי וועלן אים שוין קיינמאָל נישט מער זען!

לסוף האָט זיך פּאַטראָן יוליוס געהייסן ארויספירן זיין בריטשקעלע פון דער וואָגן-שאָפּע און זיין פערדל פון שטאַל.

מיט א געבראָכענער שטים האָט פּאַטראָן יוליוס ארויס-געגעבן דעם דאָזיקן באַפעל. ווער ווייסט, ווי די אלטע קליא-טשע „קאַיסאַ" וועט דאָס אויפנעמען? זיבצן יאָר צייט ווי זי רוט-אָפּ ביי א פולער קאָריטע, און איצט האָט זי ווי-דער געזאָלט שלעפּן איר אלט בינטל ביינער איבער בערגלעך און טאָלן! און די אלטע בריטשקע זיינע האָט נישט געקאָנט אין אומגעשטערטער רו צעפוילט ווערן אין דער וואָגן-שאָפּע, ווי ס'האָט טאקע געדארפט זיין דער גורל פון אן עקקעביער קאוואלערס פּאָר-געצייג? ער האָט נישט געוואָלט אויסרעדן עפּעס שלעכטס אויף זיין אייגענער מוטער, נאָר זי האָט אָבער פּאָרט געדארפט א טראַכט-טון וועגן דעם פערד און בריטשקע, — שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס זי האָט נישט איבערגע-קלערט, וואָס ס'וועט ווערן פון איר זון, נאָכדעם ווי ער וועט פארלאָזן עקעבי מיט דעם כל-טוב דאָרט. ווי אזוי האָבן די אלטע קליאטשע און די האלב-צעפוילטע בריטשקע געזאָלט קאָנען אויסהאלטן אזא לאנגע נסיעה?

צום ערגסטן איז אָבער געווען דאָס געזעגענען זיך מיט די קאוואלערן.

דער קליינער פאטראָן יוליוס, וועלכער איז געווען קיי-לעכדיק ווי א פעסל, און וועמען ס'וואָלט א סך גרינגער גע-ווען זיך צו קאָלערן ווי צו גיין, איז אין אלע זיינע רמ"ח אברים געווען אדורכגענומען מיטן טראגיזם פונם מאָמענט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם גרויסן גריך סאָקראַטעס, וועלכער האָט רואיק אויסגעטרונקען דעם בעכער סם אין קרייז פון זיינע תלמידים. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן דעם אלטן שוועדישן מלך גוסטאַוו וואַזאַ, וועלכער האָט פאָראויס-געזאָגט, אז ס'וועט נאָך קומען א צייט, ווען דאָס שוועדישע פאָלק וועט זיך אין אן עת-צרה דערמאָנען, וואָס ער האָט אויפגעטון פאר שוועדן און אים פון קבר וועלן ארויסנעמען.

צום סוף האָט ער פאר זיי געזונגען זיין בעסט לידל.

ער האָט בשעת-מעשה געטראכט וועגן דעם שוואַן, וואָס שטארבט מיט א געזאנג. אָט אזוי טאקע האָט ער געוואָלט, זיי זאָלן אים מזכיר זיין: א מלכותדיקער גייסט, וואָס האָט זיך נישט אראָפּגעלאָזט צום ווײַ-קלאָגן פון א פשוטן בשר-ודם, נאָר ער איז אוועקגעשוואומען פון דער וועלט אויף די פּאליעס פון וואוילקלינגענדיקן געזאנג.

ענדלעך האָט מען שוין געהאט אויסגעלײַדיקט דעם לעצטן בעכער, אָפּגעזונגען דאָס לעצטע לידל, אויסגעטוישט די לעצטע אומארמונג. פּאטראָן יוליוס האָט אָנגעטון זיין רייזע-מאנטל און גענומען די בייטש אין האנט. אלע האָבן געהאט טרערן אין די אויגן, און ער אליין האָט שוין גאָר-נישט געזען וואָס ארום אים טוט זיך, — אלץ צוליב דעם דאָזיקן פייכטן שלייער פון צער, וואָס האָט אים פארשטעלט די ראיה.

אין דער לעצטער רגע האָבן אים די חברים א נעם-געטון אויף די הענט און אראָפּגעטראָגן פון די שטיגן, און בשעת-מעשה האָבן די הורא-אויסרופן געדונערט ארום אים. זיי האָבן אים ערגעץ-וואו אוועקגעזעצט, — ער האָט אליין נישט געזען אויף וואָס, — א בייטש האָט א קנאַל-געטון, און ער האָט דערפילט ווי דער וואָגן, אויף וועלכן מען האָט אים אוועקגעזעצט, האָט גערירט פון אָרט; ער פאָרט, ער איז אלזאָ שוין אוועקגעפאָרן פון עקעבי!...

ווען ער האָט ווידער באקומען די ראיה, האָט ער דער-זען, אז ער געפינט זיך שוין העט ווייט אויפן שליאך.

די קאוואלערן האָבן, אמת, טאקע שטארק געוויינט און זיי זענען טיף דערשיטערט געווען פון צער צוליב זיין אָפּ-פאָרן; דאָס האָט אָבער פאָרט נישט געקאָנט אינגאנצן דער-שטיקן זייער נטיה צו קאטאָוועס-טרייבן. מען ווייסט נאָך עד-היום נישט, ווער ס'האָט אָפּגעטון דאָס דאָזיקע שטיקל אר-בעט, — צי דאָס איז געווען יעסטאַ בערלינג, דער פּאָעט, צי בערענקרייץ, דער אָקע-שפּילער און אלטער קריגסמאן, אָדער דער לעבנס-מידער קוזין קריסטאָפער, — אָבער אלנפאלס האָט

עס איינער פון זיי אזוי פאראַרבעט דעם עסק, אז די אלטע קליאַטשע „קאַיסאַ״ האָט פאַרשפּאָרט צו פאַרלאָזן די אָנגעפּיל־טע קאָריטע און די האַלב־צעקרישלטע בריטשקע האָט אויך פאַרשפּאָרט זיך מטריח זיין פון דער אלטער וואָגן־שאָפּע. מען האָט איינגעשפּאַנט א גרויסן, שעקיקן אָקס אין א היי־וואָגן, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעלייגט דעם רויטן קופערט, דאָס גרינע פעסעלע און דאָס געשניצטע שפּייז־קעסטל, נאָכדעם האָט מען דעם פּאַטראָן יוליוס, וועלכער האָט גאָרנישט גע־קאָנט זען צוליב די טרערן, אויך אַרויפגעזעצט, אָבער נישט אויפן שפּייז־קעסטל אָדער אויפן קופערט, נאָר אויפן רוקן פונם אָקס.

יאָ, יאָ, דער מענטש איז שוין אזוי: צו שוואַך צו באַ־געגנען דעם צער אין זיין גאַנצער ביטערקייט! געוויס האָבן די קאַוואַלערן מיט צער אין הארצן פאַרגאָסן טרערן צוליבן אָפּפאָרן פון זייער ליבן פריינט, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אהיים, כדי צו שטאַרבן אויף זיין אייגן בעט. געוויס האָבן זיי זיך שטאַרק מצער געווען צוליב זייער טייערן חבר, וואָס וועט נעבעך דאַרן ווי די לילי‌ע, וואָס וועלקט פון דורשט, און וועט נעבעך אויסגיין פון בענקשאַפט, ווי דער שטערב־לעך פאַרוואונדעטער שוואַנען־זינגער. אָבער פאַר זייער צע־בראָכן געמיט איז עס פאָרט געווען א לינדערונג צו זען אים אוועקרייטן אויפן רוקן פונם שעקיקן אָקס, צו זען ווי זיין מגושמדיקער גוף האָט זיך געטרייסלט פון העפטיקן אָפּשיד־כליפּן. סאַרא נחת ס׳איז פאַר זיי געווען זיך צוצוקוקן, ווי זיינע אָרעמס האָבן זיך אויסגעשפּרייט צו דער לעצטער אומ־אַרמונג מיט זיינע ליבהאַרציקע חברים, — אָבער זיי האָבן בלויז אַרומגענומען דעם אָקס. און ווי ר׳האָט נאָכדעם אויפ־געהויבן זיינע נאַסע אויגן צום הימל, אפנים זוכנדיק דאָרט גערעכטיקייט.

ערשט ווען ער איז שוין געווען ווייט אויפן שליאַך, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט, און דערזען, אז ער געפינט זיך אויפן צעהוידעטן

דוקן פון עפעס א משונהדיקער חיה, און האָט משמעות זיך גענומען שטארק גריבלען אין דעם אלעם, וואָס איז פארלאָפן אין משך פון די זיבצן יאָר וואָס ער איז געווען אין עקעבי. די אלטע „קאיסאַ" האָט זיך פארענדערט נישט צום דערקענען. צי האָט עס טאקע דער האָבער און די קאָנטשינע פון די עקעביער לאָנקעס געהאט אזא ווירקונג אויף איר? און דאן האָט ער אויסגערופן — הגם כ'ווייס בנאמנות נישט, צי די שטיינער אויפן שליאך, אָדער די פייגל אין די קוסטעס האָבן עס געהערט, — אָבער אמת איז, אז ער האָט דאן אויסגערופן:

— צו אלדי רוחות, „קאַיסאַ", כ'וואָלט אסור נישט געוואָלט שווערן, אז דו האָסט אויף דער עלטער באקומען א פּאָר הערנער!

א ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך פּאוואָלינקע אראָפּגע-גליטשט פונם אָקס, ארויפגעקראָכן אויפן וואָגן און געפאָרן ווייטער, פארטיפט אין שווערע מחשבות.

און אין א ווײַלע ארום, בשעת ר'איז צוגעקומען נאָנט צו ברובי, האָט ער דערהערט א מארש-ליד:

איינס, צוויי, דריי,
דער האָז שפּרינגט פארביי,
רויטע פוקסן לויפן אַ גאלאָפּ,
שרייען די יעגערס האָפּ-האָפּ-האָפּ!

אָט אזוי האָט עס אים אקעגנגעקלינגען.

דאָס זענען אָבער נישט געווען קיין יעגערס, נאָר די פרײלעכע מיידלעך פון בערגאַ און אויך דעם מונקערודער דיכטערס שיינע טעכטער, וועלכע האָבן דאָ געוואנדערט אי-בערן שליאך. זיי האָבן אָנגעבונדן זייערע שפּייז-קלומעקלעך אויף לאנגע שטעקנס, וואָס זיי האָבן פארלייגט אויף די אקס-לען ווי ביקסן, און כוואטסקע מארשירט אונטער דער ברע-נענדיקער זון, זינגענדיק נאָכאמאָל צום טאקט:

איינס, צוויי, דריי,
דער האָז שפּרינגט פארביי,
רויטע פוקסן לויפן א גאלאָפּ,
שרייען די יעגערס האָפּ-האָפּ-האָפּ!

— וואוהין לאָזט איר זיך עס אין וועג אריין, הער פּאטראָן יוליוס? האָבן זיי פּריילעך אויסגערופן, בשעת זיי האָבן אים דערזעען, נישט באמערקנדיק דעם געדיכטן וואָלקן פון עגמת-נפש, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיין שטערן.

— איך טרעט-אָפּ פון דעם מקום-מקלט פון זינד און פּוסט-און-פּאַסטקייט, האָט פּאַטראָן יוליוס געענטפערט. איך וויל זיך שוין נישט מער שטיקן צווישן ליידיקגייערס און רשעים. איך פאָר אהיים צו מיין אַלטער מאמע.

— העי, ס׳קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין! האָבן זיי אַלע מיט אמאָל אויסגערופן. דער פּאטראָן יוליוס וועט געוויס נישט פּאַרלאָזן עקעבי!

— דאָס טו איך טאקע יאָ! האָט ער אויסגערופן מיט רוגזה און א קלאפּ-געטון מיט דער פּויסט אין קופּערט. אזוי ווי לוט איז אנטלאָפן פון סדום-ועמורה, אזוי אנטלויף איך פון עקעבי. איצט איז שוין דאָרט נישט פאראן קיין אָרנטלע-כער מענטש אפילו אויף א רפואה, הלוואי זאָל די ערד איינ-זינקען אונטער זיי און א מבול פון פּעך און שוועבל זאָל אראָפּכליאסקען פון הימל און זיי אַלע דערטרינקען! דאן וועל איך זיך פרייען מיט גאַנס געדעכטן משפּט. זייט געזונט, מיידלעך, און זעט, אז אייער פוס זאָל נישט קומען נאָענט פון עקעבי!

און ער האָט געוואָלט ווייטער פאָרן, אָבער — לא מיט אן אלף! די פריילעכע מיידלעך האָבן אים פארשטעלט דעם וועג און נישט געלאָזט אָנטרייבן דעם ביק. זיי האָבן בדעה געהאט ארויפצוקלעטערן אויפן „דונער-בארג״, ס׳איז אָבער געווען זייער ווייט אהינצו, האָבן זיי געוואָלט צופאָרן מיט יוליוסעס היי-וואָגן.

גליקלעך זענען די מענטשן, וואָס קאָנען זיך פרייען מיט דער ברענענדיקער זונען-שיין פונם לעבן און זוכן נישט קיין שוץ פאר זייער קאָפּ! אין משך פון צוויי מינוט האָבן די מיידלעך שוין געהאט דורכגעזעצט זייער ווילן. פּאַטראָן יוליוס האָט בלית-ברירה געמוזט פארקירעווען דעם דישל אויף

צוריק, אין דער ריכטונג צום „דונער־באנג". ער האָט זיך אַרציק צעלאכט, בשעת ר'האָט געזען, ווי דער וואָגן איז עוואָרן אָנגעלאָדן מיט מיידלעך. זיי זענען איצטער געפאָרן איבער א וועג, וואָס ביי זיינע קאנטן זענען געוואקסן מאר־גאריטקעס, רומעניק און וויקע. דער אָקס האָט זיך פון צייט צו צייט געמוזט אָפּרוען. די מיידלעך זענען דאן אראָפּ פונם וואָגן און געריסן בלימלעך, און באלד זענען יוליוסעס שטרויע־נער הוט און די הערנער פונם אָקס געווען באפוצט מיט קאָלירטע קרענץ.

אביסל וויטער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף א קליין וועלדל פון יונגע העלע בזשאָזעס און טונקעלע אָלשינע־קוסטעס. אלע מיידלעך זענען ווידער אראָפּ פונם וואָגן און אָפּגעבראָכן צווייגלעך, כדי צו באפוצן דעם היי־וואָגן, וואָס האָט טאקע באלד באקומען דעם אויסזען פון א וואנדערנדיק וועלדל. און אזוי האָט מען זיך אין פארלויף פון א גאנצן טאָג זייער גוט געוויילט.

וואָס שפּעטער אין טאָג־אריין, איז פאטראָן יוליוס אלץ מילדער געוואָרן און בעסער געשטימט. ער האָט אָנגעהויבן מכבד־זיין די מיידלעך מיט זיין צדה־לדרך און געזונגען פאר זיי זיינע בעסטע לידלעך. סוף כל סוף זענען זיי ארויפגעקו־מען אויפן שפּיץ פונם „דונער־בארג" און דערזען די אומ־געגנט אויסגעשפּרייט אונטער זייערע פיס. זי איז דאָרט גע־לעגן אזוי פראכטפול און שטאָלץ, אז פון אנטציקונג האָבן זיי אזש באקומען טרערן אין די אויגן!

פאטראָן יוליוס האָט דערפילט, ווי ס'הארץ האָט אים געגומען קלאפּן געוואלטיק שטארק, די ווערטער האָבן שטור־מיש ארויסגעבראָכן איבער זיינע ליפּן, און ער האָט אימ־פּראָוויזירט א לויב־געזאנג צו זיין ליבן לאנד:

— אך, ווערמלאנד, דו שיינע, דו הערלעכע געגנט! אָפטמאָל, בשעת, כ'האָב זיך צוגעקוקט צו דיינע גרעניצן אויף א לאנד־קארטע, האָב איך זיך פארטראכט וועגן דעם, וואָס אזוינס אייגנטלעך ביזסטו, אָבער ערשט איצט פארשטיי איך עס. דו

ביזט אין אלטער פרומער נזיר, וועלכער זיצט שטיל אויף אן אָרט און טרוימט, פארלייגנדיק אונטער זיך אין א קרייץ די פיס, מיט די הענט אויף דער שויס, מיטן שפיציקן היטל אראָפּגעצויגן איבער די האלב-פארמאכטע אויגן. דו ביזט א טיפער בעל-מחשבות, א הייליקער טרוימער, און צו דעם אלעם ביזסטו אויך וואונדערבאר שיין. גרויסע וועלדער זענען דיין מאנטל, אין וועלכן דו הילסט זיך איין. לאנגע בענדער פון בלויע וואסערן און לאנגע רייען פון גרינע בערגלעך באַזוי-מען אים. דו ביזט אָבער ביי דיין גרויסארטיקער שיינקייט אזוי באשיידן, אז דער פרעמדער וואנדערער באמערקט נישט דיין פראכט. דו ביזט אזוי אָרים, ווי דער אָפּגעהיטענער תנא שטרעבט צו זיין. דו זיצסט פארזונקען אין הייליקע מחשבות, און בשעת-מעשה שווענקען דיר די מעכטיקע פאליעס פון דער ריזיקער ווענערן דיינע געקרייצטע פיס. לינקס האָסטו דיינע רייכע רודע-פעלדער און גרובן, — דאָרט קלאפט דיין הארץ, און אין צפון ציען זיך די ווייטקייטן פון דיינע סודותפולע, ויסטע, אָבער דאָך אזוי רייצנד שיינע סביבות: דאָרט איז דיין פארחלומטער, פארטראכטער קאָפּ.

בשעת איך זע דיך, אָ דו פארדאגהטער ריז, מוז מיין אויג פול-ווערן מיט טרערן. שטרענג איז דאָס געשטאלט פון דיין שיינקייט: דו דערוועקסט צו תפילה, צו התבודדות, דו דערמאנסט וועגן אָרימקייט, וועגן דחקות, און דאָך באמערק איך אין דיין שטרענגקייט די חנעוודיקע שטריכן פון מילדקייט. איך קוק אויף דיר און איך פארגעטער דיך. טו איך נאָר א קוק ארײַן אין דער טיפעניש פון דיין וואלד, דערפיל איך נאָר כאָטש א בארירונג פון דיין קלייד, אזוי קומט תיכּף א רפואה-שלמה פאר מיין גייסט. א שעה נאָך א שעה, יאָר-איין יאָר-אויס האָב איך באטראכט דיין הייליקן פרצוף. סארא רעטעניש באהאלסטו אונטער דיינע אראָפּגעלאָזטע וויעס, אָ דו געטלעכקייט פון דחקות?! צי האָסטו שוין געלעזט דאָס רעטעניש פון קיום און טויט, אָדער דו גריבלסט זיך נאָך אלץ דערין? זאָג, דו הייליקער ריז! פאר מיר ביזסטו דער

היטער און פלעגער פון גרויסע, ערנסטע געדאנקען. נאָר איך זע אָבער, ווי אנדערע מענטשן קריכן איבער דיר און ארום דיר, און ס'קומט מיר פאָר, ווי די דאָזיקע באשעפענישן וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט באמערקט די מאיעסטעט פון ערנסט אויף דיין שטערן. זיי זעען בלויז די שיינקייט פון דיין פנים און פון דיינע אברים און ווערן פון דעם אזוי שטארק באצויבערט, אז זיי פארגעסן וועגן אלעם אין דער וועלט.

ווי איז צו מיר, ווי איז צו אונז אלע, צו אונז קינדער פון ווערמלאנד! שיינקייט, שיינקייט און קיין שום אנדערע זאך ווי נאָר שיינקייט פאָדערן מיר פון לעבן. מיר, קינדער פון דחקות, פון ערנסט, פון אָרימקייט, מיר הויבן־אויף אונזערע הענט אין איין לאנגער תפילה און פארלאנגען בלויז דאָס איינציקע גוטע: שיינקייט. הלוואי זאָל דאָס לעבן זיין א רויזן־צווייגל, און ס'זאָל בליען מיט ליבע, ווין און פארגעניגנס, און הלוואי זאָלן זיינע רויזן זיין אָנגעגרייט פאר יעדן איינציקן.

זעט איר, אָט־אָ דאָס ווינטשן מיר זיך, אָבער אונזער לאנד האָט דאָך גאָר אן אנדער מין פרצוף: שטרענגקייט, ערנסט און דחקות דריקן אויס זיינע געזיכטשטריכן. אונזער לאנד איז דער אייביקער סימבאָל פון טראכטן, הגם מיר אליין פארמאָגן נישט קיין שום געדאנקען.

אָ, ווערמלאנד, דו שיינע, דו הערלעכע געגנט!

אזוי האָט פאטראָן יוליוס גערעדט מיט טרערן אין די אויגן און מיט א קול, וואָס האָט געציטערט פון באגייסטערונג. די מיידלעך האָבן זיך פארחידושט צוגעהערט צו זיין לויבגעזאנג פאר דער ווערמלענדישער נאטור און זיי זענען געווען טיף גערירט. זיי האָבן זיך אָבער ווייניק־וואָס פארשטאנען אויף דער טיפעניש, וואָס איז געווען פארבאָרגן אונטער דער פון חוזק און קאטאָוועס בלינצלענדיקער אויבערפלאך.

פארנאכט־צו, ווען די פינסטערניש האָט שוין דערגרייכט ביז צום בארג־שפיץ, זענען זיי אלע צוריק ארויפגעקראָכן אויפן היי־וואָגן, און די מיידלעך האָבן גאָרנישט באמערקט,

וואוהין ער האָט זיי געפירט, ביז וואנען ער איז נישט גע־בליבן שטיין פאר די שטיגן, וואָס ביים עקעביער פּאלאץ.

— איצט, מיידלעך, וועלן מיר דאָ אריינגיין און מאכן א טענצל, האָט פּאטראָן יוליוס געזאָגט.

איר וועט אפשר פרעגן, וואָס די קאוואלערן האָבן גע־זאָגט דערצו, בשעת זיי האָבן דערזעען, ווי דער פּאטראָן יוליוס קומט צוריק מיט א פּארוועלקטן קראנץ ארום זיין הוט און א פולן וואָגן מיט מיידלעך?

— מיר זענען געווען זיכער, אז ער איז ערגעץ אוועק־געפאָרן מיט די מיידלעך, האָבן זיי געזאָגט, ווען נישט וואָלטן מיר אים דאָ שוין געווען געהאט נאָך מיט א פּאָר שעה פריער!

די קאוואלערן געדענקען גאנץ גוט, אז דאָס איז שוין דאָס זיבצנטע מאָל, וואָס דער פּאטראָן יוליוס געזעגנט זיך מיט עקעבי, דאָס הייסט, אז יעדעס יאָר מאכט ער א פּרווו אהיימצופאָרן. אָבער אין דער דאָזיקער רגע האָט שוין פּאט־ראָן יוליוס נעהאט פארגעסן סיי דעם איצטיקן פּרווו, סיי אלע פריערדיקע פּרוּוון. זיין געוויסן איז שוין ווידער איינגעשלאָפן אויף זיין אייניעריקן שלאָף.

סארא אויסערגעוויינלעכער מענטש דער פּאטראָן יוליוס איז געווען! ער איז געווען א פלינקער טענצער, א ליידנ־שאפטלעכער קאָרטן־שפּילער, ער האָט געקאָנט גוט פירן אי מיטן סמיטשיק, אי מיט דער פעדער. ער האָט געהאט א לייכט־געריירט הארץ, און אויך שיינע ריידעלעך אויף די ליפּן, און דער גאָרגל איז ביי אים תמיד פול געווען מיט לוסטיקע לידלעך. אָבער צו וואָס וואָלט אים דאָס אלץ געטויגט, אויב ער וואָלט נישט פארמאָגט א געוויסן, וואָס האָט פון זיך הערן געלאָזט בלויז איינמאָל אין יאָר, ווי די טאָג־פליגעלעך, וואָס באפרייען זיך פון די פינסטערע תהומען און טוען זיך אָן אין פליגעלעך, כדי צו לעבן בלויז א פּאָר קורצע שעהן אין טאָג־ליכט און זונען־שיין?

.26

די לײמענע הײליקע

די סוואַרטזשעאישע קירך איז ווײס געקאַלכט סײ פֿון אויסנווײניק, סײ פֿון אינעווײניק. ווײס זענען אירע ווענט, דער פּרײדיקער-בעלעמער, די שטענדערס, דער גאָרן, די פֿענסטער, דער טישטוך וואָס אויפֿן אַלטאַר... אַלץ איז דאָרט ווײס. אין דער סוואַרטזשעאישער קירך זענען נישט פֿאַראַן קײן שום באַפּוצונגען, קײן שום בילדער, קײן שום שוץ-שילדן מיט הערבן. איבערן אַלטאַר שטײט בלויז אַ הילצערנער צלם, איבערגעבונדן מיט אַ ווײסע לענטע.

אַמאָל איז דאָ אַנדערש געווען. אַמאָל איז דער סופֿיט געווען באַדעקט מיט געמעלן, און אין טעמפּל האָט זיך געפֿונען אַ שפּע פֿאַרשידנפֿאַרביקע פֿיגורן פֿון שטײן און לײם.

אײנמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, איז אַ קונסט-מאָלער געשטאַנען אויפֿן פֿעלד אין סוואַרטזשעי און זיך פֿאַרקוקט אויפֿן זומער-דיקן הימל און באַטראַכט דאָס ציען פֿון די וואָלקנס צו דער זון. ער האָט געזען, ווי די ווײסע, בלאַנקענדיקע וואָלקנס, וואָס הײבן זיך אויף אין באַגינען פֿון האָריזאָנט, קלעטערן אײנער איבערן אַנדערן אַלץ העכער און העכער, צעשפּרײטן זיך איבערן הימל און צעבונטעווען זיך, כּדי צו שטורמען די וועלטן. אָט האָבן זײ אָנגעבלאָזן זעגלען, ווי בײ שיפֿן. זײ האָבן אויפֿגעהויבן און פֿונאַנדערגעוויקלט פֿענער, ווי אַ חיל.

זיי, די וואָלקנס, זענען געגאנגען איינגעמען דעם גאַנצן הימל.

אָבער בשעת זיי זענען געקומען פּנים-אל-פּנים מיט דער זון — דער הערשערין פון רוימען — האָבן זיך די דאָזיקע אויסטערלישע, משונהדיקע מחבלים פארשטעלט פאר אומשול-דיקע לעמעלעך.

אָט איז, למשל, געווען דאָרט א בלוטדורשטיקער לייב מיט א ברייט פאנאנדערגעעפנטן פּיסק. ער האָט זיך פאר-שטעלט פאר אן אָנגעפּודערטער דאמע מיט א פּאַרוק. א ביסל ווייטער איז געווען א מעכטיקער ריז מיט א פּאָר צום קלאפּ אויסגעשטרעקטע גוואלטיקע אָרעמס. ער האָט זיך אוועקגעלייגט און זיך פארוואנדלט אין א פארטראכטן ספינקס. א טייל גע-שטאלטן האָבן צוגעדעקט זייער נאקעטקייט מיט גאָלד-באַזוימטע מאנטלען, אנדערע ווידער האָבן מיט רויטער שמינקע בא-שמירט זייערע שניי-ווייסע פּנימער. עס האָבן זיך געשאפן גרויסע שטח׳ס פלאך-לאנד, ריזיקע וועלדער זענען ארויסגעוואקסן, און ס׳האָבן זיך אויפגעשטעלט שלעסער און פּאלאצן מיט הויכע טורעמס. לסוף האָבן די ווייסע וואָלקנס באהערשט דעם גאנצן זומער-דיקן, סאפיר-בלויען הימל-געוועלב. זיי האָבן אויך דערגרייכט ביז צו דער זון און זי פארשטעלט.

אך, ווי הערלעך דאָס וואָלט געווען, האָט דער דאָזיקער פרומער קינסטלער געטראַכט, ווען די פארבענקטע גייסטער וואָלטן געקאָנט ארויפשטייגן אויף די דאָזיקע וואָלקן-בערג און געטראָגן ווערן דורך זיי, ווי אויף א צעוויגטער שיף, אלץ העכער און העכער, ארויף צו די וועלטן!

פּלוצלינג איז פאר אים קלאָר געוואָרן, אז די דאָזיקע ווייסע וואָלקנס פונם זומער-טאָג זענען טאקע די שיפן, אויף וועלכע ס׳פאָרן די נשמות פון די גאָט-געבענטשטע.

ער האָט זיי דערזעען אויף די ריזיקע שווימענדיקע וואָלקן-מאסעס, מיט ליליעס אין די הענט און מיט גינגאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ.

די לופט האָט געציטערט פון זייער שירה. מלאכים זענען אויף ברייטע פליגלען זיי אנטקעגן געפלויגן, כדי זיי מקבל-

פנים זיין. אָ, סאַראַ גרויסע מחנה נשמות דאָרט איז געווען · און וואָס מער די וואָלקנס האָבן זיך צעשפּרייט, זענען אַלץ מער און מער נשמות צוגעקומען. זיי האָבן גערוט אויפן ווייסן פּוך-געבעטעכץ פון די וואָלקנס, ווי די געלע וואַסער-ליליע רוט אויף דער פלאַך פון דער רואיקער סאַזשעלקע. און זיי האָבן זיי באַצירט, ווי די שלאַנקע ליליעס באַצירן אַ לאָנקע. סאַראַ פרײדפולע רייזע צום הימל דאָס איז געווען! איין וואָלקן האָט זיך געקייקלט נאָכן אַנדערן, און אויף אַלע האָבן זיך געפונען הימלישע חילות אין זילבערנער באַוואָפענונג און אומ-שטערבלעכע משוררים אין שניי-ווייסע מאַנטלען, באַזוימטע מיט פּורפּורנע לענטעס.

דער דאָזיקער קינסטלער האָט עס שפּעטער געמאָלט דעם סופיט פון דער סוואַרטזשעאישער קירך. ער האָט געוואָלט איבערגעבן זיין איינדרוק פון די שווימענדיקע זומער-וואָלקנס, וואָס האָבן אַריינגעפירט די הייליקע נשמות אין דער הער-לעכקייט און פּראַכט פונם מלכות-השמים. די האַנט, וואָס האָט געפירט מיטן פּענזל, איז אפילו געווען אַ שטאַרקע, אָבער אַביסל אַ שטייפע, און די וואָלקנס האָבן דעריבער גיכער דער-מאָנט אָן די געקרייזלטע לאָקן פון אַ לאַנג-האָריקן וואָלענעם פּאַרוק, וואָס מען פלעגט פּאַרצייטנס טראָגן, איידער אָן באַרג-פּאָרמאַציעס פון ווייכן ווייסן נעפּל. די געשטאַלטן, וואָס די הייליקע אויף די וואָלקן-שיפן האָבן אָנגענומען אין זיין פּאַנ-טאַזיע, איז ער נישט געווען ביכולת איבערצוגעבן אין פאַרבן אויפן סופיט פון דער קירך. ער האָט זיי גאָר, לויטן מענטשישן שטייגער, איינגעהילט אין לאַנגע רויטע מאָנאַכישע כאַלאַטן, מיט הויכע, שטייפע ביסקופּישע היטלען, אָדער אין שוואַרצע קאַפּטאַנעס מיט ווייסע האַרט-געפּרעסטע, פּליסירטע גלחישע קראַגנס.

ער האָט זיי באַשאָנקען מיט גרויסע קעפּ און קליינע גופים, און יעדן פון זיי האָט ער באַזאָרגט מיט אַ פּאַטשיילע און אַ געבעט-ביכל. לאַטײנישע פּסוקים זענען ביי זיי געפלויגן פון די מיילער אַרויס, און די וועלכע זענען לויט זיין מיינונג

געווען די חשובסטע צווישן די הייליקע, האָט ער אוועקגעזעצט אויף גראָבע הילצערנע בענקלעך, כדי זיי זאָלן וואָס באַקוועמער קאָנען אריינפּאַרן אין דער אייביקייט.

אָבער, נישקשה, יעדער איינציקער האָט סיי ווי געוואוסט, אז קיין שום גייסטער און מלאָכים האָבן זיך נישט באוויזן פאר דעם אָרימען קינסטלער און דעריבער האָט מען זיך נישט אזוי שטארק געחידושט, וואָס ער איז נישט ביכולת געווען צו מאכן זיי אזוי איבער-ערדיש שיין. די פרומע בילדער פונם באשיידענעם קינסטלער האָבן אלנפאלס שטארק נושא-חן געווען אין די אויגן פון די דאָרפישע מתפללים און געוועקט אין זיי א שטארקע רעליגיעזע שטימונג. כ'לעבן, די דאָזיקע הייליקע בילדער זענען ווערט געווען, מיר זאָלן זיי אויך אָנקוקן מיט אונזערע אויגן!

אָבער אין דער צייט פון די קאוואלערנס ממשלה האָט דער גראף העגריק דאָנאַ געלאָזט אויסקאַלכן די גאנצע קירך. דעמאָלסט איז דאָס סופיט-געמעלעכץ חרוב געוואָרן, דאָסגלייכן זענען אלע ליימענע פיגורן פון די הייליקע אָפגערוימט געוואָרן.

אך, די דאָזיקע ליימענע הייליקע-פיגורן!

איך פארשטיי אליין אויך, אז ס'וואָלט פיל גלייכער געווען, איך זאָל זיך אזוי מצער זיין צוליב אן אומגליק מיט מענטשן, ווי צוליב דעם אונטערגאנג פון די ליימענע הייליקע, אז איך זאָל אזוי דערצאָרנט ווערן פון מענטשנס אכזריות לגבי זייערע מיטמענטשן, ווי איך בין עס געוואָרן צוליב דער מפּלה פון די דאָזיקע פיגורן.

אָבער שטעלט אייך נאָר פאָר: דאָרט איז געווען א הייליקער אָלאָף, מיט א קרוין ארום זיין העלם, מיט א האק אין האנט, און א קניענדיקן, באזיגטן ריז אונטער זיינע פיס. אויפן באלעמער איז געשטאנען יהודית אין א רויט קאָפּטל און בלויען קליידל, מיט א שווערד אין איין האנט און אין דער צווייטער האנט א וואסער-זייגער, אָנשטאָט דעם קאָפּ פון האָלאָפערנעסן. דאָרט איז אויך געווען א סודותפולע מלכּה שבא, אין א בלויען קאָפּטל און – רויטן קליידל, מיט איין פוס אין דער

פאָרם פון אַ געגנזנפיסל און מיט אַ פּאַק סיבילישע ספרים אויף די הענט; ווייטער אַ ביסל איז אויף אַ באַנק אויף דער כאַר-בימה געלעגן דער הייליקער יעראַן*), וואָרום סיי דאָס פערד און סיי דער פּיפּערנאָטער זענען צעבראָכן געוואָרן. ווייטער, — דער הייליקער קריסטאָפער מיט דעם בליענדיקן שטעקן, און דער הייליקער עריק מיטן סצעפּטער און מיט דער האַק אין האַנט, אָנגעטון אין אַ גאָלד-בלומיקן מאַנטל ביז איבער די פיס.

איך בין דאָרט אָפּטמאָל געזעסן בשעת דער זונטאָג-דיקער גאָט-דינסט און זיך מצער געווען, וואָס די בילדער און פיגורן זענען שוין נישטאָ, און כ'האָב שטאַרק געבענקט נאָך זיי. איך וואָלט שוין אויף אַזוי ווייט נישט נאָכגעקוקט, כ'וואָלט שוין באַשטאַנען, אַז ס'זאָל זיי פעלן די נאָז אָדער אַ פוס. יאָ, אפילו אויב דאָס פאַרגילדעכץ וואָלט פון זיי אינגאַנצן אָפּ-געריבן געוואָרן. דער גלאַנץ פון דער לעגענדע וואָלט פאַר מיר פאַרשטעלט די אַלע חסרונות.

מען דערציילט, אַז די פּאַראַפּיע האָט תמיד געהאַט גרויסע הוצאות צוליב די דאָזיקע הייליקע. דאָ האָבן זיי פאַרלוירן אַ סצעפּטער, אָדער די אויערן אָדער די הענט, און מען האָט זיי כסדר געמוזט פאַריכטן און פּוצן, און דעריבער האָט מען שוין געוואָלט פּטור ווערן פון זיי. נאָר ס'איז מער ווי זיכער, אַז די פּויערים וואָלטן סוף-כל-סוף נישט געטון קיין עוולה די דאָזיקע הייליקע, ווען נישט דער גראַף דאַנאַ. דאָס האָט ער געהייסן זיי אַרויסוואַרפן פון דער קירך.

איך האָב אים דערפאַר אַזוי געהאַסט, ווי נאָר אַ קינד קאָן האַסן. איך האָב אים געהאַסט, ווי דער אויסגעהונגערטער בעטלער האַסט די שלעכטע באַלעבאָסטע וואָס קאַרגט אים אַ שטיקל ברויט צו דערכאַפּן ס'פאַרחלשטע האַרץ. איך האָב אים געהאַסט, ווי אַן אָרימער פישער האַסט דעם לאָבוז, וואָס האָט אים צעריסן זיין פיש-נעץ און געמאַכט אַ לאָך אין זיין איינציק שיפל. בין איך דען נישט געווען הונגעריק און דור-

---

*) אַ וואָרט פון נאָמען געאָרג. מ. פ.

שטיק בשעת די דאָזיקע לאַנגע גאָט-דינסטן? און ער, דער רשע, האָט צוגענומען דאָס ברויט, וואָס וואָלט געווען די חיונה פאַר מיין גייסט. ער האָט צעבראָכן מיין שיפל און צעריסן מיין נעץ, מיט וועלכע איך וואָלט געקאָנט פאַנגען הייליקע ווזיעס.

דערוואַקסענע מענטשן קאָנען נישט פילן די אמתדיקע שנאה. וואָלט איך דען ביי היינטיקן טאָג געקאָנט האסן אזא נעבעכדיק פאַרשוינדל, ווי דער שוטהוואַטער גראף העגריק דאָנאַ, אָדער אזא משוגענעם, ווי דער בייזוויליקער סינטראַם, אָדער אזא אָפּגעלעבטע וועלט-דאַמע, ווי די גרעפין מערטאַ? אָבער ווען כ׳בין געווען א קינד!... זייער גליק איז עס געווען, וואָס זיי זענען שוין דעמאָלסט פון לאַנג געלעגן אין דער ערד! — — —

בשעת איך בין אדורכגענומען געוואָרן פון די דאָזיקע געפילן פון האַס, איז דער גלח אפשר גאָר אין דער זעלבער רגע געשטאַנען אויפן באַלעמער און געדרשנט וועגן שלום-ושלוה אויף דער ערד, אָבער צו אונזער אָרט אין קירך האָבן זיינע ווערטער נישט דערגרייכט. אַך, וואָלט איך דאָרט געהאַט כאָטש די ליימענע הייליקע! זיי וואָלטן שוין זיכער אזוי געפּריידיקט פאַר מיר, אז כ׳זאָל זיי קאָנען הערן און פאַרשטיין!...

אָפטמאָל בין איך געזעסן און זיך פאַרטראַכט איבער דער געשיכטע פון זייער חורבן.

בשעת גראף דאָנאַ האָט געלאָזט מבטל-מאַכן זיין הייראַט מיט דער גרעפין עליזאַבעט, אנשטאָט אויפצווזוכן זי און לעגאַליזירן זייער פאַרבינדונג, האָט דער דאָזיקער שריט זיינער ארויסגערופן אלעמענס צאָרן, מחמת מען האָט געוואוסט, אז זיין ווייב איז פון אים אנטלאָפן בלויז דערפאַר, כדי נישט ווערן פאַרפייניקט צום טויט. האָט ער, משמעות, געוואָלט צוריקגעווינען גאָטס חסד און די אכטונג ביי מענטשן דורך מעשים טובים. און דערפאַר טאקע האָט ער אויף זיינע הוצאות געלאָזט רעמאָנטירן די סוואַרטזשעאישע קירך. ער האָט גע-

לאָזט אויסקאַלכן די קירך סיי פון אויסנווייניק סיי פון אינעווייניק, און געהייסן אָפּקראַצן דאָס גאַנצע סופּיט-געמעלעכץ. ער אַליין און זיינע פאַראָבקעס האָבן צוגעהאָלפן אַרויסטראָגן די ליימענע הייליקע פיגורן פון דער קירך, אַריינגעלייגט זיי אין אַ שיפל און אַריינגעוואָרפן אין דער לעיווען.

ווי האָט ער עס געהאַט די העזה אויפצוהויבן זיין האַנט קעגן די דאָזיקע געטלעכקייטן?

ווי האָט מען עס געקאָנט דערלאָזן צו אַזאַ מין רשעות! צי האָט די האַנט, וואָס האָט אָפּגעהאַקט האָלאָפערנעסעס קאָפּ, שוין נישט מער געקאָנט פאָכן מיט דער שווערט? צי האָט די מלכה פון שבא שוין געהאַט פאַרגעסן איר גאַנצע מיסטישע חכמה, וואָס קאָן פאַרשאַפן פיל ערגערע וואונדן, ווי אַ פאַרסמטע פייל? אָ, הייליקער אָלאָף, דו אַלטער וויקינג *), און דו, הייליקער יעראַן, דו אַלטער באַצווינגער פון פּיפּער-נאָטערס, צי זענען שוין אָפּגעשטאָרבן די אָפּקלאַנגען פון אייערע העלדישע מעשים, צי איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן דער אָרעאָל אַרום דער לעגענדע וועגן אייערע נסים?

איך קלער אָבער, אפשר האָבן די הייליקע נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט גוואַלט-מיטלען קעגן די צעשטערער? אַזוי ווי די פּויערים פון סוואַרטזשעי, האָבן שוין סיי-ווי נישט געוואָלט מער לייגן קיין הוצאות אויף פאַרב צו זייערע קאָפּטאַנעס און אויף באַגילדעכץ צו זייערע קרוינען, דעריבער האָבן זיי אפשר צוגעלאָזט, אַז דער גראַף דאָנאַ זאָל זיי אַרויסטראָגן פון דער קירך און אַראָפּלאָזן אין דער טיפעניש פון דער לעיווען. זיי האָבן שוין, משמעות, נישט געוואָלט דאָרט לענגער שטיין און פאַרמיאוסן דאָס געטלעכע הויז. אָ, די הילפלאָזע: צי האָבן זיי נאָך געזשענקט די צייטן, ווען מען איז געפאַלן כורעים און תפילה-געטון צו זיי?

איך בין אַמאָל געזעסן און געטראַכט וועגן דעם שיפל מיט דער לאַדונג פון הייליקע, וואָס האָט זיך אין אַ שטילן

*) וויקינגען — היסטאָרישע סקאַנדינאַווישע ים-רויבער. מ. פ.

זומער־אָוונט געגליטשט איבער דער גלאַטיקער פלאַך פון דער לעיווען. דער פארשוין, וואָס האָט פאַמעלעך געדרודערט האָט זיך שרעקעוודיק אומגעקוקט אויף די משונהדיקע פאַטאַזשירן אין זיין שיפל, נאָר דער גראַף דאָנאַ, וועלכער איז אויך מיט־געפאָרן האָט נישט מורא געהאַט. ער האָט זיי מיט זיינע אריסטאָקראַטישע הענט גענומען איינעם נאָכן אנדערן און אריינגעשליידערט אין וואַסער. זיין פנים האָט אפילו קיין צוק נישט געטון און ר׳האָט גאַנץ רואיק געאָטעמט. ער האָט זיך געפילט ווי א קעמפער פאַר דער ריינער צוואַנגעלישער אמונה. און קיין שום נס איז נישט געשען לטובת די דאָזיקע אַלטע הייליקע. זיי זענען אראָפגעזונקען שטיל און אָן שום ווידער־שטאַנד.

אָבער דעם קומענדיקן זונטאָג האָט די סוואַרטזשעאישע קירך געשיינט פון ווייסקייט. קיין שום בילדער האָבן שוין נישט מער געשטערט די אינערלעכע דבקות פון די מתפללים. בלויז מיט די אויגן פון זייער נשמה האָבן איצט די פרומע מתפללים געקאָנט זען די הערלעכע הימלישע וויזיעס און די פנימער פון די הייליקע הימל־איינוואוינער. די תפילות וועלן שוין איצט אויף אייגענע פליגלען ארויפפליען צום כסא־הכבוד, נישט אָנכאַפנדיק זיך א פריער אָן די מאַנטל־זוימען פון די הייליקע.

אך, גרין איז די ערד, דעם מענטשנס באַליבטע וואוינ־אָרט, און בלוי איז דער הימל, — דער ציל פון זיין בענק־שאַפט. די גאַנצע וועלט שטראַלט פון פארבן, פאַרוואָס־זשע איז די קירך ווייס? ווייס ווי דער ווינטער, נאַקעט ווי די אָרימקייט, בלאַס ווי דער פחד! זי גלאַנצט נישט פון טוי־פראָסט ווי דער וואַלד אין ווינטער. זי שטראַלט נישט אין פערל און שפיצן ווי א ווייסע כלה. די קירך שטייט קאַלט, געשמירט מיט ווייסער קליי־פארב, אָן שום פיגור, אָן שום בילד.

אין דעם דאָזיקן זונטאָג האָט זיך דער גראַף דאָנאַ אוועקגעזעצט אויף א פאָטעל, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט

אויף דער כאָר־בימה און וואָס איז ספּעציעל געווען באַפּוצט מיט בלומען, כּדי ער זאָל געזעען און געליבט ווערן פון יעדן איינציקן, וואָרום איצט וועט מען אים זיכער שעצן און אכפּערן, דערפאַר וואָס ער האָט געלאָזט פאַריכטן די אַלטע שטענדערס, צעשטערט און אַרויסגעוואָרפן די מיאוסע פיגורן, געלאָזט באַגלאָזן אַלע אויסגעהאַקטע פענסטער און אויסקאַלכן די גאַנצע קירך. אויב ער האָט דערמיט געוואָלט שטילן דעם אַלמעכטיקנס צאָרן, איז גאַנץ גוט וואָס ער האָט באַפּוצט דעם טעמפּל לויט זיין אייגענעם שכל. אָבער פאַרוואָס האָט ער נאָך געוואָלט דערפאַר באַקומען אַ שבח?

ער, וואָס זיין געוויסן איז געווען באַלאַסטעט מיט זינד פון אַכזריות, ער וואָלט זיך ליבער געדאַרפט אוועקזעצן אויף דער תשובה־באַנק, אָדער פאַלן אויף די קני פאַר זיינע ברי־דער און שוועסטער אין קירך, זיי זאָלן רופן צו גאָט, אַז ער זאָל אים אין זיין גרויסן חסד דערלויבן אַריינצושטעלן אַ פוס אין זיין היכל. ס׳וואָלט אים גיכער אָנגעשטאַנען, ער זאָל דאָרט שטיין ווי אַ נידערטרעכטיקער רשע, און נישט זיך ברייט אוועק־זעצן אויף אַ געהויבענעם אָרט און פאַרלאַנגען כּבוד און לויב דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געוואָלט איבערבעטן מיט זיין גאָט.

יאָ, יאָ, גראַף העגריק! גאָט האָט דיך זיכער דערוואַרט אויף דער תשובה־באַנק. ער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן דורך דעם, וואָס די מענטשן האָבן נישט געוואַגט דיך צו טאַדלען. ער איז נאָך אַלץ דער גאָט פון גערעכטיקייט, וואָס לאָזט די שטיינער רעדן, ווען די מענטשן שווייגן.

ווען די גאָט־דינסט האָט זיך געענדיקט, און דער שלוס־אַקאָרד פונם לעצטן תהילים־געזאַנג איז אָפּגעשטאָרבן, האָט קיינער פאָרט נישט פאַרלאָזן די קירך, נאָר דער גלח איז אַרויף אויפן באַלעמער, כּדי צו האַלטן אַ לויב־דרשה פאַרן גראַף. אָבער אַזוי ווייט איז עס נישט דערגאַנגען. וואָרום די טירן זענען פלוצלינג אויפגעפּראַלט געוואָרן, און די אַלטע הייליקע זענען אַריינגעקומען, טריפנדיק פונם מוטנעם וואַסער

פון דער לעיוועץ, קויטיק פונם גרינעם שלאם און איינגעשמירט אין ברוינער ליים־בלאָטע. זיי האָבן זיך דערוואוּסט, אז דאָ וועט געלויבט ווערן דער, וועלכער האָט זיי חרוב געמאכט, ארויסגעטריבן פון גאָטס הויז און זיי דערטרונקען אין די קאלטע פאליעס. אָבער די אלטע הייליקע האָבן דאָ אויך גע־האט צו זאָגן א פּאָר ווערטער.

זיי האָבן נישט ליב דעם מאָנאָטאָנעם פליעסק פון די פאליעס. זיי זענען געוואוינט צו הערן דאָס געזאנג פון תהילים און דעם געמורמל פון תפילות. ביז איצט האָבן זיי געשוויגן און דאָס אלץ געלאָזט געשעען,—אָבער נאָר אזוי לאנג ווי זיי האָבן געמיינט, אז דאָס ברענגט כבוד פאר גאָטס נאָמען. אין דער אמתן אָבער, איז עס דאָך נישט אזוי. דאָ זיצט גאָר אויבן־אָן דער גראף הענריק דאָנאַ. ער זיצט דאָ אין כבוד און גלאנץ אויף א פּאָטעל, וואָס איז באפוצט מיט בלומען, און ער וויל, אז מען זאָל אים זאָגן שבחים אין גאָטס הויז. דאָס, זעט איר, קאָנען זיי שוין בשום אופן נישט פארליידן. און דארום זענען זיי ארויס פון זייער נאסן קבר און אריינ־מארשירט אין דער קירך, כדי זיך צו באוויזן פאר די מתפללים. אָט גייט דער הייליקער אָלאָף מיט א קרוין ארום זיין הוט, און דער הייליקער עריק מיט די גאָלדענע בלומען אויף זיין כאלאט, און דער גרויער הייליקער יעראַן, ווי אויך דער היי־ליקער קריסטאָפער. מער איז נישט געווען. די מלכה פון שבא און יהודית זענען נישט געקומען.

אָבער ווען די מענטשן זענען שוין אביסל געקומען צו זיך פון זייער דערשטוינונג, האָבן זיי זיך איבערגעשושקעט:

— דאָס זענען דאָך די קאוואלערן!

יאָ, געוויס זענען דאָס די קאוואלערן. און זיי גייען צו גלייך צום גראף דאָנאַ, און נישט פארלירנדיק קיין וואָרט, נעמען זיי אים צוזאמען מיטן פּאָטעל אויף זייערע אקסלען, טראָגן אים ארויס פון קירך און שטעלן אים אוועק אויפן בערגל, וואָס פאר דער קירך.

זיי רעדן גאָרנישט, און קוקן זיך נישט אום נישט לינקס

נישט רעכטס, זיי טראָגן ארויס דעם גראף דאָנאַ פון גאָטס הויז, און גייען באלד צוריק אוועק מיטן קורצעסטן וועג צו דער אָזערע.

קיינער האָט זיי נישט געטשעפעט, און זיי האָבן אויך נישט פארלוירן קיין צייט אויף א דערקלערונג פון זייער האנדלונג, מחמת יעדער איינציקער האָט סיי ווי פארשטאנען דעם באוועג-מאָטיוו צו זייער אויפטו, וואָס וואָלט געקאָנט ארויסגעזאָגט ווערן מיט פאָלגנדיקע רייד:

— מיר, קאוואלערן פון עקעבי, מיר האָבן זיך אונזער אייגענעם קוק אויף דער זאך. גראף דאָנא איז נישט ווערט געלויבט צו ווערן אין גאָטס הויז, דערום האָבן מיר אים ארויסגעטראָגן אויפן פעלד. ווער ס'וויל, קאָן אים איצט צוריק אריינטראָגן!

מען האָט אים אָבער נישט אריינגעטראָגן, און דעם גלחס לויב-דרשה איז נישט געהאלטן געוואָרן.

די מתפללים האָבן ארויסגעשטראָמט פון דער קירך. זיי האָבן אלע מסכים געווען מיט דער גערעכטיקייט פון דעם קאוואלערן-שטאנדפונקט.

וואָרום די מענטשן האָבן זיך דערמאָנט אין דער פרייער יונגער גרעפין עליזאבעט, וועלכע איז אזוי אכזריותדיק פארפייניקט געוואָרן אין באָרגישן פאלאץ. זיי האָבן זיך איצט דערמאָנט וועגן איר, וועלכע איז אזא גוטהארציקע געווען לגבי אָרימעלייט און דערצו נאָך אזוי שיין, אז ס'איז פשוט א נחת געווען צו קוקן אויף איר.

וואָס אן אמת, איז עס טאקע אַ חילול-הקודש, צו מאכן אזא ספעקטאקל אין קירך, אָבער סיי די מתפללים סיי דער גלח האָבן געפילט, אז דאָס וואָס זיי אליין האָבן דאָ געהאט בדעה צו טון איז אויך נישט געווען עפעס אנדערש, ווי חוזק-מאכן פון גאָט און זיי האָבן זיך דערפילט שטארק פארשעמט פאר די האלב-ווילדע, אלטע משוגעים.

— ווען מענטשן שווייגן, רעדן די שטיינער! — האָבן די מתפללים זיך געשושקעט.

פון דעמאָלסט אָן איז דעם גראף הענריק דאָנאַ מיאוס געוואָרן דאָס לעבן אין באָרגישן פאלאץ. אין א פינסטערער נאכט, אָנהייב חודש אויגוסט, איז א פארמאכטע קארעטע צו. געפאָרן צום הויפט-אריינגאנג, אלע באדינער האָבן זי ארומ- גערינגלט, און דערנאָך איז ארויסגעקומען די גרעפין מערטאַ, איינגעהילט אין שאלן און מיט א געדיכטן שלייער אויפן פנים. דער גראף הענריק האָט זי געפירט אונטערן אָרעם און זי האָט געציטערט און זיך געטרייסלט ווי אין פיבער. קוים וואָס מען האָט ביי איר געקאנט פועלן, זי זאל אדורכגיין איבערן פאדערהייזל און ארויפגיין פון די שטיגן צום צופאָר.

ענדלעך, איז זי אָן א שום מכשול אריין אין דער קא- רעטע. דער גראף איז תיכף נאָך איר אויך אריינגעשפרונגען, און די טירלעך זענען געוואָרן פארמאכט. דער קוטשער האָט העפטיק אַ שמיץ געטון די פערד, און זיי האָבן זיך גלייך אוועקגעלאָזט אין א גאלאָפּ. ווען די סראָקעס האבן זיך אין באגינען אויפגעכאפט פון שלאָף, איז שוין די גרעפין מער- טאַ נישט געווען מער אין פאלאץ.

דער גראף הענריק האט דערנאך געלעבט אין א וויטער מדינה אין דרום, און דער בארגישער פאלאץ איז פארקויפט געווארן. א סך באלעבאטים האבן זיך דארט געטוישט. און הגם די נחלה איז געווען אזא רייצנד-שיינע, האט זי, ווי מען שמועסט, קיינעם נישט געברענגט קיין גליק.

.27

גאָטס שליח

גאָטס שליח, דער קאפּיטאַן לענאַרט, איז אויף זיין וואַנדערונג אמאָל אין א נאָכמיטאָג אין חודש אויגוסט אָנגעקומען צו דער אכסניה אין ברובי, און ר'איז גלייך אריינגעגאנגען אין קיך. ער איז דאן געווען אויפן וועג אהיים, צו זיין נחלה העלגעסעטער, וועלכע ליגט נאָנט פון וואלד, אן ערך א פירטל מייל אויף צפון-מערב פון ברובי.

קאפּיטאַן לענאַרט האָט נאָך דעמאָלסט נישט געוואוסט, אז ער וועט ווערן איינער פון גאָטס שליחים אויף דער ערד. זיין הארץ איז געווען פול מיט פרייד, פון דערווארטונג צו זען זיין היים. ער האָט געהאט איבערגעלעבט א סך פינסטערע געשעענ'שן. אָבער איצט איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און ער איז געווען זיכער, אז ווי נאָר ער וועט צוריק זיין אין דערהיים, וועט שוין אלץ ווידער זיין גוט און וואויל. ער האָט דאָך נאָך דעמאָלסט נישט געוואוסט, אז ער וועט ווערן איינער פון די מענטשן, וועלכע טאָרן נישט בעכטיקן אונטער זייער אייגענעם דאך, און וועלכע טאָרן זיך נישט ווארעמען ביי זייער אייגענעם אויוון:

גאָטס שליח, קאפּיטאַן לענאַרט, איז געווען א פריילעכער פּארשוין. נישט געפונענדיק קיין מענטש אין קיך, האָט ער דאָרט אָנגעהויבן ארומצובראָיען, ווי א ווילדער ווייסער-

חברהניק. ער האָט שנעל אָפּגעקלאַפּט א פעלערהאַפט קענטל אינם געוועב וואָס אינם וועבשטול, און פארפלאָנטערט דאָס שנירל פונם שפּינרעדל. דערנאָך איז ער צוגעלאָפן צום קאָטער, וואָס האָט ארייננעשטעקט זיין מאָרדע אין דער טיר־עפענונג, און ר׳האָט אים א שליידער געטון אויפן הונט, וואָס איז געלעגן נעבן דער שוועל, און דערביי האָט ער זיך אזוי שטארק צעלאַכט, אז ס׳האָט אָפּגעהילכט אין גאנצן הויז, צו־זעענדיק, סארא שארפן קאמף זיין אויפטו האָט ארויסגערופן ביי די צוויי אלטע גוטע פריינט, וועלכע האָבן זיך איצט משוגע־ווילד מיט אָנגעשפּיצטע קלוען געוואָרפן איינער אויפן אנדערן, דישענדיק און בייסנדיק, וואו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט.

די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה האָט דערהערט דעם רעש און איז ארייננעקומען פון שענק־שטוב, צו זען וואָס קומט דאָ פאָר אזוינס. זי איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל און באטראכט דעם מאן, וואָס האָט אזוי שטארק הנאה געהאט פונם קאמף פון די צוויי שטוב־חיות. זי האָט אים גוט געקענט. אָבער בשעת זי האָט אים ס׳לעצטע מאָל געזען, איז ער געזעסן אויפן תפיסה־וואָגן, געשמידט אין קייטן. דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך איר שארף איינגעקריצט אין זכרון. מיט אן ערך זעקסטאלבן יאָר צוריק האָבן גנבים בשעת דעם ווינטער־יריד אין קאַרלשטאַד צוגעגנבעט דער גובערנאטאָרינס צירונג, וואָס איז באשטאנען פון א סך בראסלעטן און בראָש־קעס, — אלץ קאָסטבארע און פאר דער איידעלער פרוי זייער טייערע חפצים, וואָרום ס׳רוב איז עס געווען א ירושה פון אירע עלטערן אָדער מתנות. קיין שום זאך איז נישט געפונען געוואָרן, אָבער באלד דערנאָך האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז דער גנב פון די זאכן איז דער קאפּיטאן לענאַרט פון העלגעסעטער.

די בעל־אכסניה׳טע האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באגרייפן, ווי אזוי האָט גאָר געקאָנט אויפשווימען אזא קלאנג. קאפּיטאן לענאַרט איז אומעטום באקאנט געווען אלס אָרנטלעכער און גוטער מענטש. טאָ ווי קומט עס, וואָס מען האָט גראָד אים

באשולדיקט אין דער גנבה? ער האָט געלעבט גליקלעך מיט זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט א פּאָר יאָר צו־ריק חתונה־געהאַט, מחמת ער איז פריער נישט אימשטאַנד געווען צו גרינדן אן אייגענע היים, צוליב זיינע קנאַפּע פאַר־דינסטן. און איצט האָט ער געהאַט פּרנסה בשפע פון זיין אָפּיצירן־פּענסיע. טאָ וואָס האָט אים געקאָנט ברענגען צום נסיון צו גנבענען אַלטע בראַסלעטן און פינגערלעך? און נאָך מער חידוש איז עס איר געווען, וואָס מען האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם דאָזיקן קלאַנג, און ער איז אויך אַזוי ווייט באַוויזן געוואָרן, אַז מען האָט טאַקע דעם קאַפּיטאַן לענאַרט פאַרמשפּט צו פינף יאָר קאַטאָרגע. ער האָט באַקומען דעמיסיע, און מען האָט ביי אים צוגענומען זיינע מעדאַלן.

ער אַליין האָט געזאָגט, אַז ער איז טאַקע געווען אויפן דערמאָנטן יריד, ער איז אָבער אוועקגעפאָרן, איידער ער האָט נאָך געהערט רעדן וועגן דער גנבה. אויפן שליאַך האָט ער געפונען אן אָפּגעריבענע אַלטע בראָשקע, וואָס ער האָט מיטגענומען אהיים און דאָס געגעבן זיינע קינדער צו שפּילן זיך דערמיט. די דאָזיקע בראָשקע איז אָבער געווען א גאָל־דענע און האָט געשטאַמט פון דער גנבה, און דאָס האָט טאַקע געפירט צו זיין אומגליק. אָבער אייגנטלעך, איז דאָס אַלץ געווען די שולד פון סינטראַמען. דער בייזוויליקער פריץ האָט דאָ געשפּילט די ראָל פונם הויפּט־אָנקלאָגער. ער האָט עס עדות געזאָגט קעגן קאַפּיטאַן. ער האָט אפנים אומבאַדינגט געוואָלט אָפּרוימען דעם קאַפּיטאַן לענאַרט פון וועג, וואָרום קורץ דערנאָך איז קעגן אים אַליין אויך פאַרפירט געוואָרן א פּראָצעס, — ס'איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז בשעת דער מלחמה אין יאָר 1841 האָט ער פאַרקויפט פּולווער צו די נאָרוועגן. מענטשן זענען געווען זיכער, אַז סינטראַם האָט מורא געהאַט פאַר דעם עדות־זאָגן פונם קאַפּיטאַן לענאַרט. איצט אָבער, איז ער באַפרייט געוואָרן, צוליב מאַנגל אין באַווייזן.

די בעלת־אכסניה'טע האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אינעם קאַפּיטאַן. ער איז געוואָרן גרוי און איינגעבויגן, מען

האָט באַשײנפּערלעך געזעצן, אז ר'האָט געהאט א סך צרות אויסצושטיין. אָבער זיין גוטהארציקייט און זיין פריילעך געמיט האָט זיך נישט געענדערט. ער איז נאָך אלץ געווען דער זעלבער קאַפּיטאן לענארט, וועלכער האָט זי געפירט צום אלטאר, בשעת זי איז געגאנגען צו איר חופּה, און געטאנצט אויף איר חתונה. ער האָט נאָך מסתמא איצט אויך געמוזט בלייבן שטיין און שמועסן מיט יעדן איינציקן וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג, ער מוז אוודאי נאָך איצט אויך געבן יעדן קינד א גראָשן. מסתמא קאָן ער נאָך איצט אויך זאָגן צו יעדער באָבע מיט א גערינצלט פּנים, אז זי ווערט פון טאָג צו טאָג יונגער און שענער, און ער וואָלט זיך זיכער נאָך איצט גע־קאָנט ארויפשטעלן אויף א פאס און שפּילן אויפן פידל פאר די, וואָס האָבן חשק צו טאנצן ארום דעם מאי־סלופּ. אך, גאָטעניו, סארא גוטהארציקער מענטש ער איז תמיד געווען!

— א נו, פרוי קאַרין, האָט ער אויסגערופן, איר ווילט זע איך גאָר נישט א קוק טון אויף מיר? —

אייגנטלעך, איז ער אריינגעגאנגען אין דער אכסניה, כדי געוואויר צו ווערן, וואָס ס'הערט זיך ביי אים אין דער היים און צי זיינע בני־בית ווארטן אויף אים. זיי האָבן דאָך גע־דארפט וויסן, אז זיין שטראָף ענדיקט זיך שוין די טעג.

די בעל־אכסניהטע האָט געהאט גאָר גוטע ידיעות פאר אים. זיין ווייב האָט זיך מיט גרויס בריהשאפט גענומען צו דער ארבעט. זי האָט ארענדירט די מלוכה־נחלה ביי זיין נאָכ־פאָלגער, און זי האָט מצליח געווען אין אלעם. די קינדערלעך זענען אלע געזונט און פריש, און ס'איז פשוט א נחת אויף זיי א קוק צו טון, ווי וואויל זיי האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט, און געוויס ווארטן זיי אויף אים. די קאַפּיטאנין איז, אמת, תמיד געווען א שטרענגע פרוי און זיך מיט קיינעם נישט אריינגעלאָזט אין קיין לאנגע טענות, אזוי אז מען האָט גאָר נישט געוווּסט פון אירע מחשבות. אָבער דאָס האָט די בעל־אכסניהטע יאָ געוואוסט, אז פאר דער צייט וואָס ער איז נישט געווען אין דער היים, האָט קיינער נישט געטאָרט עסן מיטן

קאפיטאנס לעפל, אָדער זיצן אויף זיין שטול, און איצט אין פרילינג איז נישט אוועקגעגאנגען קיין איין טאָג, וואָס זיין פרוי זאָל נישט ארויפגיין אויפן העכסטן פון די ברוביער בערגלעך און אראָפּקוקן העט ווייט אויפן שליאך, כדי צו זען, צי ער קומט נישט אָן. זי האָט אויך פאר זיינעטוועגן צו־געגרייט נייע מלבושים פון היימיש געוועבטן שטאָף, וועלכע זי האָט כמעט אינגאנצן אליין אויסגעפּארטיקט. פון דעם אלעם האָט מען דאָך באשיינפּערלעך געזען, אז מען האָט אים דערוואַרט, הגם דאָס ווייב זיינס האָט מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט קיין וואָרט.

— זיי גלויבן נישט, הייסט עס, אין מיין שולד? האָט דער קאפּיטאן לענאַרט געפרעגט.

— ניין, הער קאפּיטאן, האָט די בעל־אכסניהטע געענט־פערט. קיינער פון אונז דאָ גלויבט נישט דערין.

דאָס דערהערנדיק, האָט קאפּיטאן לענארט שוין נישט געוואָלט לענגער פארבלייבן אין דער אכסניה, און געוואָלט וואָס שנעלער אהיימגיין.

אָבער ווי נאָר ער איז ארויס, האָט ער זיך צוזאמענ־געטראָפן מיט אלטע גוטע פריינט: די קאוואלערן פון עקעבי זע־ן נאָר־וואָס אָנגעקומען אין דער אכסניה. צו וואָס א שטייגער? סינטראַם האָט זיי פארבעטן אויף א כוסה צו פייערן זיין געבורטס־טאָג. די קאוואלערן זענען אָן שום קווינקלעניש צוגעגאנגען צום קאטאָרזשניק און אים פעסט געדריקט די האנט און אָפּגעגעבן א הארציקן ברוך־הבא! אויך סינטראַם האָט עס געטון.

— טייערער לענאַרט! האָט ער צו אים געזאָגט, זיי זיכער, אז דער רבונו של עולם האָט געהאט עפּעס אן ענין דערביי.

— האלט ס׳מויל, דו מנוול! האָט דער קאפּיטאן בייז אויסגערופן. וואָס מיינסטו, כ׳ווייס נישט, אז נישט דער רבונו של עולם האָט דיך אָפּגעראטעוועט פון דער תליה?

אלע האָבן זיך צעלאכט און סינטראַם איז אויך נישט

געוואָרן בייז, וואָרום ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט עפּעס דאקעגן, מען זאָל אים חושד זיין, אז ער געפינט זיך אין פאר בינדונג מיטן טייוול.

זיי האָבן געפּועלט ביי לענאַרטן, ער זאָל מיט זיי צוריק אריינגיין אין אכסניה און איבערקערן א כּוסהלע לכבוד זיין צוריקקומען פון תּפיסה, דערנאָך וועט ער זיך קאָנען אהיימגיין. אָבער דאן האָט דער נאאיווער קאפיטאן לענאַרט געליטן א מפּלה. פינף יאָר צייט שוין, אז ער האָט נישט טועם געוועזן א טראָפּן פון דער דאָזיקער פאַרעטערישער משקה, דערצו נאָך האָט ער מסתמא אַ גאנצן טאָג נישט געהאַט א ביסן אין מויל, און חוץ דעם איז ער זייער דערשעפּט געוועזן פון דער לאנ־גער וואנדערונג. דער פּועל יוצא איז געוועזן, אז באלד נאָך די ערשטע צוויי קעלישקעס האָט זיך אים שטארק פארדרייט דער קאָפּ.

בשעת זיי האָבן אים שוין געהאַט דערפירט צו אזא מעמד, אז ער האָט נישט רעכט געוואוסט וואָס ער טוט, האָבן די קאוואלערן גענומען אין אים אריינגיסן א כּוסה נאָך א כּוסה. אָבער קלערט נישט, אז זיי האָבן דערמיט חלילה געמיינט עפּעס שלעכטס, אדרבא, זיי האָבן דאָס געטון נאָר פון בלויז גוטפריינטשאפט צו דעם, וועלכער האָט נעבעך אין משך פון זעקסטהאלבן יאָר צייט נישט געהאַט א טראָפּן משקה אין מויל צו דערכאפּן ס'הארץ! — — —

אזוי איז זיך קאפּיטאן לענאַרט געוועזן א ניכטערער מענטש, און ער האָט אסור נישט אין זינען געהאַט זיך אָנצו־שיכּורן, גראָד אין דעם טאָג, ווען ער קומט אהיים פון תּפיסה צו זיין ווייב און קינדער. איצט איז ער אָבער, ליידער, גע־בליבן ליגן א טויט-שכּורער אויף א באנק אין שיינק-שטוב, אין דער ברוביער אכסניה.

זיין באוואוסטלאָזיקייט האָט איצט דערוועקט אין יעסטאַן דעם חשק אָפּצוטאָן עפּיס א קונצשטיק. ער האָט גענומען א שטיקל האָלץ-קויל און א ביסל זאַפט פון באַרוועקעס און אָנ־געהויבן [illegible] א [illegible]אָלן דעם קאפּיטאן. ער האָט אים צוגעגעבן ריכטיקע פּיז.

יאָנאָמיע פון א פארברעכער: דאָס האָט לויט זיין מיינונג, אקוראט געפאסט פאר א מענטשן, וועלכער קומט אָקאָרשט פון תפיסה. ער האָט אים געמאכט אן „אונטערגעהאקט" אויג מיט דער קויל און א רויטן שראם איבער דער נאָז; די האָר האָט ער אים צעשויבערט און אראָפּגעשארט איבערן שטערן, און דאָס פּנים האָט ער אים איינגעשמירט מיט סאזשע.

ווען יעסטאַ איז פארטיק געוואָרן מיטן שטיקל ארבעט, האָבן זיך אלע הארציק צעלאכט און אָנגעקוואָלן פון דער גע־ראַטנקייט פון דעם פארברעכער־פּרצוף, וואָס קאפּיטאן לענאַרט האָט איצט באקומען. דערנאָך האָט עס יעסטאַ געוואָלט אָפּ־וואשן.

— זאָל בלייבן אזוי! האָט סינטראַם געזאָגט, זאָל ער זיך אויך א ביסל אָנלאכן, ווען ער וועט אויפוואכן און זיך דערזעען אין שפּיגל.

אזוי איז עס טאקע געבליבן, און דערנאָך האָבן די קאוואלערן אינגאנצן פארגעסן אין אים. זייער הוליאנקע האָט געדויערט א גאנצע נאכט. ערשט אין באגינען איז מען אוועק־געגאנגען פון טיש, אָבער דאַן האָבן די קאוואלערן געהאט מער ווייַן אין קאָפּ, ווי קלאָרן שכל.

איצט איז אנטשטאנען א פראגע, וואָס זאָל מען טון מיטן קאפּיטאן לענאַרט.

— וואָס איז דאָ פאראן אסך צו קלערן, האָט זיך סינט־ראַם אָנגערופן, מיר וועלן אים צופירן אהיים. איך שטעל מיר שוין פאָר, ווי זיין פלוניתטע וועט זיך עס דערפרייען, דער־זעענדיק איר תכשיט, דעם מאן! כ'לעבן, ס'וועט זיין א פאר־געניגן צו זען איר גדולה מיטן אהיימגעקומענעם קאטאָרזשניק. ווי איך זאָג אייך, לאָמיר אים אהיימפירן צו זיין ווייבעלע. איך פיל שוין, ווי גערירט מיר וועלן זיין פון דער באגעגע־ניש פונם פאָר־פאָלק!

טאקע, דער דאָזיקער געדאנק האָט אלעמען שטארק גע־רירט. גאָט מיינער, ווי זי וועט זיך עס דערפרייען, די שטרענ־גע פרוי פון העלגעסעטער!

זיי האָבן אויפגעוועקט דעם קאַפּיטאַן לענאַרט, וועלכער האָט זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס, און זיי האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף איינעם פון די פורלעך, וואָס די עלע-פעריקע שטאַל-יונגען האָבן שוין לאַנג געהאַט צוגעפירט. די גאַנצע כאַליאַסטרע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין קיין העלגעסעטער. עטלעכע פון זיי זענען באַלד איינגעשלאָפן און בשעתן פאָרן אַזוי שטאַרק זיך געוואַקלט, אַז זיי זענען שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן. אַנדערע ווידער האָבן געזונגען אויף אַ קול, כדי זיך צו האַלטן וואַך. מיט זייערע פּנימער, וואָס זענען געווען אָנגעדראָלענע פון זויפן און נישט שלאָפן, האָבן זיי ווירקלעך אויסגעזען, ווי אַ באַנדע רוצחים.

סוף-כל-סוף האָבן זיי זיך צוגעשלעפּט קיין העלגעסעטער. די פערד-און-וואָגן האָבן זיי איבערגעלאָזן אַ שטיק פאַרן הויף, און די גאַנצע שכורע חברותא האָט זיך אין אַ פייער-לעכער שטימונג געלאָזט צו די שטיגן-צו. פּולקאָווניק בערענ-קרייץ און פּאַטראָן יוליוס האָבן געפירט דעם קאַפּיטאַן לע-נאַרט צווישן זיך.

— רודער זיך אויף, לענאַרט! האָבן זיי צו אים געזאָגט, דו ביזט דאָך שוין ביי זיך אין דערהיים. צי זעסטו דען נישט, אַז דו ביזט שוין אין דערהיים?

ער האָט געעפנט די אויגן, און זיך מיטאַמאָל כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעניכטערט. ער איז געווען שטאַרק גערירט פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך מטריח געווען אים צו באַגלייטן אַזש ביז אַהיים.

— האַרציקע פריינט מיינע! האָט ער געזאָגט, ווענדענ-דיק זיך צו זיי אַלע, איך האָב אָפּטמאָל געפרעגט ביי גאָט אַ קשיא, פאַרוואָס זאָל אַזוי פיל צרות אויסגיין צו מיין קאָפּ?

— שווייג, לענאַרט! האָט בערענקרייץ אומגעדולדיק אויס-גערופן, באַהאַלט דיין דרשה אויף שפּעטער!

— ס'שאַדט נישט, לאָזט אים פּלאַפּלען! זאָגט סינטראַם ער איז אַ גוטער בעל-דרשן!

— איך האָב געפרעגט ביי גאָט, און נישט פאַרשטאַנען,

פארוואָס קומט מיר דאָס. אָבער איצט פארשטיי איך שוין אלץ. ער האָט מיר געוואָלט ווייזן, סארא גוטע פריינט איך האָב: גוטע פריינט, וועלכע באגלייטן מיך אַהיים, כדי בייצוואוינען די פרייד פון מיין ווייב און קינדער. מיין ווייב ווארט אויף מיר מיט אומגעדולד. וואָסער באטייט האָבן דען די פינף יאָר צרות און פיין לגבי דער דאָזיקער גרויסער פרייד פון פאר־ווירקלעכטער דערוואַרטונג?

דערווייל האָבן די קאוואַלערן מיט זייערע שטארקע פויסטן גענומען פייקלען אין דער פארשלאָסענער טיר; זיי האָבן נישט געהאט קיין געדולד אויסצוהערן זיין דרשה ביז צום סוף.

אין הויז איז אנטשטאנען א גערודער, די דינסטמיידלעך האָבן זיך אויפגעכאפט פון שלאָף און זענען צוגעלאָפן צום פענסטער, כדי צו זען ווער דאָס איז. דערנאָך האָבן זיי גיך גענומען אויף זיך די קליידלעך, אָבער זיי האָבן פאָרט נישט געוואגט אויפצועפענען די טיר פאר דער דאָזיקער משונהדי־קער כאליאסטרע. ענדלעך האָט מען אָפּגערוקט דעם ריגל און די קאפיטאנין אליין איז צו זיי ארויסגעקומען.

— וואָס ווילט איר? האָט זי געפרעגט.

— מיר זענען געקומען מיט דיין מאן! האָט בערענקריייץ געענטפערט.

זיי האָבן ארויסגעשטופּט דעם קאפיטאן לעגאַרט אויף פאָרנט, אָבער אָנשטאָט איר מאן האט זי גאָר דערזען פאר זיך א שיכּורן פארשוין, מיט א טיפּישער פיזיאָגנאָמיע פון א פארברעכער, וועלכער האָט זיך קוים געקאָנט האלטן אויף די פיס, און הינטער אים האָט זי דערזען די גאנצע חברה שיכּורים, וואָס האָבן זיך געמוזט אָנהאלטן איינער אָן דעם אנדערן, כדי נישט צו פאלן.

דערזעענדיק דאָס, האָט זי זיך צוריקגעצויגן אַ פּאָר טריט, אָבער דער קאפיטאן איז איר נאָכגעגאנגען מיט אויס־געשפּרייטע אָרעמס.

— דו ביזט אוועק פון מיר ווי אַ גנב, און איצט קומסטו

אהיים ווי א שלעפער! האָט זי א געשריי־געטון און געוואָלט צוריק אריין אין שטוב.

ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס זי מיינט און געוואָלט מיטגיין מיט איר, אָבער זי האָט אים א שטויס־געטון אין ברוסט.

— דו מיינסט אפשר, אז איך האָב בדעה צו אנערקע־נען אזא מין פארשוין ווי דו אלס באַלעבאָס איבער מיין הויז און אלס פאָטער פון מיינע קינדער? האָט זי בייז אויסגערופן.

די טיר איז פארקלאפט געוואָרן, און מען האָט זי שנעל פארריגלט פון יענער זייט. דער קאפיטאַן האָט זיך געוואָרפן אויף דער טיר און גענומען טרייסלען די קליאמקע.

די קאוואלערן האָבן זיך דאן הילכיק צעלאכט. ער איז אזוי זיכער געווען אין זיין ווייב, און איצט וויל זי נישט וויסן פון אים... דאָס דאָזיקע געשעעניש איז זיי אזוי קאָמיש פאָרגעקומען, אז זיי זענען שיער נישט צעפּלאצט געוואָרן פון געלעכטער.

אָבער ווען קאפיטאַן לענאַרט האָט דערהערט, אז זיי לאכן גאָר פון אים, איז ער געוואָרן מלא חימה און צוגע־לאָפן זיי שלאָגן. זיי זענען אָבער ארויפגעשפרונגען אויף זייערע פורלעך און גענומען שנעל אָנטרייבן די פערד. ער איז זיי נאָכגעלאָפן, נאָר ר׳האָט זיך פארטשעפּעט אן אַ שטיין און אומ־געפאלן. ער האָט זיך אפילו תיכף אויפגעהויבן, אָבער נאָכ־יאָגן זיי האָט ער שוין מער נישט געוואָלט. אין זיין מוח האָט איצט, אין מיטן זיין צוטומלטקייט, אויפגעבליצט דער געדאנק, אז די מינדסטע זאך געשעט נישט אָן גאָטס רצון... אָ, ניין, קיין שום זאך נישט!

— רבונו של עולם, וואוהין ווילסטו מיך פירן? האָט ער געפרעגט. איך בין דאָך בלויז א פעדערל, וואָס ווערט גע־טריבן פונם אָטעם פון דיין גייסט. וואוהין־זשע ווילסטו מיך פירן, בשעת דו פארמאכסט פאר מיר די טיר פון מיין היים?

און ער איז אוועקגעגאנגען פון זיין היים אין דער אי־בערצייגונג, אז אזוי איז דער רצון פון גאָט.

ווען די זון איז אויפגעגאנגען, איז ער געשטאנען אויפן שפּיץ פונם העכסטן ברוביער בערגל און אראָפּגעקוקט אין טאָל. אָך, די אָרימע תּושבים פונם טאָל האָבן אין יענעם מאָמענט נאָך נישט געוואוסט, אז זייער גואל דערנענטערט זיך שוין צו זיי! קיין שום אָרימאן אָדער אומגליקלעכער מענטש האָט נישט געבונדן קיין קראנץ פון שפּעט-וועלקנדיקע באָרוועקע-צווייגלעך און נישט אויפגעהאָנגען איבער זיין טיר, קיין דופּטנדיקע לאווענדע-בלעטלעך און פעלד-בלומעלעך זענען נישט געוואָרן אויסגעשפּרייט אויף די שוועלן, וואָס ער וועט איבערטרעטן. די מאמעס האָבן נישט אויפגעהויבן זייערע קינדער אויף די הענט, כּדי זיי זאָלן אים קאָנען זען, בשעת ער וועט פארבייפאָרן. מען האָט נישט געשייערט און גערייניקט אין די כאטעס, און מען האָט נישט פארדעקט דעם פארסאזשעטן אויוון מיט יאלאָוויעץ-צווייגן; די מאנסלייט האָבן נישט באארבעט שנעל און פלייסיק די פעלדער, כּדי זייערע בליקן זאָלן זיך טרעפן מיט גוט צעאקערטן באָדן און גלייך אויסגעגראָבענע רינעס.

אָך! דאָרט וואו ער איז איצט געשטאנען, האָט ער מיט זיינע אומעטיקע אויגן געזען, ווי די תּבואה איז פארברענט דורך דער טרוקעניש, און ווי די פארצווייפלטע מענטשן דאגהן נישט וועגן צוגרייטן דעם באָדן צום נייען פארזייען. ער האָט א קוק-געטון צו די בלויע בערג, און די שארפע שטראלן פון דער פרימאָרגן-זון האָבן אים אָנגעוויזן אויף די פארוויסטע שטחס, איבער וועלכע די וואלד-שׂרפות האָבן געהאט געבושעוועט. ער האָט געקוקט אויף דעם געצווייג פון די בזשאָזעס ביי די וועג-ראנדן, וועלכע זענען פארדארט געוואָרן פון דער טרוקעניש. ער האָט באמערקט לויט א סך קליינע סימנים, — למשל, לויט דעם ריח פון יוירנדיקע האָפּן, בשעת ר׳איז פארבייגעגאנגען נעבן די פויערישע הייזלעך, לויט די צעבראָכענע פּלויטן, אָדער לויט דעם קליינעם סכום אהיימגעפירטן און צעהאקטן ברען-האָלץ, — אז די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו דאגהן וועגן זייער באלעבאטישקייט, אז א גרויסע

נויט הערשט איצט אין לאנד, און אז די מענטשן האָבן גע־נומען זוכן א טרייסט אין גלייכגילטיקייט צו אלע זייערע צרות און — דער עיקר — אינם ביטערן טראָפּן.

און אפשר איז עס טאקע געווען א מעלה פאר אים, וואָס ער האָט דאָס אלץ דערזען. אים איז דאָך אויך נישט באשערט געווען צו זען, ווי די תבואה שפּראָצט ארויס אויף זיין פעלד, צו זיצן ביים אייגענעם אויוון און ארייננקוקן אין דעם אָפּגייענדיקן פייער, צו האלטן אין זיין גרויסער דלאָניע דאָס ווייכע הענטעלע פון זיין קינד, און צו געפינען טרייסט ביי א געטריי ווייב. פאר אים, וועלכער איז איצט באהערשט געווען פון א טיפן צער, איז עס אפשר געווען א גרויסע מעלה צו זען, אז ס׳געפינען זיך נאָך אנדערע מענטשן, וועל־כע ער וואָלט געקאָנט שענקען טרייסט אין זייער אָרימקייט. אפשר איז פאר אים געווען א מעלה אויך דאָס, וואָס די צייט איז גראָד געווען אזא ביטערע, בעת די נאטור־קאטאסטראָפע האָט פאר דער אָרימער באפעלקערונג געבראכט דחקות און נויט, און נישט איינער האָט זיך באמיט דאָס שלעכטע נאָך מער צו פארערגערן פאר זיין שכן. אָט איז דאָך דער ברוּ־ביער גלח געווען אזא נידערטרעכטיקער קמצן, אָט האָבן דאָך די קאוואלערן פון עקעבי אומעטום פארשפּרייט שכרות און פארשווענדערישקייט און סינטראַם האָט דאָך אלעמען איינגע־רעדט, אז אויף דער געגנט וועט אויסגעגאָסן ווערן א שטראָף, וואָס וועט זי פולשטענדיק חרוב־מאכן!

קאפּיטאן לענאַרט איז געשטאנען אויפן שפּיץ פונם העכסטן ברוביער בערגל און געטראכט, אז מסתמא האָט גאָט זיך געניויטיקט אין אים.

איך מוז דאָ באמערקן, אז די קאוואלערן האָבן נישט געקלערט אפילו וועגן דעם, דאָס זיי האָבן א גרויסע שולד אין דער קאפּיטאנינס אכזריות לגבי איר מאן. סינטראַם האָט געשוויגן. אין דער גאנצער געגנט האָט מען אויסגערעדט אלדאָס־בייז אויף דער דאָזיקער פרוי, וואָס איר שטאָלץ האָט איר נישט דערלויבט אויפצונעמען אין איר היים אזא גוטן

מענטשן. מען האָט מיר דערציילט, אז ווי נאָר מען האָט פאר איר דערמאָנט וועגן איר מאן, האָט זי תיכּף איבערגעריסן דעם שמועס. זי האָט פּשוט נישט געקאָנט הערן זיין נאָמען. און דער קאַפּיטאַן אליין האָט זיך אויך נישט געקימערט וועגן דעם, זי זאָל ענדערן איר מיינונג וועגן אים.

דאָס וואָס איך דערצייל אייך דאָ, איז געשעען אַ מאָג נאָכדעם, ווי זיין ווייב האָט אים נישט אריינגעלאָזט אין זיין היים.

אין דאָרף העיגבערג ליגט אַן אלטער פויער אויף זיין גסיסה-בעט. ער האָט שוין אָנגענומען דעם היילוקן סאַקראַמענט, זיינע לעבנס-כּוחות גייען אים אויס און ער אליין ווייסט אויך, אז ער האלט שוין ביים שטארבן: שנעל, ווי איינער וואָס דארף זיך אוועקלאָזן אויף אַ ווייטער נסיעה, הייסט ער זיך איבערטראָגן מיטן בעט פון קיך אין שטוב, און פון שטוב צוריק אין קיך, און דאָס אליין זאָגט נאָך מער עדות, ווי זיין שווער כאָרכלען און זיין פארלאָשענער בליק, אז זיין לעצטע שעה האָט געשלאָגן.

ארום אים שטייען זיין ווייב, זיינע קינדער און זיינע פאראָבקעס. ער איז אַ רייכער, חשובער פויער, וועלכער האָט אין זיין לעבן געגאָסן פיל גליק און כּבוד. ער שטארבט אלזאָ נישט אין איינזאמקייט. צוקאָפּנס פון אים שטייען נישט קיין אומגעדולדיקע, פרעמדע מענטשן און ווארטן נישט, אז ער זאָל שוין אויסהויכן די נשמה. דער זקן רעדט וועגן זיך אליין, ווי ער וואָלט שוין געשטאנען פארן כּסא-הכּבוד און די אָנוועזנדיקע ביים בעט פונם גוסס באשטעטיקן דעם אמת פון זיינע רייד.

— איך בין געווען פלייסיק אין דער ארבעט און אַ גוטער באַלעבאָס, זאָגט ער. איך האָב ליב געהאט מיין ווייב ווי מיין רעכטע האנט, מיינע קינדער האָב איך נישט געלאָזט אויפוואקסן אָן דרך-ארץ און גאָטספאָרכטיקייט. איך האָב נישט געשיכּרט, איך האָב נישט גערירט די גרעניץ פון מיין שכנס נחלה, איך האָב נישט געפּייניקט מיין פערד מיט צו-שווערער

משא, נישט געלאָזט די קי מיינע פארהונגערן אין ווינטער-צייט, און נישט געלאָזט די שעפּסן זיך פּלאָגן מיט זייער וואָל אין זומער-צייט.

און ארום אים חזרן איבער די וויינענדיקע באדינער ווי אן עכאָ:

— אָ, יאָ! ער איז געווען א גוטער באלעבאָס... ער האָט נישט אָנגעטריבן זיינע פערד, בשעת זיי האָבן זיך געשלעפּט בארג-ארויף, און די שעפּסן האָט ער אין די זומער-היצן נישט געלאָזט שוויצן אין זייער וואָל.

דערווייל איז אריינגעקומען אן אָרימאן אין שטוב, וועלכער האָט געוואָלט בעטן א ביסל עסן און א טרונק. שטייענדיק ביי דער טיר, הערט ער אויך די רייד פונם גוסס.

דער זקן רעדט ווייטער:

— איך האָב אויסגעקאָרטשעוועט וועלדער, און איך האָב אויסגעטרוקנט זומפּן. איך האָב מיטן אקער-אייזן געשניטן גלייכע גרודעס. איך האָב אויפגעבויט א דריי-פּאכיק גרעסערן שייער, ווי אין דער צייט פון מיינע עלטערן. איך האָב פון בלאנקנדיקע זילבערנע טאָלער געלאָזט אויסשמידן דריי בעכערס, — מיין פאָטער האָט בלויז איינעם געלאָזט אויסשמידן.

די רייד פונם גוסס דערגייען צום בעטלער, וועלכער שטייט ביי דער טיר. ער הערט, ווי דער גוסס רעדט וועגן זיך אליין, ווי ער וואָלט שוין איצט געשטאנען פארן בית-דין של מעלה. ער הערט אויך, ווי די באדינער און קינדער באשטעטיקן זיינע רייד:

— ער האָט מיטן אקער-אייזן געשניטן גלייכע גרודעס! יאָ, אזוי האָט ער טאקע געטון!

— איך גלויב, אז גאָט וועט מיר געבן א גוט אָרט אין זיין הימל! זאָגט דער זקן.

— גאָט וועט זיכער גוט אויפנעמען אין הימל אונזער באלעבאָס! חזרן איבער די באדינער.

א שרעק כאפּט ארום דעם בעטלער, — בשעת ער דערהערט די לעצטע ווערטער. פינף יאָר צייט איז ער געווען

א שפּילצייג אין גאָטס הענט, א פּעדערל וואָס איז געטריבן געוואָרן דורך גאָטס אָטעם.

ער גייט-צו צום חולה און נעמט אים אָן פאר דער האנט.

— ליבער פריינט! זאָגט ער, און זיין קול ציטערט פון אימה. צי האָסטו א טראכט-געטון, ווער איז דער האַר, וואָס דו וועסט באלד שטיין מיט אים פּנים-אל-פּנים? ער איז א גרויסער גאָט, א שרעקלעכער גאָט! גאנצע וועלטן זענען זיין אקער-באָדן. דער שטורם איז זיין רייט-פערד, ווייטע הימלען ציטערן אונטער דער משא פון זיין פוס. און דו שטעלסט זיך גאָר אוועק פאר אים און זאָגסט: „איך האָב מיטן אקער-אייזן געשניטן גלייכע גרודעס, איך האָב פארזייעט קאָרן, איך האָב אויסגעוואָרצלט וואלד". צי ווילסטו דיך בארימען פאר אים און זיך מעסטן מיט אים? דו ווייסט גאָרנישט, ווי מעכטיק דער האַר איז, וואָס צו זיין מלכות וועסטו איצט פאָרן!

דעם זקנס אויגן עפענען זיך ברייט פאנאנדער, דאָס פּנים ווערט פארקרימט פון שרעק, און דאָס כאָרכלען פאר-שטארקט זיך.

— טרעט נישט ארויס פאר דיין גאָט מיט בארימערישע רייד! זאָגט דער וואנדערער. די מעכטיקסטע פון דער וועלט זענען ווי אויסגעדראָשן שטרוי אין זיין שייער. זיין מלאכה פאר איין טאָג נאָר איז אויפצוריכטן גאנצע זונען. ער האָט אויסגעגראָבן די ים׳ען און אויפגעשטעלט די בערג. ער האָט באדעקט די ערד מיט געוויקסן. נישטאָ נאָך אזא ארבעטער ווי ער איז, און דו קאָנסט זיך בשום אופן נישט גלייכן צו אים. בוק זיך פאר אים, דו אָפּפליענדיקע נשמה! ליג טיף אין שטויב פאר דיין האַר, דיין גאָט! גאָטס שטורם בושעוועט איבער דיר, גאָטס צאָרן ברויזט איבער דיר, ווי א פארוויסטנ-דיקער בליץ. בוק זיך, און ווי א קליין קינד כאפּ אָן דעם זוים פון זיין מאנטל און בעט ביי אים שוץ! ליג טיף אין שטויב און בעט ביי אים רחמים! ווער הכנעהדיק, דו מענטשן-

נשמה, בשעת דו שטייסט פאר דיין באשעפער!

דעם חולה׳ס אויגן עפענען זיך ברייט פאנאַנדער, זיינע הענט לייגן זיך צונויף צו א געבעט, אָבער איבער זיין פנים צעשטראַלט זיך א העלע ליכט און דאָס כאָרכלען הערט-אויף.

— מענטשן-נשמה, דו אָפּפליענדיקע מענטשן-נשמה! רופט-אויס דער וואנדערער, אין דעם זכות וואָס דו האָסט זיך אין דיין לעצטער רגע מיט טיפער הכנעה געבוקט פאר גאָט, דיין האר, אין דעם זכות וועט ער דיך ווי א פיצל קינד אוועק-זעצן אויף זיין אָרעם און דיך אריינפירן אין מלכות-השמים!

דער זקן אָטעמט-אָפּ צום לעצטן מאָל און הויכט-אויס זיין נשמה. דער קאפיטאן לענאַרט בייגט אראָפּ דעם קאָפּ און איז מתפלל. אלע אָנוועזנדיקע ריכטן-אָפּ א שטילע תפילה און זיפצן דערביי.

ווען זיי הייבן ווידער אויף זייערע בליקן, דערזעען זיי, ווי אויף דעם טויטן פויערס פנים ליגט אויסגעגאָסן א שטילע רו. ס׳ווייזט זיך זיי אויס, אז אין זיינע אויגן שפיגלט זיך נאָך אן אָפּשיין פון דער הימלישער הערלעכקייט, וואָס ער האָט געזעען, א שמייכל שוועבט אויף זיינע ליפן, זיין פנים שיינט פון פרידן. אלץ זאָגט עדות דערויף, אז ער האָט געזעען גאָט.

— אָ, דו גרויסע, שיינע מענטשן-נשמה, טראכטן די אָנ-וועזנדיקע, דו האָסט צעריסן די קייטן פונם גוף! אין דיין לעצטער רגע האָסטו זיך אויפגעהויבן צו דיין באשעפער. דו האָסט זיך מיט טיפער הכנעה געבוקט פאר גאָט, און ער האָט דיך טאקע ווי א פיצל קינד אויפגעהויבן אויף זיין אָרעם.

— ער האָט געזעען גאָט! זאָגט דער פויערס זון און פארמאכט דעם טויטנס אויגן.

— ער האָט געזעען דעם אָפענעם הימל! כליפען די קינדער און די פאראָבקעס.

די אלטע פויערטע דערלאנגט דעם קאפיטאן לענאַרט איר ציטערדיקע האנט און זאָגט:

— הער קאפּיטאַן! איר האָט אים געבראַכט א ישועה אין זיין לעצטער מינוט! א דאַנק אייך!

דער קאפּיטאַן לענאַרט שווייגט. ער דערפילט, אז די השגחה עליונה האָט אים באַשאָנקען מיט דער מתנה פון שטאַרקע רייד און גרויסע מעשים. ער צאַפּלט ווי א שמעטערלינג, וואָס שטייט נאָך אויף דער פּופּע און שפּרייט אויס זיינע פליגעלעך צום ערשטן פלי; די שוואַכע פליגעלעך זיינע, וואָס גלאַנצן ווי די זונען-שיין! — — —

— — — — — — — — — — — —

דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט דעם קאפּיטאַן לענאַרט געשטויסן דערצו, אז ער זאָל אוועק צום פאָלק. אנדערש וואָלט ער זיכער צוריק אהיימגעגאַנגען צו זיין ווייב און זיך פאַר איר געוויזן מיט זיין אמתער צורה. אָבער פון דער דאָזיקער רגע אָן האָט ער געגלייבט, אז גאָט נויטיקט זיך אין אים. און אויף דעם אופן איז ער געוואָרן גאָטס שליח און איז געקומען מיט הילף צו די אָרימע מענטשן. אין יענער צייט האָט געהערשט א גרויסע נויט, וואָס נאָר חכמה און גוטסקייט האָבן זי געקאָנט לינדערן, — פיל בעסער ווי גאָלד און מאַכט וואָלט דאָס באַוויזן.

איינמאָל איז קאַפּיטאַן לענאַרט אָנגעקומען צו די אביונים, וועלכע האָבן געוואוינט אין דער געגנט פון באַרג גורליטאַ. צווישן זיי איז די נויט געווען גאָר אומגעהייער. זיי האָבן שוין נישט געהאַט צומאָל קיין קאַרטאָפל, און ס'האָט זיי אויך פאַרפעלט זריעה צו דער פרילינג-פאַרזייאונג.

קאַפּיטאַן לענאַרט האָט זיך מישב געווען, גענומען א קליין שיפל און אריבער אויפן צווייטן ברעג, קיין פּאַרס, צום פּריץ סינטראַם; ער האָט ביי אים געבעטן ער זאָל פאַר די אָרימע פּויערים שענקען אביסל תּבואה און קאַרטאָפל. סינטראַם האָט אים פיין אויפגענומען; ער האָט אים ארומגעפירט איבער זיינע אָנגעפילטע שפּייכלערס מיט תּבואה און אראָפּגעפירט אין גרויסן קעלער, וואו ס'איז נאָך געווען קאַרטאָפל

פונם פאראיאָריקן שניט. ער האָט אים געלאָזט אָנפילן אלע זעק און קוישלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך.

אָבער ווען סינטראַם האָט דערזען דאָס קליינע שיפל, האָט ער אויפמערקזאם געמאכט דעם קאַפּיטאַן, אז זיין שיפל איז צו קליין פאר אזא גרויסער משא; ס'וואָלט דעריבער פיל גלייכער געווען, מען זאָל די גאנצע לאָדונג אריבערטראָגן אויף איינעם פון זיינע אייגענע גרעסערע משא-שיפלעך. סינטראַם האט אויך באפוילן זיין פאראָבעק, דעם בעל-כּוח מאָנס, אז ער זאָל דאָס אריבערשיפן צום צווייטן ברעג. דער קאַפּיטאַן האָט בלויז געהאט צו דאגהן וועגן זיין קליינעם שיפעלע.

ער איז אָבער באלד געוואָרן הינטערשטעליק הינטער דעם פאראָבעק מאָנס, מחמת דער דאָזיקער פארשוין איז געווען א פלינקער רודערער און אן אומגעהייערער בעל-כּוח. קאַפּיטאַן לענאַרט זיצט און טרוימט, בשעת זיין שיפעלע גליטשט זיך איבער דער אויבערפלאך פון דער שיינער אָזערע, און ער טראַכט וועגן דעם מערקווירדיקן גורל פון די קליינע זריעה-קערנדלעך. איצט וועט מען זיי צעשיטן איבער דער שווארצער ערד, וואָס מען האָט געמיסטיקט מיט אש, און זיי וועלן פאלן צווישן שטיינער אוןביימער-וואָרצלען, אָבער דאָך וועלן זיי דאָרט געדייען און זיך פארוואָרצלען אין דער דאָזיקער וויסטעניש. ער טראַכט וועגן די ווייכע העל-גרינע שטרויעלעך וואָס וועלן באפוצן די ערד, און אין דמיון בייגט ער זיך איין און גלעט זייערע ווייכע קעפּלעך. דאן טראכט ער וועגן דעם האַרבסט און ווינטער, וואָס וועלן פארבייגיין אָן שום שאָדן פאר די דאָזיקע שוואכינקע שפּראָצונגען, וועלכע וועלן זיך האָבן גוט אויסגעוואָרימט אונטער דעם שניי-צודעק, און מיטן אָנקומען פון פרילינג וועלן זיי שנעל אָנהויבן וואקסן. זיין אלט זעלנעריש הארץ פרייט זיך פונם געדאנק וועגן די גלייכע רייען פון שטייפע שטרויען פון עטלעכע איילן די הייך, מיט זייערע שפּיציקע זאנגען, וואָס וועלן אויסזען ווי א חיל בשעתן מארש. צוערשט וועלן די וואָנסעלעך פון די זאָמען-שטעקעלעך פלאטערן אויפן ווינט, די שטויב-געפעסלעך וועלן

אַרויפבלאָזן זייער פּראָשעק אזש ביז די שפּיץ-ביימער, אָבער דערנאָך וועלן די זאנגען אונטער א באשיינפּערלעכן קאמף און פּחד אָנגעפּילט ווערן מיט ווייכינקע, זיסע קערנדלעך. שפּעטער וועלן די שניטערס קומען מיט זייערע קאָסעס, די תבואה וועט פאלן צו דער ערד, די צעפּעס וועלן אָנהייבן דונערן איבער זיי, די אויסגעדראָשענע קערנדלעך וועלן אוועקגעפירט ווערן צו דער מיל, און דאָס מעל וועט אויסגעבאקן ווערן אין געשמאקן ברויט. שטעלט אייך נאָר פאָר, וויפל הונגעריקע מיילער מען וועט קאָנען אָנזעטיקן מיט דער פּרוכט פון די דאָזיקע זריעה-קערנדלעך, וואָס דער פּראָבעק מאָנס פירט דאָרט אין זיין שיפל!

סינטראַמס פּראָבעק האָט זיך צוגעשיפט צום בריקל, וואו די הונגעריקע איינוווינער פון דער געגנט אַרום „גורליטאַ" האָבן אָפּגעוואַרט דעם קאפּיטאַן לענאַרט. דערזעענדיק זיי, האָט זיך מאָנס אָנגערופן צו די פויערים, — ווי זיין באַלעבאָס האָט אים אָנגעזאָגט:

— דער פריץ פון פאָרס שיקט אייך דאָ מאלץ און זריעה, ווייל ער האָט געהערט, אז איר האָט נישט קיין טראָפּן בראָנפן!

דערהערנדיק דאָס, זענען די אויסגעהונגערטע מענטשן ארומגעכאפּט געוואָרן ווי — פון א משוגעת. זיי זענען אראָפּגעלאָפן צום שיפל און שנעל אריינגעשפּרונגען אין וואסער, בכדי צו כאפּן די קוישלעך און זעק. אָבער נישט דאָס איז דאָך געווען דעם קאפּיטאַן לענאַרטס פּלאַן.

אין א ווייליע ארום איז ער אויך צוגעקומען צום ברעג און דערזעען די ווילדע סצענע. דאָס האָט אים אריינגעבראכט אין א שטארקן גרימצאָרן. ער האָט געבערענגט צו פירן די קארטאָפל אויף צו קאָכן, און די זריעה-קערנדלעך אויף צו פארזייען. מאלץ האָט ער גאָרנישט בדעה געהאט צו ברענגען.

ער האָט געשריגן צו די פויערים, זיי זאָלן לאָזן ליגן די זעק, אָבער קיינער האָט אים נישט געהאָרכט.

— נו, טאָ זאָל זיך די תבואה אין אייער מויל פאַר־וואַנדלען אין זאַמד, און פון די קאַרטאָפל זאָל אין אייער האַלז ווערן שטיינער! האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן, וואָרום ער איז געווען פאַרביטערט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן צע־כאַפּט די תבואה.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן די פאַרזאַמלטע באַקומען דעם איינדרוק, ווי דער קאַפּיטאַן וואָלט דאָ באַוויזן אַ נס. צוויי פּרויען, וועלכע האָבן צו זיך געריסן אַ זעקל, האָבן עס צעפּליקט, און ס'האָט זיך דערפון געגאָסן שיטן זאַמד. די מאַנסלייט ווידער, וועלכע האָבן געטראָגן די קאַרטאָפל, האָבן געפילט, אַז זיי זענען אַזוי שווער ווי שטיינער.

ס'איז ווירקלעך געווען אַזוי: די גאַנצע לאָדונג איז באַשטאַנען בלויז פון זאַמד און שטיינער. די פּויערים זענען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע פון דערשטוינונג, און זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם שליח פון גאָט, וועלכער איז אפשר צו זיי געשיקט געוואָרן פון דער השגחה עליונה. קאַפּיטאַן לענאַרט אַליין איז אויך שטאַרק נשתומם געוואָרן, בשעת ר'האָט דערזעען, וואָס ער האָט געברענגט צו פירן פאַר די הונגעריקע מענטשן. אָבער דער בעל־כוח מאָנס האָט זיך צעלאַכט.

— פאָר שנעל אַהיים! האָט דער קאַפּיטאַן צו אים גע־זאָגט. פאָר אַהיים, איידער די פּויערים וועלן פאַרשטיין, אַז דו האָסט נישט געברענגט צו פירן עפּעס אַנדערש, ווי בלויז זאַמד און שטיינער; ווען זיין וועלן ווערן בייז אויף דיר, וועלן זיי דיך דערטרינקען צוזאַמען מיט שיפל.

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיי! — האָט דער פאַראָבעק געענטפערט.

— פאָר אַהיים, זאָג איך דיר! האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן מיט אַזאַ באַפעלערישער שטים, אַז דער יונג האָט זיך תיכף אונטערגעגעבן.

נאָכדעם האָט דער קאַפּיטאַן לענאַרט דערקלערט פאַר די פּויערים, אַז סינטראַם האָט חוזק געמאַכט פון זייער נויט.

אָבער זיי האָבן פאָרט נישט אנדערש געוואָלט גלויבן, ווי נאָר, אז דאָ איז געשעען א נס. די ידיעה וועגן דעם האָט זיך בליץ־שנעל פארשפרייט איבער אלע ארומיקע ישובים. און אזוי ווי די ליבע פונם פאָלק צו נסים איז זייער גרויס, האָבן אלע גע־גלויבט, אז דער קאפיטאן לענאַרט איז א בעל־מופת, און צו־ליב דעם האָט ער באקומען א שטארקע שליטה איבער די פויערים און זיי האָבן אים פון איצט אָן א נאָמען געגעבן „דער שליח פון גאָט".

.28

דאָס בית-עולם

דאָס איז געווען אין א שיינעם נאָכמיטאָג אין חודש אויגוסט. די לעיוועס האָט געגלאַנצט ווי א שפיגל. א לייכטער דורכזיטיקער נעפּל האָט באַשלייערט די שפּיצן פון די בלויע בערג, אין דער לופט האָט זיך געטראָגן א פרישׁ, מחיהדיק ווינטל.

פּולקאָווניק בערענקרייץ, דער ריזן-שטארקער פארשוין מיט די ווייסע, גרויסע וואָנסעס, איז מיט א טאַליע קאָרטן אין דער הינטערשטער קעשענע פון ראָק אראָפּגעגאנגען צו דער אָזערע און זיך אריינגעזעצט אין א פלאַך שיפל. אים האָט באַגלייט זיין קריגס-חבר מאַיאָר אנדערס פוקס און אויך דער פלייט-שפּילער, — דער קליינער רוסטער, וועלכער איז אמאל געווען א פייקלער אין ווערמלענדישן שיסער-פולק און איז דערנאָך אין משך פון א סך יאָרן געווען דעם פּולקאָווניקס באַדינער און גוטער פריינט.

אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג ליגט דאָס בית-עולם — דאָס אָפּגעלאָזענע, פארוואָרלאָזטע בית-עולם פון דער סוואַרטזשע-אישער פאַראַפיע, מיט זיינע עטלעכע קרומע שאָקלדיקע אייזערנע צלמים. דאָס בית עולם איז אָבער באַדעקט מיט א סך קליינע קופּעלעך, ווי א לאָנקע וואָס ווערט קיינמאָל נישט צעאַקערט, און ס׳איז באַוואָקסן מיט שאַרפע גראָזן און מיט

פֿעדערגעוויקסן, וואָס מען רופֿט זיי אויך „מענטשן-גראָז“, — וואָס מען האָט דאָרט פֿאַרזייעט, כּדי צו דערמאָנען, אַז קיין שום מענטשנס לעבן איז נישט ענלעך צום צווייטנס, ווי ס'זענען עס נישט די בלעטער פֿון דעם מין געוויקס. דאָר זענען נישט געווען קיין סטעזשקעס פֿון שטיינדלעך, ווי געוויינלעך אויף אַ בית-הקברות, אויך נישט קיין שאָטנדיקע ביימער, — חוץ איין אַלטן ליפּע-בוים אויפֿן פֿאַרגעסענעם קבר פֿון אַ גלח. דאָס אָרימע בית-עולם איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן געמויערטן פּאַרקן. יאָ, אָרעם און חושכדיק איז דאָס דאָזיקע הייליקע פֿעלד, און מיאוס ווי דער פּרצוף פֿון אַ כּיטרן קמצן, וואָס איז פֿאַרוועלקט געוואָרן אונטערן קלאַנג פֿון די ווייגעשרייען פֿון די, ביי וועמען ער האָט צוגערויבט דאָס לעצטע ביסל גליק פֿון לעבן. נישט געקוקט דערויף, האָבן די נשמות פֿון די, וועלכע שלאָפֿן דאָ זייער אייביקן שלאָף, פֿאָרט באַקומען זייער תּיקון, וואָרום זייערע גופֿים ליגן אין געהייליקטער ערד, און זיי זענען צו קבֿורה געקומען אונטערן קלאַנג פֿון תּהילים-געזאַנג און תּפֿילה. אָבער דער קאַוואַלער אַקילאָן, דער קאָרטן-שפּילער, וועלכער איז פֿאַראַיאָרן געשטאָרבן אין עקעבי, איז דאָ באַגראָבן געוואָרן פֿון יענער זייט פּאַרקן. דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז אַמאָל געווען אַזאַ שטאָלצער, אַזאַ איידעלער ריטער, אַזאַ העלדישער קריגסמאַן, אַזאַ דרייסטער יעגער, אַזאַ מזלדיקער קאָרטן-שפּילער — ער האָט פֿאַרענדיקט זיין לעבן דערמיט, וואָס ער האָט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן זיינע קינדערס ירושה און אויך אַלץ וואָס ער און זיין ווייב האָבן אין משך פֿון אַ סך יאָרן אָנגעזאַמלט. נאָכדעם האָט ער פֿאַרלאָזן זיין ווייב און קינדער און איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעקומען קיין עקעבי, וואו ער האָט בדעה געהאַט צו פֿאַרברענגען זיין רעשט ביסל יאָרן, אַלס קאַוואַלער. אָבער פֿאַראַיאָרן זומער האָט ער אין איין אָוונט פֿאַרשפּילט די נחלה, פֿון וועלכער זיין ווייב און קינדער האָבן געצויגן זייער קנאַפּע חיונה. איידער צו דאַרפֿן באַצאָלן דעם חובֿ, האָט ער זיך ליבערשט דערשאָסן.

דעם זעלבסטמערדער האָט מען באַגראָבן אויף יענער זייט פּאַרקן.

נאָך זיין טויט זענען די קאַוואַלערן געווען נישט מער ווי צוועלף אין צאָל; נאָך זיין טויט איז נישט צוגעקומען קיין דרייצנטער, וועלכער זאָל פאַרנעמען זיין אָרט אין דער חברה קאַוואַלערן, קיינער איז נישט געקומען, — אחוץ דעם שוואַרצן פּאַרשוין, וועלכער איז אין דער היילִיקער וויגיליע־נאַכט אַרויסגעקראָכן פונם שמעלץ־אויוון פון דער עקעביער קוזניצע.

זיין גורל האָט מיט שאַרפן ווייטיק אָנגעפילט די קאַוואַלערן. זיי האָבן באַטירלעך געוואוסט, אַז יעדעס יאָר מוז איינער פון זיי שטאַרבן. וואָס פאַרא בייז האָט דען געשטעקט דערין? קאַוואַלערן טאָרן דאָך סיי ווי נישט אַלט ווערן. וואָרום וואָס פאַרא ווערט האָט, משטיינסגעזאָגט, דאָס לעבן, און צו וואָס קאָנען זיי נאָך צונוץ קומען אין לעבן, אויב זייערע האַלב־פאַרלאָשענע בליקן זענען שוין נישט מער אימשטאַנד אונטערצושיידן אַ קערטל, אויב זייערע ציטערדיקע הענט קאָנען שוין נישט אויפהייבן דעם אָנגעפילטן בעכער? אָבער ווי שרעקלעך דאָס איז צו ליגן ווי אַ הונט, הינטערן פּאַרקן פון בית־עולם, דאָרט וואו ס'גראָז קאָן נישט אומגעשטערט וואַקסן, נאָר ס'ווערט צעטרעטן דורך די שעפּסן, וואָס פּאַשען זיך, וואו די ערד ווערט צעשניטן דורכן אַקער־אייזן, וואו דער וואַנדערער גייט שנעל פאַרביי, נישט פאַרהאַלטנדיק זיינע טריט, וואו קינדער שפּילן זיך מיט כסדרדיקן געפּילדער און געשרייען־און לסוף, — וואו די שטיינערנע מויער וועט אין טאָג פון תּהית־עולם פאַרטויבן דאָס שאַלן פונם שופר של משיח, בעת ער וועט קומען אויפוועקן די געשטאָרבענע צו תּחית־המתים.

ווי שרעקלעך עס איז צו ליגן דאָרט!

איצטער שיפט זיך בערענקרייץ אַריבער צום צווייטן ברעג פון דער לעיוועץ. אין דעם שיינעם נאָכמיטאָג שיפט ער זיך איבער דער אָזערע פון מיינע טרוימען, וואָס אַרום אירע ברעגן

האָב איך געזעען, ווי געטער וואנדערן ארום אין זייער הער־לעכקייט און פראכט, און וואָס פון אירע טיפענישן פלעגט ארויסשטייגן דער פארכישופטער פאלאץ פון מיינע פאנטאזיעס. ער פאָרט פארביי די פלאך־וואסערן, וואָס ארום דעם אינזל לאגעין, וואו די סאָסנעס סטארטשען ארויס גלייך פונם וואַ־סער, מחמת זיי וואקסן אויף קליינע פלאכע קרייז־פאָרמיקע זאמד־אינזעלעך. דאָרט וואלגערן זיך נאָך שטיקלעך קאלך און שטיין פון דעם איינגעפאלענעם רויבער־שלאָס, וואָס אויפן שפיץ פון א גלייכן פעלז. ער פאָרט פארביי דאָס יאָדלאווער וועלדל, וואָס אויפן באָרגישן ערדשפיץ, וואו אן אלטע סאָס־נע הענגט אראָפּ אויף אירע נאָך אלץ גראָבע וואָרצלען אי־בער דעם בארג־אָפּריס, אויף דעם אָרט וואו מען האָט אמאָל גאפאנגען א ריזיקן בער און וואו די שטיינערנע קברים־בערג־לעך זאָגן עדות וועגן דער דורותדיקער אלטקייט פון דעם אָרט.

ער שיפט זיך דורך פארביי דעם ערדשפיץ, שטייגט ארויס פונם שיפל אויף דער יבשה, טאקע נישט ווייט פונם בית־עולם פארקן, און גייט דערנאָך איבער די אָפּגעקאסטע תבואה־פעלדער — וואָס געהערן צום גראף פון באָרג, — גלייך צום קבר פונם קאָרטן־שפּילער אַקילאַן.

צוקומענדיק דאָרט אהין, בייגט ער זיך איין און גלעט דאָס גראָז, ווי דאָס וואָלט געווען די קאָלדרע, אונטער וועל־כער ס'ליגט א קראנקער פריינט. נאָכדעם נעמט ער ארויס די טאליע קאָרטן און זעצט זיך אוועק נעבן קבר.

— א ביטערער רחמנות, נעבעך אויף אונזער ליבן פריינט יאָהאַן פרעדריק זאָגט בערענקרייץ, ער ליגט דאָ איינער אליין און חלשט מסתמא צו מאכן א קערטל!

— א חרפה און בושה, אז אזא מאן זאָל מוזן ליגן דאָ הינטערן פארקן! זאָגט דער בערן־יעגער אַנדערס פוקס און זעצט זיך אוועק נעבן בערענקרייצן.

אָבער דער קליינער רוסטער, דער פלייט־שפּילער רעדט מיט א ציטערדיקע שטים און בשעת מעשה גיסט א שטראָם פון זיינע קליינע, רויטע אויגן:

— נאָך אייך, הער פּולקאָווניק, נאָך אייך איז ער גע-וועזן דער בעסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען ס׳איז געטראָפן אין מיין לעבן!

דאָס זאָגט דער קליינער רוסטער, דער אמאָליקער קארל-שטאַדער גאסן-יונג, וועלכער איז געווען א גרויסער לאָבוז און אוואנטורניק, און איז פּאָרט ציוויליזירט געוואָרן דורך זיין ליב-שאפט צו מוזיק, וואָס האָט אים געבראכט צו גייסטיקן גלייכ-געוויכט און אים אוועקגעשטעלט אויף איין געזעלשאפטלעכער מדרגה מיט זיין מדריך, דעם פּולקאָווניק בערענקרייץ. צוויי העלדנמוטיקע אויפטועען האָבן אים בארימט געמאכט אין זיין יוגנט. אמאָל איז ער צוזאמען מיט אַקילאָנען אוועקגעפאָרן קיין יעטעבאָרג. דאָרט האָבן זיי געפירט א לעבן ווי שררות, זיי האָבן געוואוינט און געגעסן אין אן ערשטקלאסיקן האָטעל, געטאנצט מיט די שענסטע פרויען, געווען צו גאסט ביי די בארימטסטע לייט; יעדע נאכט האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן אויף טויזנטער קראָנען, און דאָס אלץ האָבן זיי באוויזן, נישט האָבנדיק קיין פּרוטה אין קעשענע. די צווייטע העלדישע טאט זיינע איז אויסגעפירט געוואָרן אין דייטשלאנד, ווען ר׳האָט נאָך געדינט אין פּולק, און בשעת זיי האָבן געזאָלט אָפּשלאָגן אן אטאקע פונם שונא. א העלפט מענטשן פון זיין פּולק זענען שוין געפאלן, אָבער ער און דער פּולקאָווניק האָבן זיך נאָך אלץ נישט געוואָלט רירן פון אָרט. ביז ס׳איז געקומען צולויפן דער אדיוטאנט פונם קרוין-פּרינץ, וועלכער האָט באפוילן זיך צוריקציען פון דער פּאָזיציע. נאָר דער פּולקאָווניק האָט דערויף געענטפערט:

— זייט מוחל, גריסט זיין קיניגלעכע הויכקייט און זאָגט אים, אז איך וועל זיך שלאָגן ביז צום לעצטן מענטשן, און ערשט דאן וועל איך זיך צוריקציען מיט דער רעשט מאנ-שאפט!

די סאָלדאטן האָבן אויסגעשריען הורא, און דער קליי-נער רוסטער, דער פּייקלער, האָט תיכף גענומען פרייליכע קלאפּן אין פּויק.

פון דעמאָלסט אָן איז דער פּולקאָווניק בערענקרייץ געווען ווי אַ דאָרן אין אויג פאַר דעם קרוינפּרינץ; ער האָט טאַקע באַקומען דעמיסיע אָן שום חסד און אָן פּענסיע, — לויט ווי רוסטער האָט געזאָגט, בלויז דערפאַר, ווייל ער איז צו העלדיש געווען.

די דאָזיקע דריי חשובע מאַנסלייט זיצן דאָס איצט נעבן אַקילאָנס קבר און שפּילן מיט גרויס כונה אין קאָרטן.

איך קוק אויף דער וועלט און — זע אַ סך קברים. אָט — דאָרט, למשל, רוט אַ מעכטיקער מאַן; זיין רו-פּלאַץ איז צוגעדעקט מיט אַ ריזיקער מאַרמאָר-פּליטע מיט גאָלדענע אויפשריפטן. איבער אים קלינגט אַ טרויער-מאַרש פון אַ גרויסן אָרקעסטער, — פּענער בויגן זיך איבער זיין קבר; איך זע אויך די קברים פון די, וועלכע זענען אין זייער לעבן שטאַרק געליבט געוואָרן. אויפן גרינעם גראָז פון זייערע קברים-בערגלעך ליגן גרינג די בלומען, וואָס זענען באַנעצט געוואָרן מיט טרערן און געצערטלט מיט קושן. איך זע פאַרגעסענע קברים, און איך זע שטאָלצע קברים — רו-ערטער, פון וועלכע דער שקר שרייט-אַראָפּ פון די מצבות, און אַנדערע ווידער, וואָס האָבן גאָרנישט צו דערציילן דעם פאַרבייגייער. אָבער קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געזעען, אַז מען זאָל מכבד זיין אַן אייגנוואַוינער פון אַ קבר מיט „וואַלעט גרין" און „מלך שעל".

— יאָהאַן פרעדריק האָט געוואונען! רופט-אויס מיט שטאָלץ דער פּולקאָווניק. איך האָב גרייער געוואוסט, אַז ער וועט געווינען, און ס'איז טאַקע קיין חידוש נישט, — דאָס האָב איך אים דאָך אויסגעלערנט צו שפּילן אין קאָרטן — יאָ, יאָ, גוטע ברידער, איצטער זענען מיר אַלע דריי אָפּגעשטאָרבן, און נאָר ער איינער אַליין לעבט.

נאָך די דאָזיקע ווערטער נעמט ער צוזאַמען די קאָרטן, הייבט זיך אויף, און לאָזט זיך צוזאַמען מיט די צוויי חברים צוריק אַוועק קיין עקעבי.

מסתמא האָט דער מת געפּילט, אַז נישט אַלע האָבן

פארגעסן אין אים, אָדער אין זיין פארלאָזענעם קבר. עס איז אפילו זייער אן אויסטערלישער כבוד, וואָס די דאָזיקע פאר־ווילדעטע הערצער געבן־אָפּ זייער באליבטן פריינט, אָבער דאָס דערפרייט זיכער דעם, וועלכער ליגט הינטערן פארקן, — דעם וואָס זיין גוף האָט נישט געטאָרט צו קבורה־קומען אין געהייליקטער ערד. ער מעג צופרידן זיין מיט דעם באַוויז, אז נישט אלע האָבן אים פארשטויסן.

מיינע ליבע פריינט, איר מענטשן־קינדער! ווען איך וועל שטארבן, וועל איך זיכער באגראָבן ווערן אין מיטן פונם בית־עולם, אין אונזער פאמיליען־קבר. איך האָב זיכער ביי קיינעם נישט צוגענומען זיין פרנסה, איך האָב נישט אויפגעהויבן מיין האנט קעגן מיין אייגן לעבן, אָבער איך האָב פאָרט נישט פארדינט אזוי פיל ליבשאפט, און קיינער וועט זיכער נישט טון אזוי פיל פאר מיינעטוועגן, וויפל די קאוואלערן האָבן געטון פאר דעם דאָזיקן פארברעכער. ס'וועט זיכער קיינער נישט קומען צו מיין קבר אין אָוונט, ווען די זון גייט אוועק און די איינזאמקייט און אומעט נע־מען איבער די ממשלה איבערן מתים־פּאָלווארק, און מען וועט מיר נישט אריינשטעקן קיין קאָלירטע קארטן צווישן די פארשטארטע פינגער.

ניין, קיינער וועט נישט קומען צו מיין קבר... איך מיין נישט דוקא מיט קאָרטן, דאָס אינטערעסירט מיך נישט, נאָר אויך נישט מיט קיין פידל און סמיטשיק... קיינער וועט נישט אויפשפּילן פאר מיין גאסט, וועלכער בלאָנדזשעט נאָך אפשר ארום איבער דעם גוף וואָס צעפאלט שוין אין שטויב, — ער זאָל זיך אויף די טענער־פאליעס איינוויגן צום שלאָף, ווי דער וויסער שוואן וויגט זיך אויף דער גלאנצנדיקער וואסער־פלאך.

.29

אלטע לידלעך

מאריאננע סינקלער איז אמאָל אין א שטילן פארנאכט' סוף חודש אויגוסט, געזעסן אין איר מיידלשן חדרל און גע- בראכט אין אָרדנונג איר קעסטעלע מיט בריוו און אנדערע פאפירן.

ארום איר האָט געהערשט א מיש-מאש. אויף דער פּאָ- דלאָגע זענען געשטאנען גרויסע לעדערנע וואליזעס און רייזע- קופערטן, באשלאָגענע מיט אייזן, און אירע מלבושים זענען געלעגן צעוואָרפן איבער שטולן און קאנאפּקעס. זי האָט ארויס- געשלעפּט פארשידענע זאכן פון די שענק, פון די אָטאָמאַן- קאסטנס און פונם בוידעם. די זיידענע קליידער האָבן גע- גלאנצט און שעמערירט מיט אלע קאָלירן פון רעגנבויגן, די וועבענע וועש האָט געבלענדט מיט איר ווייסקייט. פארשידענע צירונג איז געוואָרן ארויפגעלייגט אויף אָפּצופּוצן, און פון שאלן און פוטערווארג האָט זי געזאָלט אויסקלויבן נאָר דאָס, וואָס זי האָט איצט געברויכט צו האָבן, כדי עס אוועקצוגעבן אויסצולופטערן אָדער צו פאריכטן.

מאריאננע האָט זיך געקליבן אין א וויטן וועג, און זי האָט אפילו נישט געוואוסט, צי זי וועט זיך נאָך אמאָל צוריק אומקערן אהיים. זי איז איצט געבליבן שטיין אויפן שייד-וועג פון איר לעבן, און דעריבער האָט זי פארברענט א טייל אלטע

בריוו און טאָג-ביכלעך. זי האָט נישט געוואָלט האָבן מיט זיך די לאסט פון זכרונות.

און אזוי ווי זי זיצט און קלויבט פאנאנדער, פאלט איר אריין אין האנט א בינטל אלטע בלעטלעך, פארשריבענע מיט פערזן. דאָס זענען געווען אָפּשריפטן פון אלטע פאָלקס-לידלעך, וואָס איר מוטער פלעגט פאר איר זינגען בעת זי איז נאָך געווען א קליין קינד. זי האָט אויפגעבונדן דאָס שנירל און אָנגעהויבן לייענען.

אין א ווײַלע ארום האָט זי טרויעריק א שמייכל-געטון פון דער מאָדנער לעבנס-חכמה, וואָס די דאָזיקע לידלעך האָבן אָנגעזאָגט:

— גלייב נישט דעם גליק, גלייב נישט די צייכנס פון גליק, גלייב נישט אין קיין רויזן און אנדערע שיינע בלומען.

— גלייב נישט דעם געלעכטער! האָבן זיי געזאָגט, אָט זעסטו דאָך, ווי די שיינע יונגפרוי וואַלבאָרג פאָרט ארום אין א גאָלדענער קארעטע און אויף אירע ליפּן שוועבט כסדר א זיסער שמייכל, אָבער בשעת-מעשה איז זי אזוי אדורכגענומען מיט צער, ווי די פּאַדקאָוועס און רעדער פון איר פערד-און-וואָגן וואָלטן צעקוועטשט איר אייגן לעבנס-גליק.

— גלייב נישט דעם טאנץ! האָבן די לידלעך געזאָגט. נישט איין פוס לויפט לייכט איבער דער גלאטיקער פּאָדלאָגע, בשעת אויפן הארץ ליגט א משא פון בליי. די יונגע פריילין טשערסטין איז תמיד געווען לוסטיק און פלינק אין טאנץ, און דערוויילע איז איר יונג לעבן אוועק מיט גאָרנישט.

גלייב נישט דעם שפּאס! האָבן זיי ווייטער געזאָגט. נישט איין פרוי גייט מיט א שפאס אויף די ליפּן צום טיש, און זי וואָלט גאָר בעסער געוואָלט שטארבן. אָט זעט איר, דאָרט זיצט די יונגע אַדעלינע און לאָזט זיך אויף א קאטאָוועס אָנבאָטן דאָס הארץ פונם סאמעראָדנעם „קיניג איבערן מלכות פון פריידי" און דאָך איז זי זיכער, אז זי דארף טאקע נישט מער, ווי צוצוקוקן זיך צום דאָזיקן ספּעקטאקל, כדי צו באקומען מוט צום שטארבן.

אָ, איר אלטע לידלעך, טאָ אין וואָס דען־זשע זאָל מען גלויבן? צי בלויז אין טרערן און פּיין?

אויף צער־פולע ליפּן גנבעט זיך אָפּט לייכט ארויף א שמייכל, אָבער דער, וועלכער איז פרייליך, קאָן נישט וויינען! די אלטע לידלעך גלייבן אין טרערן, אין זיפצן — אָדער אין צער און אין די צייכנס פון צער. צער איז לויט זיי דאָס ווירקלעכע, דאָס דויערהאפטיקע, דער פעסטער בארג־גרונט אונטער דעם לויזן זאמד; דעם צער און זיינע צייכנס מעג מען גלויבן.

אפילו די פרייד אליין איז אויך פארמאסקירטער צער. אויף דער גאנצער וועלט איז אייגנטלעך נישט פאראן קיין שום אנדערע זאך, ווי נאָר צער.

— אָ, איר טרייסטלאָזע לידער! האָט מאריאננע אויסגע־רופן צו זיך אליין. ווי נישטיק אייער אלטע, פארלעגענע חכמה איז לגבי דער שפּע פונם לעבן!

זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אין גאָרטן, וואו זי האָט דערזעען אירע עלטערן שפּאצירן איבער די ברייטע סטעזשקעס און זי האָט פארשטאנען, אז זיי רעדן איצט וועגן דעם אלעם, וואָס האָט זיך זיי געוואָרפן אין די אויגן: וועגן די פארשידענע גראָזן אויף דער ערד און וועגן די פייגל אונטערן הימל.

— טו א קוק! האָט מאַריאננע געזאָגט צו זיך אליין, דאָרט וועסטו זיפצט א הארץ פון טיפן צער, הגם ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי גליקלעך, ווי גראָד איצט!

אָבער מיט אמאָל איז איר געקומען אויפן רעיון, אז אין תּוך גענומען ליגט אלצדינג ביים מענטשן אליין אין האנט, אז צער און פרייד זענען אָפּהענגיק נאָר פון דעם, ווי אזוי דער מענטש באנעמט א זאך. זי האָט זיך געשטעלט די פראגע, צי די איבערלעבונגען, וואָס זי האָט דאָס יאָר אדורכגעמאכט קאָנען אָנגערופן ווערן פרייד, אָדער צער און זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זיך צו ענטפערן.

זי האָט אדורכגעלעבט ביטערע צייטן. איר נשמה איז

געווען שווער קראנק. זי האָט זיך געהאט אראָפּגעבויגן צו דער ערד אונטער דער לאַסט פון דער דערנידערונג, וואָס זי האָט געמוזט פארטראָגן. וואָרום בעת זי האָט זיך צוריקגע־קערט צו איר היים, האָט זי צו זיך געזאָגט: „איך וועל פארגעסן דאָס שלעכטס, וואָס מיין פאָטער האָט מיר געטון". אָבער איר הארץ האָט געזאָגט עפּעס אנדערש: „ער האָט מיר פארשאפט שטערבלעכן צער, ער האָט מיך צעשיידט מיט מיין געליבטן און ער האָט מיך געבראכט צו גרענצלאָזער פאר־צווייפלונג, בשעת ער האָט געשלאָגן מיין מוטער. איך ווינטש אים נישט קיין שום שלעכטס, נאָר איך האָב פאָרט מורא פאר אים". דערנאָך האָט זי באמערקט, אז זי מוז זיך צווינ־גען איינצוזיצן אויפן אָרט, בשעת איר פאָטער זעצט זיך אוועק נעבן איר. זי וואָלט געוואָלט אנטלויפן פון אים. זי האָט זיך באמיט צו געוועלטיקן איבער איר הארץ. זי פלעגט מיט דעם אלטן שמועסן ווי געוויינלעך, און זי איז כמעט תמיד געווען אין זיין געזעלשאפט. באהערשן זיך האָט זי טאקע געקאָנט, אָבער זי האָט דערפון שרעקלעך געליטן. ס'איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז זי האָט אָנגעהויבן האסן אין אים אלץ: זיין הארטן, שטארקן קול, זיין שווערן טריט, זיינע גרויסע דלאָניעס און בכלל זיין גאנצע ריזן־געשטאלט. זי האָט אים טאקע נישט געוואונטשן קיין שום שלעכטס, און זי האָט חלילה נישט געוואָלט אים טון עפּעס א רעה, אָבער זי האָט זיך פאָרט נישט געקאָנט דערנענטערן צו אים אָן א געפיל פון שרעק און עקל: איר אונטערדריקט הארץ האָט זיך נוקם געווען. „דו האָסט מיך נישט געלאָזט ליבן", האָט עס געזאָגט צו איר „אָבער איך בין פאָרט דיין האַר, און דו וועסט נאָך קומען דערצו, אז דו וועסט נישט קאָנען אנדערש ווי האסן מיך!"

געוואוינט ווי זי איז געווען צו אָבסערווירן אלץ וואָס ס'קומט פאָר אין איר, האָט זי לסוף אויך באמערקט ווי דאָס דאָזיקע געפיל פון עקל צו איר פאָטער ווערט פון טאָג צו טאָג אלץ שטארקער און טיפער. גלייכצייטיק האָט זיך איר

איצט די היים אירע אויסגעהויזן אלס אן אייביקע תפיסה. זי האָט פארשטאַנען, אז דאָס גלייכסטע וואָלט פאר איר געווען, זי זאָל קומען צווישן מענטשן, אָבער נאָך איר פּאָקן-קראנקהייט האט זי דאָס ביי זיך נישט געקאָנט פּועלן. ס'האָט זיך איר אויסגעדויכט, אז קיין שום זאך קאָן שוין נישט לינדערן איר פּיין. וואָס א טאָג ווערט זי זיך פילן אלץ אומגליקלעכער, ביז זי ווערט סוף-כל-סוף פארלירן די זעלבסט-באהערשונג און ווערט איר פאָטער ארויסזאָגן אלץ וואָס זי פילט, כדי ער זאָל זען ווי פארביטערט זי איז אויף אים, און דאן וועלן זיך ווידער אָנהויבן מחלוקתן און אומגליקן.

אזוי איז אוועק דער פרילינג און א האלבער זומער. אָבער אין חודש יולי האָט זי געשריבן תנאים מיטן באראָן אַדריאַן, בלויז כדי צו באקומען אן אייגענע היים.

אָט ווי אזוי דאָס איז צוגעגאנגען:

אין א שיינעם העלן טאָג איז דער באראָן אַדריאַן געקומען צורייטן קיין ביערנע אויף א פּרעכטיקן פערד. זיין שיינער הוזארן-מונדיר האָט געבלאנקט אין דער ליכטיקער זונען-שיין, זיינע שפּאָרן און שווערד האָבן געבלינצלט, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיין שיינענדיקן יונגן פּנים און לאכנדיקע אויגן. מעלכיאָר סינקלער איז בכבודו ובעצמו ארויסגעגאנגען אויף די שטיגן, כדי אים מקבל-פּנים זיין. מאַריאַננע איז געזעסן ביים אָפענעם פענסטער פון דער עס-שטוב און געניית. זי האָט אים געזען אָנקומען און געהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט מיט איר פאָטער.

— ברוך הבא, הער „ריטער פון זונען-שיין”! האָט מעלכיאָר אויסגערופן — צו אלדי רוחות, ווי שיין דו זעסט אויס! דו גייסט נישט אמאָל זיך שדכענען?

— טאקע אזוי, פעטערל, טאקע דאָס האָב איך איצט בדעה צו טון, האָט דער באראָן געענטפערט און זיך צעלאכט.

— ווי שעמסטו זיך נישט, דו יונגאטש איינער! פון וואַנען א שטייגער ווערסטו עס נעמען אויף חיונה פאר א ווייב?

— פון ערגעץ נישט, פעטערל. וואָלט איך נאָר געהאט

א גראָשן בײַ דער נשמה, װאָלט דער טײװל געמענט חתונה האָבן, נישט איך!

— מנע... מנע... אזוי גאָר? און פון װאנען האָסטו עס גענומען אויף אזא שײנעם מונדיר? אויף דעם האָסטו שוין יאָ געהאט?...

— אויף ראטעס, פעטערל!...

— און דאָס פערד, זע איך, װאָס דו רײטסט דערויף, איז אויך װערט א מטמון מיט געלד. נישקשה, יונגערמאנטשיקל, כ׳פארשטײ זיך אויף אזעלכע זאכן! װאו א שטײגער האָסטו אים געפאקט, הע?...

— אמת, פעטערל, דאָס פערד איז נישט מײנס...

דער מגושמדיקער מעלכיאָר האָט שוין נישט געקאָנט בײַשטײן אזא מין אָפּנהארציקײט.

— גאָט מעג דיך שומר ומציל זײַן, דו יונגאטש אײנער, האָט ער געזאָגט. איך זע טאקע, אז דו דארפסט האָבן א װײַב מיט א גרויסן נדן. נו אויב דו קאָנסט באקומען מאַריאַננעס הסכמה, — איז מהיכא תיתי.

אויף דעם אופן איז די זאך באשלאָסן געװאָרן צװישן זײ בײדע, — אײדער נאָך דער באראָן אַדריאַן איז אראָפּ פונם פערד. אָבער נישקשה, מעלכיאָר סינקלער האָט געװאוסט, אז ער װעט דאָ נישט מאכן קײן פוילן עסק. דער באראָן אַדריאַן איז געװען זײער א טיכטיקער מענטש.

דערנאָך איז דער דאָזיקער בעלן אויף א גרויסן נדן ארײַן צו מאַריאַננען און איר באלד פאָרגעלײגט דעם ענין.

— אָ, מאַריאַננע, טײַערע מאַריאַננע! האָט ער געזאָגט. כ׳האָב שוין גערעדט מיט דײַן פאָטער. איך װיל גערן חתונה האָבן מיט דיר. זײַ מסכים, איך בעט דיך, מאַריאַננע!

זי איז באלד פון אים געװאויר געװאָרן דעם גאנצן אמת. זײַן פאָטער, דער אלטער באראָן, האָט שוין װידער זיך געלאָזט ארײַננארן און געקויפט א פּאָר לײדיקע גרובנס. דער אלטער באראָן האָט אין זײַן גאנצן לעבן רק געקויפט אזעלכע לײדיקע, װערטלאָזע גרובנס. אַדריאַנס מוטער האָט זיך שטארק

מצער געווען דערפון, און ער, אַדריאַן אַליין, האָט זיך פאַר־באָרגט אין חובות ביז איבער די אויערן. בכן זעט ער נישט קיין אנדערן אויסוועג ווי נאָר זיך צו שדכנען צו מאַריאַננען און דערמיט אָפּראַטעווען זיינע עלטערנס נחלה און זיין איי־גענעם הויזאַרן-מונדיר.

זיין עלטערנס נחלה, איז געווען דאָס ריטער-גוט העדעבי, וואָס איז געלעגן אויף דער אנדערער זייט אָזערע, כמעט ווי אַקעגנאיבער ביערנע. איז דאָך טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס זיי זענען געווען אַלטע באַקאַנטע, דערצו נאָך פון איין עלטער, און זיי האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, ווען זיי זענען נאָך געווען קליינע קינדער.

— דו וואָלסט, כ'לעבן, געמעגט חתונה האָבן מיט מיר, מאַריאַננע! — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין פּשוטע בקשה. איך פיר אַ נידערטרעכטיק לעבן: איך מוז רייטן אויף געבאָרגטע פערד און דעם שניידער קאָן איך נישט באַצאָלן מיינע חובות. אזוי קאָן עס שוין לענגער נישט צוגיין. איך וועל מוזן נעמען דימיסיע פון מיליטער, און דער סוף וועט זיין, אז כ'וועל זיך אריינפּאַקן א קויל אין קאָפּ!

— אָבער אַדריאַן! האָט זי אויסגערופן. וואָסער פאַר־פאַלק וועט עס, משטיינסגעזאָגט, זיין פון אונז ביידע? מיר זע־נען דאָך אפילו נישט אביסעלע פאַרליבט איינער אין אנדערן?

— מנע... זעסטו, בנוגע ליבע, האָב איך גאָר א קנאַ־פּע דאגה, נאַרישקייטן. דער עיקר האָב איך ליב צו רייטן אויף א גוט פערדל און צו גיין אויף יאגד; קיין קאַוואַלער צו פאַראדן בין איך נישט, איך בין אָבער א גוטער אַרבע־טער, ממש א בריה. וואָלט איך נאָר באַקומען אזוי פיל געלט, אז כ'זאָל האָבן די מעגלעכקייט איבערצונעמען אונזער נחלה אין מיינע הענט אריין. אָ, דאַן וואָלסטו געזען, צו וואָס איך טויג. ראשית-כל וואָלט איך פאַרזיכערט מיין מוטער איר חיונה, און דערנאָך וואָלט איך זיך א נעם-געטון צו דער אַרבעט. דאָס בעסטע פאַרגעניגן מיינס איז צו אַקערן און זייען. קיין

בעסערע זאך איז נישט פאראן אויף דער וועלט, און פון דער דאָזיקער ארבעט וועל איך זייער צופרידן זיין.

בשעת ער האָט אזוי גערעדט, האָט ער אויף איר גע־קוקט מיט זיינע ערלעכע, גוטע אויגן, און זי האָט געוואוסט, אז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת, און אז מען קאָן צו אים האָבן צוטרוי. דעריבער האָט זי געשריבן תנאים מיט אים, — דער עיקר, כדי צו קאָנען פארלאָזן די פארהאסטע עלטערן־היים, אָבער אויך צוליב דעם, ווייל זי האָט אים פון תמיד גערן געהאט.

זי וועט אָבער קיינמאָל נישט פארגעסן דעם חודש נאָך יענעם אויגוסט־אָוונט, ווען זייערע תנאים זענען פובליקירט געוואָרן. זי איז דעמאָלסט שיער נישט פון זינען אראָפּ.

דער באראָן אדריאַן איז וואָס א טאָג געוואָרן אלץ פארדאגהטער און שטילשוויגנדיקער. — ער איז, אמת, זייער אָפט געקומען קיין ביערנע, טיילמאָל אפילו א פּאָר מאָל דורכן טאָג, אָבער זי האָט פּאָרט באמערקט די פארענדערונג אין זיין שטימונג, וואָס איז ביי אים פאָרגעקומען נאָך זייער תנאים־שרייבן. ווען ער האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאפט פון אנדערע מענטשן, האָט ער זיך נאָך געקאָנט וויצלען, לאכן און טרייבן קאטאָוועס, אָבער ווען זיי זענען געוועןביידע אליין, האָט ער רק געשוויגן, און זיי האָבן זיך געלאנגווייליקט. זי האָט אים גאנץ גוט פארשטאנען: ס'איז אָסור נישט געווען אזא לייכטע זאך ווי ער האָט געמיינט, צו גיין חתונה האָבן מיט אזא מיאוס מיידל ווי זי. ס'האָט אים מסתמא בא־הערשט א געפיל פון עקל צו איר, און דאָס דאָזיקע געפיל איז וואָס אמאָל געוואָרן שטארקער, וואָרום ווער נאָך ווי זי אליין האָט אזוי געוואוסט, ווי שרעקלעך מיאוס זי איז איצט? זי האָט אים אפילו בולט געגעבן אָנצוהערן, אז זי שטייט נישט אזוי נאָך זיינע קושן און צערטלעכקייטן, אָבער ער האָט זיך מסתמא פאָרט נישט געקאָנט זי פאָרשטעלן אלס זיין ווייב, און די זאך האָט זיך וואָס א טאָג אלץ מער פארערגערט. אָבער צי וואָס האָט ער זיך געדארפט אזוי פייניקן? פארוואָס

האָט ער נישט צעריסן די תנאים? זי האָט אים דייטלעך גע-
געבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף אַזוי טון. זי אַליין האָט
דאָ גאָרנישט נישט געקאָנט העלפן, מחמת איר פאָטער האָט
איר דערקלערט, אַז איר רעפּוטאַציע קאָן שוין מער נישט
פאַרליידן אַ וועלכן ס'איז פרישן סקאַנדאַל. דערפאַר האָט זי
זיי ביידע אין דער זעלבער מאָס אָנגעהויבן פאַראַכטן, און
זי וואָלט זיך געלאָזט אויף יעדן אויסוועג, אַבי נאָר פּטור
צו ווערן פון די דאָזיקע צוויי פאַרהאַסטע מושלים אירע.

אָבער פּלוצלינג, אַ פּאָר טעג נאָך דער תנאים-סעודה, איז
פאָרגעקומען אַן אויסטערלישע וואונדערלעכע פאַרענדערונג.

— — — — — — — — — — — —

ביים סאַמע צופאָר צו די שטיגן פונם ביערנעאישן פּאַ-
לאַץ איז געלעגן אַ ריזיקער שטיין, וואָס איז געווען די סיבה
צו פיל צרות און ערגערניש. פאַרבייפאָרנדיקע פורלעך האָבן זיך
נישט איינמאָל איבערגעקערט איבערן שטיין, פערד און מענטשן
האָבן זיך פאַרטשעפּעט און אומגעפאַלן, די דינסטמיידלעך
האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אים און אויסגעגאָסן די קרוגן
מילך, — אָבער דער שטיין האָט געמוזט בלייבן ליגן, ווארום
ר'איז דאָך דאָרט שוין געלעגן אין משך פון אסך יאָרן. דער
שטיין איז דאָרט געווען נאָך פאַר דער צייט פונם פּריץ מעל-
כיאָרס עלטערן, איידער מען האָט נאָך גאָר געקלערט וועגן
אויפבויען דעם היינטיקן ביערנעאישן פּאַלאַץ. און וואָס מאַכט
עס אויס, אַז דער שטיין וועט ווייטער ליגן? ניין, דער פּריץ
מעלכיאָר סינקלער האָט לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר-
וואָס מען זאָל עפּעס אין מיטן דערין אַרויסגראָבן דעם דאָזיקן
שטיין פון דער ערד.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג,
אינעם חודש אויגוסט, איז געשעען אַ פּאָרפאַל מיט צוויי דינסט-
מיידלעך, וועלכע האָבן געטראָגן אַ גרויסן עמער מילך און
זענען געפאַלן איבערן שטיין. זיי האָבן זיך שטאַרק צעקלאַפּט,
און אַלע מענטשן זענען געוואָרן אין כעס, פאַרוואָס זאָל מען

עפּעס נישט טאָרן באַזייטיקן דעם דאָזיקן אומדערטרעגלעכן אבן-נגף.

דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט פון פרישטיק. דער פּריץ איז געווען אוועקגעגאַנגען אויף דער פרימאָרגן-אינספּעקציע איבער זיין נחלה, און היות אַלע מענטשן זענען תּמיד צווישן אַכט און ניין אַ זייגער אין דער פרי פאַרזאַמלט אין הויף, האָט די פּרוי גוסטאַווע באַפוילן עטלעכע פּאַראָבקעס, זיי זאָלן זיך אַ נעם-טון צום שטיין און אים אָפּראַמען פון וועג. זיי האָבן תּיכּף גענומען לאָפּעטעס און אייזערנע דרענגער, געגראָבן און געהויבן, ביז וואַנען ס'איז לסוף געלונגען ארויסצובאַקומען דעם גרויסן שטיין פון זיין טיפן לאָך. זיי האָבן אים אוועקגעטראָגן אין אַ ווינקל פון הויף. דאָס איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט פאַר די זעקס פאַרשוינען, וואָס האָבן דערביי געהאָרעוועט ווי פערד.

אָבער ווי נאָר זיי זענען דערמיט פאַרטיק געוואָרן, איז אָנגעקומען דער פּריץ און דערזעען וואָס דאָ איז געשען. מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי שרעקלעך אויפגעבראַכט ר'איז געוואָרן. עפּעס איז עס שוין גאָרנישט דערזעלבער הויף ביערנע ווי פריער! ווער האָט עס געהאט די העזה צו הייסן אוועקטראָגן דעם שטיין, הא? אַזוי גאָר, די פּרוי גוסטאַווע האָט אַזוי באַפוילן! נו יאָ, גיי טענה מיט ווייבער... אַז ס'האָט גאָר קיין הארץ נישט אין זיך! צי האָט דען זיין ווייב נישט געוואוסט, אַז ער האָט שטאַרק ליב דעם דאָזיקן שטיין, וואָס ליגט שוין דאָ פון קדמונים אָן?...

און נישט רעדנדיק קיין סך, גייט ער גלייך צו צום שטיין, נעמט אים ארום מיט זיינע מעכטיקע אָרעמס, הויבט אים אויף און טראָגט אים צוריק צום פריערדיקן אָרט און טראַסקעט אים אריין אין דעם זאַמד-גרוב. די דאָזיקע טאַט איז נאָכדעם שטאַרק באַוואונדערט געוואָרן אין גאַנץ ווערמלאַנד.

מאַריאַננע איז געשטאַנען נעבן פענסטער אין עס-שטוב און זיך צוגעקוקט, ווי איר פאָטער טראָגט דעם שטיין. ער

האָט זיך איר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעוויזן אזוי שרעקלעך, ווי איצט. דער דאָזיקער ריז איז דאָס געווען איר האר! און א האר איז דאָס געווען א קאפריזנער, א שוידערהאפט מעכ־טיקער בעל־כּוח, וועלכער האָט זיך בלויז גערעכנט מיט זיין אייגענעם ווילן.

זי איז גראָד געזעסן ביים פרישטיק־טיש און געהאלטן אין האנט א מעסער. נישט־ווילנדיק האָט זי מיט אמאָל האסטיק א הויב־געטון דעם מעסער.

פרוי גוסטאַוואַ האָט זי אָנגעכאפּט פאר דער האנט און א געשריי־געטון:

— מאַריאַננע!

— וואָס איז, מאמע?

— אך, מאַריאַננע, איך האָב זיך אזוי דערשראָקן! דו האָסט עפּעס אזוי שרעקלעך אויסגעזעען!

מאריאננע האָט אויף איר געוואָרפן א לאנגן בליק. זי איז געווען א קליין, פארדארט נקבהלע, גרוי און גערונצלט, הגם זי איז נישט מער אלט געווען, ווי א יאָר פופציק. די דאָזיקע פרוי האָט געליבט ווי א הונט, נישט רעכנענדיק זיך מיט די שטורכן און קלעפּ, וואָס זי האָט באקומען; און הגם זי האָט זיך ס'רוב געפונען אין א גוטער שטימונג, האָט זי אָבער אויף יעדן איינציקן פאַרט געמאכט אן אומעטיקן איינ־דרוק. זי איז געווען ווי א בוים וואָס וואקסט ביים ברעג ים און ווערט כּסדר געטרייסלט פונם ווינט, אזוי אז ער קאָן קיינמאָל נישט במנוחה אונטערוואקסן. זי האָט זיך אויסגעע־לערנט צו גיין מיט הינטער־שטעגלעך, זי האָט ליגן געזאָגט אין א נויט, און זיך אָפּט געמאכט נארישער, ווי זי איז ווירק־לעך געווען, — אלץ כּדי אויסצומיידן פּאַרוואורפן. יאָ, זי איז אין אלעם געווען דאָס ווערק פון איר מאן!

— צי וואָלט זיך די מאמע שטארק מצער געווען, ווען דער טאטע וואָלט געשטאָרבן? האָט מאריאננע פּלוצלינג א פרעג־געטון.

— מאַריאַננע, דו ביזט, זע איך, נאָך אלץ בייז אויפן

טאטן. די ביזט תמיד בייז אויף אים. פארוואָס זאָל אלץ נישט קאָנען צוריק ווערן גוט און וואויל, בפרט, אז דו האָסט דאָך שוין איצט א צווייטן חתן?

— אָ, מאמע, מאמע! וואָס בין איך דען שולדיק? וואָס זאָל איך טון, אז כ׳האָב אָבער פּאָרט מורא פאר אים? דו ווייסט דאָך אליין, סארא מענטש ער איז, טאָ ווי אזוי זאָל איך קאָנען אים ליב האָבן? ער איז אזא בייזער, אזא העפּ־טיקער און גראָבער מענטש! און ער האָט דאָך דיך אזוי פארפּייניקט, אז דו ביזט געוואָרן גרוי און אלט פאר דער צייט. פארוואָס האָט אונזער ביטערער גורל אזוי געפירט, אז ער זאָל זיין דער האר איבער אונז? ער פירט זיך אויף ווי א משוגענער, טאָ ווי אזוי קאָן איך אים שעצן און אכטן? ער איז אזא שלעכטער מענטש, ער פארמאָגט נישט קיין ברעקל רחמנות אין זיין הארץ, יאָ, ער האָט עפּעס גאָר קיין מענטשלעכן אָדער נישט אין זיך. איך ווייס, אז ער איז שטארק ווי א ריז, ער קאָן אונז צו יעדער רגע דערהרגענען ווי א פּאָר פליגן. און ווען ער זאָל נאָר וועלן, קאָן ער אונז צו יעדער צייט ארויסווארפן פון דער היים און קיינער זאָל נישט וואגן א פּיפּס צו טון קעגן אים. צי דערפאר זאָל איך אים דאָס אזוי ליבן?

אָבער ווען פרוי גוסטאַוואַ האָט דאָס דערהערט, איז זי עפּעס ווי אינגאנצן פארענדערט געוואָרן. זי האָט מיט אמאָל באקומען מוט און קראַפט און גענומען רעדן הארבע דיבורים צו איר טאָכטער.

— האָב אין זינען, וואָס דו רעדסט, מאַריאַננע! אפנים אז דיין טאטע איז געווען גערעכט, ווען ער האָט דיך אין ווינטער נישט ארייננעלאָזט אין שטוב.ווארט, דו וועסט זען, אז דו וועסט נאָך דערפאר באשטראָפט ווערן! דו מוזט זיך אויסלערנען צו פארטראָגן אלצדינג און דערביי נישט צו האסן, דו הערסט, מאַריאַננע, צו ליידן און נישט וועלן נקמה נעמען!

— אך, מאמע, מאמע, איך בין אזוי אומגליקלעך!

באלד נאָכדעם איז געקומען די אנטשיידונג. פון פּאָדער־הייזל

האָבן זיי דערהערט א טויבן קלאפּ פון עפּעס א שווערער זאך, וואָס איז אומגעפאלן.

זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט, צי מעלכיאָר זינקלער איז נישט אמאָל געשטאנען אויף די שטיגן פאַרן פאָדערהייזל און דורך די אָפענע פענסטער פון דער עס-שטוב געהערט מאַריאַננעס רייד, אָדער צי דאָס איז בלויז געווען א פועל-יוצא פון דער גוואלטיקער פיזישער אָנשטרענגונג ביים איבערטראָגן דעם ריזיקן שטיין? אלנפאלס, איז דער האַרץ-שלאָג מסתמא געקומען צוליב איינער פון די צוויי דערמאָנטע סיבות, אָדער אפשר גאָר צוליב ביידע סיבות צוזאמען. בשעת די טאָכטער מיט דער מוטער זענען ארויס אין פאָדערהייזל, האָבן זיי אים געפונען ליגן א פארחלשטן אויף דער ערד. זיי האָבן אים נאָכדעם נישט געוואגט צו פרעגן, וואָס דאָ איז געשען, און ער אליין האָט זיך אויך קיינמאָל נישט פארראטן, אז ער זאָל האָבן עפּעס געהערט. מאַריאַננע ווידער, האָט דער-נאָך נישט געהאט די דרייסטקייט זיך קלאָר צו מאכן, אז זי האָט נישט-ווילנדיק זיך נוקם געווען. אָבער דער אָנבליק פון איר פאָטער, וועלכער איז איצט א פארחלשטער געלעגן אויף די זעלבע שטיגן, וואו זי האָט זיך אנומלט אויסגעלערנט אים צו האסן, האָט תיכף פארטריבן פון איר האַרץ יעדן סימן פון פארביטערונג.

ער האָט באלד צוריק באקומען דאָס באוואוסטזיין, און אָפליגנדיק א פּאָר טעג צו בעט, איז ער צוריק געזונט גע-וואָרן. ער איז ווידער געווען דערזעלבער וואָס פריער — און פאָרט נישט דערזעלבער.

— — — — — — — — — — — — — —

מאַריאַננע האָט דורכן פענסטער באטראכט אירע עלטערן, בשעת זיי האָבן האנט-ביי-האנט ארומגעשפּאצירט אין גאָרטן. אָט אזוי פלעגן זיי שוין איצטער תמיד טון. ער איז קיינמאָל נישט מער ארויסגעגאנגען איינער אליין, ער פלעגט אין ער-געץ נישט אוועקפאָרן; אדרבא, ר'איז גאָר געווען שטארק אומצופרידן, ווען ס'זענען געקומען געסט, ווייל דאָס האָט

אים אוועקגענומען פון דער געזעלשאפט פון זיין ווייב. די עלטער האָט זיך מיטאמאָל אָנגערוקט אויף אים, אפילו א בריוו האָט זיך אים נישט געגלוסט אָנצושרייבן, און פרוי גוסטאַוואַ האָט עס געמוזט טון פאר אים. איצט האָט ער שוין קיינמאָל קיין זאך נישט באשלאָסן אויף אייגענע אחריות, נאָר ער פלעגט זיך כסדר באראטן מיט זיין ווייב, און אלץ איז געטון געוואָרן ווי זי האָט באשטימט. ער איז שוין איצט תמיד געווען א מילדער און פריינטלעכער, און ער האָט אַליין באמערקט די פארענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען און ווי גליקלעך זיין ווייב איז דערפון.

— גוטע צייטן פאר איר געקומען, האָט ער איינמאָל געזאָגט צו מאַריאַננען, אָנווייזנדיק אויף פרוי גוסטאַוואַ.

— אך, ליבער מעלכיאָר, האָט זיין ווייב דערויף געענטפערט, דו ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז כ׳וואָלט בעסער געוואָלט, דו זאָלסט ווידער זיין אזוי שטארק ווי פריער!

און דאָס איז טאקע געווען איר הייסער וואונטש. זי האָט געהאט גרויס פארגעניגן צו דערציילן וועגן די אמאָליקע גבורות פון איר מאן, בעת ר׳איז געווען פולקאָם געזונט; ווי אזוי ר׳איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן מיטצומאכן מיט די קאוואלערן פון עקעבי זייערע ווילדע הוליאנקעס, ווי אזוי ער פלעגט שיכורערהייט פינקטלעך דערליידיקן זיינע עסקים, און גראָד דעמאָלסט ווען זי האָט געמיינט, אז אָט-אָט פארטאכלעוועט ער זייער גאנץ האָב-און-גוטס, — דוקא דעמאָלסט האָט ער ערשט פארדינט די אמתדיקע אפותיקה. מאַריאַננע האָט אָבער געוואוסט, אז נישט געקוקט אויף דער מוטערס קרעכצן, פילט זי זיך איצט גליקלעך, מחמת איצט קאָן זי דאָך אלצדינג זיין פאר איר מאן, און דאָס איז שוין פאר איר גענוג, כדי צו זיין צופרידן פון איר לעבן. איבעריקנס, זענען זיי שוין ביידע געווען אלט און צעבראָכן פון זייערע ביז-איצטיקע דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען. מאַריאַננע האָט זיך איצט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי ס׳וועט אויסזעען זייער צוקונפט. דער פאָטער וועט אלץ שוואכער ווערן, די הארץ-

אטאקן וועלן זיך איבערחזרן און אים, וואָס אמאָל מער אומ־באהאָלפן מאכן, און די מוטער וועט אים אָפּהיטן און צוזען, ביז וואנען דער טויט וועט זיי נישט צעשיידן. אָבער ביז צום סוף וועט נאָך געדויערן א שיינע פּאָר יאָר. פרוי גוסטאַוואַ וועט נאָך זוכה זיין צו לעבן א שטיקל צייט אין גליק און צופרידנקייט. אזוי דארף עס טאקע זיין, האָט מאַריאַננע גע־מיינט, וואָרום דאָס לעבן איז צו איר מוטער געשטאנען אין א גרויסן חוב.

פאר מאַריאַננען אליין איז אויך איצט בעסער געווען. קיין שום מורא אָדער פארצווייפלונג האָט זי נישט מער גע־צוואונגען חתונה צו האָבן בלויז צוליב דעם, כדי צו באקומען אן אנדערן האר איבער זיך. איר צעקאַליעטשעט הארץ האָט באקומען די אויסגעבענקטע רו, כדי צו קאָנען היילן זיך פון די וואונדן. דורך דעם דאָזיקן הארץ האָט אמאָל די שנאה אזוי גוט ווי די ליבע געהאט געבראַוזעט מיט אירע מעכטיקע פאַליעס, איצט אָבער האָט זי שוין נישט מער געטראכט וועגן די ליידן און פיין, וואָס דאָס האָט איר דעמאָלסט פארשאפט. זי האָט פאר זיך אליין געמוזט מודה זיין, אז איצט איז זי געוואָרן גאָר אן אנדערער מענטש — ערלעכער, גייס־טיק רייפער און מאַראַליש העכער ווי פריער.

צי זאָל עס איר באנג־טון, דאָס וואָס איז געשעען? צי ברענגט נישט אמאָל יעטוועדעס ליידן עפּעס גוטס מיט זיך? איז דאָך נאָך מעגלעך, אז אלצדינג זאָל זיך גליקלעך פּא־רענדיקן? דעריבער האָט זי איצט אָנגענומען פאר ליב אלץ, וואָס האָט זי נאָר געקאָנט פירן צו א העכערער גייסטיקער מדרגה. די אלטע לידלעך זענען נישט געווען גערעכט. צער איז נישט די איינציקע דויערהאפטע זאך אויף דער וועלט. זי האָט באשלאָסן זיך אוועקצולאָזן אין דער וועלט אריין, אפשר וועט זי ערגעץ געפינען אן אָרט, וואו מען וועט זיך נויטיקן אין איר. אויב איר פאָטער וואָלט נאָך איצט געווען דער זעלבער ווי פריער, וואָלט ער איר זיכער נישט דער־לויבט צו צערייסן די תנאים. איצט האָט פרוי גוסטאַוואַ פאר־

מיטלט אין דער זאַך, און מאַריאַננע האָט אפילו באַקומען די דערלויבניש ארויסצוהעלפן דעם באַראָן אַדריאַן מיט דער סו-מע געלט, וואס איז אים נויטיק געווען.

אויך וועגן אים, וועגן אַדריאַנען, האט זי איצט מיט צופרידנקייט געטראַכט. זי וועט אים באפרייען פון זיך. ער האט איר פריער מיט זיין געוואַגטקייט און מונטערקייט א סך דערמאָנט אָן יעסטאַן, דערום האָט זי אים ווידער געוואָלט זען א פריילעכן. ער וועט צוריק ווערן דער זעלבער „ריטער פון זונען-שיין", וועלכער איז געקומען רייטנדיק צו איר פּאַ-טערס הויף. זי וועט אים פּארשאפן ערד, כדי ער זאָל האָבן וואו צו אקערן און זייען, וויפיל זיין הארץ וועט נאָר גלוסטן, און זי וועט אים נאָך זען פירן א שיינע כלה צום אלטאר.

מיט די דאָזיקע מחשבות זעצט זי זיך אוועק און שרייבט-אָן צו אים א בריוו, וואו זי גיט אים צוריק זיין פרייהייט. זי שרייבט צו אים מילדע, הארציקע ווערטער, און זאָלצט זיי צו מיט קלוגע, לאָגישע ארגומענטן, הגם איינגעוויקלט אין א שאָלעכץ פון לצנות, אָבער פאָרט אזוי פארשטענדלעך, אז ער זאָל אומבאַדינגט קאָנען תופס זיין, ווי ערנסט זי מיינט דערמיט.

זי האָט נאָך נישט געהאט געענדיקט דאָס שרייבן, ווי ס'האָט זיך דערהערט דאָס דונערן פון פערדישע פּאָדקעוועס איבערן שטיינערדיקן וועג, וואָס פארן הויז.

— ס'לעצטע מאָל קומסטו שוין דאָ אהער, מיין ליבער „ריטער פון זונען-שיין", טראַכט זי בשעת-מעשה.

באַראָן אַדריאַן קומט טאקע באַלד אריין אין איר חדרל.

— ווי פאַלט דיר איין אריינצוקומען אזוי גלייך דאָ אהער? האָט זי אויסגערופן, ווארפנדיק א בליק אויף די אין אומאָרדנונג צעוואָרפענע זאכן און קופערטן.

ער ווערט צוטומלט און דערשראָקן, און קאָן קוים ארויסשטאמלען אן אנטשולדיקונג.

— איך האַלט איצט גראָד ביים שרייבן צו דיר א בריוו,

זאָגט זי. נאַ, אָט האָסטו אים, דו קאָנסט אים שוין איבערלײ־
גען, דאָ אויפן אָרט.

ער נעמט דעם בריוו, און זי זיצט און אָבסערווירט אים בשעתן לייענען. זי בענקט צו זען, ווי זיין פּנים וועט אויפ־
שטראַלן פון פרייד.

ער האָט אָבער נאָך נישט געהאַט אָפּגעלייענט קיין סך, ווי זי דערזעט, אַז ער ווערט פלאַם-רויט, וואַרפט אַוועק דעם בריוו, צעטרעט אים מיט די פיס, און הויבט אָן צו שעלטן אויף וואָס די וועלט שטייט.

מאַריאַננע ווערט פּאַראַליזירט. זי איז שוין נישט קיין „גרינע" אין ענין פון ליבע און מענטשן-קענטעניש. אָבער דאָך האָט זי ביז איצט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף דעם דאָזיקן נישט דערפאַרענעם יונגל, אויף דעם דאָזיקן גרויסן קינד.

— אַדריאַן, טייערער אַדריאַן! זאָגט זי. וואָס פאַרא קאָ־
מעדיע האָסטו די גאַנצע צייט געשפּילט פאַר מיר? קום אַהער און דערצייל מיר תּיכּף דעם גאַנצן אמת!

ער איז צו איר צוגעגאַנגען, און האָט זי שיער נישט דערשטיקט מיט זיינע העפטיקע, ליידנשאַפטלעכע אומאַרמונגען און צערטלעכקייטן. אַזאַ אָרימער יונגל נעבעך, ווי ער האָט עס געמוזט דריקן און שטיקן אין זיך זיינע ליידן און ספקות!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויפסניי אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און געזען ווי איר מוטער האָט נאָך אַלץ אַרומגע־
שפּאַצירט מיטן פאָטער און גערעדט צו אים וועגן די בלומען און פייגעלעך, און דאָ אינעווייניק איז זי געזעסן און גע־
פלוידערט וועגן ליבע.

— דאָס לעבן האָט אונז ביידן געזאָגט פילן זיין האַרבע שטרענגקייט, האָט זי בשעת מעשה געטראַכט און ווײמוטיק געשמייכלט. דאָס לעבן וויל אונז טרייסטן, דערום האָט עס יעדן פון אונז ביידן געשענקט אַ גרויס קינד זיך צו שפּילן דערמיט.

פאַר איר איז עס אָבער פאָרט אַ טייערע זאַך געווען, וואָס זי האָט נאָך געקאָנט געליבט ווערן. ס'האָט איר הנאה

געטון צו הערן, ווי ער האָט איר געשושקעט וועגן דער כישוף-קראפט, וואָס שטראַלט ארויס פון איר ווענז, און אויך וועגן דעם, ווי ר'האָט זיך דערנאָך געשעמט פאר זיין ערשטן שמועס מיט איר. ער האָט נאָך דעמאָלסט נישט געוואוסט, סארא מאכט זי פארמאָגט. אָ, קיין שום מאן וואָלט נישט גע- קאָנט קומען אין איר נאָנטקייט און נישט ווערן פארליבט אין איר, נאָר אים האָט זי עפּעס געשראָקן אויך. ער האָט זיך געפילט אזוי מאָדנע באזיגט דורך איר.

פאר איר איז דאָס נישט געווען קיין ריכטיק גליק, אָבער אויך נישט קיין אומגליק, זי האָט אלנפאלס געוואָלט פּרובירן פארברענגען א לעבן מיט אים.

זי האָט שוין איצט אָנגעהויבן פארשטיין זיך אליין אויך, און געטראכט וועגן דער טורקל-טויב, — דעם דאָזיקן בענק- שאפטס-פויגל, וואָס ווערט דערמאָנט אין די אלטע לידלעך. אָט די טויב טרינקט קיינמאָל נישט קיין פריש, קלאָר וואַ- סער, נאָר צוערשט מאכט זי עס מוטנע מיט איר פיסל, כדי ס'זאָל זיין מער געפאסט צו איר טרויעריק געמיט. איר, מאַר- יאַננען, איז משמעות אויך נישט באשערט געווען צוצוקומען צום קוואל פון לעבן און טרינקען פון קלאָרן, קרישטאל-ריי- נעם גליק. צוערשט האָט עס געמוזט מוטנע ווערן דורך צער- וויל אזא מין לעבן האָט מסתמא צום בעסטן געפאסט פאר איר,

30.

דער טויט — דער באפרייער

מיין בלאסער פריינט, דער טויט — דער באפרייער, איז אמאָל אין א לבנה-ווייסער אויגוסט-נאכט אָנגעקומען צו דער היים פון קאפיטאן אוגלאַס אין בערגאַ. אָבער ער האָט פאָרט נישט געוואגט גלייך ארייננצוגיין אין דעם דאָזיקן גאסט-פריינטלעכן הויז, וואָרום ווי באקאנט איז די צאָל בעלנים אויף אים גאָר א קנאפע.

מיין בלאסער פריינט, דער טויט — דער באפרייער, האָט א מוטיק הארץ. ער האָט ליב צו רייטן דורך די רוימען, געטראָגן פון אָנגעגליטע הארמאטן-קוילן. ער נעמט דעם ײַ-שענדיקן גראנאט אויפן קארק און ער צעלאכט זיך הילכיק, בשעת דער גראנאט רייסט-אויף און זיינע שערבלעך צעשיטן זיך ווייט ארום. ער נעמט נאָך האלבער נאכט אן אָנטייל אין די שדים-טענץ אויף די בית-עולמס, און ער אנטלויפט אויך נישט פאר די מגפה-שפיטעלער; אָבער ער ווערט פארציטערט ביים שוועל פון צדיק, ביים טויער פונם ווייכהארציקן. וואָרום ער וויל נישט, אז מען זאָל אים מקבל-פנים זיין מיט ביטער געוויין, נאָר מיט שטילער פרייד, מחמת ער באפרייט דאָך די גייסטער פון די קייטן פון פיין, ער באפרייט זיי דאָך פון אלעם ערדישן און לאָזט זיי געניסן פון דעם הערלעכן לעבן אין די פרייע רוימען פון דער וועלט.

דער טויט האָט זיך איינגעגנבעט אין דעם אַלטן בזשאָזאָווער וועלדל וואָס הינטערן בערגאַנישן וואָינהויז, וואו די בוימער שטופּן זיך צו געווינען אַ ביסל ליכט פונעם הימל פאַר די שיטערע בלעטער אויף זייערע קרוינען. אין דעם דאָזיקן וועלדל, וואָס איז אַמאָל געווען יונג און פול מיט הויכן, זאַפטיקן גראָז, האָט זיך מיין בלאָסער פריינט אויסגעבאַהאַלטן, בשעת דער טאָג האָט געהערשט, אָבער ביינאַכט האָט ער זיך, אַ ווייסער און בלאָסער, אוועקגעשטעלט ביים ברעג פון וואַלד, בלינצלענדיק מיט דער קאַסע אין לבנה-שיין.

אַ עראָס! צו יענער צייט ביזסט דו ס׳רוב געווען דער מושל איבער דעם דאָזיקן וועלדל. אַלטע לייט ווייסן נאָך עד היום צו דערציילן וועגן די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעזוכט אַ מקום-מנוחה אין זיינע ווייכע גראָזן. אפילו ביי היינטיקן טאָג, בשעת איך פאָר פאַרביי נעבן בער-גאַנישן פּאָלוואַרק, פאַרמאַטערט ווי איך בין פונעם וועג איבער די גלייכע בערגלעך און פונעם געדיכטן שטויב, פרייט זיך מיין האַרץ ביים אָנבליק פונעם דאָזיקן וועלדל מיט זיינע ווייסע שטאַמען, וואָס ווערן באַשטראַלט דורך זכרונות פון פלאַמענדיקער ליבע פון יונגע, שיינע מענטשן-קינדער.

אָבער אין דער צייט, וועגן וועלכער איך רעדט דאָ, איז דאָרט איינגעשטאַנען דער טויט, און די ווילדע חיות פון דער נאַכט האָבן אים געזען. נאַכט-ביי-נאַכט האָבן די מענטשן אין בערגאַנישן פּאָלוואַרק געהערט, ווי דער פוקס האָט געוואָיעט, כדי פּאַראויסצוזאָגן זיין אָנקומען. דער שלאַנג איז צוגעקראָכן איבער די סטעזשקעס פון שטיינדלך אַזש ביז צום וואָינהויז. רעדן האָט ער טאַקע נישט געקאָנט, אָבער די מענטשן האָבן סיי ווי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שליח פון מעכטיקן האַר. און אויף דעם עפּלבוים, וואָס פאַרן פענסטער פון דער קאַפּיטאַנין אוגלאַסעס שטוב, האָט די סאָווע געלאָזט הערן איר אימהדיקן, אַנגסטפולן געשריי. וואָרום אַלץ וואָס לעבט, פילט דאָס אָנקומען פונעם טויט און ווערט פאַרציטערט פאַר אים...

איינמאָל איז דער ריכטער פון מונקערוד צוזאַמען מיט זיין ווייב אהיימגעפאָרן פון א וויזיט אין דער ברוביער פלע־באַניע. ארום צוויי א זייגער ביינאכט זענען זיי פארבייגע־פאָרן נעבן דעם בערגאַנישן פּאָלווארק און האָבן געזען, ווי ס׳ברענט א ליכט אויפן פענסטער־ברעטל פון דער גאסט־שטוב; זיי האָבן בולט געזען דאָס געלע פלעמל פון ליכט און די ווייסע שיין וואָס ארום אים, און שפּעטער האָבן זיי מיט גרויס דערשטוינונג דערציילט וועגן דעם.

אָבער דאן האָבן זיך די פריילעכע מיידלעך פון בערגאַ אויסגעלאכט דערפון, וואָרום, ווי זיי האָבן דערקלערט פאר׳ן ריכטער, האָבן זיי שוין לאנג נישט געהאט אפילו דאָס מינדסטע ברעקל ליכט; דאָס לעצטע ליכטל האָט מען אויס־געברענט נאָך אין חודש מערץ, און דאָס ליכט וואָס דער ריכטער האָט געזען, איז זיכער געווען א מין פארבלענדעניש. שוין לאנג ווי אין דער גאסט־שטוב האָט זיך קיין לעבעדי־קער נפש נישט געפונען אזוי שפּעט אין דער נאכט. די קאַ־פיטאנין אליין איז אָבער שרעקלעך בלאס געוואָרן און גע־שוויגן; וואָרום זי האָט געוואוסט, אז דאָס דאָזיקע ווייסע ליכט מיטן העלן פלעמל פלעגט זיך תמיד באווייזן, ווען אין איר משפּחה האָט עמיצער געזאָלט אויסגעלייזט ווערן דורכן טויט — — —

קורץ דערנאָך, איז איר זון פערדינאנד אין א שיינעם אויגוסט־טאָג אהיימגעקומען פון זיין פּאָסטן אלס ערד־מעסטער אין די צפונדיקע וועלדער. ער איז צוריקגעקומען א בלאסער, אַן אויסגעדארטער, מיט אן אומהיילבארער לונגען־קראנקהייט. און ווי נאָר די מוטער זיינע האָט אים דערזען, האָט זי גלייך פארשטאנען, אז איר זון איז אהיימגעקומען שטארבן.

אָט־אָ דאָס האָט געזאָלט זיין דער גורל פון דעם זון, וועלכער האָט זיינע עלטערן קיינמאָל נישט פארשאפט קיין עגמת־נפש! ער האָט נעבעך יונגערהייט געמוזט פארלאָזן דאָס פולסירנדיקע, פריידפולע לעבן וואָס האָט אויך אים געווארט

און אויך די שיינע כּלה מיט איר נדן פון רייכע פּאָלוואַרקן און גרויסע אייזן-הוטעס.

לסוף, נאָכדעם ווי מיין בלאָסער פריינט האָט שוין גע-האַט איבערגעוואַרט איין לבנה-טויש, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אין אַ געוויסער נאַכט צוגעגאַנגען צום וואָלינהויז. ער האָט געטראַכט, אַז אויב דער הונגער און נויט זענען דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט פריילעכע גע-זיכטער, טאָ פאַרוואָס זאָל מען אויך אים נישט באַגעגענען מיט שמחה?

ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען איבערן סטעזשקעלע פון שטיינדלעך, וואַרפנדיק אַ לאַנגן שאָטן אויפן גראָז-פּליין, וואו די טוי-טראָפּנס האָבן געגלאַנצט אין די לבנה-שטראַלן.

ער האָט זיך נישט דערנענטערט ווי דער פריילעכער שניטער, וועלכער קומט צוגיין מיט בלומען אין היטל און מיטן אָרעם אַרום זיין מיידלס טאַליע. ער איז געגאַנגען איינגעבויגן, ווי אַן אָפּגעצערטער חולה, די קאָסע האָט ער באַהאַלטן אין די פאַלדן פון זיין מאַנטל, און בשעת זיין גייען האָבן סאָוועס און פלעדער-מייז געפלאַטערט אַרום אים.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז די קאַפּיטאַנין נישט גע-שלאָפן, און זי האָט געהערט, ווי עמיצער קלאַפּט-אָן אין פענסטער, האָט זי זיך אויפגעהויבן אין בעט און געפרעגט:

— ווער קלאַפּט עס דאָרט?

אַלטע לייט פאַרציילן, אַז דער טויט האָט געענטפערט:

— דאָס בין איך, דער טויט — דער באַפרייער.

זי איז אויפגעשטאַנען פון בעט, אויפגעעפנט דאָס פענ-סטער און געזען, ווי סאָוועס און פלעדערמייז פלאַטערן אַרום אין לבנה-שיין, אָבער דעם טויט האָט זי נישט געזען.

— קום אַריין, דו פריינט און באַפרייער! האָט זי גע-פליסטערט. פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געוואַרט? איך האָב דאָך שוין אַזאַ צייט געוואַרט אויף דיר, איך האָב דאָך דיך בסדר גערופן! קום און לייז-אויס מיין זון!

דאַן האָט זיך דער טויט אַריינגעשלייכט אין הויז.

פריילעך ווי א דעטראָניזירטער קיניג, ווען מען האָט אויף דער עלטער צוריקגעקערט די קרוין, פריילעך ווי א קינד, וואָס מען רופט צום שפילן זיך.

צומאָרגנס האָט זיך די קאפיטאנין אוועקגעזעצט נעבן איר זונס קראנקן-בעט און אים דערציילט וועגן דעם גליק פון די באפרייטע גייסטער און וועגן דעם הערלעכן לעבן, וואָס זיי פירן אין מלכות-השמים.

— זיי ארבעטן און זיי שאפן, האָט זי געזאָגט. אך, מיין זון, סארא קינסטלער זיי זענען, סארא אומפארגלייכלעכע קינסטלער! און וואָס וועסטו ווערן, ווען דו וועסט ארייַנקומען אין זייער עדה? מסתמא איינער פון די סקולפטאָרן, וועלכע ארבעטן אָן א מייסל, און שאפן דאָך פראכטפולע רויזן און ליליען, אָדער גאָר איינער פון די שעפער פונם אָוונט-רויט! און ווען די זון וועט פארגיין צום שענסטן, וועל איך זיצן ביים פענסטער און טראכטן, „אָ, דאָס האָט מיין זון פערדי-נאנד געמאכט!"

אך, דו טייערער זון מיינער! שטעל זיך נאָר פאָר, וויפיל דאָרט איז פאראן צו זען, און וויפיל דאָרט איז נאָך פאראן אויפצוטון! שטעל זיך נאָר פאָר, וויפיל זריעה-קערנדלעך מען דארף אין פרילינג אויפוועקן צום לעבן, סארא שטורעמס מען דארף קירעווען, סארא טרוימען מען דארף צעשיקן, און סארא ווייטע וואנדערונגען מען דארף אדורכמאכן פון איין וועלט צו דער צווייטער.

ווען דו וועסט זען אזוי פיל שיינקייט, זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן מיר, מיין טייערער זון! דיין אָרעמע מאמע, נעבעך, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען עפעס אנדערש, ווי נאָר די פראָווינץ ווערמלאנד.

אָבער אין א שיינעם העלן טאָג וועסטו צוגיין צום כסא-הכבוד און בעטן ביי גאָט, ער זאָל דיר געבן איינע פון די קליינע וועלטלעך, וואָס קייקלען זיך ארום אין די רוימען, און ער וועט עס דיר זיכער געבן. ווען דו וועסט עס באקו-מען וועט עס נאָך זיין קאלט און פינסטער, פול מיט אָפ-

גרונטן און פעלזן, און דאָרט וועט זיך נישט געפינען קיין שום לעבעדיק באשעפעניש און נישט קיין בלימל. אָבער די מוזט זיך נעמען צו דער ארבעט אויף דעם ווענטל, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן. די פירסט דאָרט אהין ליכט, ווארעמקייט און לופט, די שאפסט דאָרטן געוויקסן, נאכטיגאלן און קלאָר-אויגיקע הירשן.

די וועסט לאָזן וואסערפאלן זאָלן זיך דאָרט קייקלען אין די אָפגרונטן, די וועסט אויפשטעלן בערג און באזייען די פעלדער מיט רויטע רויזן. דערנאָך, ווען איך וועל האלטן ביי שטארבן, און מיין נשמה וועט זיך שרעקן צו צעשיידן זיך מיט דער באקאנטער סביבה, — דאן וועסטו, טייערער זון מיי-נער, צופאָרן צו מיין פענסטער מיט א גינגאָלדענער קארעטע, וואָס וועט זיין געשפאנט מיט גן-עדן-פייגל. מיין אָרעמע, אומ-רואיקע נשמה וועט זיך ארייגזעצן אין דיין קארעטע נעבן דיר, א שטייגער ווי א מלכה מיט איר בן-מלך. און מיר וועלן פאָרן דורך די רוימען, פארביי די בלישטשנדיקע וועלטן, און איך וועל דיך כסדר פרעגן, — בשעת מיר וועלן זיך דער-נענטערן צו וואָס אמאָל שענערע און הערלעכערע הימלישע הויפן, — צי מיר וועלן זיך נישט דאָ, אָדער דאָרט אָפשטעלן?

די וועסט אָבער שמייכלען צו זיך אליין און האסטיקער אָגטרייבן די פייגל. ענדלעך קומען מיר אָן צו דעם קלענסטן ווענטל, וואָס איז אָבער דאָס שענסטע פון אלע וועלטן, וואָס איך האָב געזען, און דאָרט בלייבן מיר שטיין פאר א פראכט-פולן פאלאץ פון ריינעם גינגאָלד, און די פירסט מיך אריין אין דעם היכל פון אייביקער פרייד.

דאָרט זענען פאראן פולע שפייכלערס און אָנגעפאקטע ביכער-שענק. דאָרט שטייט נישט קיין פינסטערער סאָסנאָוער וואלד, ווי דאָ אין בערגאַ, און פארשטעלט נישט די ליכטי-קע וועלט, נאָר דאָרט האָב איך א ברייטן אויסקוק איבער ווייטע ימים און זוניקע פעלדער, און טויזנט יאָר זענען דאָרט ווי איין טאָג.

אזוי איז פערדינאַנד געשטאָרבן, באצויבערט פון די

ליכטיקע ווייזיעס, וואָס זיין מוטער האָט פאר אים ארויסגערופן; מיט א שמייכל אויף די ליפן, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

מיין בלאסער פריינט, דער טויט דער באפרייער, האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אזא הערלעך געשעעניש. געוויס האָבן זיך דאָ אויך געפונען אזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן געוויינט ביי פערדינאַנד אוגלאַסעס גסיסה-בעט, אָבער ער, — דער חולה אליין, — ער האָט געשמייכלט צום פארשוין מיט דער קאָסע, וועלכער האָט זיך ביי אים אוועקגעזעצט אויפן ראנד פון בעט, און דער מוטער זיינער איז דאָס כאָרכלען פון איר זון פאָרגעקומען ווי די שענסטע מוזיק. זי האָט געציטערט, צי דער טויט וועט איצט אימשטאנד זיין בשלימות אויסצופירן זיין שליחות, און ווען אלץ איז שוין געווען געענדיקט, האָבן זיך איר טרערן געשטעלט אין די אויגן. דאָס זענען אָבער געווען טרערן פון פרייד, וואָס זענען געפאלן אויף איר זונס פארגליווערטן פנים.

מיין בלאסן פריינט האָט מען נאָך קיינמאָל נישט אזוי פיל כבוד אָפגעגעבן, ווי אויף פערדינאַנד אוגלאַסעס לויה. ווען ער וואָלט געוואגט זיך צו ווייזן פאר די מענטשן, וואָלט ער געקומען אָנגעטון אין א מאנטל מיט געהעפטעכץ פון גאָלד און אויפן קאָפּ א בארעט מיט קאָלירטע פעדערן, און ער וואָלט געטאנצט בראש פונם לויה-צוג. אָבער איצטער איז דער דאָזיקער פאראיינזאמטער זקן איינגעקורטשעטערהייט געזעסן אויפן פארקן פונם בית-עולם, טוליענדיק זיך אין זיין שווארצן מאנטל, און געקוקט אויף דעם אָנקומענדיקן טרויער-צוג.

אָ, סארא אויסטערלישע לויה דאָס איז געווען! די זון האָט געשיינט, ווייסע וואָלקנדלעך זענען געשוואומען איבערן הימל, לאנגע רייען פון סטערטעס תבואה האָבן באפוצט די פעלדער. די צייטיקע עפּל אין פלעבאנישן גאָרטן האָבן געלאָקט דעם פארבייגייער, און פון דעם קירך-שמש׳ס גערטנדל האָבן ארויסגעקוקט געאָרגיניען און נעלקן.

באמת, אן אויסטערלישע לויה האָט זיך געצויגן איבער דער

ליפּאָווער אַלעע! פּאָראויס זענען געגאַנגען ווייס-געקליידעטע קינדער און געשאָטן בלומען, נאָכדעם איז געקומען די טרומ-נע וואָס איז איינגעגאַנצן געווען באַדעקט מיט קרענץ. קיינער האָט נישט געטראָגן קיין טרויער-קליידער, נישט קיין שווארצע קרעפּע, און נישט קיין שטייפע, ווייסע קראַגנס מיט ברייטע זוימען, ווי ס׳איז אין יענע מקומות געווען דער מנהג — ווייל אַזוי האָט זי עס געוואָלט, די קאַפּיטאַנין, אַז איר זון, וועל-כער איז געשטאָרבן אין פרייד, זאָל געפירט ווערן צו זיין אייביקער רו נישט פון אַ טרויער-צוג, נאָר פון אַ גרויסאַרטיקן חתונה-עולם.

די ערשטע נאָך דער טרומנע איז נאָכגעגאַנגען אַננאַ שערנהעק, — דעם טויטנס שטראַלנדיק-שיינע כלה. זי האָט זיך אַרויפגעזעצט דעם כלה-קראַנץ אויפן קאָפּ, דער חופה-שלייער איז איר נאָכגעהאָנגען, און געווען איז זי אָנגעטון אין אַ ווייס, גלאַנציק-זיידן קלייד מיט אַ לאַנגן שלייפער. אָט אַזוי אויסגעפּוצט איז זי געגאַנגען, כדי צו באַהעפטן זיך מיט איר חתן ביי זיין אָפענעם קבר.

נאָך איר זענען פּאָרנווייז געגאַנגען וואוקסיקע אַלטע דאַמען און הערן. די רייכע אַריסטאָקראַטישע פרויען האָבן געטראָגן בלישטשענדיקע שנאַלן און בראָשן, מילך-ווייסע שנירלעך פּערל און גאָלדענע בראַסלעטן. די שטרויס-פעדערן אין זייערע טורבאַנען איבער זייערע פיין-פריזירטע לאָקן זע-נען אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך שטיקער זייד און שפּיצן, און אויף זייערע אַקסלען האָבן איבער די קליידער פון בונטן זיידן-שטאָף געפלאַטערט דינע טיולענע שאַלן, וואָס די אַלטע דאַמען האָבן נאָך געהאַט באַקומען אַלס דרשה-געשאַנק צו זייער חתונה. און אויך די מאַנסלייט האָבן זיך אָנגעטון אין יום-טובדיקע קליידער, מיט ווייסע אָנגעקראָכמאַלעטע זשאַבאָטן איבער וועסטלעך פון שטייפן בראָקאַט, אָדער געהאָפטענעם סאַמעט, און אין פראַקן מיט הויכע קראַגנס און גאָלדענע קנעפּלעך. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ ריכטיקער חתונה-עולם; אַזוי האָט זי געוואָלט, די קאַפּיטאַנין אוגלאַס.

זי אליין איז געגאנגען באלד נאָך אַננאַ שערנהעק, געפירט אונטערן אָרעם דורך איר מאַן. אויב זי וואָלט געהאַט א קלייד פון בונטן בראָקאַט, וואָלט זי עס געוויס געווען אָנגעטון? אוב זי וואָלט געהאַט צירונג, שפּיצן און א זיידענעם שאל, וואָלט זי עס זיכער געווען גענומען אויף זיך, כדי צו באערן איר זון אין זיין פייערלעכן טאָג. זי האָט אָבער נישט מער געהאַט, ווי א פּשוט טאַפטן קלייד מיט אַלטע געלע שפּיצן. אין דעם איינעם קלייד איז זי געגאנגען אויף אַלע שמחות, איז זי דערין געגאנגען אָנגעטון אויך אויף דער דאָזיקער שמחה ביי איר איינציקן זון.

אָבער הגם אַלע זענען געווען אָנגעטון מיט אזוי פּיל שטאַט און פּראַכט, איז פּאָרט קיין איין אויג נישט געווען טרוקן, בשעת זיי זענען אונטער שטילן גלאָקן-קלאַנג צוגעגאַנגען צום אָפענעם קבר. מענער און פרויען האָבן געוויינט, און נישט אזוי איבער דעם טויטן, ווי צוליב זיך אליין. אָט גייט די כלה הינטער איר חתן, וועלכן מען טראָגט איצט צו זיין צו פרי געעפנטן קבר, און אָט גייען זיי אליין, אויסגעפּוצטע ווי צו א פריילעכער שמחה, און דאָך — איז דען פאַראַן א מענטש, וועלכער טרעט אויף די גרינע סטעזשקעס פון גאָטס ערד און זאָל נישט וויסן, אז אויך פאַר אים איז אָנגעגרייט צער, אומגליק, טויט? זיי האָבן באגלייט דעם טויטן חתן און געוויינט ביים געדאנק, אז קיין שום ערדישע מאַכט איז נישט אימשטאנד צו שיצן זיי פון בייז!

בלויז די קאַפּיטאַנין האָט נישט געוויינט, זי איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט געהאַט טרוקענע אויגן.

נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעריכט די תפילות און דער קבר איז שוין געווען פאַרשאָטן, זענען אַלע מענטשן אוועק צו זייערע קאַרעטעס. בלויז די קאַפּיטאַנין און אַננאַ שערנהעק זענען פאַרבליבן ביים קבר, כדי זיך ביחידות צו געזעגנען מיטן טויטן. די אַלטע פרוי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם פריש-אָנגעשאָטענעם בערגל, און אַננאַ האָט פאַרנומען אַן אָרט נעבן איר.

— זעסטו, האָט די קאפּיטאנין געזאָגט, איך האָב געבעטן צו גאָט: שיק דעם טויט, דעם באפרייער, כּדי ער זאָל אוועקפירן מיין זון: זאָל ער אים, מיין ליבסטן, אוועקפירן צום היכל פון אייביקן פרידן, און זאָלן קיין שום אנדערע טרערן נישט קומען אין מיינע אויגן ווי נאָר טרערן פון פרייד. מיטן פּראכט און גלאנץ פון א נגידישער חתונה-שמחה וועל איך אים פירן צו זיין אייביקער רו, און דאָס בלומען-טעפּל מיט די רויטע רויזן, וואָס איך האָב שטיין אויפן פענסטער ביי מיר אין שטוב וועל איך ארויסטראָגן צו אים אויפן קבר. און אזוי איז טאקע געשען: מיין זון איז געשטאָרבן. איך האָב דעם טויט באגריסט ווי א פריינט, גערופן אים מיט די צערטלעכסטע נעמען, און טרערן פון פרייד האָב איך פארגאָסן איבער מיין זונס פארגליווערטן פּנים. צום הארבסט, ווען די בלעטער פון די בית-עולם-ביימער וועלן אָפּפאלן, וועל איך דאָ אהער ארויסטראָגן מיין בלומען-טעפּל, אָבער דו וואָס זיצסט דאָ נעבן מיר, צי ווייסטו, פארוואָס איך האָב זיך מיט אזעלכע תפילות געווענדעט צו גאָט?

זי האָט פרעגנדיק א קוק-געטון אויף אַננאַ שערנהעק, אָבער דאָס מיידל איז שטילשווייגנדיק און בלאס געזעסן נעבן איר. אפשר האָט זי דאן, ווען זי איז נאָך געזעסן אויף דעם פרישן קבר, שוין געקעמפט מיט דעם קויל אין איר הארץ, וואָס האָט איר צוגעשושקעט, אז איצט איז זי שוין ענדלעך פריי?

— דו ביזט שולדיק דערין! האָט די קאפּיטאנין געזאָגט.

דאָס מיידל האָט זיך איינגעקורטשעט, ווי אונטער א קלאפּ מיט א דראָנג. זי האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— אַננא שערנהעק, דו ביזט אמאָל געווען א שטאָלצע און קאפּריזנע. דו האָסט זיך געשפּילט מיט מיין זון, דו האָסט אים צוגעצויגן און אָפּגעשטופּט פון זיך. א ברירה האָט ער געהאט? ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן, ווי מיר אלע. אפשר איז עס טאקע אמת, אז סיי ער, סיי מיר האָבן געליבט דיין געלט אין דער זעלבער מאָס, ווי דיך אליין. דו

ביזט אוועק פון אונז, אָבער דו ביזט דערנאָך צוריקגעקומען צו אונז מיט פיל שפע און דעמאָלסט ביזטו גאָר אן אנדערע געווען: א מילדע און גוטע, א שטארקע און מוטיקע. דו האָסט אונז געשאָנקען דיין ליבע, דו האָסט אונז גליקלעך געמאכט, און מיר, אָרימע, זענען געלעגן ביי דיינע פיס.

און דאָך – דאָך האָב איך זיך געהאט געווינטשן, אַז הלואי וואָלסטו נישט געווען צוריקגעקומען, ווייל דאן וואָלט איך דאָך נישט געדארפט בעטן צו גאָט, ער זאָל פארקירצן מיין זונס יאָרן. פאר ווייגאכט וואָלט ער נאָך געקאָנט אי-בערטראָגן דיך צו פארלירן, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט דיך בעסער דערקענט, האָט ער שוין נישט געהאט קיין קראפט דערצו.

און וויסן זאָלסטו, אַננאַ שערנהעק, אַז הגם דו האָסט זיך היינט אָנגעטון אין דיין חופה-קלייד, כדי צו באגלייטן מיין זון, וואָלסטו אים אין דעם דאָזיקן קלייד קיינמאָל נישט געווען באגלייט צום אלטאר אין דער ברוביער קירך, — ווייל דו האָסט אים קיינמאָל נישט געליבט.

איך האָב באמערקט, אַז דו ביזט צוריקגעקומען בלויז אויס רחמנות צו אונז, ווייל דו האָסט געוואָלט לינדערן אונזער ביטערן גורל. דו האָסט אים אָבער נישט געליבט. מיינסטו, אַז איך ווייס שוין נישט, וואָס ליבע איז? נישקשה, איך זע זי – דאָרט וואו זי אַז ווירקלעך פאראן, און איך פארשטיי אויך, וואו זי איז נישטאָ. דערפאר האָב איך גע-בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל צו זיך צונעמען מיין זון, איידער נאָך זיינע אויגן וועלן זיך עפענען און ער וועט דערזען, ווי די זאך האלט צווישן אייך ביידע.

אָ, וואָלסטו אים געווען געליבט!... אָ, וואָלסטו כאָטש נישט געווען צוריקגעקומען און נישט פארזיסט אונזער לעבן,— וויבאלד דו האָסט אים נישט געליבט!... איך האָב געוואוסט וואָס מיין פליכט פאָדערט פון מיר. אויב ער וואָלט נישט געשטאָרבן, וואָלט איך אים געמוזט זאָגן, אַז בלויז פון רחמנות און נישט פון ליבע ווילסטו חתונה-האָבן מיט אים. איך וואָלט

אים געמוזט צווינגען, ער זאָל דיך פריילאָזן, און דערמיט וואָלט איך אליין, זיין אייגענע מאמע, חרוב געמאכט זיין לעבנס-גליק. דערפאר האָב איך אזוי הייס געבעטן צו גאָט, ער זאָל אים צונעמען צו זיך, כדי איך זאָל נישט מוזן אליין צורויבן די רו פון זיין הארצן. און כ'מוז דיר זאָגן, אז איך האָב זיך געפרייט צו זען זיינע איינגעפאלענע באקן, צו הערן זיין שווערן, כאָרכלענדיקן אָטעם, און כ'האָב נאָר געציטערט, טאָמער וועט דער טויט נישט קאָנען דערפירן זיין ווערק ביז צום סוף.

די קאפיטאנין איז אנטשוויגן געוואָרן, ווארטנדיק אויף אן ענטפער, אָבער אַננאַ שערנהעק האָט נאָך אלץ נישט גע-קאָנט אויסרעדן קיין וואָרט, זי האָט נאָך אלץ פארנומען די פארשידענע קולות, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער טיפעניש פון איר נשמה.

אין א ווייל ארום האָט די קאפיטאנין פארצווייפלט אויסגערופן:

— אָ, ווי גליקלעך זענען די מענטשן, וועלכע קאָנען באוויינען זייערע טויטע! איך מוז דאָ שטיין מיט טרוקענע אויגן ביים פרישן קבר פון מיין איינציקן זון, איך מוז זיך פרייען מיט זיין טויט. אָ, ווי אומגליקלעך איך בין! —

מער האָט שוין אַננאַ שערנהעק נישט געקאָנט אויס-האלטן. זי האָט צוגעפרעסט אירע הענט צו איר פלאטערנדי-קער ברוסט, ס'הארץ האָט אין איר שיער נישט געפלאצט פון גרעניצלאָזן צער. זי האָט זיך דערינערט די ווינטער-נאכט, ווען זי האָט געשוואוירן ביי איר יונגער ליבע, אז זי וועט פאר די דאָזיקע אָרימע מענטשן זיין א הילף און א טרייסט. א קאלטער שוידער איז איר איצט אדורך איבערן לייב: איז דאָס אלץ געווען אומזיסט? איז איר קרבן געווען פון די, וועלכע גאָט נעמט נישט אָן? וועט זיך אלץ פארוואנדלען אין א קללה, אנשטאָט אין א ברכה?

און אפשר, אויב זי וועט אלצדינג מקריב זיין, — וועט דאן גאָט שענקען זיין ברכה צו אירע מעשים, און לאָזן

איר ווערן א גליק-ברענגערין, א שטיצע, א הילף פאר די דאָזיקע מענטשן?

— וואָס-זשע פּאָדערט זיך, כּדי דו זאָלסט זיך קאָנען מצער זיין איבערן טויט פון דיין זון? האָט זי געפרעגט.

— ס'פּאָדערט זיך, אַז איך אַליין זאָל נישט מער גלויבן מיינע אייגענע, אַלטע אויגן. ווען איך וועל זיך איבערצייגן, אַז דו האָסט ווירקלעך געליבט מיין זון, — דאַן וועל איך זיך מצער זיין איבער זיין טויט!

אַנגאַ שערנהעק האָט זיך דאַן אויפגעהויבן פון אָרט און אירע אויגן האָבן געפלאַמט פון התלהבות. זי האָט פון זיך אַראָפּגעריסן איר חופּה-שלייער און דערמיט צוגעדעקט דעם קבר; זי האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם מירטן-קראַנץ און די כּלה-קרוין און עס אוועקגעלייגט נעבן שלייער.

— זע, ווי איך האָב אים געליבט! האָט זי אויסגערופן. איך שענק אים מיין מירטן-קראַנץ און שלייער. איך פאַראיינ ניק מיך מיט אים, און איך שווער, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט געהערן צו אַן אַנדערן!

ערשט דאַן האָט זיך אויך די קאַפּיטאַנין אויפגעהויבן. זי איז א ווײַלע געבליבן שטיין שטיל. איר גוף האָט זיך געטרייסלט ווי אין פיבער, איר פּנים האָט געצוקט, און לסוף האָבן זיך איר א לאָז-געטון טרערן פון די אויגן — טרערן פון צער!

אָבער מיין בלאַסער פריינט, דער טויט דער באַפרייער, איז פאַרציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען די דאָזיקע טרערן. איז ער אַלזאָ, דאָ אויך נישט באַגעגנט געוואָרן מיט שמחה, דאָ האָט מען זיך מיט אים אויך נישט געפרייט פון טיפן האַרצן.

ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּושאָן איבער די אויגן, שטיל זיך אַראָפּגעגליטשט פונם בית-עולם-פּאַרקן, און זיך שנעל פאַרשוואונדן צווישן די סטערטעס תּבואה אויף די פעלדער.

31.

די טרוקעניש

אויב טויטע זאכן קאָנען ליבן, אויב ערד און וואסער קאָנען אונטערשיידן צווישן פריינט און שונאים, וואָלט איך גערן געוואָלט, אז די גרינע ערד זאָל די טריט מיינע נישט פילן ווי א שווערע משא. איך וואָלט געוואָלט, אז זי זאָל מיר מוחל זיין, וואָס צוליב מיינעטוועגן ווערט זי צעקאליע-טשעט דורכן אקער-אייזן און בראָנע, און אז זי זאָל זיך גערן עפענען פאר מיין טויטן גוף. איך וואָלט אויך געוואָלט, אז די פאליע, בעת איר בלאנקענדיקער שפיגל ווערט צעשניטן דורך מיינע וויאָסלעס, זאָל עס פונקט אזוי געדולדיק פאר-טראָגן, ווי א צארטע מוטער פארטראָגט דאָס אומגעדולדיקע קלעטערן פון קינד אויף איר קני ארויף, נישט זאָרגנדיק פאר די געפרעסטע פאלדן פון איר זיידענעם יום-טובדיקן קלייד. איך וואָלט אויך געוואָלט זיך חברן מיט דער ריינער לופט, וואָס וויגט זיך איבער די בערג, און מיט דער בלאנקנדיקער זון און מיט די שיינע שטערן. מיר דאכט זיך אָפט, ווי די טויטע זאכן וואָלטן מיטגעפילט און מיטגעליטן מיט די לע-בעדיקע באשעפענישן. די מחיצה צווישן אונז און זיי איז גאָר נישט אזוי גרויס, ווי מענטשן שטעלן זיך עס פאָר. וועלכעס שטויבעלע פון דער ערד איז דען נישט אמאָל ארײנ-געשלעפט געוואָרן אין לויף-קרייז פון לעבן? צי איז נישט

אמאָל דאָס זאמד פון שליאך געצערטלט געוואָרן אלס א חנעוודיק קעפל האָר? צי איז עס נישט אמאָל געליבט געוואָרן אלס א פּאָר ווייכע, מילדע הענט, וואָס האָבן געטון גוטס? צי איז דאָס וואסער אין די רעדער-שפּורן, וואָס אויפן בלאָטיקן וועג, נישט געפלאָסן אמאָל דורך א פולסירנדיק הארץ?

דער גייסט פון לעבן וואוינט נאָך אין די טויטע זאכן. וואָס א שטייגער דערגייט צו אים, בשעת ער דרעמלט דאָרט אין זיין חלום-לאָזן שלאָף? ער הערט גאָטס קול. צי הערט ער אויך דאָס קול פון מענטשן?

אָ, איר קינדער פון שפּעטערדיקע צייטן, צי האָט איר דאָס קיינמאָל נישט באמערקט, אז ווען קריגעריי און שנאה פילן-אָן די וועלט, מוזן אויך די טויטע זאכן זייער פיל ליידן דערפון? דעמאָלסט ווערט די פאליע ווילד און רויב-גיריק ווי א וואלד-גזלן, דעמאָלסט ווערט דאָס אקער-פעלד קארג ווי א קמצן. נאָר ווי איז צו דעם, וואָס צוליב אים זיפצט דער וואלד און די בערג וויינען!

ווי אויסטערליש, באמת, ס'איז געווען דאָס יאָר פון דער קאוואלערן-ממשלה! ס'קומט מיר פאָר, ווי דער אומרו פון די מענטשן וואָלט אויך די טויטע זאכן געשטערט אין זייער רו. ווי אזוי זאָל איך דען שילדערן פאר אייך די מגפה, וואָס האָט זיך דעמאָלסט פארשפּרייט איבערן לאנד? סיידן גלויבן, אז די קאוואלערן זענען געווען די געטער פון זייער סביבה, און אז אלצדינג איז געווען באהערשט דורך זייער גייסט, דורכן גייסט פון אוואנטוריסטישקייט, זאָרגלאָזי-קייט און ווילדער פארשייטקייט?

די גאנצע וועלט וואָלט געשטוינט, ווען מען זאָל דער-ציילן אלץ וואָס איז אין משך פון דעם יאָר פאָרגעקומען צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן דעמאָלסט געלעבט ארום דער לעיווען. אלטע פארגעסענע ליבע האָט דאן ווידער אויפ-געוואכט, און נייע איז אָנגעצונדן געוואָרן. אלטע שנאה האָט דאן אויפגעפלאמט און לאנג פארבאָרגענע נקמה האָט געפּאנ-גען איר רויב. אלע מענטשן זענען דאן באהערשט געוואָרן

פון א שטורמישן באגער נאָך לעבנס-תענוגים. קינד-און-קייט האָט זיך א וואָרף-געטון צו טאַנץ און פארווײַלונג, צו שפּי-לערײַ און שכרות. און דאן איז אויך ארויסגעשווימען אויף דער אויבערפלאך אלץ, וואָס ליגט פארבאָרגן אין די טיפע-נישן פון דער מענטשלעכער נשמה.

די דאָזיקע אומרו-מגפה האָט געהאט איר מקור אין עקעבי, און פון דאָרט האָט זי זיך פארשפרייט איבער די ארומיקע הויפן אסן-פון-עצנדיק די מענטשן צו רשעות און זינד. מיר קאָנען נאָך בײַ הײַנטיקן טאָג באמערקן סימנים פון אָט דער מגפה אין גרעסערע הויפן, וואו אלטע לײַט פארמאָגן נאָך א טייל זכרונות פון יענע צײַטן. אָבער ווי אזוי זי האָט זיך פארשפרייט צווישן די ברייטע פאָלקס-מאסן, וועגן דעם ווייסן מיר גאָר קנאפּ. קיינער דארף אָבער נישט זײַן אין ספק, אז די אומרו פון יענער צײַט האָט זיך שנעל אי-בערגעטראָגן פון איין דאָרף צום אנדערן, פון איין כאטע צו דער צווייטער. וואו ערגעץ א מיאוסע זינד איז געווען פאר-באָרגן, האָט זי דאן אויסגעבראָכן מיט איר גאנצער קראפט, וואו נאָר ס'איז געווען עפּעס א ריס אין באציאונגען צווישן מאן-און-ווײַב, דאָרט איז באלד אנטשטאנען א תהום, און וואו ערגעץ א גוטע מידה, אָדער א שטארקער ווילן האָט זיך פארבאָרגן, — האָט עס אויך געמוזט ארויסקומען אויף דער ליכטיקער שײַן. מחמת נישט אלץ, וואָס איז דעמאָלסט געשען, איז געווען דווקא שלעכט, די צײַט איז אָבער געווען אזא, אז דאָס גוטע האָט פּונקט אזוי זיכער געפירט צום חורבן, ווי דאָס שלעכטע. בעת ס'בושעוועט א שטורם, פאלט איין בוים איבערן אנדערן, — אפילו טיף אין וואלד — איין סאָסנע שלעפּט-מיט די צווייטע, און אפילו די קליינע ביימלעך וואָס שטייען אין א זײַט, ווערן אויך אומגעוואָרפן דורך די פאלנדיקע ריזן.

איר דארפט גאָרנישט צוויפלען, צי דער דאָזיקער שגעון האָט אויך ארומגעכאפּט די פּויערים און פאראָבקעס פון די ארומיקע פריציש הויפן. אומעטום זענען די הערצער און די מוחות פארווילדעוועט און פארטומלט געוואָרן. אזוי ווי אין

יענע צייטן האָט מען נאָך דאָרט קיינמאָל נישט אזוי פריי־לעך געטאנצט אויף די שיידוועגן, קיינמאָל נישט אזוי שנעל אויסגעליידיקט א פאס ביר און קיינמאָל נישט אזוי פיל תבואה אריינגעטון אין בראָנפן־קעסל, ס׳איז נאָך דאָרט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אזוי פיל שמחות, — דעריבער איז דאָרט נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי קורץ דער וועג צווישן דעם הארבן וואָרט און דעם מעסערשטאָך.

מיטן אוועקגיין פון דער מאיאָרין האָט פארפעלט די שטארקע האנט, וואָס זאָל מיט אלצדינג אָנפירן און קערעווען. די מענטשן זענען בארוישט געוואָרן פון זייער פרייהייט, און ט׳איז זיי באפאלן א משוגענער צעשטערונגס־באגער. נאָר איין מושל און וועג־ווייזער איז זיי פארבליבן: דער בראָנפן. דאָס איז געווען א צייט, ווען מען האָט געמיינט, אז פאר די פויע־רים איז שוין קיין שום ישועה נישטאָ, און אז דער בראָנפן וועט פון זיי קיין שריד־ופליט נישט איבערלאָזן.

אָבער נישט בלויז צווישן די מענטשן האָט זיך דער אומרו באוויזן. ער האָט פארכאפט אלץ, וואָס לעבט. דער בער און דער וואָלף האָבן נאָך קיינמאָל נישט אזוי ווילד געוויסטעוועט, דער פוקס און פוהאטש האָבן נאָך קיינמאָל נישט אזוי אימהדיק געוואָיעט און אזוי דרייסט נישט געגזלט, די שעפסן זענען נאָך קיינמאָל נישט אזוי אָפט פארבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואלד, און ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט אזוי פיל מגפות אומגעגאנגען צווישן די טייערע בהמות, ווי אין יענער צייט.

דער, וואָס וויל באגרייפן דעם צוזאמענהאנג פון געשעע־נישן, דארף פארלאָזן די שטאָט און זיך ארייננקלייבן אין אן איינזאםביידל נעבן וואלד. זאָל ער אין משך פון א ליכטיקן זומער־חודש נאכט־ביי־נאכט וואכן ביי דער האָלץ־ברענעריי, אָדער זאָל ער טאָג־ווי־נאכט זיצן ביי די ברעגן פון די לאנ־גע אָזערעס, אויף וועלכע ס׳שווימען די טראטוועס צו די גרויסע פאָרט־שטעט, וואָס ביי דער ווענערן; זיצנדיק דאָרט, וועט ער זיך שוין אויסלערנען צו באמערקן אלע סימנים אין

דער נאטור, ער וועט אָנהויבן פארשטיין, ווי אזוי די טויטע זאכן זענען אָפּהענגיק פון די לעבעדיקע. ער וועט דאן איינזען, אז בשעת ס׳הערשט אומרו אויף דער ערד, ווערט אויך צעשטערט דער פרידן ביי די טויטע זאכן. פויערים ווייסן דאָס. אין אזעלכע צייטן פארלעשט די וואלד-נימפע די האָלץ-ברענעריי, דער וואַסער-רוח צעהאקט דאָס שיפל, די סירענע שיקט-אָן א מגפה אויף מענטשן, און דער שטאל-שד הונגערט-אויס די קו. אויך דאָס יאָר איז אזוי געשען. די פארפלייצונג אין פרילינג האָט נאָך קיינמאָל נישט אזוי פיל חורבות אָנגעמאכט; די מיל און די קוזניע פון עקעבי זענען נישט געווען אירע איינציקע קרבנות. די קליינע שטראָמעלעך, וועלכע זענען פריער, בעת דער פרילינג האָט זיי צוגעגעבן פרישע כוחות, העכסטנס אימשטאנד געווען אוועקצופירן א ליידיקן שייער, — איצט זענען זיי באפאלן גאנצע פאָרלווארקן מיט אלע זייערע בנינים און זיי אוועקגעשווענקט, ווייט, ווייט. מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אז דער בליץ זאָל ווען ס׳איז פאר יאָהאן-צייט אזעלכע גרויסע ד.יז:ות האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. אָבער נאָך די טעג פון הייליקן יאָהאן האט ער זיך שוין נישט מער געלאָזט הערן. און דאן איז געקומען די טרוקעניש.

א׳ן מ״ך פון די לאנגע זומער-טעג האָט זיך קיין טראָפּן רעגן נישט באוויזן. פון מיטן חודש יוני ביז אָנהויב סעפּטעמבער האָט די זון אומאויפהערלעך געבאקן די גאנצע ארומיקע געגנט.

דער רעגן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאלן, די ערד האָט נישט געוואָלט דערנערן, די ווינטן האָבן אויפגעהערט צו בלאָזן, און די זון...

אך די ליכטיקע, די מחיהדיקע זונען-שיין, — ווי קאָן איך גאָר רעדן וועגן איר רשעות? די זונען-שיין איז געגליכן צו דער ליבע: וועמען זענען דען נישט באקאנט די מעשים-רעים, וואָס זי, די ליבע, האָט שוין אָפּגעטון, און דאָך ווער קאָן פועלן ביי זיך, ער זאָל איר נישט אלצדינג מוחל זיין? די זונען-שיין קאָן אויך געגליכן ווערן צו יעסטאַ בערלינגן:

זי גיט יעדן מענטשן פרייד, דערפאר פארשווייגט יעדער דאָס שלעכטע, וואָס זי טוט.

אזא מין טרוקעניש וואָלט אין ערגעץ נישט ארויסגע- רופן אזא גרויסן אומגליק, ווי אין ווערמלאנד. אָבער דאָרט איז דער פרילינג שפעט געקומען, דאָס גראָז איז נאָך נישט געווען הויך, און האָט זיך שוין נישט מער געקאָנט צעוואקסן. דער גערשטן איז געבליבן אָן יניקה גראָד דאמאָלסט, בעת ער האָט געדארפט אָנהויבן זאמלען שפייז אין זיינע יונגע זאנגען. די פרילינג-תבואה, פון וועלכער מען פלעגט דעמאָלסט ס׳רוב באקן דאָס ברויט, האָט געהאט אויף זיך קליינע דינע טשובעקלעך אויף שטרויען פון נישט מער ווי א פערטל אייל די הויך. די שפעט-פארזייטע בוראקעס האָבן נישט געקאָנט שפראָצן, און אפילו די קארטאָפל זענען נישט בכוח געווען צו ציען פון דעם דאָזיקן פארשטיינערטן באָדן דאָס ביסל יניקה, וואָס זיי דארפן.

אין אזעלכע צייטן ווערן די איינוואוינער פון די וואלד- שטיבעלעך באהערשט פון א פינסטערן פחד. פון די בערג ווידער שטייגט די שרעק אראָפּ צו די רואיקערע מענטשן, וואָס באוואוינען דאָס פלאך-לאנד.

— גאָטס האנט זוכט עמיצן! זאָגן דאן די דאָרטיקע תושבים.

און יעדער איינציקער טוט זיך א קלאפּ אין הארצן, און זאָגט:

— צי מיינט מען דאָס מיך? אָ, דו מוטער נאטור, צי מיינט מען דאָס מיך!? צי נישט צוליב מיר ווערט פארהאלטן דער רעגן? צי איז דאָס צוליב דעם ביטערן כעס אויף מיר, וואָס די קארגע ערד ווערט פארטרוקנט און הארט? צי שטראָמט די דאָזיקע ליכטיקע זונען-שיין אראָפּ אויף מיר פון א וואָלקן-פרייען הימל, בלויז כדי צו שיטן געגליטע קוילן אויף מיין קאָפּ? און אויב נישט איך, טאָ ווער דען-זשע ווערט עס אזוי געזוכט פון גאָטס האנט?

פארשידענע אויסטערלישע סברות גייען ארום אין דער

דאָזיקער געגנט, בעת די גערשטן־קערנדלעך ווערן פארוועלקט אין די קליינע זאנגען, בעת די קארטאָפל זענען נישט בכוח צו ציען זייער ביסל יניקה פון דער ערד, בעת די בהמות מיט די רויטע געשוואָלענע אויגן שטופּן זיך ארום די אויס־געטרוקנטע קוועלעכלעך, און בעת די שרעק פאר דער צו־קונפט פרעסט צונויף דאָס הארץ פונם מענטשן.

אומזיסט אומנישט ווערט מען נישט געפרוווט מיט אזא שטראָף, זאָגן די מענטשן. ווער־זשע ווערט עס אזוי שטארק געזוכט פון גאָטס האנט?

איינמאָל, אין א זונטאָג איז עס געווען, אין חודש אויגוסט. נאָך דער גאָט־דינסט אין קירך זענען די מענטשן גרופּעסווייז ארויס אויף די הייסע שטויביקע וועגן. אומעטום האָט מען געזען פארברענטע וועלדער און חרוב־געוואָרענע תבואה. דער גערשטן מיט מאָגערע זאנגען איז געשטאנען אין שיטערע סטערטעס אויף די שניט־פעלדער. די, וועלכע האָבן דאָס יאָר געזאָלט אָפּברענען אלטע בוימער־וואָרצלען, האָבן געהאט זייער א לייכטע ארבעט דערמיט, אָבער צוליב דער שרעקלעכער טרוקעניש האָט דאָס א סך מאָל געבראכט צו ריזיקע וואלד־שריפות. און דאָס וואָס איז געשוינט געוואָרן פון פייער, האָבן דערנאָך די אינזעקטן פארטענדיקט. די נאָדלען זענען אָפּגעפאלן פון די סאָסנעס און יאָדלעס, און זיי זענען געשטאנען נאקעטע, ווי בלעטער־בוימער אין שפּעטן הארבסט. די בלעטער פון די בזשאָזעס זענען אראָפּגעהאָנגען צעפליקטע, בלויז מיט די איבערגעבליבענע אָדערלעך און צעפרעסענע שטענגלעך.

די אומעטיקע מענטשן האָט נישט פארפעלט קיין טע־מעס צו שמועסן. צווישן זיי זענען נאָך געווען א סך אזעלכע, וועלכע האָבן געקאָנט דערציילן וועגן די נויט־יאָרן 1808—1809, און אויך וועגן דעם הארבן ווינטער 1812, ווען די וואָראָבייטשיקעס זענען פארפרוירן געוואָרן צום טויט. פאר זיי איז די הונגער־נויט שוין נישט געווען קיין נאָווינע; זיי האָבן זיך שוין נישט איינמאָל פּנים־אל־פּנים צוזאמענגעטראָפן

מיט דעם דאָזיקן שטרענגן האַר. זיי ווייסן שוין פון לאַנג, ווי אזוי מען באַקט ברויט פון קאָרע, און ווי אזוי מען קאָן צוגעוואוינען די קי צו עסן מאָך.

איינע פון די דאָרטיקע פרויען איז געפאלן אויפן שכל צו באַקן ברויט פון רויע באַרוועקעס און אביסל האָבערמעל. זי האָט מיטגענומען א שטיקל דערפון און געגעבן די מענטשן טועם צו זיין. זי איז געווען זייער שטאָלץ מיט איר דער־פינדונג.

איבער אלעמען האָט געשוועבט די זעלבע פראַגע, זי האָט ארויסגעקוקט פון אלעמענס אויגן, אלע ליפן האָבן זי געפליסטערט:

— רבונו של עולם! וועמען זוכט דיין האַנט?

— אָ, דו נוקם ונוטר, ווער האָט זיך עס אָפּגעזאָגט מקריב צו זיין פאר דיר געבעט און מעשים טובים? ווער האָט זיך פארזינדיקט, וואָס דו נעמסט צו פון אונז אונזער אָרים שטיקל ברויט?

די אָפּוועזנהייט פון דער מאיאָרין איז געווען א שטראָף פון גאָט. די תושבים פון יענער געגנט זענען געווען צוגע־וואוינט צום געדאנק, אז די מאיאָרין וועט זיי תמיד געבן צו פארדינען ביים איבערפירן צום פאָרט איר רודע און אייזן, און ביים אויסהאַקן אירע בוימער, און זיי האָבן אויפגעהערט זיך אוועקצולאָזן אין דער וועלט אריין, צו זוכן ארבעט אין דער פרעמד, ווי ס׳פלעגט זיין אמאָל. ערשט אין דעם דאָזיקן נויט־יאָר זענען די יונגעלייט אוועק זוכן ארבעט אין אנדערע מקומות, אָבער ס׳זענען פאָרט נאָך פארבליבן א סך הונגער־ליידנדע.

איינער פון די טרויעריקע אויסוואנדערער, וועלכער איז אריבערגעגאנגען איבער דער סונדס־בריק און זיך קוים גע־שלעפּט באַרג־ארויף איבער די ברוקיער בערגלעך, איז געבליבן שטיין נישט ווייט פונם קמצנישן ברוקיער גלחס וואוינאָרט. ער האָט אויפגעהויבן א טרוקן ריטל און עס אוועקגעלייגט אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום גלחישן הייזל.

— טרוקן ווי דאָס דאָזיקע ריטל זענען געווען די תּפילות, וואָס ער האָט געשיקט צו גאָט, האָט דער מאַן געזאָגט.

דער, וועלכער איז געגאַנגען הינטער אים, איז אויך געבליבן שטיין. ער האָט אויפגעהויבן אַ טרוקענעם צווייג און אים אויך אַהינגעוואָרפן אויף דעם אָרט, וואו דאָס ריטל איז געלעגן.

— דאָס איז אַ פּאַסיקער פּדיון פאַר דעם דאָזיקן גלח! האָט ער געזאָגט.

דער דריטער פּאַרשוין פון דער וואַנדער-גרופּע האָט זיי נאָכגעטון.

— ער האָט אויך נישט עפּעס בעסערס אונז געגעבן, ווי טרוקעניש. טרוקענע ריטלעך און שטרוי איז אַלץ, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט!

דער פערטער האָט אויסגערופן:

— לאָמיר אים צוריק אָפּגעבן דאָס, וואָס ער האָט אונז געשענקט!

דער פינפטער האָט זיך אָנגערופן:

— צו אייביקער חרפּה און בושה ווארף איך אים דאָס צו! הלוואי זאָל ער אויך פאַרוועלקט און פאַרטרוקנט ווערן, ווי דאָס דאָזיקע צווייגל!

און דער זעקסטער האָט צוגעגעבן:

— טרוקענע פאַשע גיב איך דעם גלח, וועלכער האָט אויף אונז אַראָפּגעבראַכט די טרוקעניש!

נאָך אַנדערע מענטשן קומען-אָן. זיי זעען, וואָס די ערשטע טוען און הערן, וואָס זיי זאָגן. ערשט איצט באַקומען זיי אַ סך תּשובֿות אויף זייער פאַרצווייפלטער פראַגע.

— גיט אים, וואָס אים קומט! בלויז ער אַליין האָט אויף אונז אַראָפּגעבראַכט די טרוקעניש! דערהערן זיך בייזע אויסרופן צווישן דעם המון.

יעדער איינער בלייבט שטיין, יעדער איינער זאָגט זיין פאַרביטערט וואָרט און וואַרפט-צו זיין טרוקן צווייגל, איידער ער גייט ווייטער.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און ס'האָט זיך אין א ווינקל, ביים קרייצן זיך פון וועג, אָנגעזאמלט א גרויסע קו-פע טרוקענע צווייגלעך און שטרוי. דאָס איז געווען דער שאנד-סלופּ פארן קמצנישן גלח פון ברובי.

אָבער דאָס איז געווען די איינציקע נקמה. קיינער האָט נישט אויפגעהויבן זיין האנט קעגן גלח, קיינער האָט אים פערזענלעך קיין הארב וואָרט נישט געזאָגט. די פארצווייפלטע מענטשן איז גרינגער געוואָרן אויפן הארצן, שוין דערפון, וואָס זיי האָבן אים צוגעוואָרפן די קופּע טרוקענע ריטלעך. אליין האָבן זיי נישט געוואָלט נקמה נעמען, זיי האָבן נאָר דעם שטרענגן הימלישן האר אָנגעוויזן אויף דעם שולדיקן.

— אויב מיר האָבן דיר נישט בשלימות געדינט, איז דאָס די שולד פונם דאָזיקן מענטשן! האָבן זיי געזאָגט. אָ, גאָט אין הימל! האָב רחמנות אויף אונז און לאָז אים אליין ליידן! מיר שטעמפּלען אים מיט חרפה און בושה! מיר האָבן נישט קיין שום געמיינזאמעס מיט אים.

ס'איז באלד געוואָרן א מנהג, אז יעדער איינציקער, וועלכער איז פארבייגעגאנגען נעבן ברוביער גלחס הייזל, האָט צוגעוואָרפן א טרוקן צווייגל צו דער שאנד-קופּע.

— זאָלן גאָט און לייט דאָס זען! האָט יעדער וואנדע-רער געטראכט. אויך איך פאראכט דעם דאָזיקן מנוול, וועל-כער האָט אויף אונז אראָפּגעבראכט גאָטס צאָרן!

דער אלטער קמצן האָט לסוף באמערקט די קופּע ריט-לעך און געהייסן זי אָפּראָמען פון וועג. ווי מען האָט גע-שמועסט, האָט ער פון די ריטלעך געזאָלט האָבן פייער-געמאכט אין זיין קיך. צומאָרגנס איז אָבער אויפן זעלבן אָרט ווידער אָנגעוואקסן א קופּע טרוקענע ריטלעך, און ווי נאָר ער האָט עס געלאָזט אוועקפירן, איז דאָרט באלד א פרישע קופּע אויס-געוואקסן. די טרוקענע ריטלעך זענען דאָרט געלעגן און גערופן:

— א חרפה, א שאנד צום ברוביער גלח!

די שווערע, הייסע, מיט סמאלינע אָנגעזאפּטע לופט האָט פארטשאדעט די מוחות. דער ברוביער גלח איז אָנער-

קענט געוואָרן אַלס דער בייזער רוח פון טרוקעניש. די פּויע־דים איז עס פאַרגעקומען, ווי דער אַלטער קמצן וואָלט גע־זעסן און אָפּגעהיטן די הימלעשע קוואַלן.

אין גיכן האָט אויך דער ברוביער גלח פארשטאנען די כונה פון דער באפעלקערונג. ער האָט פארשטאנען, אַז זיי האָבן אים אָנגענומען פארן שולדיקן אין אומגליק. צוליב דעם געדעכטן צאָרן אויף אים האָט גאָט געלאָזט די ערד פאר־שמאכטן. די מאטראָזן פון דער שיף, וואָס האָט זיך געפונען אין א סכנה אין מיטן ים, האָבן געוואָרפן א גורל. ער איז געווען דער מאן, וועמען מען מוז אריבערשליידערן איבערן באָרטן. תחילת האָט ער עס געפּרוווט אָפּפטרן מיט א געלעכ־טער, נאָר ווען זיך די מעשה האָט זיך שוין פארצויגן א וואָך צייט, האָט ער שוין נישט מער געלאכט. אָבער פאָרט — עס איז דאָך א קינדערישקייט! וואָס האָבן אים דען די דאָזיקע טרוקענע צווייגלעך געקאָנט שאַדן? ער האָט פארשטאנען, אַז אַן אַלטע נקמה קומט דאָ צום אויסדרוק. א דאגה האט ער! ער איז סיי ווי נישט געוואוינט געווען צו ליבשאפט.

דאָס האָט אים אויך לחלוטין נישט ווייכער געמאכט. נאָך דעם באזוך פון דער אַלטער פריילין האָט ער, אמת, גע־האט באשלאָסן זיך צו ענדערן. אָבער איצט האָט ער עס שוין נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, — תשובה טון אונטער א דרוק.

ביסלעכווייז האָט אים אָבער די קופּע ריטלעך גענומען שטארק דערעסן. ער האָט תמיד געמוזט טראכטן וועגן איר, און די אַלגעמיינע מיינונג האָט גענומען עגבערן אויך ביי אים אין מוח. דאָס דאָזיקע שטענדיקע צוואָרפן פון טרוקענע צווייגלעך איז געוואָרן דער שוידערלעכסטער אָנקלאָגער פאר זיין געוויסן. ער האָט זיך אָנגעהויבן געניער צוקוקן צו דער דאָזיקער קופּע, געציילט די צווייגן, וואָס זענען צוגעקומען יעדן טאָג. דער געדאנק וועגן דער קופּע האָט פון זיין מוח ארויסגעשטופּט אַלע אנדערע מחשבות. די קופּע האָט אים לסוף גובר געווען.

וואָס א טאָג האָט ער אַלץ מער געדעכט געגעבן די

מענטשן. ער האָט זיך אָנגעהויבן שטארק אָפּצוּלאָזן, און אין משך פון א פּאָר וואָכן האָט ער באקומען דעם אויסזען פון א שוואכן זקן. דאָס געוויסן האָט אים געפּייניקט, און ער האָט זיך געפילט צעבראָכן. און דאָס אלץ איז עפּעס ווי פארייניקט געווען מיט דער דאָזיקער פארשאָלטענער קופּע צווייגן. ער איז געווען זיכער, אז ווי נאָר די דאָזיקע קופּע וועט פאר־שווינדן פון זיין אָנבליק, וועט ער צוריק באקומען זיינע כּוחות און דאָס געוויסן וועט אים אויפהערן צו פּייניקן.

לסוף האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים וועג און אים געהיט גאנצע טעג. אָבער די אומברחמנותדיקע מענטשן האָבן פּאָרט באוויזן ביי נאכט צוצוּווארפן א פּאָר צווייגלעך.

— — — — — — — — — — — — —

איינמאָל איז יעסטאַ בערלינג דאָרט פארבייגעפאָרן און דערזעען, ווי דער ברוביער גלח זיצט ביים שאָסיי־גרוב, אן איינגעהויקערטער און פארוואָרלאָזטער. דער קמצן האָט געהאלטן אין פאנאנדערקלייבן די טרוקענע צווייגלעך און ריטלעך, ער האָט זיי אויסגעלייגט אין רייען און קופּקעלעך, זיך געשפּילט מיט זיי, ווי א קינד. יעסטאַ איז טיף גערירט געוואָרן פון דעם אלטנס עלנט.

— וואָס טוט דער הער פּאסטאָר? זאָגט ער און שפּרינגט פלינק אראָפּ פון וואָגן.

— עט, גאָרנישט... איך קלייב מיר פאנאנדער די צווייגלעך!

— דער הער פּאסטאָר וואָלט ליבערשט געמעגט אהיימ־גיין און נישט זיצן דאָ אין שטויב.

— איך מיין אָבער, אז ס'איז אלנפאלס בעסער, וואָס איך זיץ דאָ, ענטפערט דער גלח.

יעסטאַ זעצט זיך דאן אוועק נעבן אים.

— ס'איז נישט קיין גרינגע זאך צו זיין א פּאסטאָר דאָ אין ברובי, זאָגט ער נאָך א ווײַלע שטילשווייגן.

— דאָ אונטן, אין טאָל, צווישן מענטשן, איז נאָך נישקשה, ענטפערט דער גלח, פיל ערגער איז עס אויבן, אין צפון.

יעסטאַ פאַרשטייט, וואָס דער אַלטער מיינט. אויך אים זענען באַקאַנט די פּאַראַפּיעס אין צפון־ווערמלאַנד, וואו ס׳איז אין טייל מקומות צומאָל נישט פאַראַן אַפילו קיין פּאַסיקער וואוינאָרט פאַרן פּאַסטאָר. גיין, זיי זענען אים נישט פרעמד, די גרויסע וואַלד־דערפער, וואו די פינען וואוינען און פאַרוויכערטעביידלעך, די דאָזיקע אָרימע געגנטן, וואו ס׳געפינען זיך בלויז אַ פּאָר מענטשן אויף אַ מייל וועג, און וואו דער גלח איז דער איינציקער געבילדעטער מענטש. אין איינער פון די דאָזיקע פּאַראַפּיעס האָט דער ברוביער גלח פאַרבראַכט איבער צוואַנציק יאָר צייט.

— דאָרט אַהין שיקן זיי אונז, בשעת מיר זענען נאָך יונג! זאָגט יעסטאַ. ס׳איז פשוט אוממעגלעך איבערצוהאַלטן אין יענע מקומות. דאָס לעבן פון אַזאַ יונגן פּאַסטאָר ווערט פולשטענדיק צעבראָכן! אַ סך, זייער אַ סך יונגעלייט זענען שוין דאָרט אומגעקומען.

— יאָ, יאָ, ברודערקע, די איינזאַמקייט צעברעכט דאָרט דעם מענטשן, זאָגט דער ברוביער גלח.

— מען קומט דאָרט אַהין, שלאָגט אים יעסטאַ איבער די רייד, מיט אַ גרויסן זאַפּאַס התמדה און ענערגיע, מען פּריידיקט און מען וואָרנט דעם עולם נישט צו גיין אין די שלעכטע דרכים, און ס׳דאַכט זיך אונז, אַז אַלץ וועט זיין גוט, די דאָרפס־לייט וועלן באַלד צוריק אַרויפגעפירט ווערן אויפן דרך הישר.

— יאָ, אַזוי איז עס! — — —

— אָבער מען איבערצייגט זיך באַלד, אַז קיין שום רייד העלפן דאָרט נישט. די אָרימקייט שטייט אין וועג. די אָרימקייט דערלאָזט נישט צו קיין שום פאַרבעסערונג.

— ביזט גערעכט, יעסטאַ! רופט־אויס דער אַלטער גלח, די אָרימקייט האָט חרוב געמאַכט מיין לעבן.

— דער יונגער פּאַסטאָר קומט אַרויף אַהין, דערקלערט יעסטאַ, אָרים ווי אַלע אַנדערע, און ער זאָגט צום שכּור: הער־אויף צו שכּורן!

— דאן ענטפערט דער שיכּור, פאַלט אים דער גלח אריין אין די רייד: גיב-זשע מיר דאָס, וואָס איז בעסער ווי בראָנפן! דער בראָנפן איז מיין פעלץ אין ווינטער און ער דערפרישט מיך אין זומער, דער בראָנפן איז פאר מיר א וואַרים שטיבעלע און א ווייך געלעגער. גיב-זשע מיר דאָס אַלץ, וועל איך אויפהערן צו שכּורן!

— נאָכדעם, רעדט יעסטא ווייטער, זאָגט דער יונגער פאַסטאָר צום גנב: דו זאָלסט נישט גנבענען! און צום שלעכטן מאן: דו זאָלסט נישט שלאָגן דיין ווייב! און צום אבערגלויביקן: דו זאָלסט גלויבן אין גאָט, און נישט אין טייוול און כּישוף! אָבער דאן ענטפערט אים דער גנב: גיב-זשע מיר ברויט! און דער שלעכטער מאן: מאך אונז רייך, וועלן מיר נישט פירן קיין מחלוקות צווישן זיך! און דער אבערגלויביקער: לערן-זשע מיך עפּעס בעסערס! אָבער ווער קאָן דאָ העלפן אָן געלט?

— אמת! ס'איז אמת יעדער וואָרט וואָס דו זאָגסט איצט, רופט-אויס דער זקן. זיי האָבן טאקע געגלויבט אין גאָט, אָבער נאָך מער אין טייוול, און צום מיינסטן אין כּישוף-מאַכערס און שדים. די גאַנצע תּבואה האָבן זיי פאַרנוצט אינם בראָנפן-קעסל. ס'איז נישט געווען קיין שיער און קיין סוף צום דאָזיקן עלנט. אין ס'רוב פון די גרויע שטיבלעך האָט תּמיד געהערשט דלות און נויט. דאָס האָט די ווייבער געמאכט פאר מרשעתן, און צוליבן פאַרשוואונדענעם שלום-בית האָבן זיך די מענער אוועקגעלאָזט אין די קרעטשמעס. זיי האָבן נישט געקאָנט באארבעטן די ערד און נישט געוואוסט, ווי אומצוגיין ביי די בהמות. זיי האָבן מורא געהאט פארן פריץ און חוזק געמאכט פונם פאַסטאָר. וואָס האָב איך מיר געקאָנט פאר עצה געבן, אז זיי האָבן נישט פארשטאנען מיינע דרשות, און נישט געגלויבט אין דעם, וואָס איך האָב מיט זיי געלערנט? די ערגסטע צרה איז אָבער געווען, וואָס איך האָב נישט געהאט מיט וועמען זיך אָן עצה צו האלטן, און נישט עמיצן, וועלכער זאָל מיך שטאַרקן אין מיין מוט!

— און דאָך זענען פאראן פאסטאָרן, וועלכע האָבן אי־בערגעהאַלטן אזא מין לעבן! זאָגט יעסטאַ. גאָטס חסד איז לגבי זיי געווען אזוי גרויס, אז זיי זענען נישט צוריקגעקומען פון דאָרט אלס צעבראָכענע נפשות — זיי האָבן געגוג כוחות געהאט איבערצוהאלטן די אָרימקייט, די איינזאמקייט און די האָפנונגסלאָזיקייט. זיי האָבן געטון דאָס ביסל גוטס, וואָס זיי זענען געווען ביכולת, און זיי זענען נישט אריינגעפאלן אין יאוש. אזעלכע מענטשן האָבן זיך תמיד געפונען, און געפונען זיך נאָך ביי היינטיקן טאָג אויך. אָט דאָס הייסט ביי מיר אמתע העלדישקייט. יאָ, גרויסע העלדן זענען זיי, און איך וועל זייער אָנדענק טייער האלטן אזוי לאנג, ווי איך וועל לעבן. איך, ליידער, בין נישט פעאיק געווען דאָס איבערצו־האלטן!

— איך בין אויך נישט געווען פעאיק דערצו! גיט־צו דער גלח.

— אזא פאסטאָר, זאָגט יעסטאַ און פארטראכט זיך בשעת מעשה, הויבט אָן צו קלערן, ווי אזוי ער זאָל ווערן א נגיד, א גרויסער עושר, וואָרום ער ווייסט, אז אלס אביון וועט ער נישט אימשטאנד זיין צו באקעמפן דאָס שלעכטס, און אזוי־ארום הויבט ער אָן צו זאמלען געלט.

— אויב ער זאמלט נישט, שכּורט ער, ענטפערט דער זקן, ער קאָן דאָך נישט גלייכגילטיק זיך צוקוקן צו אזוי פיל עלנט!

— אָדער ער פארלירט די כּוחות און זיין שכל, ווערט פארטעמפט. פאר דעם, וועלכער איז נישט זאָרט געבוירן, איז עס א גרויסע סכנה ארויפצוקומען אין יענע וויסטע מקומות.

— אזא איינער מוז פארשטיינערן זיין הארץ, כדי צו קאָנען זאמלען געלט, באמערקט דער אלטער פאסטאָר. צוערשט טאכט ער נאָר אזא אָנשטעל, אָבער דערנאָך ווערט עס שוין ביי אים א רגילות.

— ער מוז זיין הארט סיי קעגן זיך אליין, סיי קעגן אנדערע, איז יעסטאַ מודה. ס'איז זייער א שווערע זאך צו

זאמלען געלט: מען מוז פארליידן שנאה און פאראכטונג, מען מוז פרירן און הונגערן, און פארשטיינערן דאָס אייגענע הארץ לגבי דער נויט פון אנדערע. מיט דער צייט פארגעסט אזא מענטש, צוליב וואָס ער האָט אָנגעהויבן זאמלען.

דער ברוביער גלח האָט אויף אים א קוק-געטון מיט חשד. ס'האָט זיך אים געדאכט, אז יעסטאַ טרייבט מיט אים קאטאָוועס. אָבער ניין, יעסטאַ האָט גערעדט מיט טיפן ערנסט און ברען, גלייך ווי ער וואָלט דאָ זיך אליין פארטיידיקט.

— אזוי איז טאקע געשעען מיט מיר אויך! זאָגט דער אלטער גלח שטילערהייט.

— אָבער דער רבונו של עולם וואכט איבער אזא גייסט־לעכן, און ווען ער האָט שוין גענוג אָנגעזאמלט, וועקט ער אויף אין אים זיינע יוגנטלעכע מחשבות. ער באקומט א צייכן פון הימל, בשעת גאָטס קינדער דארפן אים האָבן אין אן עת־צרה.

— אָבער טאָמער וויל דער פאסטאָר נישט פארנעמען גאָטס צייכן, הא, יעסטאַ?

— ער איז לחלוטן נישט אימשטאנד זיך אקעגן צו שטעלן! רופט־אויס יעסטאַ און שמייכלט צופרידן, וואָרום אים לאָקט שטארק דער געדאנק וועגן די ווארימע שטיבעלעך, וואָס ער וועט העלפן די אָרימעלייט אויפצובויען.

דער אלטער גלח באטראכט די קליינע געביידעלעך, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט פון די צוויינגלעך פון דער שאנד־קופע. וואָס לענגער ער שמועסט מיט יעסטאַן, אלץ מער ווערט ער איבערצייגט, אז יענער איז טאקע גערעכט. ער האָט זיך דאָך תמיד ארומגעטראָגן מיטן געדאנק צו טון גוטס, — ווען ער וועט שוין האָבן גענוג אָנגעזאמלט. ער כאפט זיך אָן אין דעם דאָזיקן געדאנק, ווי א זיך־טרינקענדער אין א שטרוי. יאָ, געוויס, ער האָט תמיד בדעה געהאט צו טון גוטס פאר זיין עדה!

— פארוואָס־זשע בויט אזא פאסטאָר נישט אויף די הייז־לעך? פרעגט ער נישט דרייסט.

— ער שעמט זיך! ענטפערט יעסטאַ. מען קאָן אים נאָך

חושד זיין, אז דאָס וואָס ער האָט פרייוויליק בדעה געהאַט צו טון, טוט ער גאָר צוליב מורא פאַר מענטשן.

— אַזוי איז עס! באַשטעטיקט דער זקן. ער קאָן נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז מען וויל אים צווינגען דערצו. דאָס איז טאַקע די ריכטיקע סיבה.

— ער קאָן אָבער געבן אַ סך הילף פאַרבאָרגענערהייט. אָט למשל, היי־יאָר דאַרף מען זייער אַ סך הילף. ער קאָן דאָך זיין צדקה צעטיילן דורך אַ צווייטן מענטשן, צו וועמען ער האָט צוטרוי. אָ, איצט באַגרייף איך שוין דעם גאַנצן ענין! רופט־אויס יעסטאַ, און זיינע אויגן שטראַלן פון התלהבות. היי־יאָר וועלן טויזנטער מענטשן באַקומען זייער ברויט דווקא פון דעם, וועמען זיי באַשיטן איצט מיט קללות!

— אַזוי וועט טאַקע געשען, יעסטאַ! איז דער גלח מסכים.

די דאָזיקע צוויי אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זענען נישט ראוי געווען צו דערפילן זייערע אמת־פליכטן, זענען איצט ווי פאַרשיכורט פון זייערע שיינע מחשבות. בשעת דעם דאָזיקן שמועס זענען זיי ווידער באַהערשט געוואָרן פון זייער יוגנטלעכן שטרעבן צו דינען צו גאָט און צו לייט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַנטאַזירן וועגן זייערע צוקונפטיקע מעשים טובים. יעסטאַ וועט דעם אַלטן בעל־תשובה בייהילפיק זיין אין אַלעם.

— קודם־כל מוזן מיר זען צו שאַפן ברויט פאַר די הונגעריקע, זאָגט דער גלח.

— מיר וועלן אויך שאַפן לערער פאַר די פאָלקס־שולן, איז יעסטאַ מוסיף. מיר וועלן ברענגען ערד־מעסטער, וועלכע וועלן אויף אַ יושרדיקן אופן אָפּגרעניצן די נחלות. דערנאָך וועלן מיר אויסלערנען די מענטשן, ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די ערד און צוזען די בהמות.

— מיר וועלן בויען נייע וועגן און צעאַקערן דעם אומגעברויכטן באָדן!

— מיר וועלן אויפבויען נייע שליוזן נעבן די וואַסער־פאַלן פון „בערג“, אַזוי אַז ס׳וועט זיין אַן אָפּענער וואַסער־וועג צווישן דער לעיוועץ און ווענערן.

— דאָס עשירות פון אונזערע וועלדער וועט זיך פאר־פילפאכיקן, ווען מיר וועלן באקומען אן אָפּענעם וועג צום ים.

— אייער אלטער קאָפּ וועט זיך נאָך ארויפבייגען אונ־טער דער משא פון ברכות! רופט־אויס יעסטאַ.

דער גלח טוט א קוק אויף אים. זיי לייענען זיך קעגנ־זייטיק אין די אויגן די זעלביקע התלהבות.

אָבער אין מיטן דערין ווערן זייערע בליקן צוגעצויגן צו דער שאנד־קופּע פון טרוקענע צווייגלעך.

— יעסטאַ! זאָגט דער זקן, דאָס אלץ פּאָדערט אָבער פרישע כוחות פון א יונגן, געזונטן מענטשן, און איך האלט שוין ביים שטארבן. דו זעסט דאָך, וואָס ס׳הרגעט מיך אוועק.

— נו, טאָ זעט־זשע דאָס פטור צו ווערן!

— ווי אזוי, יעסטאַ?

יעסטאַ גייט־צו נאָענט און קוקט אים שארף אין די אויגן אריין.

— בעט גאָט וועגן רעגן! זאָגט ער. איבעראכטאָג זונ־טאָג זאָלט איר, הער פּאסטאָר, פּריידיקן אין קירך. און דאן זאָלט איר מתפּלל זיין וועגן רעגן!

דער אלטער גלח ווערט פארציטערט.

— אויב דער הער פּאסטאָר מיינט דאָס אלץ מיט אן ערנסט, זאָגט יעסטאַ ווייטער, אויב נישט דער הער פּאסטאָר האָט ארויפגעבראכט די טרוקעניש איבער אונזער געגנט, אויב דער הער פּאסטאָר האָט מיט זיין הארטקייט ווירקלעך אין זי־נען געהאט נישט עפּעס אנדערש, ווי נאָר אויף דעם אופן צו דינען גאָט, — דאן זאָל דער הער פּאסטאָר מתפּלל זיין וועגן רעגן! דאָס וועט זיין א סימן פון הימל: דערפון וועלן מיר וויסן, צי גאָט וויל דאָס זעלבע וואָס מיר ווילן!

בשעת יעסטאַ איז צוריק ארויפגעפאָרן פון די ברוביער בערגלעך, האָט ער זיך אליין שטארק געחידושט איבער דער גוואלטיקער התלהבות, וואָס האָט אים אזוי פּלוצלינג באהערשט. אך, סארא שיין לעבן דאָס וואָלט ווירקלעך געקאָנט זיין! יאָ, אָבער נישט פאר אים. דאָרט אויבן, אין צפון, האָבן דאָך

מענטשן וויסן נישט געוואָלט פון זיין גרייטקייט צו העלפן.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער ברוביער קירך האָט דער גלח נאָר-וואָס געהאט פארענדיקט זיין דרשה און מען האָט אָפגעזאָגט די געוויינלעכע תפילות. דער גלח איז שוין געווען גרייט אראָפצוגיין פונם באלעמער, נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ געקווייקלט. לסוף איז ער פאָרט געפאלן אויף די קני און מתפלל געווען וועגן רעגן.

ער האָט געבעטן צו גאָט, ווי א מענטש, וועלכער געפינט זיך אין גרענצלאָזער פארצווייפלונג. זיין תפילה איז באַשטאנען פון אָפגעהאקטע פסוקים, אָן שום צוזאמענהאנג:

— אויב דאָס איז מיין זינד, וואָס האָט ארויסגערופן דיין מעכטיקן צאָרן, אָ גאָט, שטראָף-זשע בלויז מיך אליין! אויב ס'איז נאָך פאראן פאר מיר אביסעלע בארמהערציקייט ביי דיר, דו גוטער גאָט, עפן-זשע דיינע קוואלן! נעם-צו פון מיר די וויסטע חרפה! גאָט אין הימל, פארנעם מיין געבעט און לאָז פאלן א רעגן! דאָס געשריי פון מיין פארצווייפלט הארץ לויפט צו דיר מיט דער איינציקער תפילה: קיל-אָפּ די היצן מיט א שטארקן רעגן! זאָל ער נאָך באוויזן צו דערפרישן און אָנטרינקען די פארטרוקנטע פעלדער פון די אָרימע פויערים! גיב דיין אָרים פאָלק ברויט! די מענטשן זענען דאָך שוין פארשמאכט פון הונגער!

דער טאָג איז געווען א הייסער און זייער א דומפּיקער. די מתפללים זענען געזעסן אויף די בענק און האלב-געדרעמלט פון פארחלשטקייט. אָבער ביים קלאנג פון די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן מיט א הייזעריקן פארצווייפלטן קול, האָבן זיי זיך אַלע אויפגעכאפּט.

— אויב ס'איז נאָך פאראן פאר מיר א וועג צו תשובה, רחמנותדיקער גאָט, טאָ גיב-זשע רעגן!...

ער איז אנטשוויגן געוואָרן. די טירן זענען געווען אָפן. פלוצלינג האָט א גוואלטיקער ווינט-שטויס ארייַנגעיאָגט אין קירך א נעפּל פון שטויב, שטיקלעך צווייגן און שטרוי. דער

גלח האָט שוין מער נישט געקאָנט רעדן און ער איז מיט וואקלדיקע טריט אַראָפּגעגאנגען פונם באַלעמער.

די עדה איז פארציטערט געוואָרן. צי האָט דאָס געזאָלט זיין דער ענטפער?

אָבער דער ווינט-שטויס איז בלויז געווען דער אָנזאָגער פון א געוויטער, וואָס איז אָנגעקומען מיט אן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. ווען מען האָט געהאט אָפּגעזונגען דאָס צווייטע קאפיטל תהילים און דער גלח איז ווידער געשטאנען ביים אלטאר, האָבן בליצן אָנגעהויבן צו פינקלען און די לופט האָט געזומען ציטערן פון דונער-קאַ׳ן, וועלכע האָבן פארטויבט דעם גלחס ווערטער. ווען דער אָרגל האָט געלאָזט הערן די טענער פונם לעצטן קאפיטל תהילים, האָבן שוין די ערשטע רעגן-טראָפּנס געקלאפט אין די גרינע שייבלעך פון די קירך-פענסטער, און אלע מענטשן האָבן זיך שנעל א לאָז-געטון צו די טירן, כדי מקבל-פנים צו זיין דעם ליבן גאסט. זיי האָבן זיך אָבער נישט באנוגנט מיט בלויזן צוקוקן זיך צום רעגן. א טייל פון זיי האָבן געוויינט, אנדערע ווידער האָבן געלאכט, און זיך געלאָזט אדורכנעצן פון דעם געדיכטן רעגן. אך, ווי גרויס זייער נויט איז נעבעך געווען!

אָבער גאָט איז א בארמהארציקער פאָטער! ער לאָזט פאלן רעגן איבער די פעלדער פון זיינע אָרימע מענטשן! אך סארא פרייד! סארא פרייד!

דער ברוביער גלח איז געווען דער איינציקער, וועלכער איז נישט ארויסגעגאנגען מקבל-פנים זיין דעם רעגן. ער האָט געקניט אויף די שטיגעלעך, וואָס פירן צום אלטאר, און זיך נישט גערירט פון אָרט. די פרייד איז געווען צו שטארק פאר אים: זי האָט אים דערהרגעט.

32.

די מוטער פונם קינד

דאָס קינד האָט בלי-שום ספק געמוזט האָבן א פאָטער.

דאָס קינד איז געווען אזא שוואכינקס, א גאָו'נישטל, א פיצל, מיט א רויטער גערינצלטער הויט איבערן לייב. ס'האָט עפּעס גאָרנישט געשריגן, און פון געבוירן אָן האָט עס ג'עליטן אויף קאָנוואולסיעס. עס איז געפאלן אויף דער וועלט, ווי ס'וואָלט פארבלאָנדזשעט דאָ אהער, און ס'איז געקומען מיט א זעקס, זיבן וואָכן צו פרי. און דערפאר מסתמא האָט עס זיך נעבעך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען אויף דער וועלט.

דאָס נפשל האָט אזוי ווינציק געוואויגן, אז ס'איז אסור נישט כדאי געווען די רייד. מען האָט עס געמוזט איינפּאקן אין א פעלעכל פון א יונג שעפּסעלע. ס'האָט נישט געוואָלט עסן, נישט שלאָפן. קיינער איז נישט געווען אויף אזוי פיל קלוג, צו זאָגן אויף וואָס פארא אופן מען זאָל דאָס נעבעכ-דיקע באשעפענישל דערהאלטן ביים לעבן. אָבער — ס'האָט פאָרט געלעבט.

ס'איז געבוירן געוואָרן אין א קליין פויעריש שטיבל, אויף דעם מזרחדיקן ברעג פונם טייך קלאַראַ, וואוהין די מוטער פונם קינד איז אמאָל אָנגעקומען אין די ערשטע טעג פון חודש יוני, און דאָרט געזוכט ארבעט אלס דינסטמיידל.

פאר די באלעבאטים האָט זי דערקלערט, אז זי איז באגאנגען א פעלער אין לעבן און איצט ריכט זי זיך אויף אן אומגעזעצלעך קינד. איר מוטער האָט זי שרעקלעך געפייניקט, און דעריבער האָט זי געמוזט אנטלויפן פון דערהיים. זי האָט זיך גערופן עליזאַבעט קארלסדאָטער. זי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט זאָגן, פון וואנען זי שטאמט, ווייל אנדערש וואָלט מען דאָך געוויס געווען אוועקגעשיקט א ידיעה צו אירע עלטערן, וואו זי געפינט זיך. זי איז אָבער געווען איבערצייגט, אז אויב זיי וואָלטן זי געפונען, וואָלטן זיי זי זיכער פארפייניקט צום טויט. זי האָט נישט פארלאנגט קיין שכירות, זי האָט נאָר געוואָלט אביסל עסן און א דאך איבערן קאָפּ. איבריקנס, וועלן זיי דאָ נישט מאכן קיין שלעכטן עסק, ווייל זי קאָן אלערליי שטוב-ארבעטן: זי האָט געקאָנט וועבן, שפינען, קאָכן, אומגיין ביי קי. זי האָט געוואָלט טון אלץ, וואָס זיי וועלן נאָר פון איר פארלאנגען. און אין ערגסטן פאל, קאָן זי באצאָלן אויך, אבי מען זאָל זי נאָר לאָזן זיין, ביז וואנען זי וועט בשלום איבערקומען, און דערנאָך וועט זי שוין ווייטער זען, וואָס זי האָט צו טון.

זי איז אויף אזוי פיל כיטרע געווען, אז זי איז באָרוועסערהייט אריינגעגאנגען אין דער כאטע, טראָגנדיק די שיך אונטערן אָרעם. זי האָט געהאט פארבלאָטיקטע, שאָרסטקע הענט, גערעדט אויף דעם דאָרטיקן דיאלעקט און געווען אָנגעטון ווי אן אָרימע פויערטע. און מען האָט איר אלצדינג געגלויבט.

דער באלעבאָס האָט אפילו באלד איינגעזען, אז צו קיין שווערער ארבעט טויג זי נישט, זי איז צו שוואך דערויף. אָבער אלנפאלס, האָט מען דאָך אזא אומגליקלעכן מענטשן נישט געקאָנט אָפּזאָגן צו געבן אן אָרט וואו דעם קאָפּ אָנצושפארן, און ער האָט איר דערלויבט צו פארבלייבן.

אין איר וועזן איז געווען פארבאָרגן עפּעס אזא מין אייגנשאפט, וואָס האָט ביים גאנצן הויזגעזינט ארויסגערופן א פריינטלעכקייט צו איר. זי האָט געהאט מזל, געטראָפן אויף

א גוט אָרט. די מענטשן זענען דאָרט געווען ערנסטע, שטילע, און יעדער איז געווען פארנומען מיט זיין ארבעט. ביי דער באלעבאָסטע האָט זי באלד נושא־חן געווען מיט איר קענטניש אין וועבן דרילינען. זיי האָבן געבאָרגט א דריליך־וועבשטול ביי דער פראַבאָשטשינע, און די מוטער פונם קינד איז א גאנצן זומער אָפּגעזעסן ביים וועבשטול.

קיינעם פון די פויערים איז עס לחלוטין נישט איינגעפאלן, אז מען דארף זי שוינען ביי דער ארבעט. זי האָט די גאנצע צייט געמוזט ארבעטן ווי א פשוטע פויערטע. זי אליין האָט אויך נאָר געוואָלט ארבעטן. זי האָט זיך שוין מער נישט געפילט אומגליקלעך. דאָס לעבן צווישן די פויערים איז איר געווען צום הארצן, הגם זי האָט זיך דאָרט געמוזט אָפּזאָגן פון די אלע באקוועמלעכקייטן, צו וועלכע זי איז פון קינד־ווייז אָן געווען צוגעוואוינט. אין דעם דאָזיקן הויז האָט מען זיך צו יעדער זאך באצויגן פשוט און רואיק. יעדער איינער איז געווען פארנומען מיט זיין ארבעט, און די טעג האָבן זיך מיט גאָרנישט נישט אונטערגעשיידעט איינער פון אנדערן, אזוי אז ווען דער זונטאָג איז אָנגעקומען, האָט מען געקאָנט מיינען, דאָס מען געפינט זיך ערשט אין מיטן דער וואָך.

אין א געוויסן טאָג, סוף חודש אויגוסט, איז מען שטארק פארנומען געווען מיטן האָבער־שניט. די מוטער פונם קינד איז אויך ארויסגעגאנגען אויפן פעלד, כדי צו העלפן ביים בינדן די גארבן, אָבער דערביי האָט זי זיך צופיל אָנגעשטרענגט, און דאָס קינד איז דאן געקומען אויף דער וועלט פאר דער צייט, — ווייל זי האָט עס נישט פריער דערווארט ווי אין אָקטאָבער.

איצט איז די באלעבאָסטע מיטן עופהלע אויף די הענט געשטאנען נעבן אויוון, וואָס אין דער גרויסער שטוב, ווייל דאָס נפשל האָט נעבעך געציטערט פון קעלט אין דער גרויסער אויגוסט־היץ. די מוטער פון קינד איז געלעגן אין שכנות־דיקן חדר און זיך צוגעהערט, וואָס מען רעדט וועגן איר פיצעלע. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי די פּראַבּ־

קעס און דינסטמיידלעך זענען צוגעגאנגען און עס באטראכט.

— סארא קליין באשעפענישל דאָס איז! האָט זי כסדר געהערט זייערע אויסרופן, און נאָכדעם די אומפארמיידלעכע הוספה:

— א רחמנות אויף אזא בריאהלע, וואָס האָט נעבעך קיין טאטן נישט!

יעדער איינציקער האָט זיך געחידושט, וואָס דאָס קינד איז אזוי רויט און געריינצלט איבערן לייב. אָבער דאן האָט זיך שוין אלעמאָל געפונען עפעס איינער, וועלכער האָט דער־קלערט, אז אזוי זען־אויס אלע ניי־געבוירענע קינדער.

קיינער האָט זיך נישט באקלאָגט דערויף, וואָס דאָס קינד האָט געוויינט, מחמת זיי האָבן דאָך געוואוסט, אז קליינוואַרג מוז וויינען. לסוף זענען זיי געקומען צום באשלוס, אז נאָך אלעם איז דאָס קינד נישקשהדיק גרויס פאר זיין עלטער. ווען ס'וואָלט נאָר געהאט א פאָטער, וואָלט, לויט זייער מיינונג, אלצדינג געווען אין בעסטער אָרדנונג.

די מוטער איז געלעגן אין איר בעט, זיך צוגעהערט און זיך שטארק פארטראכט. דער ענין איז איר איצט פאָר־געקומען זייער וויכטיק. ווי וועט זיך איר קינד אן עצה געבן אין לעבן אָן א פאָטער?

פריער האָט זי געהאט באשלאָסן צו בלייבן א יאָר צייט אין דער דאָזיקער גאסטפריינטלעכער כאטע; דערנאָך וועט זי זיך ערגעץ דינגען א דירהלע און זיך פארדינען איר שטיקל ברויטביים וועבשטול. זי האָט געוואָלט אזוי פיל פארדינען, אז זי זאָל קאָנען אליין מפרנס זיין און קליידן איר קינד. פון אירעטוועגן האָט זיך איר מאן געמעגט בלייבן ביי זיין מיינונג, אז זי איז אים נישט ווערט געווען. זי האָט אויך געקלערט, אז פון איר קינד וועט אפשר ארויס א בעסערער מענטש, אויב זי אליין וועט עס דערציען, איידער ווען דאָס וואָלט געטון דער נארישער פאָטער, דער פוסטער בעל־גאוה.

אָבער איצט, ווען דאָס קינד איז שוין געקומען אויף דער וועלט, האָט זי גאָר אנדערש גענומען קוקן אויף דער

זאך. איצט האָט זי פאר זיך אליין מודה געווען, אז דאָס וואָלט געווען עגאָאיסטיש פון איר זייט.

— ניין, דאָס קינד מוז אומבאַדינגט האָבן א פאָטער, האָט זי צו זיך אליין געזאָגט.

דער דאָזיקער ענין וואָלט אפשר נישט געווען אזוי שטארק וויכטיק, ווען דאָס קינד וואָלט געווען גוט אנטוויקלט, ווען ס׳וואָלט געקאָנט עסן און שלאָפן ווי אלע אנדערע קינדער, ווען ס׳וואָלט נישט אזוי מיד אראָפּגעלאָזן דאָס קעפּעלע אויף איין אקסעלע, און ס׳וואָלט נישט געווען, רחמנא לצלן, אזוי נאָענט צום שטארבן, בשעת ס׳באקומט די קאָנוואולסיעס. אָבער אזא נעבעכדיק באשעפענישל האָט אומבאַדינגט געמוזט האָבן א פאָטער.

דאָס איז פאר איר נישט געווען קיין גרינגע זאך, צו דעצידירן זיך דערויף. און דעצידירן זיך האָט זי געמוזט באלד. דאָס קינד איז שוין אלט געווען דריי טעג, און די פויערים פון ווערמלאנד וואַרטן נישט לאנג מיט דער טויפונג.

אָבער אונטער וואָס פארא נאָמען האָט זי אים געזאָלט לאָזן פארשרייבן אין די מעטריקע-ביכער? און וואָס א שטייגער וועט דער פאסטאָר וועלן וויסן וועגן דער מוטער פונם קינד? ס׳איז דאָך א שרייענדיקע עולה לגבי דעם קינד, צו לאָזן עס פארשרייבן אלס אומגעזעצלעך. אויב פון דעם דאָזיקן יינגעלע האָט געזאָלט אויפוואקסן א שוואכער און קרענקלעכער מענטש, טאָ ווי קאָן זי נעמען אויף זיך די אחריות אָפּצונעמען בײַ אים דעם נוצן פון אריסטאָקראטישער אָפּשטאמונג און פארמעגן?

זי האָט שוין א סך מאָל געזען, ווי מען פרייט זיך בײַ לייטן, ווען ס׳קומט א קינד אויף דער וועלט, אָבער לגבי איר קינד האָבן אלע מענטשן ארויסגעוויזן בלויז רחמנות, גלייך ווי פאר דעם דאָזיקן אָרימען עופהלע וואָלט דאָס לעבן שוין געווען א צו שווערע לאסט.

ניין, זי האָט איר קינד געוואָלט זען שלאָפן אויף זיינע דענע קישעלעך מיט שפּיצן, ווי ס׳פּאסט טאקע פאר א גרעפיש-

זון. זי האָט אים אויך געוואָלט זען אין א סביבה פון קאָמ־פאָרט און באקוועמלעכקייט, פון פרייד און שטאָלץ. יאָ, יאָ, דאָס קינד מוז אומבאדינגט האָבן א פאָטער!

ס'איז איר אויך געקומען אויפן רעיון, אז זי טוט אויך דעם פאָטער פונם קינד א צו גרויסע עוולה. צי האָט זי דען א רעכט צו באהאלטן דאָס קינד בלויז פאר זיך אליין? ניין, אזא רעכט האָט זי נישט. וואָרום ווי קאָן זי דאָס האָבן א הארץ צוצונעמען פאר זיך אליין אזא טייער קליין אוצרל, וואָס זיין ווערט איז קיין שום מענטש נישט מסוגל אָפּצו־שאצן? דאָס וואָלט זיכער נישט געווען קיין יושרדיקע האנדלונג!

זי האָט אָבער נישט גערן געוואָלט זיך אומקערן צוריק צו איר מאן, ווייל זי האָט פשוט מורא געהאט, דאָס ער מיט זיין מוטער וועלן זי פארפייניקן צום טויט. אָבער איר קליינ־טשיק זונדעלע האָט זיך געפונען אין א נישט אָן ערך גרעסע־רער סכנה. זי האָט געציטערט, ער זאָל איר נישט אוועק־שטארבן, און דאָ איז ער נאָך אפילו נישט געטויפט.

דאָס וואָס ס'האָט זי אוועקגעטריבן פון איר היים, — די שווערע זינד פון ליבע צו א צווייטן, וואָס האָט זיך איינגע־נעסטעט אין איר הארץ, — איז שוין געווען פאַרשוואונדן. זי האָט שוין איצט נישט פארמאָגט קיין שום ליבע פאר עמיצן אנדערש, ווי נאָר פאר איר קינד.

בכן האָט די מוטער פונם קינד געלאָזט צו זיך אריינ־רופן דעם באלעבאָס און די באלעבאָסטע, און זי האָט זיי אלצדינג דערציילט. דער פויער איז באלד דערנאָך אוועקגע־פאָרן קיין באָרג, כדי מודיע צו זיין דעם גראף דאָנאַ, אז זיין ווייב לעבט און האָט א קינד — א זון.

דער פויער איז צוריקגעקומען שפעט אין אָוונט. ער האָט נישט געטראָפן דעם גראף, וועלכער איז געווען אוועק־געפאָרן. ער איז אָבער געווען ביים פראָבאָשטש פון סווארט־זשעי און געשמועסט מיט אים וועגן דער זאך. און אזוי ארום האָט זיך די גרעפין דערוואוסט, אז איר חתונה איז דערקלערט

געוואָרן פאר אומגעזעצלעך, און אז זי האָט שוין במילא נישט מער קיין מאַן.

דער פראָבאָשטש האָט צו איר אָנגעשריבן זייער א פריינטלעכן בריוו און איר אָנגעבאָטן א היים אין זיין הויז. ער האָט איר אויך צוגעשיקט א בריוו פון איר פאָטער צום גראף הענריק דאָנאָ, אין וועלכן דער אלטער אריסטאָקראט בעט זיין איידעם, אז ער זאָל וואָס גיכער לעגאליזירן די פארבינדונג מיט זיין טאָכטער. דער בריוו איז אָנגעקומען א פאָר טעג נאָך איר אנטלויפן, און דער דאָזיקער צופאל האָט עס טאקע דעם גראף הענריק אָנגעוויזן, אויף וואָס פארא אופן ער קאָן פטור ווערן פון זיין ווייב.

די דאָזיקע דערציילונג פונם פויער האָט זי גיכער אריינגעבראכט אין א שטארקן גרימצאָרן אויף איר מאַן, איידער אָנגעטון איר צער. זי וואָלט זיך באצויגן דערצו מיט דער גרעסטער פאראכטונג, ווען דאָס קינד וואָלט געווען געזונט און שטארק. יאָ, זי וואָלט זיך אפילו געפרייט פון דעם פאקט, וואָס נאָר זי אליין האָט איצט א דעה איבערן קינד; אָבער צוליב דעם קינדס שוואכקייט איז זי אזוי אויפגעקאָכט געוואָרן פון איר מאנס האנדלונג, אז זי האָט זיך געפילט ביכולת אים אפילו צו דערהרגענען.

די גאנצע נאכט האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאכט, קלערנדיק אלץ וועגן דעם, אז דאָס קינד מוז אומבאדינגט האָבן א פאָטער.

צומאָרגנס איז דער פויער אויף איר פארלאנג אוועקגעפאָרן קיין עקעבי נאָך יעסטאַ בערלינגגן.

יעסטאַ האָט לאנג אויסגעפרעגט דעם פויער, יערנע איז אָבער געווען א קנאפער דברן, און ער האָט זיך פון אים נישט קיין סך דערוואוסט; בלויז דאָס, אז די גרעפין איז ביי אים געווען דעם גאנצן זומער.

— זי איז די גאנצע צייט געווען געזונט און געארבעט, האָט דער פויער געזאָגט. איצט האָט זי געבוירן א קינד,

וואָס איז זייער שוואַך, אָבער די מוטער אַליין וועט האָכנ־טלעך אין גיכן צוריק געזונט ווערן.

יעסטאַ האָט אים געפרעגט, צי די גרעפין ווייסט וואָ איר בטל־געוואָרענער הייראַט, און דער פויער האָט אים גע־ענטפערט, אַז וועגן דעם האָט זי זיך ערשט נעכטן דערוואוסט.

דורכן גאַנצן וועג האָט עס יעסטאַן געשווינדערט, ווי אין פיבער. וואָס האָט זי דען איצט געוואָלט פון אים? צוליב וואָס האָט זי נאָך אים געשיקט?

ער האָט אַ טראַכט־געטון וועגן דעם הערלעכן זומער וואָס ער האָט פאַרברענגט ביים ברעג פון דער לעיווען. פאַר אים זענען די טעג אוועק אין פאַרווייַלונגען און שפּילערייַען, און אין דער זעלבער צייט האָט זי נעבעך געמוזט אַרבעטן עבודת פּרך, און דערביי נאָך אויסשטיין שווערע מאָראַלישע ליידן.

ער האָט זיך שוין נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט זיך נאָך ווען ס'איז נישט מיט איר זען. אַנדערש וואָלט ער זיך דאָך געוועזן באמת, צו טרעפן זיך מיט איר, צו דער־שיינען פאַר איר אַלס בעסערער מענטש. אָבער איצט, וואָס האָט ער דאָן געהאַט עפּעס אַנדערש הינטער זיך, ווי בלויז די געוויינלעכע קאַוואַלערישע משוגעתן?

אַרום אַכט אַ זייגער אין אָוונט איז ער אָנגעקומען אויפן אָרט, און מען האָט אים גלייך אַריינגעפירט צו דער מוטער פונם קינד. אין דער האַלב־פינסטערער שטוב האָט ער נישט תיכף געקאָנט באַמערקן, וואו זי איז געלעגן. דער באַלע־באָס און די באַלעבאָסטע זענען אויך אַריינגעקומען.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז איר ווייס פּנים, וואָס האָט איצט געלויכטן אין דער פינסטערניש, איז פאַר אים תמיד געוועזן דאָס בילד פון העכסטן און מאָראַליש־ריינסטן אין לעבן, די שענסטע נשמה אין אַ קערפּערלעכן לבוש. דער־פילנדיק ווידער די ברכה פון איר אָנוועזנהייט, האָט ער זיך נעוואָלט וואַרפן אויף די קני און איר דאַנקען דערפאַר, וואָס זי האָט אויפסניי באַוויליקט זיך צו ווייזן פאַר אים. ער איז

אָבער געווען אזוי דערשיטערט, אז ער איז נישט בכוח גע־
ווען ארויסצוברענגען א וואָרט פון מויל.

— טייערע גרעפין עליזאַבעט! האָט ער אין א ווײלע
ארום קוים געקאָנט ארויסשטאמלען.

— גוטן אָוונט, יעסטאַ!

זי האָט אים דערלאנגט איר האנט, וואָס איז ווידער געווען
ווייס און דורכזיכטיק. זי איז געלעגן שטיל און זיך נישט גע־
רירט, בשעת ער האָט געקעמפט מיט זיין גוואלטיקער דער־
שיטערונג.

די מוטער פונם קינד איז איצט, בשעת זי האָט דער־
זען יעסטאַן, נישט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אָנלויפנדיקע
געפילן. ס׳האָט איר בלויז געחידושט, וואָס ער שענקט זיין
גאנצע אויפמערקזאמקייט בלויז איר, ער האָט דאָך אליין אויך
געדארפט פארשטיין, אז דאָ האָט זיך געהאנדלט בלויז וועגן
קינד, וואָס האָט געדארפט האָבן א פאָטער.

— יעסטאַ! האָט זי מילד געזאָגט, דו מוזט מיר איצט
בײהילפיק זיין, ווי דו האָסט עס מיר אמאָל צוגעזאָגט. דו
ווייסט דאָך, אז מיין מאן האָט מיך פארלאָזן, אזוי אז מיין
קינד האָט נישט קיין פאָטער.

— יאָ, פרוי גרעפין! האָט ער געענטפערט. אָבער דאָס
קאָן מען נאָך ענדערן. איצט ווען ס׳איז שוין פאראן א קינד,
קאָן מען זיכער צווינגען דעם גראף הענריק, אז ער זאָל לע־
גאליזירן די הייראט. איר קאָנט זיין רואיק, איך וועל אייך
מיט אלע מיטלען העלפן!

די גרעפין האָט געשמייכלט.

— און דו מיינסט טאקע, אז איך וועל מיך אָנווארפן
דעם גראף דאָנאַ?

דאָס בלוט האָט יעסטאַן א זעץ־געטון אין פנים; וואָס
דען האָט זי זיך געוואונטשן? וואָס דען האָט זי פון אים
פארלאנגט?

— קום אהער, יעסטאַ! האָט זי געזאָגט און ווידער צו
אים אויסגעשטרעקט די האנט. דו זאָלסט זיך נישט בײזערן

אויף מיר צוליב דעם, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן, נאָר איך האָב אָבער געקלערט, אז דו, וואָס דו ביזסט...

— א דעגראדירטער גלח, א שיכור, א היימלאָזער קאוואַלער, דער מערדער פון עבבא דאָנא... נישקשה, איך קאָן מיין יחוס פון אויסוויינִיק...

— ביזסט שוין, זע איך, בייז אויף מיר... הא, יעסטא?...

— איך וואָלט טאקע געוואָלט, אז די פרוי גרעפין זאָל נישט דערענדיקן.

אָבער די מוטער פונם קינד האָט ווייטער גערעדט:

— יעסטא, הער גוט אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן. נישט איין פרוי וואָלט געוואָלט ווערן דיין ווייב אויס ליבע צו דיר, אָבער נישט אזוי איז עס מיט מיר. אויב איך וואָלט דיך געליבט, וואָלט איך נישט געהאט די חוצפה צו רעדן מיט דיר וועגן דעם אזוי אָפן, ווי איך טו עס איצט. פאר מיינעטוועגן אליין וואָלט איך דיך קיינמאָל נישט געוועזן געבעטן וועגן דעם, אָבער זעסטו, יעסטאַ, איך טו עס צוליב מיין קינד, דו פארשטייסט שוין מסתמא, וועגן וואָס איך וויל דיך בעטן. דאָס איז פאר דיר ווירקלעך א גרויסע דערנידערונג, ווייל איך האָב א קינד, אלס נישט חתונה-געהאטע פרוי. איך האָב נישט געקלערט, אז דו וועסט עס וועלן טון בלויז דערפאר ווייל דו שטייסט נידריקער פון אנדערע... הגם יאָ... איך האָב טאקע דאָס אויך געקלערט! אָבער צום מיינסטן האָב איך גערעכנט דערויף, וואָס דו ביזט א גוטהארציקער מענטש, יעסטאַ, און אויך, ווייל דו ביזט א העלד און ביזט פעיק זיך מקריב צו זיין. נאָר דאָס איז אפשר צופיל פארלאנגט פון דיר... א מאנביל איז אפשר נישט ביכולת דאָס צו טון. זאָג אויפריכטיק, אפשר בין איך דיר שוין צו פיל מיאוס געוואָרן. אפשר עקלט עס דיך צו ווערן דער פאָטער פון א צווייטנס קינד, אדרבה, זאָג! איך וועל אויף דיר נישט זיין בייז דערפאר. איך פארשטיי אליין אויך, אז דאָס איז צופיל פארלאנגט. אָבער, יעסטא, דאָס קינד מיינס איז קראנק און

ס'איז אזוי שרעקלעך, ווען מען קאָן נישט ביי דער טויפונג אָנגעבן דעם נאָמען פון זיין מוטערס מאן!

הערנדיק ווי זי רעדט, האָט אים באהערשט דאָס געפיל, ווי דעמאָלסט — בשעת ער האָט זי אין א געוויסן פרילינג-טאָג געמוזט אריבערפירן אויפן צווייטן ברעג און זי איבערלאָזן איינע אליין מיט איר גורל. איצט מוז ער איר העלפן חרוב צו מאכן איר גאנצע צוקונפט. און דאָס מוז טון דווקא ער, וועלכער האָט זי אזוי שטארק ליב!

— איך וועל דערפילן אייער וואונטש, פרוי גרעפין! האָט ער געזאָגט!

צומאָרגנס האָט ער איבערגעשמועסט וועגן דעם ענין מיטן פראָבאָשטש פון ברוויבי, ווייל די גמינע סווארטזשעי האָט געהערט צו דער ברוביער פאראפיע. דאָרט האָט מען געמוזט פובליקירן די חתונה.

דער גוטהארציקער אלטער פראָבאָשטש איז טיף גערירט געוואָרן און צוגעזאָגט צו נעמען אויף זיך די אחריות פאר דעם דאָזיקן קאָמפליצירטן ענין און דערליידיקן אלע פאָר-מאליטעטן.

— יאָ, ליבער יעסטאַ! האָט ער געזאָגט, דו מוזסט איר ביישטיין אין איר נויט, ווען נישט קאָן זי נאָך חלילה משוגע ווערן. זי מיינט, אז זי האָט דעם קינד א גרויסע עולה גע-טון, וואָס מיט איר אנטלויפן פון דערהיים, האָט זי צוגערויבט ביים קינד זיין שטעלונג אין לעבן, ווייל ער האָט איצט נישט קיין פאָטער. די דאָזיקע פרוי האָט אן אויסערגעוויינלעך פיל-באר געוויסן.

— אָבער איך ווייס, אז איך וועל זי אומגליקלעך מאכן! האָט יעסטאַ פארצווייפלט אויסגערופן.

— דאָס טאָרסטו פאר קיין פאל נישט טון, יעסטאַ! ווען דו וועסט האָבן צו פארזאָרגן מיט חיונה א ווייב און קינד, וועסטו האָפנטלעך ווערן א לייט!

דער פראָבאָשטש איז אוועקגעפאָרן קיין סוואַרטזשעי, כדי זיך איבערצולייגן די זאך מיטן דאָרטיקן פאסטאָר און מיטן

ריכטער. דער סוף איז געוואָרן, אז דעם נאָנטסטן זונטאָג, דאָס הייסט דעם ערשטן סעפטעמבער, איז אין דער סוואַר־טזשעאישער קירך פובליקירט געוואָרן די פארבינדונג פון יעסטאַ בערלינג מיט עליזאַבעט פאָן טורן.

דערנאָך האָט מען די מוטער פונם קינד מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט אריבערגעפירט קיין עקעבי, און דאָס קינד איז דאָרט געטויפט געוואָרן.

דער פראָבאָסטש האָט דאן אלנפאלס געוואָרנט די גרע־פין עליזאַבעט, אז זי האָט נאָך צייט חרטה צו האָבן און קאָן נאָך צוריקציען איר באשלוס וועגן חתונה צו האָבן מיט אזא מאן, ווי יעסטאַ בערלינג. זי וואָלט צוערשט באדארפט שרייבן צו איר פאָטער.

— איך קאָן נישט חרטה האָבן, האָט זי געענטפערט, ווארום טאָמער שטארבט חלילה מיין קינד, איידער עס האָט נאָך באקומען א פאָטער!?

נאָך דער דריטער פובליקאציע איז די מוטער פונם קינד שוין געווען געזונט און געקאָנט ארומגיין איבער דער שטוב. און נאָכמיטאָג איז דער פראָבאָסטש געקומען קיין עקעבי און איר געגעבן חופה־וקדושין מיט יעסטאַ בערלינגן. קיינער האָט אָבער נישט אין זינען געהאט, אז דאָס איז טאקע א חתונה. מען האָט נישט פארבעטן קיין געסט. מען האָט בלויז געשאפן א פאָטער פאר איר קינד, נישט מער.

די מוטער פונם קינד האָט געשטראַלט פון שטילער פרייד, ווי זי וואָלט מיט דעם דאָזיקן אקט דערגרייכט א גרויסן ציל אין לעבן. דאקעגן, יעסטאַ איז ארומגעגאנגען א טרויעריקער: אים האָט כסדר געפייניקט דער געדאנק, אז צוליב דעם חתונה־האָבן מיט אים האָט זי צעבראָכן איר גאנץ לעבן. און ער האָט אויך מיט שרעק באמערקט, אז אייגנטלעך עקזיסטירט ער גאָרנישט פאר איר. אלע אירע מחשבות זענען געווען ביים קינד.

אין א פאָר טעג ארום זענען די יונגע עלטערן געוואָר

אבלים. דאָס קינד איז געשטאָרבן בשעת אַן אטאַק פון קאָנוואולסיע.

א סך מענטשן האָט זיך דעמאָלסט אויסגעוויזן, אז די מוטער איז זיך נישט אזוי גוואַלטיק מצער, ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטן. אין אירע בליקן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אויסדרוק פון טריאומף, גלייך ווי זי וואָלט זיך זייער גע־פרייט דערמיט, וואָס זי האָט צעשטערט איר אייגענע צוקונפט,— און אַלץ פאר איר קינדס וועגן. ווען דער קליינטשיקער וועט אַרויפקומען צו די מלאכימלעך, וועט ער דאָך מסתמא געדענ־קען, אז ער האָט אויף דער ערד געהאַט א מאמע, וועלכע האָט זיך פאר אים מקריב געווען.

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער שטיל און אומבא־מערקט. בשעת ס׳איז אין סוואַרטזשעי פּובליקירט געוואָרן די חתונה צווישן יעסטאַ בערלינגן און עליזאַבעט פאָן טורן, האָבן א סך מענטשן נישט געוואוסט, ווער די כלה איז. די גלחים און פריצים האָבן געוואוסט וועגן וואָס דאָ האָט זיך געהאנדלט, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט דערפון, עפּעס ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אז עמיצער וועלכער האָט שוין פארלוירן דעם גלויבן אין דער מאכט פון געוויסן, וועט שלעכט אויסטייטשן דעם שריט פון דער יונגער פרוי. מען האָט משמעות שטאַרק געציטערט דערפאר, אז ס׳זאָל נישט עמיצער קומען און זאָגן:

— זעט איר, איך האָב נאָך א פריער געוואוסט, אז ס׳וועט קומען דערצו, ווייל איך האָב בשום אופן נישט גע־וואָלט גלויבן, אז זי וועט זיין בכוח צו באהערשן איר ליבע צו יעסטאַן! און איצט האָט זי טאַקע מיט אים חתונה גע־האַט, כלומרשט, ווייל זי האָט זיך געוואָלט מקריב זיין פאר איר קינד!

אָך, די אַלטע לייט האָבן נאָך אַלץ געזאָרגט פאר איר, און זיי האָבן קיינמאָל נישט געלאָזט פאַלן א שלעכט וואָרט וועגן איר. זיי האָבן צומאָל נישט געוואָלט מודה זיין, אז זי

האָט פאָרט געזינדיקט, זיי האָבן לחלוטין נישט איינגעזען, אז אויף דער דאָזיקער ריינער נשמה, וואָס האָט אזוי מורא פאר שלעכטס, זאָל האָבן געפאלן א פלעק.

א צווייטע גרויסע געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען גראָד דעמאָלסט, האָט אויך געבראכט דערצו, אז מען האָט ווינציק גערעדט וועגן יעסטאַס חתונה.

דעם מאיאָר זאַמצעליוס האָט געטראָפן אן אומגליק. וואָס אמאָל איז ער געוואָרן אלץ מער מרה-שחורהדיק און ער האָט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט מענטשן. ער האָט זיך כסדר אָפּגעגעבן מיט חיות, פון וועלכע ער האָט שוין געהאט אָנגעזאמלט א גאנצע מענאזשעריע אין זיין פאָלווארק זשעי. ער איז געוואָרן געפערלעך פאר זיין סביבה, ווייל ער האָט תמיד געטראָגן מיט זיך זיין אָנגעלאָדענע ביקס און געשאָסן אָן שום אויפמערקזאמקייט. איינמאָל האָט ער צופעליק פארוואונדעט איינעם פון זיינע אויסגעהאָדעוועטע בערן. די חיה האָט זיך א וואָרף-געטון אויף אים, ווייל ער איז געשטאנען נאָנט פון די קראטעס, און ס'איז איר געלונגען אים א שרעקלעכן ביס צו טון אין אָרעם; דערנאָך האָט זי זיך ארויסגעריסן פון שטייג און אנטלאָפן אין וואלד.

דער מאיאָר איז קראנק געוואָרן פונם דאָזיקן ביס און געשטאָרבן. אָבער איידער ער איז געשטאָרבן, האָט ער זיך נאָך געמוזט פלאָגן אין שרעקלעכע יסורים ביז פאר ווייַנאכט. אויב די מאיאָרין וואָלט זיך געוועזן דערוואוסט, אז ער איז קראנק, וואָלט זי נאָך דעמאָלסט זיכער אימשטאנד געווען צוריק איבערצונעמען די ממשלה איבער עקעבי! אָבער די קאוואלערן זענען געווען איבערצייגט, אז זי וועט נישט קומען, ביז וואנען זייער יאָר וועט זיך נישט האָבן געענדיקט.

.33

Amor vincit omnia (*

אונטער די שטיגן צום כאָר־גאניק אין דער סוואַרט־זשעאישער קירך געפינט זיך א קעמערל, וואו ס׳וואלגערן זיך די קברנימס אויסגעריבענע לאָפּאטעס, צעבראָכענע שטענדערס, אָפּגענוצטע בלעכענע טאָוולען און אנדער אלטווארג.

אין דעם דאָזיקן קעמערל שטייט א קאסטן רייך גע־פלאסטערט מיט פּערלמוטער, — אונטער א צודעק פון א דיקער שיכט שטויב, ווי ער וואָלט זיך דערמיט וועלן שיצן פאר יעדן מענטשלעכן אויג. נאָר זאָל מען פון אים אראָפּקראצן דעם שטויב, וועט דער קאסטן לייכטן און גלאנצן, ווי די גראניט־וואנט אין א לעגענדארישער הייל. דער קאסטן איז פארשלאָסן, און דער שליסל געפינט זיך אין א גוט באהעלטניש. מען טאָר נישט עפענען דעם קאסטן, קיין שטערבלעכער טאָר נישט ווארפן זיין בליק אינעווייניק. קיינער ווייסט טאקע נישט, וואָס דאָרט געפינט זיך. ערשט ווען דאָס ביינצנטע יאָר־הונ־דערט וועט זיך שוין האָבן דערנענטערט צו זיין סוף, וועט מען דאן מעגן ארייַנשטעקן דעם שליסל אין דעם פארזשא־ווערטן שלאָס, אויפהויבן דעם צודעק, און די אוצרות וואָס דער קאסטן היט־אויף וועלן מעגן באקוקט ווערן פון מענטשן.

---

*) לאטייניש: „ליבע באזיגט אלצדינג". מ. פ.

אזוי האָט פאראָרדנט דער, וועלכער איז געווען דער באַלעבאָס פונם קאַסטן.

אויפן מעשענעם טאָוול וואָס איז אָנגעשלאָגן אויפן צו-דעק געפינט זיך די אויפשריפט: „Labor vincit omnia“ *) אָבער דאָרט וואָלט ליבערשט געדארפט שטיין געשריבן: „Amor vincit omnia“ ווייל אויך דער דאָזיקער פאר-שטויבטער קאַסטן, וואָס אין אלטוואַרג-קעמערל, זאָגט עדות וועגן דער אלמעכטיקייט פון ליבע. אָ, עראָס, דו אלמעכטיקער האר!

אָ, ליבע, דו ביזט דער איינציקער אייביקער אמת! דער מענטשלעכער מין איז שוין אלט, און דו באגלייטסט אים דורך אלע דורות!

וואו זענען אהינגעקומען די געטער פון מזרח, אָדער די מעכטיקע ריזן, וועלכע האָבן באנוצט דעם בליץ אלס זייער כלי-זין, אָדער די, וועלכע האָבן ביי די ברעגן פון די הייליקע טייכן גענומען קרבנות פון האָניק און מילך? זיי זענען שוין איצט אלע טויט. אויך בעל, דער גרויסער מלחמה-מאן איז טויט, אין דאָסגלייכן דער מעכטיקער קעמפער טאָט, מיטן קאָפּ פון א שפארבער. טויט זענען שוין די הערלעכע געטער, וועלכע האָבן גערוט אויף די וואָלקן-בעטן פונם אָלימפּ, און אויך די גרויסע זיגער, וועלכע האָבן געוואוינט אין דעם פראכטפולן וואלהאל. אלע אלטע געטער זענען שוין טויט, אלע — חוץ דעם איינעם עראָס, דעם אלהערשנדיקן עראָס.

אלץ, וואָס דו זעסט, איז זיין ווערק. ער האלט-אויף די מענטשלעכע דורות. ווייז מיר, וואו קאָנסט דו גיין, און זאָלסט נישט באמערקן די שפורן פון זיין פוס? צי האָסטו נאָך אמאָל געהערט אן אקאָרד, אין וועלכן דער גרונד-טאָן זאָל נישט זיין דאָס רוישן פון זיינע פליגל? ער וואוינט סיי אין דעם מענטשנס הארץ, סיי אין דעם דרעמלענדיקן זריעה-

*) לאטייניש: „ארבעט באזיגט אלצדינג“.

פ. פ.

קערנדל. דו זעסט, מיט ציטערניש זיין אָנוועזנהייט אפילו אין טויטע זאכן!

צי איז וואָס פאראַן, וואָס זאָל נישט בענקען און נישט באַגערן? צי איז פאַראַן עפּעס, וואָס פאַלט נישט אַרונטער אונטער זיין ממשלה? אַלע געטער פון נקמה וועלן פאַלן, אַלע געטער פון כּוח און גוואַלט. נאָר דו אַליין, אָ ליבע, ביזט אייביק!

— — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער פעטער עבערהאַרד זיצט ביי זיין שרייב-טיש, — אַן אויסטערליש מעבלשטיק מיט הונדערטער שופּ-לאָדלעך, מיט אַ מאַרמאָרנער פּליטע און באַפּוצט מיט אָפּ־ריבן מעש. ער אַרבעט מיט ענערגיע און התמדה, ער געפינט זיך איצט איינער אַליין אין קאַוואַלערן-פליגל.

אָ, עבערהאַרד, פאַרוואָס געניסטו נישט אין וואַלד און אויפן פעלד פון די לעצטע הערלעכע זומער-טעג, ווי די אַנ-דערע קאַוואַלערן טוען עס? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיינער דינט נישט אומבאַשטראָפט צו דער געטין פון חכמה. דיין רוקן איז שוין שטאַרק געבויגן ביי דיינע עטלעכע און זעכ-ציק יאָר, די האָר וואָס דעקן-צו דיין קאָפּ, זענען שוין נישט דיינע אייגענע. טיפע קנייטשן באַדעקן דיין שטערן, וואָס וועלבט זיך איבער אַ פּאָר איינגעפאַלענע אויגן. און סימנים פון על-טער-צעפאַלונג זעען זיך אויך אין די טויזנטער רונצלען וואָס אַרום דיין צייַנלאָזן מויל.

אָ, עבע־האַרד, עבערהאַרד, פאַרוואָס יאָגסטו זיך נישט אַרום אין וואַלד און אין פעלד? דער טויט וועט דיך צוליב דעם נאָך פריער צעשיידן מיט דיין שרייב-טיש, דערפאַר וואָס דו האָסט דיך פון דאָרט נישט געלאָזט אָוועקרופן דורכן לעבן!

דער פעטער עבערהאַרד ציט-אונטער אַ גראָבן שטריך אונטער דער לעצטער שורה פון זיין ווערק. נאָכדעם נעמט ער אַרויס פון די אומצייליקע שופלאָדלעך פון זיין שרייב-טיש פאַרשידענע פעקלעך פּאַרגעלטע, געצדיכט פאַר-

שריבענע כתבים, און ליגט זיי צוזאמען לויט א געוויסן סדר, ווייל דאָס זענען טיילן פון זיין גרויסן ווערק — דאָס ווערק וואָס וועט אויף אייביק אומשטערבלעך מאכן עבערהאַרד בערג-גרענס נאָמען.

אין דער זעלבער רגע, וואָס ער פארענדיקט צוזאמענ-לייגן די פעקלעך און קוקט אויף זיי אין שטומער התפעלות, עפנט זיך אויף די טיר, און עס קומט אריין די יונגע גרעפין.

אָט איז זי, די יונגע הערשערין פון די אלטע הערן קאוואַ-לערן. זיי ליבן און פארגעטערן זי נאָך מער, ווי די זיידעס און באָבעס ליבן און פארגעטערן זייער ערשט אייניקל. אָט איז זי, — די, וועלכע זיי האָבן געפונען אין נויט און קראנקהייט און וועמען זיי האָבן איצט געשענקט אלע הער-לעכקייטן פון דער וועלט, ווי דער קיסר פונם קינדער-מעשהלע האָט עס געטון מיט דעם אָרימען שיינעם מיידל, וועלכע ער האָט געפונען אין וואלד. פאר איר שאלן עס איצט די וואַלטאָרנען, פלייטן און פידלען פון עקעבי. צוליב איר און פאר איר לעבט און באוועגט זיך אלץ, וואָס אין דעם גרויסן הויף.

זי איז שוין איצט געזונט, הגם נאָך אלץ זייער שוואך. די איינזאמקייט אינעם גרויסן פאלאץ איז א פיין פאר איר. זי ווייסט, אז די קאוואלערן זענען איצט נישטאָ אין דערהיים, ווייל זי א קוק-טון, ווי ס'זעט ביי זיי אויס אין דעם וויינט-בארימטן קאוואלערן-פליגל.

זי קומט פאמעלעך אריין און קוקט זיך ארום אויף די געקאלכטע ווענט און געל-געקעסטלטע בעטפאָרהאנגען. זי ווארפט א בליק אויף יעסטאַס דרייבאנק, אויף לעיוועגבאָרגס געמאָלטן טיש, אויף וועלכן ער פלעגט שפילן בעטהאָווענס שאפונגען, אויף דער אויסגעשטאָפטער קראָ, וואָס איבער קריי-שאַן בערגס בעט און אויף דער בערן-פעל, וואָס פאר דעם געלעגער פונם מאיאָר פוקס. אין א ווינקעלע דערזעט זי דעם אויסטערלישן וועבשטול, אויף וועלכן בערענקרייץ פלעגט אר-

בעטן, אויך דאָס בענקל נעבן אויוון, אויף וועלכן דער נאָ־מענלאָזער „קוזין קריסטאָפער" פארברענגט זיין פינסטער אומ־באוועגלעך לעבן; אביסל ווייטער דערזעט זי דאָס געשניצטע פראָוויאנט-קעסטל, וואָס געהערט צום פאטראָן יוליוס, און אויך ליליעקרונאס פידל; דאָסגלייכן קעווענהילערס רוק-זאק און סענקעוואטע שטעקן, און דעם קליינעם רוסטערס לעפל צום קאָכן פונש. מיט איין וואָרט, זי באטראכט אלצדינג וואָס געהערט צו די קאוואלערן, און וויל שוין ארויסגיין, אָבער דאן פארשעמט זי זיך, — דערזעענדיק, אז זי איז דאָרט נישט איינע אליין.

דער פעטער עבערהאַרד גייט איר פייערלעך אנטקעגן און פירט זי צו צום גרויסן פאק כתבים.

— אָט-אָ דאָ זעט די גרעפין מיין פארטיקע ארבעט, זאָגט ער, איצט וועט מיין ווערק ארויס אויף דער וועלט, און איצט וועלן פאָרקומען גרויסע געשעענישן.

— וואָס אזוינס וועט פאָרקומען, פעטער עבערהאַרד?

— אָהאָ, פרוי גרעפין, דאָס וועט אויף זיי אראָפּפאלן ווי א בליץ, יאָ, ווי א בליץ, וואָס באַלייכט און ממיתט. זינט משה האָט אראָפּגעבראכט יהוה פונם דונערדיקן וואָלקן וואָס איבערן בארג סיני און אים אוועקגעזעצט אויפן טראָן אין הייליקן משכן, זינט דעמאָלסט איז ער זיך דאָרט רואיק געזעסן, דער אלטער יהוה, אָבער איצט וועלן די מענטשן דערזעען, וואָס ער איז: איינרעדעניש, פוסטקייט, נעפל, טויט-געבוירן באשעפעניש פון אונזער אייגענעם מוח.

— אָבער איצט וועט ער פארשווינדן! רופט-אויס דער אלטער און לייגט אוועק זיין אויסגעדארטע האנט אויפן פאק כתבים. דאָ שטייט עס געשריבן, און ווען די מענטשן וועלן עס לייענען, וועלן זיי ערשט איינזעען זייער שטות. זיי וועלן דאן באנוצן די צלמים אויף פייער מאכן אין די אויוונס, די קירכן אויף תבואה-שפייכלערס, און די גלחים וועלן אקערן די ערד.

— אָבער פעטער עבערהאַרד, פרעגט די גרעפי

און ווערט בשעת מעשה פארציטערט, זענט איר ווירקלעך אזא שרעקלעכער מענטש? שטייט עס טאקע דאָרט געשריבן אזעל־כע שרעקלעכע זאכן?

— שרעקלעכע? חזרט איבער דער זקן. דאָס איז דאָך דער ריינער אמת. מיר זענען אָבער ענלעך צו די קליינע קינדער, וועלכע באהאלטן זייערע קעפלעך אונטער דער מאַמעס פארטוך, ווי נאָר זיי דערזעען א פרעמדן מענטשן. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט אויסצובאהאלטן זיך פארן אמת, פארן דאָזיקן אייביקן פרעמדן. אָבער איצט וועט ער זיך שוין אויף תמיד באזעצן צווישן אונז, איצט וועט ער שוין באקאנט ווערן פאר יעדן איינציקן.

— פאר יעדן איינציקן?

— נישט נאָר פאר די אויסדערוויילטע, פאר די פילאָ־זאָפן, נאָר פאר יעדן איינציקן, איר פארשטייט, פרוי גרעפין, טאקע פאר יעדן איינציקן!

— און דער אלטער יהוה וועט אונטערגיין?

— ער, און מיט אים אלע מלאכים, אלע הייליקע, אלע טייוולאָנים, אלע שקרים.

— טאָ ווער וועט דאן פירן די ממשלה איבער דער וועלט?

— צי גלויבט די פרוי גרעפין, אז עמיצער האָט ביז אהער רעגירט איבער איר? צי גלויבט די פרוי גרעפין אין יענער השגחה־עליונה, וואָס גיט אכטונג סיי אויף די וואָראָ־בייטשיקלעך, סיי אויף די האָר פון מענטשנס קאָפּ? קיינער האָט ביז איצט נישט רעגירט איבער דער ערד, און קיינער וועט אויך ווייטער נישט רעגירן איבער איר.

— אָבער מיר, מיר מענטשן, וואָס וועט דאן פון אונז ווערן?

— דאָס זעלבע, וואָס מיר זענען ביז איצט געווען — שטויב פון דער ערד. דער, וועלכער האָט אויסגעברענט, קאָן שוין מער נישט ברענען, ער איז טויט. מיר זענען האָלץ, ארום וועלכן עס פלאַטערן די פלאמען פון לעבן. דער פונק

פון לעבן שפּרינגט פון איינעם צום אנדערן. מען ווערט אָנגעצונדן, מען פלאַמט, און מען ווערט פארלאָשן. דאָס איז דאָס לעבן.

— אָך, פּעטער עבערהאַרד, איז גאָרנישט פאראן קיין אייביק לעבן?

— נישטאָ!

— קיין שום יענער וועלט?

— גאָרנישט!

— קיין גוטס, קיין שלעכטס, קיין ציל, קיין האָפנונג?

— גאָרנישט!

— די יונגע פרוי גייט־צו צום פענסטער. זי קוקט ארויס אויף די פארגעלטע הארבסט־בלעטער, אויף די רויטע געאָרגיניען און פארשידן־פארביקע אסטרעס, וואָס הענגען מיט זייערע שווערע קעפּלעך אויף שטענגעלעך, צעבראָכענע דורכן הארבסט־ווינט. זי זעט די שווארצע פאליעס פון דער לעיווען, דעם פינסטערן, שטורמדיקן הארבסט־הימל און זאָגט זיך אויף א ווײַלע אָפּ פון דער וועלט.

— פּעטער עבערהאַרד, זאָגט זי — זע ווי די וועלט איז גרוי און מיאוס, ווי אלץ איז פארבייגייענדיק און נוצלאָז! איך וויל זיך אוועקלייגן און שטארבן!

אָבער דאן דערהערט זי עפּעס א מין געיאָמער אין איר נשמה. די שטארקע כּוחות פונם לעבן, די ברויזנדיקע געפילן פארלאנגען צו לעבן.

— צי געפינט זיך דען גאָרנישט, רופט זי אויס פארצווייפלט, וואָס זאָל קאָנען שיין מאכן דאָס לעבן, נאָכדעם ווי איר האָט ביי מיר צוגענומען גאָט און די אומשטערבלעכקייט?

— די ארבעט! ענטפערט דער זקן.

אָבער זי קוקט ווידער ארויס דורכן פענסטער, און ביסלעכווייז ווערט זי באהערשט פון א געפיל פון פאראכטונג פאר דער דאָזיקער נעבעכדיקער חכמה. דאָס אומבאגרייפלעכע אינם קיום קומט איר אויפן רעיון, און זי דערפילט דעם אייביקן גייסט אין אלץ וואָס ארום, די אומענדלעכע קראפט, וואָס ליגט

געבונדן אין דער כּלומרשט טויטער מאַטעריע, וועלכע קאָן זיך אָבער אַנטוויקלען אין טויזנטער לעבנספאָרמען. ס׳פּאַרטומלט זיך איר אין מוח צוליב דער אָנגעפּנדיקער פּאַליע פון מחשבות, און זי נעמט זוכן עפּעס א נאָמען פאַר גאָטס אָנוועזנהייט אין דער נאַטור.

— אָ, פּעטער עבערהאַרד, זאָגט זי, וואָס איז ארבעט? איז עס א גאָט? צי פאַרמאָגט עס א ציל אין זיך זעלבסט? רוף מיר אָן עפּעס אַנדערש.

— איך ווייס נישט פון קיין שום אַנדערע זאַך, ענט־פערט דער זקן.

אָבער זי האָט שוין געפונען דעם נאָמען, וואָס זי זוכט, — אַן אָרימער און אָפּט באַשמוצטער נאָמען.

— פּעטער עבערהאַרד, פאַרוואָס רופט איר נישט אָן די ליבע?

א פריינטלעכער שמייכל גליטשט זיך דאַן איבער די פאַרדאַרטע ליפּן, אַרום וועלכע ס׳לויפן די טויזנטער קנייטשן.

— אַט־אָדאָ, זאָגט דער פילאָזאָף און קלאַפּט מיט דער פויסט אין דעם פּאַק כּתבים, אַט־אָדאָ ווערן אַלע געטער גע־הרגעט, און איך האָב אויך נישט פאַרגעסן אָן עראָסן. צי איז דען די ליבע עפּעס אַנדערש, ווי בלויז א פאַרלאַנג פונם לייב? פאַרוואָס זאָל זי שטייען עפּעס העכער פון אַלע אַנדע־רע באַדערפענישן פונם גוף? אדרבא, מאַכט דעם הונגער פאַר א גאָט, אָדער די מידקייט! פאַרוואָס דען נישט! זיי זענען עס אויך ווערט... אָ, ניין, איצט מוז שוין נעמען א סוף צו די אַלע שטותים! נאָר דער אמת אַליין וועט לעבן!

די יונגע גרעפין לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. זי פילט, אַז ס׳איז נישט אמת, וואָס ער זאָגט, זי איז אָבער נישט אים־שטאַנד צו דיספּוטירן מיטן זקן.

— אייערע ווערטער האָבן פאַרוואונדעט מיין נשמה, זאָגט זי, אָבער איך גלויב אייך נאָך אַלץ נישט. די געטער פון נקמה און געוואַלט וועט איר אפשר קאָנען ממית, אָבער נישט מער.

דער זקן נעמט איר האַנט, לייגט זי אַרויף אויף דעם געשריבענעם בוך, און ענטפערט מיט אַפּיקורסישן פאַנאַטיזם:

— ווען איר וועט דאָס האָבן איבערגעלייענט, וועט איר מוזן גלויבן!

— אויב אַזוי, — וועט עס נישט קומען פאַר מיינע אויגן! זאָגט זי. וואָרום אויב גלויבן דערין, וואָלט איך לעבן נישט געקאָנט!

זי גייט אַרויס פונם קאַוואַלערן-פליגל, און איז פאַרזונקען אין צער. און דער אַלטער פילאָזאָף בלייבט לאַנג זיצן, אַ פאַרטיפטער אין שווערע מחשבות.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע פאַרגעלטע און געדיכט פאַרשריבענע כתבים האָבן נאָך אַלץ נישט די זכיה געהאַט אָפּגעשאַצט צו ווערן דורך פרעמדע מענטשן, און דעם פעטער עבערהאַרדס נאָמען האָט נאָך אַלץ נישט דערגרייכט זיין וועלט-רום.

זיין גרויס ווערק ליגט נאָך עד-היום באַהאַלטן אין קאַסטן, וואָס שטייט אין דעם קעמערל פון אַלטוואַרג, וואָס אונטער די שטיגן צום כאָר-גאַניק אין דער סוואַרטזשעאישער קירך. אפשר צום סוף פונם יאָרהונדערט וועט עס דערזעען די ליכטיקע שיין.

איר וועט אפשר פרעגן, פאַרוואָס ער האָט עס געטון? צי האָט ער נישט מורא געהאַט, אַז ער איז נישט גענוג איבער-צייגנדיק אין זיין ווערק? צי האָט ער נישט געציטערט פאַר פאַרפאָלגונג? אָ, ווי ווינציק איר קענט דעם פעטער עבערהאַרד!

טאָ זייט זשע וויסן, אַז בלויז דעם אמת האָט ער גע-ליבט, און נישט דעם אייגענעם רום. און ער האָט מקריב גע-ווען דאָס צווייטע, נישט דאָס ערשטע, — נאָר צוליב דעם, כדי די, וועלכע ער האָט געליבט ווי אַ פאָטער, זאָל קאָנען אויסלעבן אירע יאָרן אין דעם גלויבן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

אָ, ליבע, דו ביזט פאָרט די איינציקע אייביקע!

.34

דאָס מיידל פון ניגאָרד

קיינער ווייסט נישט פון דעם אָרט וואָס נעבן דער פעלזן-וואנט, וואו די סאָסנעס וואקסן צום געדיכטסטן, און וואו דער באָדן איז באדעקט מיט ווייכסטן מאָך. ווי אזוי זאָל מען וויסן פון דעם? אז קיין מענטש האָט נאָך דאָרט נישט אוועקגעשטעלט זיין פוס, און קיין מענטשנס צונג האָט נאָך דעם אָרט נישט געגעבן קיין נאָמען. קיין שום סטעזשקע פירט נישט צום דאָזיקן באהאלטענעם אָרט. ארום שטייען הויכע פעלז-טורעמס, פארפלאָנטערטע יאלאָוויעץ-קוסטעס היטן דעם צוטריט, אומגעפאלענע ריזן-ביימער פארשטעלן דעם וועג. דער פאסטוך טרעפט נישט אהינצו, און דער פוקס פאראכטעט דאָס דאָזיקע אומעטיקסטע ווינקל פון וואלד. אָבער אין א שיינעם העלן טאָג לאָזן זיך אוועק טויזנטער מענטשן זוכן דווקא דעם דאָזיקן פלאץ.

סארא אומענדלעכער צוג! זיי וואָלטן זיכער געקאָנט פארפילן די ברוביער קירך, און אויך די לעיוויקשע, און די סוואַרטזשעאישע אויף א צולאָג. ווירקלעך, סארא אומענדלעכער צוג!

די פריצישע קינדער, וועמען מען האָט נישט דערלויבט מיטצוגיין מיטן צוג, שטייען ביים ראנד פון וועג, אָדער דראַפּען זיך ארויף אויף די פלויטן און פורטקעס, כדי זיך צו-

קוקן צום ריזיקן צוג. דאָס קליינוואַרג האָט גאָר קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי פיל מענטשן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, אַזאַ אומצייליקע מאַסע! אויף זייער גאַנץ לעבן וועלן זיי געדענקען דאָס בילד פונם דאָזיקן פאַליענדיקן שטראָם פון מענטשן. זיי וועלן באַקומען טרערן אין די אויגן בלויז ביי דער דעריננערונג פון דער דערשיטערנדיקער רגע, בשעת זיי האָבן דערזעען דעם דאָזיקן אומענדלעכן צוג פון זוכער, — און דאָס גראָד אויף דעם וועג, וואו מען פלעגט גאַנצע טעג נישט זען מער ווי עטלעכע איינזאַמע וואַנדערער, אַ גרופּע בעטלערס, אָדער אַ פּויעריש פורל.

די מענטשן, וועלכע וואוינען ביים וועג, לויפן אַרויס פון זייערע הייזער און פרעגן דערשראָקן:

— וואָס איז דאָ געשען? צי האָט שוין ווידער עפּעס אַן אומגליק געטראָפן אין אונזער געגנט? צי איז דער שונא באַפאַלן אונזער לאַנד? וואוהין גייט איר אַלע?

— מיר זוכן אַ פאַרבלאָנדזשעטע, ענטפערן זיי. מיר האָבן זי שוין געזוכט אין משך פון צוויי טעג. מיר וועלן נאָך היינט אויך זוכן, אָבער מער זענען מיר שוין נישט בכוח אויסצוהאַלטן. מיר וועלן נאָך זוכן אין דעם ביערנעאישן וואַלד און אויף די מיט יאַדלעס באַוואָקסענע באַרג-פלאַכן, וואָס צו מערב-צו פון עקעבי!

דער צוג איז אַרויסגעגאַנגען פון ניגאָרד, — אַן אָרים דערפל צווישן די מזרחדיקע בערג. ס'איז שוין אַכט טאָג צייט, ווי דאָס שיינע מיידל מיט די לאַנגע שוואַרצע צעפּ און רויטע באַקן איז פאַרשוואונדן פון איר היים. די בעזים-הענדלערין, מיט וועלכער יעסטאַ בערלינג האָט געזאָלט שרייבן תנאים, איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין די גרויסע וועלדער. ס'איז שוין אַ וואָך צייט, ווי מען האָט זי אין ערגעץ נישט געזעען. זענען די איינוואוינער פון ניגאָרד אַוועק זי זוכן; די פאַרבייגייער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטראָפן, זענען אויך מיטגעגאַנגען זוכן. פון יעדער כאַטע איז עמיצער אַרויסגעקומען און זיך אָנגעשלאָסן אין צוג.

און אָפּט פרעגט א פריש־צוגעקומענער ביים עולם:

— ווי קומט עס, איר מענטשן פון ניגאָרד, וואָס איר האָט דאָס מיידל איינע אליין געלאָזט גיין איבער פרעמדע וועגן? דער וואלד איז טיף און פינסטער, און גאָט האָט דאָך ביי איר צוגענומען איר שכל!

— קיינער וועט איר חלילה נישט טון קיין עולה, ענט־פערן די זוכער, און זי אליין וועט אויך קיינעם נישט טון קיין שלעכטס. זי גייט תּמיד אזוי זיכער, ווי א קינד. וואָרום ווער גייט דען זיכערער ווי דער, וועמען גאָט אליין מוז באַ־שירמען? זי פלעגט אלעמאָל בשלום צוריקקומען פון אירע וואַנ־דערונגען.

אויף אזא אופן איז דער צוג אדורכגעגאנגען די מזרח־דיקע וועלדער, וואָס טיילן־אָפּ ניגאָרד פונם פלאך־לאנד. איצט אויפן דריטן טאָג גייט ער פארביי נעבן דער ברוביער קירך, צו די וועלדער־צו, וואָס אויף מערב פון עקעבי.

אומעטום, וואו דער צוג גייט פארביי, חידושן זיך די תּושבים צו זען אזוי פיל מענטשן, און שטענדיק מוז עמיצער פון דער מחנה בלייבן שטיין און ענטפערן אויף אלע שאלות.

— וואָס ווילט איר? וואָס זוכט איר?

— מיר זוכן דאָס בלוי־אויגיקע, שווארץ־האָריקע מיידל. זי האָט זיך ערגעץ אוועקגעלייגט אין וואלד, כדי צו שטארבן. שוין א וואָך צייט, ווי זי איז נישטאָ אין דערהיים.

— פארוואָס האָט זי זיך עפּעס אוועקגעלייגט צו שטארבן אין וואלד? צי האָט זי געליטן פון הונגער? אָדער אפשר האָט זי זיך געפילט אומגליקלעך?

— קיין גרויסע נויט האָט זי נישט געליטן, אָבער אין פרילינג האָט איר געטראָפן אן אומגליק. זי האָט זיך מיט א פּאָר יאָר צוריק פארליבט אין דעם משוגענעם גלח יעסטאַ בערלינג. וואָס איז זי נעבעך שולדיק, אז גאָט האָט ביי איר צוגענומען דעם שכל!

— יאָ, יאָ, איר מענטשן פון ניגאָרד, גאָט האָט באמת ביי איר צוגענומען דעם שכל! — — —

— און היי-יאָריקן פרילינג איז געשען דאָס אומגליק. פריער פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט אומקוקן אויף איר. אָבער דאן האָט ער איר איינמאָל געזאָגט, אז ער וועט זי נעמען פאר א כלה. ביי אים איז עס בלויז געווען א שפאס, ווייל ער האָט זי באלד דערנאָך פארטריבן, נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט באהערשן און פלעגט שטענדיק צוריקקומען קיין עקעבי. זי איז אים נאָכגעגאנגען אויף טריט און שריט. און ער ווידער האָט כסדר געזוכט, ווי אזוי פון איר פטור צו ווערן. בעת זי איז לעצטנס ווידער געקומען קיין עקעבי, האָבן די קאוואלערן אָנגערייצט זייערע הינט אויף איר. זינט דעמאָלסט האָט מען זי שוין נישט מער געזען.

העי, איר מענטשן, קומט ארויס פון די הייזער און העלפט זוכן! א מענטשנס לעבן שטייט אין קאָן. א יונג מיידל איז אוועק אין וואלד, כדי צו שטארבן. ס'קאָן זיין, אז זי איז שוין טויט. אָבער אפשר בלאָנדזשעט זי נאָך אלץ ארום אין וואלד און קאָן נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג? דער וואלד איז גרויס, און איר שכל איז דאָך ביי גאָט!

שליסט אייך אָן צום צוג, שליסט אייך אָן! לאָזט דעם האָבער אין די סטערטעס, זאָלן די דינע קערנדלעך אליין ארויספאלן פון די זאנגען. לאָזט די קארטאָפל פארפוילט ווערן אין דער ערד, לאָזט ארויס די פערד פון די שטאלן, כדי זיי זאָלן נישט אויסגיין פון דורשט, לאָזט אָפן די טירן פון די סטאָדאָלעס, כדי די קי זאָלן אין אָוונט אליין קאָנען אריינקומען אונטערן דאך. נעמט-מיט די קינדער, ווארום קינדער געהערן צו גאָט! גאָט איז מיט דעם קליינוואַרג, ער פירט זייערע טריט. זיי וועלן אונז העלפן דאָרט, וואו דער שכל פון דערוואקסענע בלייבט אומבאהאָלפן!

קומט מיט, איר אלע מענער, פרויען און קינדער! ווער האָט עס א הארץ צו בלייבן אין דערהיים? ווער ווייסט, צי גאָט וויל זיך נישט באנוצן גראָד מיט אים? קומט מיט, איר אלע וועלכע נויטיקט זיך אין רחמים, כדי אייער נשמה זאָל נישט אמאָל פארמשפט ווערן ארומצובלאָנדזשען און נישט צו

געפינען קיין תיקון. קומט מיט, קומט מיט! גאָט האָט ביי איר צוגענומען איר שכל, און דער וואלד איז דאָך אַזוי אומענדלעך גרויס!

אך, ווער וועט געפינען דאָס אָרט, וואו די סאָסנעס וואקסן צום געדיכטסטן און וואו דער מאָך ליגט צום ווייכסטן? אָבער וואָס ליגט עס עפּעס פאר א טונקעלע זאך, אָט־אָ דאָרט, נעבן דעם פעלז? אָ, דאָס איז נאָר א ברוינער מוראשניק. געלויבט איז דער, וועלכער פירט די טריט פון דעם חסר־דעה! דאָס איז ווירקלעך נישט עפּעס אנדערש, ווי א מוראשניק!...

אָ, סארא צוג דאָס איז! נישט קיין פייערלעכער, אויס־געפּוצטער צוג, וואָס איז מקבל־פּנים דעם גרויסן זיגער, און וואָס שיט פאר אים בלומען אויפן וועג און פארהילכט זיינע אויערן מיט פריידפולע אויסרופן. עס איז אויך נישט קיין צוג פון פּיליגרימען, וועלכע זינגען קאפּיטלעך תהילים און שלאָגן זיך מלקות, בעת זיי וואנדערן צו די הייליקע קברים; און עס איז אויך נישט קיין עמיגראנטן־צוג אויף פּויערישע פורלעך, וועלכע זוכן זיך א נייע היים, און געוויס נישט קיין מיליטער־מחנה מיט פויקן און כּלי־זין. ניין, עס איז בלויז א גרויסער פויערים־עולם אין זייערע ארבעטס־מלבושים פון סוב־רין און אין אויסגערינבענע פארטוכער; זיי ווערן באגלייט דורך ווייבער, וועלכע האלטן נאָך זאָקן־שפּיזלעך אין די הענט און טראָגן פּיצלעך קינדער אויף די פּלייצעס אָדער האלטן זיי ביי די הענטלעך.

אָ, סארא גרויסע זאך דאָס איז, צו זען ווי מענטשן פארייניקן זיך צוליב א וויכטיקן געמיינזאמען ציל! זאָלן זיי ארויסגיין, כּדי צו באגריסן זייערע באפרייער, כּדי צו לויבן גאָט, צו זוכן נייע היימען, אָדער צו פארטיידיקן זייער לאנד. אָבער די מענטשן אין דעם זוכער־צוג זענען נישט געטריבן געוואָרן נישט פון הונגער, נישט פון מורא פאר גאָט, און נישט פון מלחמה. זייער מי און מאטערניש איז אומזיסט און אומנישט, זייער האָרעוואניע וועט נישט באלוינט ווערן. זיי זענען נאָר ארויסגעגאנגען אויפצוזוכן א פארבלאָנדזשעטן חסר־דעה.

פאַר זייער פאַרגאַסענעם שווייס, פאַר זייער לאַנגן, שווערן וועג, פאַר זייער פּחד און הייסע תּפילות וועלן זיי קיין שום אנדערן שכר נישט באַקומען, ווי נאָר דאָס, אַז זיי וועלן צו-ריקגעפונען אַ פאַרבלאָנדזשעט משוגען מיידל, וואָס איר שכל איז ביי גאָט.

זאָגט, צי קאָן מען נישט ליב באַקומען דאָס דאָזיקע פאָלק? און ווי קאָן דער, וועלכער איז געשטאַנען ביים שאָ-סיי-גרובן און געזעען דעם דאָזיקן צוג, נישט באַקומען טרערן אין די אויגן, בשעת ער דערינערט זיך דאָס בילד פון די מענער מיט די פאַרהאַרטעוועטע פּנימער און גראָבע הענט מיט מאָזאָליעס, אָדער פון די ווייבער מיט די פאַר דער צייט געראָנצלטע שטערנס און פון די מידע קינדער, וועמען גאָט האָט געזאָלט אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג צו געפינען די פאַר-בלאָנדזשעטע?

דער גאַנצער שליאַך איז פול מיט די אומעטיקע זו-כערס. זיי פאָרשן דעם וואַלד מיט ערנסטע בליקן. זיי גייען פאַרטיפטע אין פינסטערע מחשבות, ווייל זיי ריכטן זיך גי-כער צו געפינען אַ בר-מינן, איידער אַ לעבעדיקן מענטשן.

זעט נאָר, אָט-דאָס שוואַרצע, דאָרט נעבן דעם פעלז... ס'איז דאָך געוויס נישט קיין מוראַשניק, נאָר אַן אומגעפאַלע-נער בוים, הא, וואָס נישט?... געלויבט איז גאָט, דאָס איז טאַקע נאָר אַן אומגעפאַלענער בוים! מען קאָן דאָך נישט דערזעען פון דערווייטנס, בשעת דיביימער שטייען אַזוי גע-דיכט נעבן איינאַנדער.

דער צוג איז אַזאַ לאַנגער, אַז די ערשטע מענטשן, — די שטאַרקע מאַנסלייט — זענען שוין אָנגעקומען צום וואַלד, וואָס אויף מערב-צו פון ביערגנע, בשעת די לעצטע אָנטייל-נעמער, — די קאַליקעס, די שוואַכע זקנים און די ווייבער, וועלכע טראָגן זייערע קליינע קינדער אויף די פּלייצעס — האָבן ערשט קוים באַוויזן פאַרבייצוגיין נעבן דער ברוביער קירך.

לסוף פאַרשווינדעט דער גאַנצער געשלענגלטער צוג אין

פינסטערן וואלד. די פרימאָרגן-זון לייכט זיי צו אונטער די הויכע סאָסנעס, און די שטראַלן פון זון-אונטערגאנג וועלן באגעגענען דעם צוג בשעת ער וועט ארויסקומען פון וואלד.

ס׳איז שוין דער דריטער טאָג, ווי זיי זוכן. זיי האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער דאָזיקער ארבעט. זיי קוקן ארונטער פון די גלייכע בארג-משופּעקייטן, פון וועלכע מען קאָן זיך אראָפּגליטשן בשעתן וואנדערן; אויך אונטער די אומגעפאלענעביימער, וואו מען קאָן גאנץ לייכט צעברעכן הענט און פיס, און אונטער די געדיכטע צווייגן פון די סאָסנעס, וואָס הענגען אראָפּ אויפן מאָך און שענקען א גוטן פלאַץ פאר אָפּרו.

זיי האָבן שוין געפונען אלע משונהדיקע זאכן, וואָס מען קאָן זען אין וואלד: די ווינטער-הייל פונם בער, די גרוב פונם פוקס, די טיפע נאָרע פונם באָרסוק, דאָס פארסאזשעטע אָרט, וואו ס׳האָט זיך אמאָל געפינען א קוילן-ברענעריי, א סך בערגלעך, וואָס זענען באדעקט מיט רויטע באָרוווקעס, א סאָסנע מיט ווייסע נאָדלען, דעם בארג, אויף וועלכן ס׳האָט מיט א חודש צוריק געבושעוועט א געוואלדי-קע שרפה, און אויך דעם פעלזן-שטיין, וואָס א ריזיקער מכשף האָט אוועקגעשליידערט... אלצדינג האָבן זיי שוין געפונען, נאָר נישט דאָס אָרט נעבן דער בארג-וואנט, וואו ס׳ליגט עפּעס א שווארצע זאך. קיינער איז דאָרט נישט געווען באָכצוזען, צי ס׳איז א מוראשניק, א בוים-שטאם אָדער א מענטש. אך דאָס איז מסתמא א מענטש, נאָר קיינער איז נישט צוגעגאנ-גען אהינצו!

די שטראַלן פון זון-אונטערגאנג באלייכטן זיי שוין אויף דער אנדערער זייט וואלד, אָבער זיי האָבן נאָך אלץ נישט געפונען דאָס יונגע מיידל, ביי וועמען גאָט האָט צוגענומען איר קלאָרן שכל. וואָס זאָלן זיי איצט טון? אפשר זאָלן זיי נאָכאמאָל אדורכזוכן דעם וואלד? אָבער דער וואלד איז דאָך געפערלעך אין בין-השמשות: דאָרט זענען פאראן באָדנלאָזע זומפּן און גלייכע בארג-אָפּריסן. און ווי אזוי זאָלן זיי עפּעס

געפונען נאָך זון-אונטערגאנג, בשעת זיי האָבן גאָרנישט נישט געפונען ווען די זון האָט נאָך געשיינט?

— לאָמיר גיין קיין עקעבי! רופט-אויס עמיצער פונעם המון.

— לאָמיר גיין קיין עקעבי! שרייען אלע, לאָמיר גיין קיין עקעבי!

— לאָמיר פרעגן די קאוואלערן, פארוואָס זיי האָבן אָנגערייצט זייערע הינט אויף א מענטשן, וואָס גאָט האָט ביי אים צוגענומען דעם שכל! פארוואָס האָבן זיי געטריבן א גייסטיק קראנקע צו פארצווייפלונג! אונזערע אָרימע קינדערלעך וויינען נעבעך פון הונגער, אונזערע מלבושים זענען שוין צעריסן, דער האָבער שיט זיך פון די דארע זאנגען אויף אונזערע פעלדער, אונזערע קארטאָפל ווערן פארפוילט אין דר'ערד, אונזערע פערד לויפן ארום ווילד, אונזערע בהמות געפינען זיך אָן שום השגחה אויף די פאשע-פעלדער און מיר אליין קומען שיער נישט אום פון מידקייט. דאָס איז אלץ זייער שולד! לאָמיר גיין קיין עקעבי און זיך אָפרעכענען מיט זיי! לאָמיר גיין קיין עקעבי!

— אין דעם דאָזיקן פארשאָלטענעם יאָר גייט-אויס אלדאָס בייז נאָר צו אונז, אָרימע פויערים אליין! מיר ווערן שווער געדריקט אונטער דער שטראָפנדיקער האנט פון גאָט. און ווינטער וועלן מיר זיכער האָבן דעם הונגער צו גאסט; אָבער ווער ווערט עס אזוי געזוכט פון גאָטס האנט? זיכער נישט דער ברוביער גלח, ווייל סוף-כל-סוף האָבן זיינע תפילות פאָרט דערגרייכט צו גאָט, טאָ ווער דען-זשע איז דאָ דער שולדיקער, אויב נישט די דאָזיקע חברה קאוואלערן? יאָ, לאָמיר גיין קיין עקעבי!

— זיי האָבן חרוב געמאכט דעם רייכן הויף, זיי האָבן פארטריבן די מאיאָרין, זי זאָל גיין בעטלען אויפן שליאך. עס איז זייער שולד, וואָס מיר גייען ארום אָן ארבעט, עס איז זייער שולד, וואָס מיר מוזן הונגערן! די גאנצע נויט אונזערע, — איז זייער ווערק. לאָמיר גיין קיין עקעבי!

א פינסטערע פארביטערטע פויערים-מחנה לאָזט זיך אוועק קיין עקעבי; הונגעריקע פרויען מיט וויינענדיקע קינדער אויף די הענט גייען זיי נאָך און לסוף קומען די קאליקעס און די שוואכע זקנים. די פארביטערונג פליט ווי א פארפלייצנדיקער שטראָם דורך אלע רייען פונם צוג: פון די זקנים צו די פרויען און פון די פרויען צו די שטארקע מאנסלייט, וועלכע פירן-אָן מיטן צוג.

דאָס איז די הארבסט-פארפלייצונג, וואָס קומט-אָן. אָ, איר קאוואלערן, צי געדענקט איר די פארפלייצונג אין פרי-לינג? איצט שטראָמען שוין אראָפּ פרישע פאליעס פון די בערג, איצט קומט-אָן א פרישע קאטאסטראָפע פאר דעם רום און מאכט פון עקעבי!

אן ארענדאר, וועלכער אקערט אויף א פלאכן בארג נעבן וואלד, דערהערט די געשרייען פונם ווילדן המון. ער שפאנט-אויס א פערד פונם אקער-אייזן און גאלאָפּירט אוועק קיין עקעבי.

— גוואלט, מענטשן! אן אומגליק קומט-אָן! שרייט ער, די בערן קומען אָן, די וועלף און די מכשפים קומען אָן. זיי גרייטן זיך צו מאכן א תל פון גאנץ עקעבי!

ער רייט איבערן הויף און שרייט ווילד פון שרעק:

— אלע מכשפים פון וואלד לאָזן זיך דאָ אהער! זיי גייען פארברענען עקעבי און דערהרגענען די קאוואלערן. גוואלט, מענטשן, ראטעוועט אייך!

הינטער אים דונערט שוין דער רעש און געפילדער פון דער שטראָמענדיקער מענטשן-מאסע. די הארבסטיקע פארפליי-צונג ברויזט קעגן עקעבי.

צי ווייסט ער וואָס ער וויל, דער דאָזיקער שטורעמדי-קער שטראָם פון פארביטערונג? צי וויל ער א שרפה, צי וויל ער א רציחה, צי וויל ער גזלה?

דאָס זענען נישט קיין מענטשן, וואָס קומען דאָ אָן: דאָס זענען די מכשפים פון וואלד, די בייזע חיות פון דער ווילדעניש:

„מיר, די פינסטערע כּוחות, וואָס האַלטן זיך פאַרבאָרגן אונטער דער ערד, מיר זענען פריי געוואָרן אויף איין איינציקע גליקלעכע רגע, און מיר ווילן זי אויסנוצן! די נקמה האָט אונז באַפרייט!"

דאָס זענען די רוחות פון באַרג, וואָס האָבן פריער געגראָבן רודע, דאָס זענען די רוחות פון וואַלד, וואָס האָבן פריער געהאַקט דיביימער און געהיט די קוילן-ברענערייען, דאָס זענען די רוחות פון די פעלדער, וואָס האָבן פריער געלאָזט שפּראָצן די תבואה; אָבער איצט זענען זיי באַפרייט און האָבן בדעה צו באַנוצן זייערע כּוחות צום ווערק פון פאַרטיליקונג. א טויט דעם עקעביער הויף! א טויט די קאַוואַלערן!

— אָט-אָ דאָ פליסט דער בראָנפן אין טייכן, אָט-אָ דאָ ליגן גאַנצע הויפנס גאָלד אין די קעלערס, אָט-אָ דאָ זענען די שפּייכלערס אָנגעפּאַקט מיט תבואה און פלייש! פאַרוואָס זאָלן אָרנטלעכע מענטשן הונגערן, און רשעים זאָלן זיך באָדן אין אַלדאָס גוטס?

איצט מוז עס שוין נעמען א סוף צו דעם. איר האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס, איר הערן קאַוואַלערן! איר פעלד-ליליעס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געשפּינט, איר פייגל וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזאַמלט אין די נעסטן: זייט וויסן, אַז איר האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס! זי, די פאַרבלאָנדזשעטע, וועלכע ליגט איצט אין וואַלד, האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק-דין איבער אייך; מיר זענען בלויז אירע שליחים. נישט קיין באַאַמטע, נישט קיין ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן דעם דאָזיקן פּסק-דין, נאָר זי, וועלכע ליגט איצט אין וואַלד, זי האָט אייך פאַרמשפּט!

די קאַוואַלערן שטייען אויף די שטיגן וואָס צום גרויסן פראָנט-הויז, און זען, ווי דער המון קומט-אָן. זיי ווייסן שוין, אין וואָס מען באַשולדיקט זיי. אָבער גראָד דאָס מאָל זענען זיי ווירקלעך אומשולדיק. אויב דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט זיך אַוועקגעלייגט אין וואַלד כּדי צו שטאַרבן, איז עס נישט דערפאַר וואָס די קאַוואַלערן האָבן אָנגערייצט זייערע הינט

אויף איר — דאָס האָבן זיי קיינמאָל נישט געטון —, נאָר דערפאַר, ווייל יעסטאַ בערלינג האָט מיט אכט טאָג צוריק חתונה געהאט מיט דער גרעפין עליזאַבעט.

אָבער צו וואָס לוינט די רייד מיט די דאָזיקע משוגעים? זיי זענען טויט-מיד און הונגעריק, די נקמה העצט זיי, דער פארלאנג נאָך רויב רייצט זיי. זיי קומען צולויפן מיט ווילדע געשרייען, און פאָראויס רייט דער ארענדאר, וועמען די שרעק האָט געטריבן צו משוגעת.

— די בערן קומען-אָן, די וועלף און די מכשפים קומען אָן... זיי גייען מאכן א תל פון עקעבי!

די קאוואלערן האָבן תיכף באהאלטן די יונגע גרעפין אין א פארבאָרגענעם חדר. לעיווענבאָרג און דער פעטער עבערהארד זעצן זיך דאָרט אוועק צו היטן ביי דער טיר, די איבריקע גייען ארויס צום המון. זיי שטייען אויף די שטיגן וואָס צום הויפט-ארייניגאנג, אומבאוואָפנטע, שמייכלענדיקע, און אזוי זענען זיי מקבל-פנים די אָנפאלער.

בשעת די ערשטע רייען קומען-צו צום דאָזיקן הייפל רו-איקע מאנספלייט, בלייבט שטיין דער גאנצער המון. צווישן דער אָנטשטורמדיקער מענטשן-מאסע זענען פאראן אזעלכע צעריי-טע פארשוינען, וועלכע האָבן געוואָלט זיך ווארפן אויף די קאוואלערן און זיי צעטרעטן מיט די פאָדקעוועס פון זייערע שטיוול — ווי די פאראָבקעס פון דער הוטע אין הויף „זונד" האָבן אן ערך מיט פופציק יאָר צוריק געטון מיטן דעמאָלס-דיקן פארוואלטער. אָבער דאָ האָבן זיי זיך געריכט צו געפי-נען פארהאמערטע טירן, און אָנגעלאָדענע ביקסן, דראָענדיק אָנגעשטעלטע צו זיי דורך די פענסטער; זיי האָבן זיך גע-ריכט אויף א שטארקן ווידערשטאנד און פארביטערטן קאמף. אנשטאָט דעם זעען זיי גאָר שמייכלענדיקע מענטשן.

— ליבע פריינט, זאָגן די קאוואלערן, ליבע פריינט, איר זענט דאָך מיד און הונגעריק, בכן פארבעטן מיר אייך אויף אָוונט-ברויט, און מיר חלשן ממש אייך מכבד צו זיין מיט א שנאפס פון אונזער היימישן בראָנפן!

דער המון וויל נישט הערן; ער שרייט און דראַט. נאָר די קאַוואַלערן מאַכן זיך גאָרנישט דערפון.

— וואַרט נאָר א קליינע ווײַלע, זאָגן זיי צום המון, וואַרט נאָר! זעט, גאַנץ עקעבי שטייט פאַר אײַך אָפן! טיר און טויער זענען אויפגעפּראַלט: סיי פונם ווײַן־קעלער, סיי פונם מילך־שפּײַכלער און פון אַלע קאַמערן. אײַערע פרויען פאַלן שיער נישט צו דער ערד פון מידקייט, די קינדערלעך איינען פון הונגער. לאָמיר זיי קודם־כל געבן עפּעס צו דער־כאַפּן ס׳האַרץ! נאָכדעם וועט איר אונז קאָנען דערהרגענען. מיר וועלן אָסור נישט אַנטלויפן. מיר האָבן אָבער א פולן בוי־דעם מיט זאַפּטיקע עפּל. לאָמיר צוערשט ברענגען עפּל פאַר די קינדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין א שעה אַרום ווערט אין עקעבי געפּראַוועט א שמחה ביי דער ווייסער שײַן פון דער לבנה, אין דער האַרבסט־נאַכט; אַזא שמחה איז נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אין דעם דאָ־זיקן רײַכן הויף.

מען האָט צעבראָכן די פּלויטן, און אין אַלע ווינקעלעך איבערן הויף פלאַמען גרויסע שײַטערהויפנס. דער המון האָט זיך איצט פאַנאַנדערגעזעצט גרופּעסווייז, און האָט הנאה פון דער וואַרעמקייט און פון אָפּרו, און ער ווערט ממש באַשאָטן מיט אַלדאָס גוטס.

די דרייסטערע חברה־לייט פונם המון זענען אַרײַן אין די שטאַלן און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, וואָס מען האָט נאָר געברויכט. מען האָט געשאָכטן קעלבער און שעפּסן און עטלע־כע גרעסערע בהמות. דאָס אַלץ האָט מען צעפּערטלט און אָפּ־געבראָטן ביי די פײַערן. די הונדערטער הונגעריקע נפשות פאַרשלונגען אַלץ, וואָס מען דערלאַנגט. איין בהמה נאָך דער אַנדערער ווערט אַרויסגעשלעפּט און אויגנבליקלעך צוגעגרייט גע־מאַכט. ס׳זעט אויס, ווי זיי וואָלטן דאָ אין משך פון דער דאָ־זיקער איינציקער נאַכט בדעה געהאַט אויסצוליידיקן אַלע שטאַלן.

גראָד די לעצטע טעג האָט מען אין עקעבי אָנגעבאקן א סך קאָרן-מצות צום ווינטער-געברויך. וואָרום נאָכדעם, ווי די יונגע גרעפין עליזאַבעט האָט זיך דאָרט ארייננעקליבן אלס יעסטאַ בערלינגס ווייב, האָט מען ווידער גענומען פירן די ווירטשאפט אויפן אלטן שטייגער. און הגם ס'האָט אויסגעזען, ווי די יונגע פרוי וואָלט לחלוטין נישט אין זינען געהאט, אז זי איז איצט יעסטאַ בערלינגס ווייב, האָט זי אָבער פאָרט באלד גענומען די לייצעס איבער עקעבי אין איר הענט אריין. ווי יעדע גוטע באלעבאָסטע האָט זי תיכף געמאכט א סוף צו דער פארשווענדערישקייט און אָפגעלאָזנקייט, וואָס האָבן געהערשט, בשעת די קאוואלערן זענען געווען די איינציקע באלעבאטים. אלע האָבן איר געפאָלגט; דער דינערשאפט האָט עס הנאה געטון, אופסניי צו האָבן איבער זיך א באפעלערישע פרויען-האנט.

נאָר צו וואָס האָט איר געטויגט איר גאנצע האָרעוואניע — אָנצופילן די שפייכלערס און קאמערן מיט קאָרן-מצות, פוטער, קעז און ביר, וואָס מען האָט געגרייט אין משך פונם גאנצן חודש סעפטעמבער? צו וואָס האָט דאָס אלצדינג געטויגט?

שנעל ארויס מיט דעם אלעם צום המון, וואָס געפינט זיך אויפן הויף, כדי ער זאָל נישט אונטערצינדן עקעבי און נישט דערהרגענען די קאוואלערן! ארויס מיטן ברויט, פוטער און קעז! ארויס מיט די פעסער ביר, ארויס מיט די פעטע געריכערטע שינקעס, און אויך מיט די פעסלעך בראָנפן, ארויס מיט די פולע קוישן עפל!

ס'וואָלט שוין גוט געווען, ווען מען זאָל אפילו מיט אלץ וואָס עקעבי פאַרמאָגט קאָנען שטילן דעם ווילדן כעס פונם דאָזיקן המון. און וואָלט מען נאָר געקאָנט אָפקומען בלויז דערמיט, — איז א כפרה אלץ, אבי ס'זאָל נישט קומען צו קיין אומגליק מיט מענטשן!

דאָס אלץ געשעט אזוי נאָר צוליב דער יונגער פרוי, וועלכע איז איצט די באלעבאָסטע איבער עקעבי. די קאוואלערן זענען מוטיקע און קאמפס-פעאיקע מאנסלייט; ווען זיי

וואָלטן געמעגט טון ווי זיי געפעלט, וואָלטן זיי זיך דרייסט פאַרטיידיקט; ווען נישט צוליב איר, וואָלטן זיי מיט א פּאָר קוילן פאַרטריבן די דאָזיקע רויב-גיריקע מחנה.

די יונגע גרעפין איז אָבער א מילדע און ווייכהאַרצי- קע פרוי, זי האָט זייער געבעטן, מען זאָל שוינען די מענטשן.

וואָס טיפער אין דער נאכט, אַלץ געלאַסענער ווערט דער המון. די וואַרימקייט און אָפּרו און די געשמאַקע מאכלים ווי אויך די זיסע משקאות שטילן-איין זייער ווילדע צערייצט- קייט. זיי הייבן-אָן צו שפּאסן און לאכן, ווי זיי וואָלטן זיך איצט געפונען אויף א מנחם-אבל-מאָלצייט נאָך דעם ניגאָרדער מיידל. און אויף אזא מין מאָלצייט דאַרף מען דאָך עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואויל-גיין.

די קינדער וואלגערן זיך ממש אין דער קופּע אויבס, וואָס מען שיט-אָן פאַר זיי. די אָרימע אַרענדאַר-קינדער, וואָס א ווילדע יאַגדע אָדער א באָרוווקע איז פאַר זיי תמיד א מאכל, וואַרפן זיך איצט איבער די גוטע עפּל-מינים, ווי גאָלדענע רענעטן, קאָשטעלן און פּאַפּירוווקעס, און איבער די באַרנעס מיט רויטע און געלע בעקלעך: זיי סמאַקעווען די זיסע קלאַפּסעס און גרויסע מיכאַלקעס און זאַפּטיקע ווינוווקעס, און שטאָפּן זיך אָן מיט פלוימען פון פאַרשידענע קאָלירן: מיט געלע און רויטע רינגלאָטן, און פליישיקע ווענגערקעס, וואָס דער בלויער טוי ליגט נאָך אויף זיי. אָ, קיין שום זאך איז נישט צו גוט פאַר דער פּאָלקס-מאַסע, בשעת זי באוויליקט צו ווייזן איר צאָרן און מאכט!

ארום האַלבער נאכט זעט עס שוין אויס, ווי דער עולם וואָלט געוומען גרייטן זיך צום אהיימגיין. די קאַוואַלערן הערן אויף צוצוברענגען מאכלים און ווייַן, אַרויסצושלעפּן די קאָר- קעס און צו צאַפּן ביר. זיי זיפצן גרינגער אָפּ, דערפילנדיק, אז די סכנה איז שוין פאַריבער.

אָבער גראָד אין דער דאָזיקער רגע דערזעט זיך א ליכט אין איינעם פון די פענסטער פונם גרויסן הויז. אלע די

װעלכע דערזעען עס, טוען א פארציטערטן געשריי. זיי האָבן דערזעען א יונגע פרוי, װעלכע טראָגט א ליכט אין האַנט.

עס געדויערט בלויז איין אויגנבליק; די דערשיינונג װערט תיכּף פארשװינדן, אָבער די מענטשן דאכט, זיך אז זיי האָבן דערקענט די פרוי.

— זי האָט פונקט אזעלכע לאנגע שװארצע צעפּ און רויטע באקן, װי אונזער מיידל! שרייען זיי. זי איז דאָ פאראַן, די קאװאלערן האלטן זי געפאנגען!

— אָ, איר חברה קאװאלערן, איר האָט זי אלזאָ דאָ, אין עקעבי? איר האָט צוגערויבט אונזער קינד, ביי װעמען גאָט האָט צוגענומען איר קלאָרן שׂכל? איר פּושעים, װאָס טוט איר דען מיט איר? פארװאָס האָט איר אונז געלאָזט זיך פּייניקן און שרעקן גאַנצע אכט טאָג צייט, און זוכן זי אין די װעלדער אין משך פון דריי טעג? גייט אין דר׳ערד אריין מיט אייער װיין און עסן! װיי איז צו אונז, װאָס מיר האָבן עפּעס גענומען פון אייער האנט! די רגע זאָלט איר אונז אהער געבן דאָס מיידל, דערנאָך װעלן מיר זיך שוין אָפּרע־כענען מיט אייך!

די חיה־רעה װאָס האָט זיך שוין געהאט געשטילט, הויבט װידער אָן צו רעװען און גװאלדעװען. מיט עטלעכע װילדע שפּרונגען װארפט זי זיך צום הויז.

דער המון איז פלינק, אָבער די קאװאלערן זענען נאָך פלינקער. זיי פליען־צו צו די טירן און פארהאמערן זיי פון אינעװייניק. נאָר װי זאָלן זיי זיך אן עצה טון קעגן דעם דאָזיקן שטורעמדיקן המון? א טיר נאָך א טיר װערט אויפגע־בראָכן. די קאװאלערן װערן פארטריבן: זיי האָבן נישט מיט װאָס זיך צו װערן. דער ערב־רב רינגלט זיי ארום פון אלע זייטן, און שטופּט זיך אויף זיי אזוי, אז זיי קאָנען זיך א ריר נישט טון.

די פרעמדע מענטשן רייסן זיך אריין אין הויז, כּדי צו זוכן דאָס ניגאָרדער מיידל. זיי געפינען זי אין א פארבאָרגע־נעם חדר. קיינער פון זיי גיט זיך אָבער נישט קיין צייט

נאָכצוזעען, צי זי האָט שווארצע אָדער בלאָנדע האָר. זיי נע־מען זי אויף זייערע אָרעמס און טראָגן זיך ארויס. זיי באַרואיקן זי, אז זיי וועלן איר חלילה נישט טון קיין שלעכטס. נאָר מיט די קאוואלערן וועלן זיי זיך שוין אָפּרעכענען. דאָס טוען זיי אלץ צוליב אירעטוועגן, כדי זי ארויסצוראטעווען פון איר תּפיסה.

אָבער בשעת זיי גייען ארויס פון הויז, קומט זיי א קעגן א צווייטער צוג.

אין דעם וויסטעסטן ווינקל פון וואלד ליגט שוין נישט מער דער טויטער קערפּער פון יונגן מיידל, וועלכע איז ארױפגעפאלן פון א הויכן פעלז און דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. און טאקע א קינד האָט זי געפונען. א טייל פון די זוכער, וועלכע זענען פארבליבן אין וואלד, האָבן זי אויפ־געהויבן און טראָגן זי אויף זייערע שטארקע אקסלען. איצט קומען זיי אָן צום עקעביער הויף.

נאָך שענער ווי זי איז געווען אין לעבן איז זי איצט נאָכן טויט. ווי חנעוודיק זי ליגט מיט אירע לאנגע שווארצע צעפּ! ווי הערלעך די דאָזיקע געשטאלט איז, נאָכדעם ווי די אייביקע רו האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגל איבער איר!

מען טראָגט זי הויך אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון דער מענטשן־מאסע, וועלכע ווערט תּיכּף אנטשוויגן. מיט גע־בויגענע קעפּ באגעגענען אלע זיין מאיעסטעט דעם טויט.

— זי איז ערשט נישט לאנג געשטאָרבן! שעפּטשען די טרעגער צו די ארומיקע, זי האָט ביז היינט ארומגעבלאָנ־דזשעט אין וואלד. מיר זענען זיכער, אז זי האָט געוואָלט אנטלויפן פון אונז, בשעת מיר האָבן זי געזוכט, און דאן איז זי אראָפּגעפאלן פון א הויכן בארג־אָפּריס.

— אָבער, אויב דאָס איז דאָס מיידל פון ניגאָרד, טאָ ווער־זשע איז די אנדערע, וועלכע מיר האָבן איצט ארויסגע־טראָגן פון עקעביער פאלאץ?

דער צוג פון וואלד באגעגנט זיך מיטן צוג פון פאלאץ. מען צינדט־אָן שטורקאצן איבערן גאנצן הויף. אלע קאָנען

איצט באטראכטןביידע פרויען, און זיי דערקענען זיי טאקע. די אנדערע, די לעבעדיקע, איז דאָך די יונגע גרעפין פונם אלטן באָרגישן פאלאץ!

— אָ, וואָס זאָל דאָס ווידער באדייטן? האָבן זיך די דאָרפסמענטשן געחידושט, צי זענען מיר נישט א מאָל גע־קומען אויף די שפורן פון א פרישן פארברעכן? ווי געשיקט זיך עס, וואָס די גרעפין דאָנאַ געפינט זיך איצט אין עקע־בי? פארוואָס האָט מען אונז איינגערעדט, אז זי געפינט זיך ערגעץ זייער ווייט פון דאנען, אָדער אז זי איז שוין אפשר טויט? ס'איז ווירקלעך א גרויסער יושר, אז מיר זאָלן פאקן די חברה קאוואלערן און זיי צעטרעטן אויף שטויב אונטער אונזערע געקאָוועטע שטיוול!

אָבער פלוצלינג דערהערט מען א קלינגנדיקע שטים. יעסטאַ בערלינג איז ארויף אויפן אָנלען פון די שטיגן, און האָט אָנגעהויבן רעדן פון דאָרט:

— הערט, וואָס איך רעד צו אייך, איר בייזע חיות און שדים! צי מיינט איר טאקע, אז מיר האָבן נישט גענוג ביקסן און פולווער אין עקעבי, כדי צו מאכן פון אייך קרעפל־פלייש? הא, ווי מיינט איר, משוגעים?! צי גלויבט איר טאקע, אז איך האָב נישט געהאט גרויס חשק אייך אלע צוזאמען אויס־צושיסן ווי משוגענע הינט? אָבער זעט איר, די דאָזיקע פרוי איז געווען אייער מליץ־יושר! אָ, ווען איך וואָלט געוועו גע־וואוסט, אז איר וועט זי וואגן אָנצורירן מיט אייערע לאפעס, וואָלט קיין איינער פון אייך נישט אוועק פון דאנען א לעבע־דיקער, איר הערט, וואָס איך זאָג אייך?

וואָס מאכט איר פארא טומל אין מיטן דער נאכט, און פאלט־אָן אויף אונז, ווי וואלד־גזלנים, און דראָט אונז מיט מאָרד און שרפות? וואָס גייט מיך אָן דער גורל פון אייערע משוגענע מיידלעך? קאָן איך דען וויסן, וואו זיי לויפן ארום? איך קאָן אייך פארזיכערן, דאָס איך בין צו גוט געוועז צו דער, וועלכע איר טראָגט דאָרט... דאָס איז גאָר! איך האָב זי טאקע געדארפט פארטרייבן דורך מיינע הינט — דאָס וואָלט פאר

אונזביידע בעסער געווען — נאָר דאָס האָב איך ווירקלעך נישט געטון. און איך האָב איר קיינמאָל נישט צוגעזאָגט תתונה צו האָבן מיט איר, איך האָב צומאָל א וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם געדענקט-זשע, וואָס איך זאָג אייך!

און איצט זאָלט איר תיכף אָפּלאָזן די פרוי, וועלכע איר האָט ארויסגעטראָגן פון דאנען! לאָזט זי אָפּ, זאָג איך אייך, און ברענגען זאָלן מיט אן אייביקן פייער די לאפּעס, וואָס האָבן געוואגט זיך צוצורירן צו איר! צי פארשטייט איר נישט, איר כאמעס, אז זי שטייט אויף אזוי פיל העכער פון אייך, ווי דער הימל איז פון דער ערד, אז זי איז פונקט אזוי איידל ווי איר זענט גראָב, אז זי איז פונקט אזא צדיקת ווי איר זענט רשעים?

און איצט וועל איך אייך זאָגן, ווער זי איז. קודם-כל איז זי א מלאך פון הימל, צווייטנס איז זי געווען פארהייראט מיטן גראף פון באָרג. אָבער איר שוויגער האָט זי נעבעך טאָג און נאכט געפייניקט. זי האָט געמוזט שטיין ביים טייך און וואשן וועש, גלייך ווי א פשוט דינסטמיידל, זי איז גע-וואָרן געשלאָגן און געפּלאָגט נאָך ערגער ווי אייערע ווייבער. יאָ, ס'האָט שוין אפילו געהאלטן דערביי, אז זי זאָל זיך ארייננווארפן אין טייך, — אזוי האָט מען איר פארביטערט דאָס לעבן. ווער פון אייך, איר ליידאקעס, איז דאָס איר דע-מאָלס געקומען צו הילף? קיינער פון אייך איז נישט בייגע-שטאנען אין איר נויט; נאָר מיר האָבן דאָס געטון, מיר קאוואלערן!

און ווען זי האָט צווישן פרעמדע מענטשן געבוירן א קינד, ער-געץ אין א פארוואָרפן פויערים-הייזל, דאן האָט איר דער גראף צו וויסן-געטון, אז אזוי ווי זיי האָבן חתונה געהאט אין א פרעמד לאנד, נישט לויט די שוועדישע מנהגים, איז זי נישט זיין ווייב, און ער איז נישט איר מאן. וועגן דעם קינד האָט ער זיך נישט געוואָלט קימערן. וואָס וואָלט איר געטון, איר טפשים, ווען זי קומט צו עמיצן פון אייך און זאָגט: „הער נאָר, דו, איך וויל נישט, אז מיין קינד זאָל פארשריבן ווערן אין די

מעטריקע-ביכער אָן א פּאַטער, בכן בעט איך דיך, אז די זאָלסט חתונה האָבן מיט מיר"! הא, וואָס וואָלט איר דע־מאָלסט געענטפערט, איר שלעפערס? זי האָט זיך אָבער נישט געוואונדערט צו קיינעם פון אייך, אָ, ניין! צו יעסטאַ בערלינגן האָט זי זיך געוואונדערט, צום אָרימען גלח, וועלכער טאָר שוין נישט מער פריידיקן גאָטס וואָרט: יאָ, דאָס מוז איך אייך זאָגן, איר מנוולים, אז א שווערערן עול האָב איך נאָך קיינמאָל נישט גענומען אויף זיך, ווייל איך בין נישט ווערט אזא זכות, איך האָב מיך געהאלטן אויף אזוי פיל נידריקער פון איר, אז כ'האָב נישט געהאט די העזה צו קוקן איר גלייך אין די אויגן. נאָר איך האָב אויך נישט געוואגט איר אָפּצוזאָגן, מחמת זי האָט זיך דעמאָלסט געפונען אין א פארצווייפלטן צושטאנד.

איר מעגט אייך קלערן וואָס איר ווילט וועגן אונז קאוואלערן, אָבער פאר איר האָבן מיר געטון אלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט. און דאָס איז אויך אין איר זכות, וואָס מיר האָבן אייך נישט צעשאָסן ווי די משוגענע הינט. אָבער איצט זאָג איך אייך צום לעצטן מאָל: לאָזט זי אָפּ און גייט אייך אייער וועג, א נישט האָב איך מורא, וועט זיך נאָך די ערד עפענען און אייך אלעמען איינשלינגען! אויף צוריקוועגס מעגט איר בעטן צו גאָט, ער זאָל אייך מוחל זיין, וואָס איר האָט איבערגעשראָקן און מצער געווען די פרוי, וועלכע איז אזוי גוטהארציק און אומשולדיק ווי א מלאָך. און איצט, טראָגט אייך אָפּ פון דאנען, — אָבער די מינוט! מיר האָבן שוין היינט געהאט גענוג פון אייך!

נאָך איידער ער האָט געענדיקט רעדן, האָבן די פויערים אראָפּגעלאָזט די גרעפּין פון זייערע הענט און זי אוועקגע־זעצט אויף די שטיגן. איצט איז צו איר צוגעגאנגען א מגושמדיקער פויער און איר דערלאנגט די האנט.

— א גוטע נאכט און א שיינעם דאנק אייך! האָט ער געזאָגט, מיר האָבן אייך חלילה נישט געוואָלט קיין שלעכטס טון, פרוי גרעפין.

נאָך אים איז צוגעקומען א צווייטער און איר פּאַרזיכ־טיק געדריקט די האנט.

— א גוטע נאכט און א שיינעם דאנק! איר דאַרפט נישט זיין בייז אויף אונז!

יעסטאַ איז אראָפּגעשפּרונגען פונם אָנלען און זיך אוועקגעשטעלט נעבן איר. דאן האָבן זיי אים אויך געגעבן די האנט.

איינער נאָכן אנדערן זענען זיי איצט מיט לאנגזאמע, פלעגמאטישע טריט צוגעקומען זיך געזעגענען מיט איר. איצ־טער זענען זיי שוין ווידער געצוימטע נפשות, נאָרמאלע מענטשן, ווי זענען עס געווען אין יענעם פרימאָרגן, איידער זיי האָבן פארלאָזן זייערע היימען, איידער דער הונגער און נקמה האָבן זיי געמאכט פאר בייזע חיות.

זיי האָבן איר געקוקט גלייך אין די אויגן אריין, און נישט ביי איינעם פון זיי האָט יעסטאַ באמערקט טרערן אין די אויגן, וואָס זענען ארויסגערופן געוואָרן ביים אָנבליק פון דעם אומשולדיקן און פרומען אויסדרוק פון איר פּנים. איצט זענען דאָס געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפרייט צו זען א וועזן, וואָס איז זיך אויף אזוי ווייט מקריב פאר גוטס, און אין זייערע הערצער האָט אויפגעפלאַמט א געפיל פון שטילער התפעלות פאר איר.

נישט אלע האָבן איר געקאָנט דערלאנגען די האנט. זיי זענען דאָך געווען אזא מוראדיקע מענגע, און די יונגע פרוי איז נעבעך געווען מיד און שוואך. נאָר יעדער איינצי־קער איז צוגעגאנגען, א קוק־געטון אויף איר און געדריקט יעסטאַן די האנט; זיין האנט האָט שוין יאָ געקאָנט אויס־האלטן דאָס אומאויפהערלעכע דריקן.

יעסטאַ איז געשטאנען ווי פארזונקען אין א חלום. אין זיין הארצן האָט אין דער דאָזיקער נאכט א נייע ליבע אויפגעשפּראָצט.

— אָ, מיין פאָלק, האָט ער געטראכט, מיין טייער פאָלק, ווי טיף איך ליב דיך?

ער האָט איצט דערפילט, ווי ער האָט אין דער אמתן ליב די דאָזיקע מחנה, וועלכע האָט זיך אין דער נאכט־פינסטערניש צוריק אומגעקערט אהיים, מיט דעם טויטן מיידל אין דער ערשטער ריי פונם צוג. אָך, ווי ליב ער האָט די דאָזיקע גרויע פויערים־מאסע, מיט די גראָבע סובריגנע מלבושים, מיט די אויסגעריבענע ארבעט־פארטוכער און שטינקענדיקע שטיוול! דאָס זענען די, וועלכע וואוינען אין די פארוויכערטע שטיבלעך נעבן ברעג וואלד, און וועלכע קאָנען נישט שרייבן און גאנץ אָפט אויך נישט לייענען. אָרימע נפשות נעבעך, וואָס ווייסן גאָרנישט פונם עשירות און פראכט פונם לעבן, נאָר בלויז פון זיין שווערער האָרעוואניע און טעגלעכער זאָרג פארן שטיקל טרוקן ברויט.

ער האָט זיי אלע געליבט מיט א וויטאָקלעכער, ברענענדיקער צערטלעכקייט, ביז צו טרערן אין די אויגן. ער האָט אליין נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טון פאר זייערטוועגן, אָבער ער האָט זיי געליבט, מיט אלע זייערע חסרונות און שוואכקייטן. אך גאָטעניו, ווען וועט שוין קומען די צייט, ווען זיי וועלן אים אויך ליב באקומען!

סארא פרעכטיק פאָלק דאָס איז געווען! ווי מוטיק און אויסהאלטעוודיק, ווי פריילעך און ארבעטזאם, ווי פעאיק און אונטערנעמעריש! נישט איינמאָל האָט איין אביון א טובה־געטון דעם צווייטן אביון. ביי ס׳רוב פון זיי האָט דאָס פנים עדות געזאָגט וועגן קראפט און אינטעליגענץ, און זייערע ווערטער האָבן געשפריצט מיט זאפטיקן הומאָר.

ער האָט אויפגעוואכט פון זיין חלום: זיין ווייב האָט אים אָנגענומען פארן אָרעם. די מענטשן זענען שוין געווען אוועקגעגאנגען. בלויז זיי ביידע זענען פארבליבן אויף די שטיגן.

— אָ, יעסטאַ, יעסטאַ! האָט זי צו אים שטיל געשושקעט. ווי אזוי האָסטו דאָס געקאָנט זאָגן?

זי האָט זיך פארשטעלט דאָס פנים מיט די הענט און געוויינט.

— איך האָב בלויז געזאָגט דעם ריינעם אמת, האָט יעסטאַ אויסגערופן. איך האָב קיינמאָל נישט צוגעזאָגט דעם ניגאָרדער מיידל, אז איך וועל מיט איר חתונה האָבן. איך האָב איר נאָר געזאָגט: קום צוגיין איבעראכטאָג פרייטאָג, וועסטו בייוואוינען א פריילעכע געשעעניש, נישט מער. וואָס בין איך שולדיק, אז זי האָט זיך פארליבט אין מיר?

— אך, נישט דאָס מיין איך, נאָר ווי אזוי האָסטו געקאָנט זאָגען צו די מענטשן, אז איך בין גוט און אומשולדיק? יעסטאַ, יעסטאַ, צי ווייסטו, אז איך האָב דיך שוין געליבט דעמאָלסט, ווען איך האָב נאָך נישט געהאט קיין רעכט דערצו? אך, ווי איך האָב זיך געשעמט פאר די דאָזיקע מענטשן, יעסטאַ! כ׳בין שיער נישט אומגעקומען פאר בושה!

איר צארטער קערפער האָט זיך געצאפלט פון העפטיקן שלוכצן.

ער האָט אויף איר א קוק-געטון און שטיל געזאָגט:

— אָ, דו מיין טייערע, מיין געליבטע! ווי וואויל איז דיר, וואָס דו ביזט אזא גוטע! און ווי גליקלעך דו ביזט, וואָס אין דיר וואוינט אזא שיינע נשמה!

.35

קעווענהילער

ליבע פריינט! דאָס וואָס איך שרייב דאָ, איז נאָר א קליינע נעבעכדיקע אַלעגאָריע.

אן אַלעגאָריע שטאָלצירט געוויינלעך ארום אין א פראכט־פולן לבוש, מיט א מלכותדיקן הילוך. אָבער מיין אַלעגאָריע דערמאָנט גיכער אן אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם גאסניונג. אן אַלעגאָריע האָט ליב צו וואוינען אין א יונג וועלדל פון א געטלעך שיינער סביבה, אָדער אין רחבותדיקע זאלן פון גרויסע פאלאצן; אָבער מיינע האָב איך געטראָפן אין קאַרל־שטאַד, ביי דעם שטיינערנעם טורעם, וואָס נעבן דער מערב־בריק; דאָרט איז זי געזעסן און נעבעך ביטער געוויינט.

דער דאָזיקער אַלטער שטיינערנער טורעם איז אָסור נישט קיין צירונג פאר דער ניימאָדישער שטאָט. דער הויכער, שמאָלער פירקאנטיקער בנין פון גראניט, מיט זיינע קליינע ענגע פענסטערלעך, זעט־אויס ווירקלעך מיאוס. די גרויע שארף־קאנטיקע ווענט האָבן נישט קיין שום באפוצונג. און אינגאנצן מאכט עס אן אויסטערלישן אימהדיקן איינדרוק. דער אַלטער בנין דערמאנט אָן עפּעס א פארצייטישן ריטער־שלאָס; די קאַרלשטאדער תושבים וייסן אָבער צו דערציילן, אז דאָס איז מיט פיל יאָרן צוריק געווען א מיל, פאלט במילא אוועק אויך די דאָזיקע ראָמאנטישע אויסצייכנונג.

אָבער נישט געקוקט דערויף, וואוינט דאָרט מיין קליינע אלעגאָריע. איך וועל אייך דערציילן, א מין גוטינקע זי איז, און דאַן, מיין איך, וועט עס קיינעם מער נישט קומען אויפן רעיון צו צעשטערן דעם דאָזיקן אלטן טורעם. זי וויל ליבערשט דאָרט וואוינען, איידער אין א פריצישן שלאָס, צי אין א ראָטהויז, אָדער אין א לאטיינישער הויכשול, ווייל זי האָט ליב גלאטיקע, אָפגעריבענע מויערן און די געזעלשאפט פון שטשורעס אָדער פלעדערמייז. ס'וואָלט אפשר נישט כדאי געווען צו דערציילן עס, ווען דער העלד פון דער אלעגאָריע וואָלט נישט געווען איינער פון די עקעביער קאוואלערן, און ווען ס'וואָלט זיך דאָ נישט געהאנדלט וועגן לעצטן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם הויף עקעבי.

— — — — — — — — — — — — — —

קעווענהילער, וועלכער איז שפעטער בארימט געוואָרן, אלס גרויסער געלערנטער און פעאיקער קאָנסטרוקטאָר, איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאנד, אין די זיבעציקער יאָרן פונם 18 יאָרהונדערט. ער איז געווען א זון פון א גראף, און ער וואָלט זיין גאנץ לעבן געקאָנט וואוינען אין הויכע שלאָסזאלן און רייטן ביי דער זייט פונם קיסר, — אויב ער וואָלט געהאט חשק דערצו. — אָבער גראָד דאָס האָט ער טאקע נישט געוואָלט.

ער האָט ליבערשט געהאט חשק צוצופעסטיקן א פאָר פליגל פון א ווינט-מיל צום העכסטן שלאָס-טורעם, פארוואנדלען דעם ריטער-זאל אין א קוזניע און דעם דאמען-אלקער אין א ווארשטאט פאר זייגערמאכעריי. ער האָט אויך געוואָלט אָנפילן דעם גאנצן שלאָס מיט צייניקע רעדלעך און באוועגלעכע הייב-שטאנגען; אָבער אזוי ווי אין זיין פאָטערס שלאָס האָט ער עס נישט געקאָנט טון, האָט ער זיך דעריבער אָפגעזאָגט פון גאנצן שטאט און פראכט, און זיך אָנגעדונגען אויף דער לערן ביי א זייגערמאכער. דאָרט האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט אלץ, וואָס מען קאָן דערגיין וועגן צאָנרעדלעך, שפרינג-פעדערן און אומרוען. ער האָט זיך אויסגע-

לערנט צו מאכן זון-זייגערס און שטערן-זייגערס, שטיי-זייגערס מיט פישטשענדיקע קאנאריקלעך און טרומפייטנדיקע פאסטוכער, גלאָקן-געשטעלן וואָס האָבן פארפולט א גאנצן קירך-טורעם מיט זייער משונהדיקער מאשינעריע, און אויך אזעלכע קליינע זייגערלעך, וואָס מען האָט געקאָנט איינפאסן אין א מעדאליאָניקל.

ווען ער איז געוואָרן א צעך-מייסטער, האָט ער גענומען זיין רענצל אויף די פלייצעס, א שטעקן אין האנט, און אָנגעהויבן וואנדערן פון איין אָרט צום צווייטן, כדי צו שטודירן אלצדינג, וואָס גייט מיט ווארצלעך און רעדלעך. קעווענהיללער איז נישט געווען קיין פשוטער זייגערמאכער; ער האָט געוואָלט ווערן א גרויסער דערפינדער און וועלט-פארבעסערער.

ווען ער האָט שוין געהאט אדורכגעוואנדערט א סך לענדער, איז ער אויך אוועק קיין ווערמלאַנד, כדי צו שטודירן די דאָרטיקע מילן-רעדער און גרובן-איינריכטונגען.

אין א ליכטיקן זומערדיקן פרימאָרגן איז עס געווען, ער איז געגאנגען איבערן מארק-פלאץ פון קאַרלשטאַד. אָבער אין דעם זעלבן שיינעם באגינען האָט זיך אויך דער וואלד-נימפע פארגלוסט אויסצושטרעקן איר וואנדערונג אזש ביז אין דער שטאָדט אריין. די חשובע דאמע איז גראָד א דורכגעגאנגען דעם מארק, אין דער קעגן-ריכטונג, און האָט זיך צוזאמענגעטראָפן מיט קעווענהיללערן.

דאָס איז שוין איינמאָל געווען א באגעגעניש פאר אן אָרימען זייגערמאכער! זי האָט געהאט גלאנציקע גרינע אויגן, בלאָנדע, געדיכטע האָר, וואָס האָבן איר דערגרייכט אזש ביז איבער די קנאכלען, און זי איז געווען אָנגעטון אין א גרין, שימערירנדיק-זיידן קלייד. הגם זי איז געווען א מכשפה און געצנדינערן, איז זי קעווענהיללערן בעסער געפעלן געוואָרן ווי די אלע אנדערע פרויען פון פארשידענע פעלקער, וועלכע ער האָט געזען בעת זיינע ווייטע וואנדערונגען. ער אין

געבליבן שטיין ווי געפּלעפט, און געגאפט אויף דער דאמע, וועלכע איז אים אנטקעגן געקומען.

זי איז געקומען גלייך פון די פארפּלאָנטערטע קוסטעס וואָס אין טיפן וואלד, פון דאָרט וואו דער פּאַפּראָטש וואקסט אזוי הויך ווי ביימער, וואו די ריזיקע סאָסנעס פארשטעלן די זונען-שיין, אזוי אז זי פאלט בלויז אין קליינע ליכט-פלעקן אויף דעם געלן מאָך, און וואו די לינעאַ-פלאנצן קריכן איבער די באוואָקסענע שטיינער.

גלויבט מיר, איך וואָלט געוואָלט זיין אויף קעווענ-היללערס אָרט און זען, ווי זי איז געגאנגען איבערן מארק-פּלאץ מיט פּאפּראָטש-בלעטער און סאָסנע-נאָדלען אין אירע שיינע האָר, מיט א קליינער שווארצער שלאנג ארום האלז! שטעלט אייך נאָר פאָר, סארא איינדרוק זי האָט עס געמוזט מאכן אויף די קאַרלשטאַדער תּושבים, בשעת זי איז דאָרט געגאנגען מיט די עלאסטישע, גראציעזע טריט, ווי פון א רויב-חיה, פארשפּרייטנדיק ארום זיך דעם פרישן ריח פון זשיוויצע און יאגדעס, פון יאַלאָוויעץ און מאָך! — — —

אך, ווי פארחידושט די מענטשן האָבן עס געמוזט איר נאָכקוקן, בשעת זי האָט זיך גענומען די פרייהייט צו שפּא-צירן איבער דעם קאַרלשטאַדער מארק! די פערד האָבן זיך מסתמא אוועקגעלאָזט אין א ווילדן גאלאָפּ, אויס שרעק פאר אירע לאנגע האָר, וואָס האָבן געפלאטערט אויפן זומערדיקן ווינטל. ווייסע-חברהניקעס זענען איר א וודאי נאָכגעלאָפן; די ארבעטער האָבן זיכער פארגעסן וועגן די העק און האמערס, און רק געקוקט אויף איר; די פרויען ווידער, זענען געוויס מיט גרויס געשריי אוועקגעלאָפן אין קאָנסיסטאָריום צום ביס-קופּ, הלמאי מען לאָזט אזא מין טומאה פראנק און פריי שפּאצירן איבער דער שטאָט. — ס'איז סכנת-נפשות, אויב מ'וועט זי נישט תּיכף פארטרייבן!

אָבער זי איז געגאנגען ווייטער, רואיק און מאיעסטעטיש, און בלויז געשמייכלט, צוזעענדיק, סארא רעש איר אויפטרעטן האָט געמאכט אין שטאָט. און בשעת איר שמייכלען

האָט קעווענהיללער באמערקט אירע קליינע שארפע ציין, ווי ביי אַ חיה־רעה, — זיי האָבן מיט זייער ווייסקייט געבלאנקט הינטער די רויטע ליפּן.

זי האָט זיך איינגעהילט אין אַ מאנטל, כדי מען זאָל נישט זען ווער זי איז, אָבער צום אומגליק האָט זי פארגעסן צו פארדעקן דעם עק, וואָס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט איבער די שטיינער.

קעווענהיללער האָט תּיכּף באמערקט דעם עק, אָבער אַלס גרעפישער זון האָט עס אים שטארק פארדראָסן, וואָס אַזא חשובע דאמע ווערט פארפאָלגט און אויסגעלאכט פונם שטאָטישן המון. האָט ער זיך ריטערלעך פארנייגט פאר איר, און איידל געזאָגט:

— די גנעדיקע דאמע וועט אפשר אזוי גוט זיין אויפהויבן דעם שלימפּער?

די וואלד־נימפע איז טיף גערירט געוואָרן פון דער דאָזיקער פריינטלעכקייט און איידלקייט. זי איז געבליבן שטיין קעגן אים, פּנים־אל־פּנים, און אים אזוי שארף אָנגעקוקט, אז ס'איז אים פאַרגעקומען, ווי ליכט־פונקען וואָלטן פון אירע גרינע אויגן געפלויגן גלייך צו אים אין הארצן.

— געדענק, קעווענהיללער, האָט זי געזאָגט, פון היינט אָן וועסטו מיט דיינע צען פינגער קאָנען אויספירן וואָס פארא קונסטווערק דו וועסט נאָר ווען, אָבער בלויז צו איין שטיק פון יעדער מין!

אזוי האָט זי געזאָגט, און זייט זיכער, אז זי האָט אויך געקאָנט האלטן וואָרט. וואָרום ווער ווייסט עס נישט, אז די גרין־געקליידעטע דאמע פון די טיפע וואלד־פינסטערנישן איז בכוח צו שענקען גאונות און וואונדערלעכע שאפונגס־פעאיקייטן דעם, וואָס איז נושא־חן אין אירע אויגן?

קעווענהיללער איז פארבליבן אין קאַרלשטאַד און זיך דאָרט געדונגען אַ ווארשטאט. ער האָט גענומען האמערן און ארבעטן, טאָג און נאכט, און אין משך פון אכט טאָג צייט האָט ער באשאפן אַ וואונדערלעך ווערק. דאָס איז געווען

א וואָגן, וואָס איז געגאַנגען פון זיך אַליין. דער וואָגן איז אָן שום שוועריקייט געגאַנגען באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ, ע... און פּאַמעלעך. מען האָט אים צו יעדער רגע געקאָנט אויסדרייען און קערעווען, איינהאַלטן און לאָזן אין גאַנג. הכלל, דאָס איז ווירקלעך געווען זייער אַ פייגער וואָגן!

איצט איז קעווענהיללער געוואָרן אַ באַרימטער מענטש און באַקומען אַ סך פּריינט אין שטאָט. ער איז אַזוי שטאָלץ געווען מיט זיין וואָגן, אַז ער איז מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין שטאָקהאָלם, כדי אים צו ווייזן פאַרן קיניג. ער האָט נישט באַדאַרפט, ווי אַלע אַנדערע רייזנדע, וואַרטן אויפן פּאָסט-דיליזשאַנס, אָדער זיך אַרומצוקריגן מיט בעל-עגלות, צי גאָר שלאָפן אויף די האַרטע בענק פון די סטאַציע-שטיבלעך. ניין, ער האָט עס נישט געדאַרפט, וואָרום ער איז מיט גרויס גאווה געפאָרן אין זיין אייגענעם וואָגן, וואָס ער האָט דערפונדן. נאָך אַ רייזע פון אַ פּאָר שעה, איז ער בשלום אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם.

ער איז גלייך פאַרפאָרן צום שלאָס. דער קיניג מיט זיינע הויף-דאַמען און הויף-הערן זענען אַרויסגעקומען, כדי צו זען, ווי ער פאָרט אין זיין וואָגן. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּחידושן, און געהאַלטן אין איין לויבן זיין אויפטו.

— קעווענהיללער, האָט דער קיניג געזאָגט, שענקט מיר דעם וואָגן!

קעווענהיללער האָט עס נישט געוואָלט, נאָר דער קיניג האָט זיך פאַרעקשנט, אַז ער מוז דווקא האָבן דעם וואָגן. אָבער פּלוצלינג האָט קעווענהיללער צווישן דער סוויטע דערזען אַ דאַמע מיט בלאָנדע האָר, אין אַ גרין קלייד. ער האָט זי תיכף דערקענט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי פאָרגעשלאָגן דעם קיניג, ער זאָל ביי אים בעטן דעם וואָגן. קעווענהיללער איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט, מחמת ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מחשבה, אַז אַ פרעמדער וועט זיין בעל-באָס איבער זיין וואָגן. אָבער כסדר זיך אַנטקעגנשטעלן דעם

קיניגס פארלאנג איז אויך נישט געווען קיין תכלית. איז ער מיט אזא שטארקן אימפעט ארויסגעפאָרן אויפן שלאָס-מויער, אז דער וואָגן איז צעשמעטערט געוואָרן אויף פיץ-פיצלעך.

ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען, קיין קאַרלשטאַד, האָט ער זיך אויפסניי גענומען צו דער מלאכה, אויפצושטעלן נאָך אזא מין וואָגן. אָבער א נעכטיקער טאָג! דאָס צווייטע מאָל איז עס אים שוין נישט געלונגען. דאן האָט ער זיך נישט אויף א קאטאָוועס דערשראָקן פאר דער אויסטערלישער מתנה, וואָס די וואלד-נימפע האָט אים געשענקט. אויב ער האָט פארלאָזן דאָס רייכע, זאָרגלאָזע לעבן אין זיין פאָטערס שלאָס, איז כדי צו ווערן א בעל-טובה פאר דער גאנצער מענטשהייט, און נישט כדי צו מאכן כשוף-געצייג, וואָס בלויז איין מענטש האָט עס געקאָנט באנוצן. וואָס וואָלט ער שוין געהאט דערפון, אויב ער וואָלט געוואָרן א גרויסער קאָנסטרוקטאָר, — אפילו דער גרעסטער פון אלע מייסטער, — אז ער איז נישט ביכולת איבערצוחזרן זיינע אויפטועכצן, כדי צו דינען דערמיט דעם כלל?

דער דאָזיקער געלערטער און פיל-פאכיקער מייסטער האָט זיך אזוי שטארק פארבענקט נאָך רואיקער רעגלמעסיקער ארבעט, אז ער האָט זיך אָנגעדונגען אלס שטיינ-העקער און מויערער. אין יענער צייט טאקע האָט ער עס אויפגעבויט דעם שטיינערנעם טורעם ביי דער מערב-בריק, — לויטן מוסטער פון דעם הויפט-טורעם, וואָס אין זיין פאָטערס ריטער-שלאָס. צום דאָזיקן טורעם האָט ער מסתמא בדעה געהאט צוצובויען א וואוין-פאלאץ, טויערן, וואלן און גרובנס, ווי אויך הענג-בריקן, — כדי ס'זאָל אויך ביים ברעג פונם טייך „קלאַראַ" אנטשטיין אן אמתדיקער ריטער-שלאָס, טאקע מיט אלע פיטשעווקעס, מיט וועלכע אזא מין בנין דארף זיין אויסגעשטאט.

אין דעם דאָזיקן גרויסארטיקן בנין האָט ער געוואָלט פארווירקלעכן זיינע יוגנטלעכע חלומות. אלץ וואָס געהערט צו אינדוסטרי און האנטווערק וואָלט באקומען א היים אין די

זאלן פונם דאָזיקן פּאלאץ. מילגער-פּאראָבקעס, פארשטויבטע פון מעל, און פארסאזשעטע שמיד-געזעלן, זייגער-מאכערס מיט זייערע גרינע דאשקעס פאר די אָנגעשטרענגטע אויגן, פאר-בערס מיט פארשמירטע הענט, וועבער, טאָקארעס, שלאָסערס — אלע וואָלטן זיי געהאט זייערע ווארשטאטן ביי אים אין שלאָס.

אלץ איז צוגעגאנגען כשורה. פון די שטיינער, וואָס ער אליין האָט אויסגעהאקט, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעבויט דעם טורעם. צום שפּיץ האָט ער צוגעפעסטיקט א ווינט-מיל, — ווייל דער טורעם האָט געזאָלט זיין א מיל, — און דערנאָך האָט ער זיך געוואָלט נעמען צו דער קוזניע.

איינמאָל שטייט ער אזוי און קוקט זיך צו, ווי די לייכטע שטארקע פליגל דרייען זיך אויפן ווינט. אָבער דאן איז אים ווידער באפאלן זיין אלטע חולאת.

ס'האָט זיך אים געדאכט, אז די גרין-געקליידעטע וואלד-דאמע האָט שוין ווידער אויף אים א שארפן קוק-געטון מיט אירע לייכטנדיקע אויגן, און א היץ האָט אים א שלאָג-געטון אין מוח. דערנאָך האָט ער זיך פארשלאָסן אין זיין ווארשטאט, נישט טועם געווען קיין ביסל ווארימס, זיך נישט פארגינען קיין שעה אָפּרו, און רק געארבעט, אָן אויפהער. אזוי האָט ער אין משך פון אכט טאָג צייט ווידער פארטיק געמאכט עפּעס א נייע אויסטערלישע זאך.

אין א שיינעם העלן טאָג איז ער ארויף אויפן דאך פון טורעם און גענומען צופעסטיקן א פּאָר פליגל צו זיינע אקסלען.

עטלעכע גאסניונגען און א גימנאזיסטל, וועלכע זענען געזעסן אויפן בריק-אָנלען און געכאפּט פיש אויף ווענטקעס, האָבן אים גלייך דערזעען און געמאכט א געוואלט, וואָס האָט זיך געהערט איבער דער גאנצער שטאָט. זיי האָבן זיך גע-לאָזט לויפן איבער די גאסן, געקלאפּט אין אלע טירן און געשריגן:

— קעווענהיללער גייט פליען! מענטשן קומט און זעט, ווי קעווענהיללער גייט פליען!

אָבער קעווענהיללער איז רואיק געשטאַנען אויפן טורעם-דאך און צורעכט געמאכט די פליגל אויף זיינע אַקסלען. דערוויל זענען מחנות מענטשן, אין אן אומענדלעכן שטראָם, צוגעקומען פון די ענגע געסלעך פונם אַלטן קאַרלשטאַדער שטאָט-טייל.

קעכינס האָבן פאַרלאָזן די שוימענדיקע טעפּ אויף די פּליטעס און די יורנדיקע ראָשטשינעס אין די מילטערס. אַלטע באָבעס האָבן מיטגעשלעפּט די זאָקן-שפּיזלעך, די ברילן אויפן שפּיץ-נאָז, און אויך מיטגעלאָפן. די ריכטער און דער בירגערמייסטער זענען אויפגעשטאַנען פונם ריכטער-טיש, דער שול-רעקטאָר האָט אָוועקגעשליידערט די לאַטיינישע גראַמאַטיק אין א ווינקל, די תּלמידים זעגען ארויסגעלאָפן פון די קלאַסן, נישט בעטנדיק קיין דערלויבניש. ס'האָט זיך שטאַרק געררו-דערט אין שטאָט, און קינד-און-קייט איז געלאָפן צו דער מערב-בריק, צו זען דאָס בייזע וואונדער.

די בריק איז באַלד שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן, און אפילו דער גרויסער זאַלץ-מאַרק איז אין איין אויגנבליק אַזוי אָנגעשטאָפּט געוואָרן, אז ס'איז נישט געווען וואו א שפּילקע צו וואַרפן. אויך אויפן גאַנצן ברעג פון טייך, אוש העט ביז צום ביסקופּישן הויף, האָט עס געווימלט פון מענטשן. דאָרט האָבן זיך געפונען פיל מער מענטשן, ווי אויפן גרויסן יריד אין טאָג פון הייליקן פּיאָטר, פיל מער נייגעריקע, ווי בעת דער באַרימטער נסיעה פונם קיניג גוסטאַוו III, ווען ער איז אדורכגעפאָרן די שטאָט אין א קאַרעטע מיט אכט פערד „נאַשפּיץ", און די פערד האָבן אַזוי שנעל גאַלאָפּירט, אז ביים פאַרקירעווען אין א זייטיקע גאַס איז די קאַרעטע געשטאַנען אויף צוויי רעדער.

לסוף איז קעווענהיללער פאַרטיק געוואָרן מיטן צוזשעפּן די פליגל; ער איז א פּאָר מאָל אונטערגעשפּרונגען, א מאַך-געטון מיט די פליגל, און אָט האָט ער זיך פלוצלינג דערזען

אין ווייטן רוים. ער איז געלעגן גלייך אויסגעצויגן און ארומ־געשוואומען אינם לופט־ים, הויך איבער דער ערד.

ער האָט אין זיך ארייַנגעזאפּט די ריינע שטארקע לופט, זיין ברוסט האָט זיך צעשפּרייט, און דאָס אַלטע ריטער־בלוט האָט אָנגעהויבן זידן אין אים. ער האָט זיך ארומגעגליטשט אויף זיינע פליגל ווי א טויב, געשוועבט ווי א שפּארבער, געפלאטערט שנעלער נאָך ווי א שוואלב, זיך געקערעוועט מיט דער זיכערקייט פון א פאַלק. פון זיין דערהויבנקייט האָט ער איצט ארָאפּגעקוקט אויף די מענטשן, וועלכע זענען געשטא־נען אונטן געבוגדענע צום באָדן, און ער האָט באמערקט, ווי זיי קוקן אים נאָך, בשעת ער שווימט ארום אין דער לופט. אַך, וואָלט ער כאָטש געקאָנט מאכן א פּאָר פליגל פאר יעדן פון זיי! וואָלט ער כאָטש יעדן איינציקן פון זיי געקאָנט שענקען די מאכט זיך אויפצוהויבן און ארומצושוועבן אין דער דאָזיקער מחיהדיקער לופט! גאָר אנדערע מענטשן וואָלטן זיי געוואָרן! אָבער אויך אין דער דאָזיקער רגע פון טריאומף האָט ער נישט געקאָנט פארגעסן אין זיין ביטערן גורל, וואָס האָט אים נישט דערלאָזט צו פארפילפאכן זיינע דערפינדונגען. בלויז ער איינער אליין האָט געקאָנט געניסן פון זיי. אַך, ווען ער וואָלט געקאָנט פאקן די חשובה וואלד־נימפע אין זיינע הענט אריין!

מיט אמאָל האָבן זיינע אויגן, וואָס זענען געווען גע־בלענדעט פון דער שארפער זונען־שיין און פון דער שימע־רירנדיקער לופט, דערזען, ווי עמיצער קומט צו פליען גלייך אקעגן אים. ער האָט געזען, ווי א פּאָר גרויסע פליגל, שטארק ענלעך צו זיינע אייגענע, — האָבן זיך באוועגט אין דער לופט, און צווישן די פליגל האָט זיך געפונען א מענטש־לעכער קערפּער. לאנגע בלאָנדע האָר האָבן געפלאטערט אויפן ווינט. גרין זיידנס האָט זיך געפאלדעוועט, א פּאָר ווילדע אויגן האָבן געלויכטן. דאָס איז געווען זי, זי!

קעווענהיללער האָט נישט לאנג געטראכט, מיט א ווילדן אימפּעט האָט ער זיך א וואָרף־געטון צו דער וויזיע, כדי זי...

ווער ווייסט... קושן, אָדער גאָר שלאָגן, אָבער אַלנפאַלס, כּדי זי צווינגען, זי זאָל אראָפּנעמען די קללה פון אים. בשעת דעם דאָזיקן ווילדן פליען האָט ער איינגאַנצן פאַרגעסן צו קערעווען מיט די פליגל, ער האָט פאַרלוירן די זעלבסט־באַהערשונג. ער האָט בלויז געזען פאַר זיך די פלאַטערנדיקע האָר און די ווילדע אויגן. ער איז צוגעקומען נאָענט פון איר און אויסגעשטרעקט די הענט, כּדי זי אָנצוכאַפּן. אָבער דאַן האָבן זיך זיינע פליגל פאַרטשעפּעט אָן אירע. נאָר יענע זענען געווען שטאַרקערע, דעריבער האָבן זיך זיינע פליגל איינגעבראָכן, ער האָט געמאַכט אַ פּאָר קאָזשעלקעס און איז אַראָפּגעפאַלן, אַליין נישט ווייסנדיק וואו.

בשעת ער האָט צוריק באַקומען דעם באַוואוסטזיין, האָט ער דערזעען, אַז ער ליגט אויפן דאַך פון זיין אייגענעם טורעם, מיט דער צעשמעטערטער פלי־מאַשין נעבן זיך. ער איז אַרויפגעפלויגן אויף זיין אייגענער מיל: די פליגל האָבן אים אָנגעכאַפּט, אַ פּאָר מאָל אַרומגעדרייט, און דערנאָך אים אַראָפּגעשליידערט אויפן טורעם־דאַך.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט זיין לופט־רייזע.

קעווענהיללערן איז ווידער באַפאַלן יאוש. צו קיין פּשוטער אַרבעט האָט ער שוין נישט געהאַט קיין חשק, און מיט כּישוף־קונצשטיק האָט ער שוין אויך מורא געהאַט זיך צו באַשעפטיקן. ער האָט געפילט, אַז דאָס האַרץ וואָלט אים געפּלאַצט פון גרויס קרענקונג, אויב ער וואָלט באַשאַפן נאָך עפּעס אַ וואונדערלעכע זאַך און אַליין געמוזט עס קאַליע מאַכן. און אויב ער וואָלט עס נישט צעשטערט, וואָלט ער זיכער משוגע געוואָרן פון דער פאַרביטערטער מחשבה, אַז ער קאָן דערמיט סיי ווי נישט ברענגען קיין נוצן דעם כּלל.

ער האָט צוריק אויסגעזוכט זיין אַלט געזעלן־רענצל און דעם וואַנדער־שטעקן, געלאָזט שטיין די מיל ווי זי איז, און באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן אין דער ווייטער וועלט אַריין, כּדי אויפצוזוכן די וואַלד־נימפע.

ער האָט זיך געמוזט שאַפן אַ פערד און וואָגן, ווייל

ער איז שוין נישט מער געווען קיין יונגערמאן און נישט געהאט די אמאָליקע כוחות צום גיין. און ווי מענטשן דער־ציילן, איז ער אין יעדן וואלד, וואו ער איז נאָר געקומען, געגאנגען צווישן די ביימער און אויף א קול גערופן די וואלד־נימפע, זי זאָל צו אים ארויסקומען פון די געדיכטע קוסטעס:

— וואלד־נימפע, וואלד־נימפע, דאָס בין איך, קעווענ־היללער! קום, קום ארויס צו מיר!

אָבער אומזיסט איז געווען זיין רופן, זי איז נישט ארויסגעקומען.

בשעת די דאָזיקע נסיעות זיינע איז ער איינמאָל אָנ־געקומען קיין עקעבי, א פּאָר יאָר איידער די מאַיאָרין איז פארטריבן געוואָרן פון איר היים. מען האָט אים גוט אויפ־גענומען, און ער איז שוין דאָרט פארבליבן.

די חברה פונם קאוואלערן - פליגל איז פארגרעסערט געוואָרן מיט א הויכער געשטאלט, און זיי האָבן אין אים געוואונען א פלינקן גוטן־ברודער סיי צו דער יאגד, סיי צו דער כוסה. די זכרונות פון זיין יוגנט האָבן זיך ביסלעכווייז צוריקגעקערט צו אים: ער האָט דערלויבט, מען זאָל אים טיטולירן גראף, מיט זיין גרויסער אָדלער־נאָז, מיט זיינע שטרענגע ברעמען, שפּיציקן בערדל און גאוהדיק ארויפגע־דרייטע וואָנסעס האָט ער מיט דער צייט אלץ מער באקומען דעם אויסזעען פון אן אלטן דייטשן רויבער־באראָן.

ער איז, אלזאָ, געוואָרן א קאוואלער צווישן די קאווא־לערן, און ער איז אויך נישט געווען בעסער פון דער גאַנצער חברותא, וועלכע איז דורך דער מאַיאָרין פון עקעבי. ווי די מענטשן פון יענער צייט האָבן געגלויבט, צוגעגרייט געוואָרן פארן טייוולס־וועגן. קעווענהיללערס האָר זענען גרוי געוואָרן, און זיין מוח איז געשלאָפן. אזוי אלט איז ער געוואָרן, אז ער האָט שוין אליין נישט געגלויבט אין די וואונדערלעכע מעשים פון זיין יוגנט. ער איז שוין מער נישט געווען דער מאן, וועלכער האָט אמאָל באזעסן די קראפט צו באוויינן

וואונדער איבער וואונדער. נישט ער האָט עס געהאט געמאכט דעם וואָגן וואָס איז געגאנגען אליין, און אויך נישט די פלי-מאשין... אָ, ניין, דאָס זענען נאָר קינדער-מעשהלעך... פשוטע קינדער-מעשהלעך!

בינו-לבינו איז אָבער געשעען די מעשה מיטן פארטרייבן די מאיאָרין פון עקעבי, און די קאוואלערן זענען געוואָרן די באלעבאטים איבערן גרויסן הויף. דאן האָט זיך דאָרט אָנגע-הויבן א לעבן, וואָס ערגער האָט שוין, כ'לעבן, נישט געקאָנט זיין. א שטורם איז אדורך איבערן לאנד: אלטע תאוה האָט אויפגעברויזט מיט יונגן שגעון, אלדאָס בייז האָט גענומען ארויסקריכן פון די פארבאָרגנסטע לעכער, און אלץ וואָס גוט איז האָט געצאפלט פון שרעק. די מענטשן האָבן צווישן זיך געקעמפט אויף דער ערד, און די גייסטער אין הימל. פון די וויסטע בערג זענען די וועלף געקומען צו גיין, מיט מכשפות אויפן רוקן. די געבונדענע כוחות פון דער נאטור האָבן זיך ארויסגעריסן אויף דער פריי, און די וואלד-נימפע איז אָנגע-קומען קיין עקעבי.

די קאוואלערן האָבן זי נישט געקענט. זיי האָבן גע-מיינט, אז זי איז אן אָרימע אומגליקלעכע פרוי, וועמען די אכזריותדיקע שוויגער האָט געטריבן צו פארצווייפלונג. האָבן זיי זי גענומען אונטער זייער שוץ, אָפגעגעבן איר כבוד ווי א מלכה, זי געליבט ווי א קינד, און זי גערופן „פרוי גרעפין."

נאָר איין קעוועגהילער האָט קלאָר געזעען, ווער זי איז. תחילת איז ער אויך פארבלענדעט געווען, ווי אלע אי-בעריקע קאוואלערן. אָבער אין א שיינעם העלן טאָג האָט זי זיך אָנגעטון אין א קלייד פון גרינעם שימערירנדיקן זיידן-שטאָף, און דאן האָט קעוועגהילער זי דערקענט.

זי איז רחבותדיק געזעסן אויף זיידענע קישעלעך, אויף דער פיינסטער אָטאָמאנע פונם עקעביער סאלאָן, און די אלטע מאנסלייט האָבן זיך צום נארן-קאָפּ געמאכט פאר אירעטוועגן. אלע האָבן זי באדינט: איינער איז געווען קאָכער, דער צוויי-טער קאמערדינער, דער דריטער האָט איר פאָרגעליינט פאָ-

עזיע, דער פערטער איז געווען איר הויף-מוזיקער, דער פינפ־טער — איר שוסטער א. א. וו.; יעדער איינער איז באשעפ־טיקט געווען מיט עפּעס אנדערש, און אלץ פאר אירעטוועגן.

זי איז מכלומרשט געווען קראנק, די דאָזיקע בייזע טומאה, אָבער קעוועגהיללער האָט שוין געוואוסט, אין וואָס איר חולאת באשטייט. זי האָט גאָר פּשוט געטריבן קאטאָוועס מיט זיי אלע!...

ער האָט אפילו געוואָרנט די קאוואלערן, אז זיי זאָלן זיך היטן פאר איר.

— צי זעט איר דען נישט אירע שארפע ציין און ווילדע אויגן? האָט ער זיי געפרעגט. דאָס איז דאָך די וואלד־נימפע!... אלדאָס בייז קריכט צו אונז אהער אין דער דאָזי־קער שרעקלעכער צייט... געדענקט, וואָס איך זאָג אייך, זי איז די וואלד-נימפע, און זי איז אהערגעקומען, כדי אונז אריינצוברענגען אין אן אומגליק. איך האָב זי שוין אמאָל געזען!

אך, סארא פארבלענדעניש ס׳קאָן קומען אויף פארליבטע הערצער! די קאוואלערן זענען אין דעם פאל ענלעך געווען צו יענער מוטער, וועמען מען האָט אין וויגעלע פארטוישט איר קינד אויף א ממזר פון א וואלד-מכשפה. זי באמערקט נישט דעם גרויסן קאָפּ און די שווארצע הויט, און דער היי־זעריקער קוויטש פונם פארזעעניש קומט איר פאָר ווי דאָס פּישטשען פון איר אייגן קינדעלע. זי זעט נישט די גראָבע ליפּן און די קרומע קלוען — — —

אזוי איז אויך געווען מיט די קאוואלערן, וועלכע האָבן שיער נישט געממיתט קעוועגהיללערן, בשעת ער האָט זיי גע־וואָלט עפענען די אויגן אויף דער סכנה, וואָס האָט זיי גע־דראָט מצד דער וואלד-נימפע.

אָבער ווי נאָר קעוועגהיללער האָט דערזעען די וואלד־נימפע, איז ער ווידער באהערשט געוואָרן פון א גוואלטיקן ארבעטס-חשק. ס׳האָט אים באלד אָנגעהויבן ברויזן און עג־בערן אין מוח פון פארשידענע פלענער, און ס׳האָט אים ממש

שמערצהאפט געקיצלט אין די פינגער צו נעמען דעם האמער און פייל אין האנט. לסוף האָט ער זיך שוין מער נישט גע־קאָנט באהערשן. מיט א פארביטערט הארץ האָט ער ווידער גענומען אויף זיך זיין ארבעטס־פארטוך און זיך פארמאכט אין איינעם פון די שלאָסער־ווארשטאטן.

פון עקעבי האָט זיך דאן בליץ־שנעל פארשפרייט די ידיעה איבער גאנץ ווערמלאַנד:

— קעוועַנהיללער האָט זיך שוין ווידער גענומען צו דער ארבעט!

מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם האָט מען זיך צוגעהערט צו די קלעפּ פון זיין האמער, צום סקריפּן פון זיין פייל און צום קרעכצן פונם בלאָז־זאק, וואָס אין זיין ווארשטאט.

— אָט וועלן מיר אָקאָרשט זען א ניי וואונדער! — האָט מען געשמועסט אין דער געגנט. וואָס וועט עס איצטער זיין? אפשר וועט ער אונז אויסלערנען צו גיין איבערן וואסער, אָדער ער וועט אפשר גאָר אויפשטעלן א לייטער צו די שטערן אין הימל? א קשיא אויף א מעשה, ביי אזא פארשוין, ווי קעוועַנהיללער איז. מיר האָבן דאָך מיט אונזערע אייגענע אויגן געזען, ווי ער האָט זיך אויף א פּאָר פליגל געטראָגן אין דער לופט! מיר האָבן געזען, ווי ער איז געפאָרן אין א וואָגן אָן פערד! ער באזיצט די מתנה פון דער וואלד־נימ־פע, — איז פאר אים קיין שום זאך נישט אוממעגלעך צו פארווירקלעכן.

און אין א נאכט, — די ערשטע, אָדער די צווייטע אין חודש אָקטאָבער, — האָט ער פארענדיקט זיין ווערק און עס ארויסגעטראָגן פון ווארשטאט. דאָס איז געווען א ראָד, וואָס האָט זיך אָן אויפהער געדרייט, אליין פון זיך. בשעת ס'האָט זיך געדרייט, האָבן די שפּריכעס געלויכטן ווי שטיקער פייער און וויַיט ארום אויסגעשטראלט א סך ליכט און ווארימקייט. מיט איין וואָרט, — קעוועַנהיללער האָט געמאכט א זון! בשעת ר'איז דערמיט ארויסגעקומען פונם ווארשטאט, איז די נאכט אזוי ליכטיק געוואָרן, אז די וואָראָבייטשיקלעך האָבן אָנגע־

הויבן צו פיפסן און די וואָלקנס האָבן זיך פאררויטלט, ווי בשעת זון-אויפגאנג.

דאָס איז באמת געווען די הערלעכסטע דערפינדונג, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. אויף דער ערד האָט שוין נישט מער געזאָלט זיין קיין פינסטערניש און קעלט. ס'האָט זיך אים פארטומלט אין מוח, בשעת ער האָט זיך ארייננגעטראכט אין דעם דאָזיקן ענין... די נאטירלעכע זון האָט זיך ווייטער געקאָנט אויפגיין און אונטערגיין, ווי ביז איצט, נאָר בשעת זי וועט איבער נאכט פארשווינדן, וועלן טויזנטער און טויזנטער זונען פון זיינע פייער-רעדער פלאַמען איבערן לאנד, און די לופט וועט זיך כוואליען פון ווארימקייט ווי אין א הייסן זומער-טאָג. און דאן וועט מען שניידן די תבואה אין אן אויסגעשטערנטער ווינטער-נאכט, יאגדעס און באַרוווקעס וועלן א גאנץ קיילעכדיק יאָר וואקסן אויף די וואלד-משופּעקייטן, דאָס אייז וועט קיינמאָל נישט צוימען די פליסענדיקע טייכן — — —

די דאָזיקע נייע דערפינדונג האָט געזאָלט איבערראנדערשן די גאנצע וועלט. קעווענהיללערס פייער-ראָד האָט געזאָלט זיין דער פעלץ פאר די אָרימעלייט און די ליכטיקע זונען-שיין פאר די בארג-ארבעטער, וועלכע ארבעטן אונטער דער ערד. דאָס ראָד האָט געזאָלט געבן טרייב-קראפט פאר די פאבריקן, און שענקען ניי לעבן דער שלאָפנדיקער נאטור אים ווינטער. הכלל, — דאָס דאָזיקע פייער-ראָד האָט געזאָלט באשאפן פאר דער מענטשהייט א רייכן און גליקלעכן קיום.

אָבער קעווענהיללער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אז דאָס אלץ זענען הוילע פאנטאזיעס. ווייל די וואלד-נימפע וועט קיינמאָל נישט צולאָזן, ער זאָל פארפילפאכן זיין פייער-ראָד. ביי דער דאָזיקער פארביטערטער מחשבה האָט ער באשלאָסן זי צו דערהרגענען.

פון דעם מאָמענט אָן האָט ער שוין נישט געוואוסט, וואָס ער טוט.

ער איז ארייננגעגאנגען אין דעם הויפּט-בנין פונם עקס

ביער פאלאץ, און אוועקגעלייגט זיין פייער־ראָד אין פּאָדער־הייזל. ער האָט געוואָלט אונטערצינדן דאָס גאַנצע הויז, כדי ס׳זאָל פארברענט ווערן צוזאמען מיט דער וואלד־טומאה.

נאָכדעם איז ער צוריק ארייַנגעגאנגען אין ווארשטאט און זיך אוועקגעזעצט אָפּצוווארטן דעם רעזולטאט.

אין א ווײַלע ארום איז אנטשטאנען א געוואלטיקער טומל. מענטשן זענען געלאָפן איבערן הויף. אהא, איצטער האָט ער ערשט געזען, אז ער האָט טאקע אויסגעפירט א העלדישע טאט!

— יאָ, יאָ, איצטער קאָנט איר לויפן, שרייען און קלינגען אין די גלעקער, האָט ער געטראכט. אָבער ס׳וועט אייך שוין גאָרנישט העלפן, איצט וועט די וואלד־נימפע איינמאָל פאר אלע מאָל פארשרפהט ווערן, צוזאמען מיט די זיידענע קישנס, אויף וועלכע איר האָט זי אוועקגעזעצט!

און ער האָט בשעת מעשה געקלערט, צי זי קורטשעט זיך שוין נישט אין ווייטאקן, צי זי לויפט נאָך נישט ווי א משוגענע פון איין שטוב אין דער צווייטער? אך, ווי דאָס גרינע זײַדענע קלייד וועט זיך סמאליען און ווי די קנאקנדיקע פייער־צונגען וועלן זיך שפּילן אין אירע לאנגע האָר!

— העי, איר פלאמען, האָט ער צו זיך אליין גערעדט, דרייסט, פאָרווערטס! כאפּט זי, צינדט זי אָן! נישקשה, מכשפות קאָנען אויך ברענען! האָט נישט קיין מורא פאר אירע כּישוף־שפּרוכן! אָ, איר פלאמען, פארברענט זי אויף אש! ס׳איז פאראן איינער, וועלכער האָט צוליב איר געמוזט ברענען זיין גאנץ לעבן!

די גלעקער האָבן גערופן צו הילף. פון אלע ארומיקע דערפער זענען אָנגעקומען פול־געפאקטע פורלעך, מען האָט צוגעגרייט די שפּריצערס, מען האָט אויסגעשטעלט א מענטשן־קייט, וועלכע האָט דערלאנגט עמערס וואסער פון דער אָזיערע. דער גאנצער הויף איז פול געוואָרן מיט געשרייען, הילף־רופן און באפעלן. דעכער זענען איינגעפאלן, דאָס פייער האָט בעקנאקט אין אלע ווינקעלעך. דער רעש פון דער שרפה האָט

אָפּגעהילכט ווייט ארום. אָבער קעווענהילערן האָט עס גאָר־נישט געאַרט; ער איז געזעסן אויף א קלאָץ און זיך געריבן די הענט פון גרויס נחת!

פּלוצלינג האָט ער דערהערט א גוואַלטיקן קראַך, ווי דער הימל וואָלט איינגעפאלן. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט א פריילעכן אויסגעשריי:

— איצט איז עס שוין געשעען! איצט וועט זי שוין נישט אויסמיידן איר אונטערגאנג! זי ליגט שוין זיכער צע־שמעטערט אונטער די בעלקעס, אָדער פארקוילט אונטער די פלאמען. כא—כא—כא!... איצט איז עס שוין געשעען!

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז כדי זי צו פארטיליקן פון דער וועלט, האָט ער געמוזט מקריב זיין דעם רום און מאכט פון עקעבי. ס׳האָבן אים איצט באנג־געטון די הערלעכע זאלן, אין וועלכע ס׳האָט ערשט נישט לאנג אזוי פיל פרייד געהערשט. אָך, די דאָזיקע שטובן, וואָס זענען געווען אָנגע־זאפּט מיט אָנגענעמע זכרונות, די טישן וואָס האָבן זיך גע־בראָכן אונטער דער משא פון כלערליי מאכלים, די טייערע אלטע מעבל, דאָס פּרעכטיקע זילבערווארג און די פּאָרצעלייע־נע סערוויזן, וואָס אזוינס זעט מען שוין נישט מער...

אָבער אין מיטן דערין איז ער א פארציטערטער אויפגע־שפּרונגען פון אָרט, און א שרעקלעכן געשריי־געטון. אָך, זיין פייער־ראָד, זיין זון, דעם מאָדעל, פון וועלכן אלץ איז אָפּ־העננגיק, — דאָס האָט ער דאָך איבערגעלאָזט אונטער די שטיגן אין פּאָדערהייזל, כדי אונטערצוצינדן דאָס הויז... ער האָט גאָר אינגאנצן פארגעסן דערין!...

קעווענהילער איז ווי פארשטיינערט געוואָרן פון שרעק.

— צי בין איך משוגע? האָט ער זיך אליין געפרעגט, ווי האָב איך עס גאָר געקאָנט אזוינס טון?

אין דערזעלבער רגע האָט זיך געעפנט די טיר צום ווארשטאט, וועלכע קעווענהילער האָט געהאט גוט צוגעמאכט, און די גרין־געקליידעטע דאמע האָט זיך באוויזן.

די וואלד־נימפע איז געשטאנען אויף דער שוועל און

זיס-חנעוודיק געשמייכלט. אויף איר קלייד איז נישט געווען צו באמערקן עפעס, א פעלער, אָדער א פלעק און פון אירע האָר האָט זיך נישט געשפּירט קיין שום ריח פון סמאָלינע; זי האָט אויסגעזעען פונקט אזוי, ווי ר׳האָט זי אמאָל אין זיינע יונגע יאָרן געהאט געזעען אויפן קאַרלשטאַדער מארק-פּלאַץ. דער עק האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט, און ס׳האָט פון איר געאָטעמט מיט דער ווילדער שיינקייט פונם וואלד און מיט אלע זיינע פרישע ריחות.

— הא, קעוועגהיללער, עקעבי ברענט! האָט זי געזאָגט און אויסגעשאָסן אין א קלינגענדיק געלעכטער.

קעוועגהיללער האָט אויפגעהויבן דעם האמער און גע-וואָלט אים א שליידער-טון איר אין קאָפּ אריין. אָבער פּלוצ-לינג האָט ער דעזעען, אז זי האלט אין האנט זיין פייער-ראָד.

— נא, זע, וואָס איך האָב דיר אָפּגעראטעוועט! האָט זי געזאָגט.

קעוועגהיללער איז איר געפאלן צו די פיס.

— דו האָסט צעשמעטערט מיין וואָגן, דו האָסט צעבראָכן מיינע פליגל און דו האָסט אויך צעשטערט מיין גאנץ לעבן! טו מיר דעם חסד, נעם-צו דיין מתנה פון מיר!... דערבארם זיך איבער מיר!...

זי איז ארויפגעקראָכן אויף דער היבלבאנק און זיך דאָרט געמיטלעך אוועקגעזעצט. איר פּנים האָט פּונקט אזוי געשיינט, מיטן זעלבן חן און רייץ, ווי בשעת איר ערשטער צוזאמענטרעפונג מיט אים.

— איך זע, אז דו ווייסט, ווער איך בין! האָט זי געזאָגט.

— יאָ, איך קען דיך און כ׳האָב דיך תמיד געקענט! האָט דער אומגליקלעכער מענטש אויסגערופן. דו ביזט די געניאליטעט! אָבער שענק מיר צוריק מיין פרייהייט! נעם צוריק דיין מתנה! נעם-צו פון מיר די קראפט צו באווייזן

וואונדער! לאָמיך זיין א פשוטער מענטש! פארוואָס פאַר־פאָלגסטו מיך? פארוואָס מאכסטו פון מיר א תל?

— משוגענער! האָט די וואלד־נימפע צו אים געזאָגט. איך האָב דיר קיינמאָל נישט געוואָלט טון קיין שלעכטס. איך האָב דיר געגעבן א גרויסן שכר פאר דיין פריינטלעכקייט צו מיר, נאָר אויב דו ווילסט עס דווקא, קאָן איך עס צוריק צונעמען. אָבער באקלער זיך א פריער, כדי דו זאָלסט דער־נאָך נישט חרטה האָבן.

— ניין, ניין! האָט ער פארצווייפלט אויסגערופן, איך וועל קיין חרטה נישט האָבן! אָ, איך בעט דיך, נעם־צו פון מיר די וואונדערבארע פעאיקייטן, וואָס דו האָסט מיר געשענקט!

— נו, אויב אזוי, מוזטו צוערשט דאָס צושטערן! האָט זי געענטפערט און אוועקגעשליידערט אויף דר׳ערד זיין פייער־ראָד.

ער האָט זיך קיין איין רגע נישט געקווייקלט, ער האָט א הייב־אויף געטון דעם גרויסן האמער און אים מיט זיין גאנצער קראפט אראָפּגעלאָזט אויף דער לייכטנדיקער פייער־זון, וועלכע איז סיי ווי געווען נישט מער ווי א טייוולאָניש קונצשטיק, וואָס לאָזט זיך נישט אויסצוצונוצן פארן כלל. די פונקן זענען ארומגעפלויגן אין דער קוזניע, די שע בלעך און פלאמען האָבן ארומגעטאנצט אין דער לופט, און אָט האָט זיין לעצטע וואונדערלעכע דערפינדונג אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

— איצט נעם איך פון דיר צו מיין מתנה! האָט די וואלד־נימפע געזאָגט.

בשעת זי איז שוין געשטאנען ביי דער אָפענער טיר, כדי ארויסצוגיין פון דאָרט און די שיין פון די שרפה האָט זי איינגעהילט אין א רויטן אָפּגלאַנץ, האָט זיך קעוועןנהיללער ווידער אומגעוועגדעט צו איר און זי צום לעצטן מאָל באטראכט.

זי איז אים איצט פאָרגעקומען נאָך פיל שענער ווי פריער, אויף איר געזיכט איז איצט נישט געווען צו באמערקן

קיין שום אויסדרוק פון בייזוויליקייט — בלויז שטרענגקייט און שטאָלץ:

— דו משוגענער! האָט זי צו אים געזאָגט, צי האָב איך דיר דען פארבאָטן, אז אנדערע מענטשן זאָלן נאָכמאכן דיינע ווערק? האָב איך דען געוואָלט עפּעס אנדערש, א חוץ ווי נאָר שיצן דעם געניאַלן דערפינדער, ער זאָל זיך נישט דארפן אָפּגעבן מיט פּשוטער מלאכה?

און דאָס זאָגנדיק, איז זי אוועק. קעווענהיללער איז א פּאָר טעג דערנאָך ארומגעגאנגען ווי אין א צושטאנד פון משוגעת. אָבער אין א קורצער צייט ארום איז ער ווידער געוואָרן א נאָרמאַלער מענטש.

בשעת דעם אָנפאַל פון משוגעת האָט ער אָבער פארברענט דעם עקקעביער פּאַלאַץ. קיין מענטשן האָט עס נישט געשאדט. אָבער די קאוואַלערן האָבן זיך דערנאָך שטארק מצער געווען, וואָס די דאָזיקע גאסט-פריינטלעכע היים, וואו זיי האָבן פון אזוי פיל גוטס גענאָסן, האָט אזא גרויסן שאָדן געליטן אונטער זייער ממשלה.

אך, איר קינדער פון שפּעטערדיקע צייטן! וואָלט כאָטש עמיצער פון אייך, אָדער איך, געטראָפן די וואַלד-נימפע אויפן מארק אין קאַרלשטאַד! צי מיינט איר, אז איך בין נישט געגאנגען אין וואַלד אריין און גערופן: „וואַלד-נימפע, וואַלד-נימפע, דאָס בין איך, קעווענהיללער!? ווער טרעפט זי אָבער היינטיקע צייטן? וועלכער מענטש באַקלאָגט זיך עס היינט, אז ער האָט באַקומען צו פיל פון איר גאָב?

.36

דער יאריד אין ברובי

אין ערשטן פרייטאָג אין חודש אָקטאָבער הויבט זיך אָן דער גרויסער יאריד אין ברובי. ער געדויערט גאנצע אכט טאָג צייט. דאָס איז דער גרויסער יום-טוב אין הארבסט. א וואָך פריער גרייט מען זיך שוין: אין יעדער כאטע ווערט געבאקן און געבראָטן פון כל-טוב. די פריש אויפגעניייטע ווינטערדיקע מלבושים ווערן באנייט, געבראָטענע גענז און שטרודלס שטייען א גאנצן טאָג אויפן טיש, די בראָנפן-פּאָרציעס ווערן פארטאָפּלט, און די ארבעט לאָזט מען שטיין. אין יעדן הייזל איז „יום-טוב אין דער וואָכן". די פאראָבקעס און דינסט-מיידלעך באקומען דאן אויסגעצאָלט זייער לוין, און זיי באק-לערן זיך לאנגע שעהן, וואָס צו קויפן אויפן יאריד. פון ווייטערע מקומות קומען-אָן מענטשן איינציקווייז און גרופּעס-ווייז, וואנדערנדיק איבערן וועג, מיטן רענצל אויף די פּליי-צעס און מיט א גראָבן שטעקן אין האנט. א סך פון זיי טרייבן זייערע בהמות צום יאריד. קליינע פארעקשנטע ביקלעך און ציגן שטעלן זיך אוועק אויף די הינטערשטע פיס אין מיטן שליאך, פארשאפנדיק דעם באלעבאָס מאטערנישן, — און די פארבייער, דאקעגן, מאכן זיך לוסטיק דערפון.

די גאסט-שטובן אין די ארומיקע פריצישע הויפן ווערן אָנגעפּאקט מיט ליבע געסט: מען טיילט זיך מיט פרישע

ידיעות, מען שמועסט וועגן די פרייזן אויף בהמות און אינ־
ווענטארן. די קינדער, ווידער, גייען ארום פון איין שטוב אין
דער אנדערער און פאנטאזירן וועגן די שיינע מתנות, וואָס
מען וועט פאר זיי קויפן אויפן יאריד.

און שוין באלד אין דעם ערשטן יאריד־טאָג שטראָמט
אן אומגעהייערע מענטשן־מאסע אויף די ברוביער בערגלעך
און אויף דעםברייטן יאריד־פלאץ. די שטאָטישע סוחרים
האָבן אויפגעשטעלט בודעס און אויסגעלייגט זייערע סחורות;
דאקעגן די קרעמער, וועלכע זענען געקומען פון דאָרטיגע
און ווערסטעריעטלאנד האָבן אויסגעשפרייט זייערע סחורות
אויף אומענדלעכע רייען ברעטער־פלאטן, וואָס זענען איבער־
געהאנגען מיט ווייסע פלאטערנדיקע שטיקער לייוונט. דאָרט
איז פאראן געננוג אקראָבאטן, קאטארינאזשעס און בלינדע
קלעזמער; ס׳פעלט אויך נישט קיין קאָרטן־ווארפעריגס, בודעס
מיט צוקערקעס און פארשידענע אנדערע נאשערייען, און
קרעטשמעס אין יעדן ווינקל. הינטער די בודעס האָבן די
טעפער אויסגעשטעלט זייערע הילצערנע און ליימענע כלים.
די גערטנער פון די ארומיקע פריצישע הויפן האָבן געבראַכט
צו פארקויפן ציבעלעס און כריין, עפל און בארנעס. גרויסע
שטח׳ס פונם יאריד־פלאץ זענען פארנומען מיט קופערנע
ראָנדלעס און פאנען, וואָס בלאנקען מיט זייער צינערנער
ווייסקייט.

אָבער נאָך אלעם באמערקט מען פאָרט, אז ס׳הערשט
איצט א גרויסע נויט סיי אין סוואַרטזשעי, סיי אין ברובי און
אין לעיוויק, און אויך אין די איבעריקע פאראפיעס, וואָס ליגן
ארום דער לעיוועך. ביי די בודעס און ברעטער־פלאטן גייט־
צו דער מסחר גאָר שלעכט. די גרעסטע באוועגונג הערשט
אויפן בהמות־מארק, מחמת נישט איינער מוז נעבעך פארקויפן
די איינציקע קו און דאָס איינציקע פערדל, כדי צו האָבן פון
וואָס צו לעבן איבערן ווינטער. דאָרט קאָכט עס זיך גאָר
שטארק, ביים פערד־טויש.

אלנפאלס, גייט עס צו זייער לעבעדיק און לוסטיק אויפן

יאריד אין ברובי, וואָרום אויב מען האָט נאָר א פּאָר גראָשט אין קעשענע צו א שנעפּסל, דאַרף מען דאָרט אָסור נישן־ארומגיין מיט אן אראָפּגעלאָזטער נאָז. און נישט נאָר דער בראָפן אליין רופט ארויס אזא פריילעך געמיט. ווען די איינוואוינער פון די איינזאמע וואלד־שטיבעלעך קומען זיך צונויף צום יאריד מיט זיין פּאליענדיקן מענטשן־ים און דערהערן דאָס ברויזן פון די שרייענדיקע, לאכנדיקע און קוויטשענדיקע מחנות, ווערן זיי ווי פארשיכורט פון דעם דאָזיקן קאָכעדיקן לעבן.

צווישן אזוי פיל מענטשן ווערט נאטירלעך א סך גע־האנדלט, אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דאָס וויכטיקסטע איז — מיטשלעפּן מיט זיך אן עולם גוטע פריינט און קרובים צו א קרעטשמע און זיי מכבד זיין מיט א געבראָטן גענזל אָדער א פּאָרציע שעפּסן־ווארשט, צי גאָר קוכן מיט א פיין שנעפּסל; אָדער פּועלן ביי א מיידל, זי זאָל וועלן צונעמען אלס מתנה א שיין געבעט־ביכל; אָדער ארומקוקן זיך, וואָס מען זאָל אהיימקויפן פאר די קינדערסוועגן.

ווער ס׳האָט נאָר נישט דורכאויס געמוזט בלייבן אין דערהיים, כדי השגחה צו געבן אויף די בהמות און דעם באלעבאטישקייט, איז געקומען צום דאָזיקן יאריד אין ברובי. דאָ געפינען זיך די קאוואלערן פון עקעבי און די קוילן־ברע־נערס פון ניגאָרד, פערד־הענדלער פון נאָרוועגן, פינען פון די צפונדיקע וועלדער, און אויך ליידיקגייערס פון ארבע פינות עולם.

אויף טייל ערטער בילדן זיך אין דעם דאָזיקן ברויזנ־דיקן מענטשן־ים ווירבל־שטראָמען, וואָס דרייען זיך ארום גע־וויסע פונקטן. קיינער ווייסט נישט, וואָס דאָרט אינעווייניק קומט־פאָר, ביז וואנען א פּאָר פּאָליציאנטן רייסן נישט אדורך די מענטשן־קייט און מאכן א סוף צו א ווייסט געשלעג, אָדער שטעלן צוריק אויף א פורל, וואָס האָט זיך איבערגעקערט. א ווייל׳ע שפּעטער מאכט זיך שוין ווידער א פריש רעדל ארום א סוחר, וועלכער קריגט זיך מיט א פויערטע; זיי בלייבן

זיך ביידע נישט שולדיק קיין ענטפער, און דער ארומיקער עולם שעפט נחת דערפון.

ערשט נאָכמיטאָג הייבט זיך אָן דאָס סאמע רעכטע-גע-דיכטע געשלעג. די פויערים האָבן זיך גענומען אין קאָפ אריין, אז מען נארט זיי דאָ אָפ ביי דער וואָג אין מאָס, און אז דאָס טוען נאָר די וועסטעריעטלענדער סוחרים. ארום זיי-רע קראָמען אנטשטייט צוערשט א מחלוקת און א טומל, דער-נאָך גייט מען איבער צו די פויסטן. ס׳איז גאנץ פארשטענד-לעך, אז די אָרימע ניגאָרדער פויערים, וועלכע האָבן די לעצ-טע צייט נישט געזען ארום זיך עפּעס אנדערש, ווי נאָר דחקות און עלנט, ווערט אביסל גרינגער אויפן הארצן, ווען זיי קאָנען אויסלאָזן זייער ביטער געמיט דורך א פּאָר הייסע קלעפּ, נישט קיין חילוק וועמען און פארוואָס. ווי נאָר די שטארקע שלעגער-יונגען דערזעען, אז מען הייבט שוין דאָ די הענט, לויפן זיי צו פון אלע זייטן. די קאוואלערן ווילן שוין זיך ארייננמישן און שלום מאכן אויף זייער שטייגער. אויך די סוחרים פון דאלאַרנע לויפן-צו, כדי צו העלפן זיי-ערע באדראָטע שכנים.

דער בעל-כוח מאָנס פון פּאָרס איז, ווי דער שטייגער, דער הויפט-מחותן פונם וויסטן געשלעג. ער איז טויט-שכור און שטארק אויפגעבראכט. ער האָט געפּאקט איינעם פון די וועסטעריעטלענדער סוחרים, אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד און אים גענומען שלאָגן מכות-רצח, אָבער אויף דעם סוחרס הילף-רופן קומען צולויפן זיינע לאנדסלייט און באמיען זיך אים ארויסרייסן פון יענעמס לאפּעס. מאָנס טוט דאן א שאר אראָפּ די סחורות פון א ברעטער-פלאט, וואָס איז אן אייל די ברייט און אכט איילן די לענג און צוזאמענגעקלאפּט פון גראָ-בע ברעטער, און מיט דעם דאָזיקן כלי-זין פאָכעט ער אין אלע זייטן.

ער איז א שרעקלעכער מענטש, דער דאָזיקער מאָנס. דאָס האָט טאקע ער אמאָל אויפגעבראָכן א וואנט פון דער תפיסה אין פיליפּשטאַד, וואו ער איז געווען פארשפּארט. ווען

ס׳פאלט אים איין, קאָן ער ארויסהויבן פון וואס־ער א פישער שיף און זי אוועקטראָגן אויף זיינע אקסלען.

מען מעג אלזאָ גלויבן, אז ווען דער יאריד־עולם האָט דערזען, מיט וואָס פארא כלי־זין מאָנס נעמט זיך צו זיי, האָבן זיי נישט לאנג געקלערט און שנעל געמאכט פליטה, און טאקע די וועסטעריעטלענדער סוחרים אויך. אָבער דער ריז לויפט זיי נאָך, און קלאפט אויף אלע זייטן מיטן פלאט. פאר אים איז עס שוין איצט נישט קיין פראגע שונאים, צי פריינט. איצט, ווען ער האָט שוין באקומען עפעס א כלי אין דער האנט אריין, מוז ער עמיצן דערלאנגען דערמיט.

דער עולם אנטלויפט פאר אים אין פאנישער שרעק. מענער און פרויען שרייען געוואלט און לויפן ווי די משוגעים. אָבער ווי זאָלן נעבעך די פרויען קאָנען אנטלויפן, ווען ס׳רוב פון זיי פירן קינדער ביי דער האנט? דערצו שטייען נאָך די בודעס און פורלעך אין מיטן וועג. דער טומל ווערט נאָך גרעסער, בשעת די צעשראָקענע אָקסן און קי רייסן זיך אָפּ פון זייערע שטריק און הויבן זיך אָן ארומיאָגן איבערן יאריד־פלאץ, שטערנדיק די אנטלויפנדיקע צו קאָנען זיך ראטעווען.

אין א ווינקל צווישן די בודעס איז א מחנה פרויען געוואָרן ארייַנגעקוועטשט, און צו זיי לויפט־צו דער ריז. ס׳דאכט זיך אים, אז ער זעט א וועסטעריעטלענדער קרעמער צווישן דער מחנה. ער הויבט־אויף דעם פלאט און לאָזט אים אראָפּ אויף זייערע קעפּ. א פאראליזירנדיקע אימה כאפט ארום די פרויען, בשעת זיי קורטשען זיך איין, כדי אויסצומיידן דעם טויט־קלאפּ.

אָבער בעת דאָס ברעט פאלט מיט א גוואלטיקן אימפעט, ווערט דער קלאפּ איבערגעהאקט און אָפּגעשוואכט דורך די אויסגעשטרעקטע הענט פון א מאנסביל. דער דאָזיקער מאנס־ביל האָט זיך נישט איינגעקורטשעט, נאָר ער האָט זיך אויפ־געהויבן איבער דער פארציטערטער מחנה, און איינער אליין האָט ער פרייוויליק צוגענומען דעם קלאפּ, כדי דערמיט רא־

טעוועך די איבריקע מענטשן. די פרויען און קינדער האָט עס טאקע גאָרנישט געשאדט, ווייל דער מאנסביל האָט איבער־געבראָכן די קראפט פונם טויט־קלאפ. אָבער איצטער ליגט ער אליין פארהלשט אויף דער ערד.

דער שטארקער מאָנס הויבט שוין נישט מער אויף זיין ברעט צו פרישע קלעפ. ער האָט זיך געטראָפן מיטן בליק פונם דאָזיקן מאנסביל, בשעת דאָס ברעט איז אראָפּגעפאלן אויף זיין קאָפּ, און דער דאָזיקער בליק האָט אים ווי פארא־ליזירט. ער שטעלט נישט קיין ווידערשטאנד, בשעת מען בינדט אים און מען פירט אים אוועק.

בליץ־שנעל פארשפרייט זיך איבערן יאריד־פלאץ די ידיעה, אז דער שטארקער מאָנס האָט דערהרגעט דעם קאפי־טאן לענאַרט. מען זאָגט, אז דער דאָזיקער פאָלקס־פריינט האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך דעם טויט, כדי דערמיט צו ראטעווען פרויען און שוצלאָזע קינדער.

א פיינלעכע שטילקייט הערשט איצט אויף דעם ברייטן יאריד־פעלד, וואו דאָס לעבן האָט ערשט נאָר־וואָס געברויזט מיט זיין ווילדעסטן געלויף: דער מסחר שטעלט זיך אָפּ, די געשלעגן הערן־אויף, מען פארלאָזט די טישן פון די קרעטש־מעס, און די אקראָבאטן באמיען זיך אומזיסט צוצוציען ביי־געריקע.

דער פאָלקס־פריינט איז טויט, און דאָס פאָלק איז גע־וואָרן אן אָבל. אלע שטופן זיך שטילשווייגנדיק ארום דעם אָרט, וואו ער איז געפאלן. ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד, באוועגלאָז, מען זעט נישט קיין שום וואונד, נאָר דער קאָפּ אליין זעט־אויס ווי צוגעפלאטשט.

עטלעכע מאנסלייט הויבן אים פאָרזיכטיק אויף און לייגן אים אוועק אויף דעם ברעט, וואָס דער ריז האָט אוועקגע־וואָרפן. ס׳דאכט זיך זיי, אז ער לעבט נאָך.

— וואוהין זאָלן מיר אים אייגנטלעך אוועקטראָגן? האָבן זיך די מאנסלייט קעגנזייטיק געפרעגט.

— אהיים צו אים! האָט עמיצער פונם המון שארף אויסגערופן.

יאָ, יאָ, איר גוטע מענטשן, טראָגט אים טאקע אהיים! הייבט אים אויף אויף אייערע אקסלען און טראָגט אים אהיים! ער איז געווען א שפּילצייג אין גאָטס האנט, און ווי א פעדערל איז ער געטריבן געוואָרן דורך גאָטס אָטעם-הויך. טראָגט אים אהיים!

דער דאָזיקער פארוואונדעטער קאָפּ האָט שוין אמאָל גערוט אויף דער הארטער תפיסה-באנק, ווי אויך אויף א בינטל שטרוי אין שייער. ער מעג זיך שוין דעריבער אויסרוען אויף א ווייכן קישן! ער האָט אומשולדיק געליטן חרפּה און צער, ער איז ברוטאל פארטריבן געוואָרן פון זיין אייגענער שוועל. ער איז געווען א בלאָנדזשענדער היימלאָזער און געוואנדערט אין גאָטס דרכים, — וואו ער האָט זיי נאָר געקאָנט געפינען, אָבער דער ציל פון זיין בענקשאפט איז תמיד געווען די דאָזיקע היים, וואָס איר טיר האָט גאָט פאר אים פארמאכט. אפשר שטייט כאָטש איצט אָט די היים אָפן פאר דעם, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן, כדי דער-מיט אָפּצוראטעווען פרויען און שוצלאָזע קינדער פון א זיכערן טויט. יאָ, טראָגט אים אהיים!

איצט קומט ער שוין נישט צוריק אלס פארברעכער, געפירט אונטער די אָרעמס פון וואקלענדיקע שכורים: ער ווערט איצט באגלייט פון א גרויסן עולם אבלים, אין וועמענס הייזער ער האָט געוואוינט און וועמען ער האָט נישט איינ-מאָל געהאָלפן אין ביטערער נויט און יאוש. טראָגט אים איצט אהיים!

און זיי טוען טאקע אזוי. זעקס מאנסלייט הייבן-אויף דאָס ברעט, אויף וועלכן ער ליגט, און טראָגן אים אויף זיי-ערע אקסלען אוועק פונם יאריד-פּלאץ. אומעטום וואו זיי גייען פארביי, רוקן זיך די מענטשן אָפּ אָן א זייט און בלייבן שטיין שטיל: מאנסלייט נעמען אראָפּ די היטלען, פרויען פארנייגן זיך ווי אין קירך, בשעת גאָטס נאָמען ווערט דערמאָנט. א סך

פון זיי ווייגען און ווישן זיך די אויגן. אנדערע ווידער האָבן אָנגעהויבן דערציילן, סארא מענטש ער איז געווען, ווי גוט־הארציק, ווי פריילעך, תמיד גרייט א טובה צו טון און ווי גאָטספאָרכטיק!

סארא נחת דאָס איז צו זען, ווי שנעל א צווייטער רוקט שטיל אונטער זיין אקסל אונטערן ברעט, בשעת ער זעט, אז איינער פון די טרעגערס איז שוין מיד.

אָט קומט קאפיטאן לענאַרט פארביי דעם אָרט, וואו די קאוואלערן שטייען.

— איך מוז מיטגיין און צוזען, אז ער זאָל אהיימקומען ווי ס'דארף צו זיין! זאָגט בערענקרייץ און פארלאָזט זיין אָרט ביים שאָסיי־גרוב, כדי מיטצוגיין קיין העלגעסעטער. און זיין ביישפיל טוען נאָך פיל אנדערע.

דער יאריד־פלאץ ווערט מיט אמאָל כמעט ווי אינגאנצן פוסט, וואָרום אלע מענטשן באגלייטן דעם קאפיטאן לענארט אויף זיין וועג אהיים קיין העלגעסעטער. קיינער קימערט זיך נישט מער וועגן די נויטיקע איינקויפן, וואָס מען האָט געזאָלט מאכן, מען פארגעסט אָן די מתנות, וואָס מען האָט געזאָלט קויפן פאר די קינדערסוועגן, דאָס מסחר וועגן דעם געבעט־ביכל פארן מיידלסוועגן ווערט נישט אָפגעשלאָסן, דאָס זיידענע שטערן־טיכל, וואָס האָט דער יונגער פויערטע גע־בלישטשעט אין די אויגן, בלייבט ליגן אין קראָם. אלע מוזן מיטגיין און צוזען, אז קאפיטאן לענאַרט זאָל קומען אהיים.

בשעת דער טרויער־צוג קומט־אָן קיין העלגעסעטער, איז דאָרט אלץ שטיל און פוסט. און ווידער קלאפט דער פולקאָוו־ניק מיט זיינע פויסטן אין דער פארמאכטער ארייננגאנגס־טיר.

אלע פאראָבקעס און דינסטמיידלעך זענען אוועק צום יאריד. די קאפיטאנין איז איינע אליין געבליבן אין דער היים, כדי אָפצוהיטן איר הויז. אויך דאָס מאָל עפנט זי אליין די טיר.

זי פרעגט ווידער, ווי זי האָט אנימעלסטן געפרעגט:
וואָס ווילט איר?

דערויף ענטפערט איר דער פּולקאָווניק, ווי ער האָט איר דעמאָלסט געענטפערט:

— מיר קומען דאָ מיט דיין מאַן!

זי טוט אויף אים א קוק, ווי ער שטייט דאָרט שטייף און זיכער, ווי תּמיד. זי ווארפט א בליק אויף די טרעגערס, וועלכע שטייען הינטער אים און וויינען, און אויף דעם גאנצן עולם. זי שטייט אויף די שטיגן צו איר הויז און קוקט אין הונדערטער פארוויינטע אויגן, וואָס באטראכטן זי מיט פּחד. לסוף טוט זי אויך א קוק אויף דעם מאנסביל, וועלכער ליגט אויסגעצויגן אויפן ברעט. אָבער דאן דריקט זי איר האנט צום הארצן און מורמלט שטיל:

— דאָס איז זיין ריכטיקער פּנים!

נישט פרעגנדיק שוין מער קיין וואָרט, בייגט זי זיך איין און ריגלט־אויף די טיר, וואָס אין פאָדערהייזל, פּראלט זי ווייט אויף און פירט אריין דעם צוג אין שלאָף־שטוב.

דער פּולקאָווניק העלפט דער קאפּיטאנין ארויסצורוקן דאָס ברייטע טאָפּלבעט און אויפצוקלאפּן דאָס בעטגעוואנט, נאָכדעם ווערט דער קאפּיטאן לענאַרט אוועקגעלייגט אויף ווייכע, פריש־איבערגעצויגענע קישנס.

— לעבט ער נאָך? פרעגט זי.

— יאָ, ענטפערט דער פּולקאָווניק.

— צי איז נאָך פאראן א האָפנונג?

— ניין, ס'איז שוין גאָרנישטאָ וואָס צו טון.

א ווײַלע שווייגן זיי ביידע, דערנאָך פרעגט זי:

— צי וויינען זיי דאָס נאָך אים, די אלע מענטשן דאָ?

— יאָ!

— וואָס האָט ער דען געטון פאר זיי?

— דאָס לעצטע וואָס ער האָט געטון, איז געווען צו לאָזן זיך דערהרגענען פונם שטארקן מאַנס, כדי דערמיט צו ראטעווען פרויען און שוצלאָזע קינדער פון טויט.

ווידער זיצט זי א ווײַלע שטיל און טראכט.

— הער פּולקאָווניק, וואָס פארא פּנים האָט ער געהאט,

בשעת ער איז מיט צוויי חדשים צוריק אהיימגעקומען פון תפיסה?

דער פּאָלקאָווניק ווערט פאַרציטערט. איצט פאַרשטייט ער שוין דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג.

— יעסטאַ האָט אים אַזוי אויסגעשמירט!

— האָב איך, הייסט עס, צוליב אַ קאַוואַלערישן שפּאַס פאַרשלאָסן פאַר אים די טיר פון זיין היים. ווי ווערט איר זיך דערפאַר קאָנען פאַרענטפערן פאַר גאָט, הער פּאָלקאָווניק?

בערענקרייץ הייבט מיט די ברייטע אַקסלען:

— איך האָב מיך פאַר אַ סך זאַכן צו פאַרענטפערן.

— איך מיין אָבער, אַז דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס איר האָט געטון!

— דערפאַר טאַקע איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אַ שטיקל ווערג געוועזן אַזוי שווער, ווי דאָס היינטיקע גיין קיין העלגע-סעטער. איבריקנס, זענען פאַראַן נאָך צוויי מענטשן, וועלכע זענען שולדיק דערין.

— וועמען מיינט איר?

— סינטראַם איז איינער, און דער צווייטער שולדיקער זענט איר אַליין, פרוי קאַפּיטאַנין. איר זענט אַ צו שטרענגע פרוי. איך ווייס, אַז נישט איינער האָט שוין מיט אייך געוואָלט רעדן וועגן אייער מאַן.

— ס׳איז אמת, ענטפערט זי.

דערנאָך בעט זי אים, אַז ער זאָל איר דערציילן וועגן דער הוליאַנקע אין בּרובּי.

ער דערציילט איר אַלצדינג, וואָס ער קאָן זיך נאָר דערמאָנען, און זי הערט זיך צו שטילשווייגנדיק. דער קאַפּי-טאַן לענאַרט ליגט נאָך אַלץ פאַרחלשט אויפן בעט. די שטוב איז אָנגעפּאַקט מיט וויינענדיקע מענטשן; קיינער האָט נישט אין זינען אַרויסצוּבעטן דעם דאָזיקן פאַרטרויערטן עולם. אַלע טירן זענען אָפן, אַלע שטובן, שטיגן און פּאָדערהייזלעך זענען אָנגעפּאַקט מיט שטילשווייגנדיקע, איבערגעשראָקענע מענטשן. ביז ווייט אויפן הויף אַרויס שטייען זיי אין געדיכטע מאַסן.

ווען דער פּוּלקאָווניק האָט געענדיקט דערציילן, רופט זיך אָן די קאַפּיטאַנין צום עולם:

— אויב דאָ געפינען זיך אויך די קאַוואַלערן פון עקע-בי, בעט איך, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן מיין הויז. ס׳איז פאַר מיר צו שווער, איך זאָל נאָך קאָנען פאַרטראָגן זייער אָנוועזנ-הייט, בשעת איך זיך דאָ ביי מיין מאַנס גסיסה-בעט.

נישט אויסערגעוויינטלעך קיין וואָרט, הייבט זיך דער פּוּלקאָוו-ניק אויף פון אָרט און גייט אַרויס, דאָס זעלבע טוט אויך יעסטאַ בערלינג, און נאָך עטלעכע קאַוואַלערן, וועלכע האָבן באַגלייט דעם קאַפּיטאַן לענאַרט. די מענטשן רוקן זיך אָפּ שנעל אָן א זייט און לאָזן אדורך דאָס הייפל פאַרשעמטע מאַנסלייט.

נאָך זייער אַוועקגיין ווענדעט זיך די קאַפּיטאַנין צום עולם:

— צי וויל עמיצער פון אייך, וועלכער האָט זיך די לעצטע צייט צוזאַמענגעטראָפן מיט מיין מאַן, מ׳ר דערציילן, וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט געטון?

איצט האָט איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם קאַפּיטאַן לענאַרט. זיי האָבן דאָס אַלץ דערציילט פאַר זיין ווייב, וועלכע האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף אים און איר שטרענגקייט פאַרשטיינערט איר האַרץ פאַר אים. איצט קלינגט ווידער די שפּראַך פון אַלטע שבחים. דאָ רעדן מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געליינט קיין אַנדער בוך ווי נאָר די ביבל. זיי באַנוצן זיך דעריבער מיט דער בילדער-שפּראַך פון איוב און מיט פּסוקים פון די אבות רומען זיי די מעשים פון גאָטס שלוח, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן און זיי געהאָלפן אין נויט.

ס׳געדויערט זייער לאַנג, איידער זיי ענדיקן רעדן. דער בין-השמשות רוקט-אָן, די נאַכט פאַלט-צו, און זיי האָבן נאָך אַלץ עפּעס צו דערציילן וועגן קאַפּיטאַן לענאַרטן. איינער נאָכן אַנדערן טרעטן זיי אַרויס פאַר זיין ווייב, וועלכע האָט פריער נישט געוואָלט הערן פון איר מאַנס נאָמען.

צווישן זיי זענען פאראן אייניקע, וועלכע קאָנען דער־ציילן, ווי אזוי קאפיטאן לענאַרט האָט זיי געפונען אויפן קראנקן־בעט און זיי אויסגעהיילט פון זייערע יסורים. ווילדע אוואנטורניקעס זענען זיך דאָרט מודה, אז דאָס האָט ער זיי געבראכט צו זעלבסטבאהערשונג. דאָרט זענען פאראן שכורים, וועלכע ער האָט געצוואונגען צו ניכטערקייט, און געפאלענע, וועלכע ער האָט אומגעקערט צו אן ערלעך לעבן. יעדער איינציקער, ווען ר׳האָט זיך געפונען אין גרויסער נויט, האָט געשיקט רופן גאָטס שלוח, — און דער האָט שוין תמיד גע־וואוסט ווי אזוי צו העלפן: אלנפאלס, איז ער בכוח געווען אויפצוּוועקן פרישע האָפנונג און מוט.

א גאנצן אָוונט קלינגט די שפראך פון שבחים אין דער שטוב, וואו דער שטארבנדיקער ליגט.

אויפן הויף שטייען מחנות מענטשן און ווארטן אויפן סוף. זיי ווייסן, וואָס דאָרט אינעווייניק קומט פאָר. וואָרום דאָס, וואָס ווערט אויף א קול געזאָגט ביים בעט פונעם גוסס, ווערט דערנאָך געשושקעט פון איינעם צום צווייטן. ווער עס האָט נאָר עפּעס צו זאָגן, שטופּט זיך פאמעלעך פאָראויס.

— דאָ איז נאָך איינער, וועלכער האָט עפּעס צו דער־ציילן! זאָגט מען און מען לאָזט אים אדורך. יענער טרעט אפּער פון דער פינסטערניש, גיט־אָפּ זיין עדות־זאָגן און פאר־זינקט צוריק אין שאָטן.

— וואָס זאָגט זי איצט? פרעגן די וואָס שטייען אין דרויסן, בשעת עמיצער קומט ארויס פון הויז, וואָס זאָגט איצט די שטרענגע באלעבאָסטע פון העלגעסטעטער?

— זי שטראלט ווי א קייזערין, זי שמייכלט ווי א יונ־גע כלה. זי האָט צוגערוקט זיין פאָטעל צום בעט און אוועק־געלייגט דערויף זיינע מלבושים, וואָס זי האָט מיט אירע איי־גענע הענט אויפגענייט פאר אים.

פלוצלינג ווערט שטיל צווישן דעם גרויסן עולם. קיינער רעדט דאָס נישט ארויס, נאָר אלע ווייסן דאָס אויף איינמאָל:

— ער שטארבט!

קאפיטאן לענאַרט עפנט־אויף זיינע אויגן, און דאָס וואָס ער זעט איז פאר אים געננוג. ער זעט זיין היים, זיין ווייב, זיינע קינדער, די מלבושים, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאר אים און ער שמייכלט דערביי. זיין באוואוסטזיין האָט ער אָבער צוריקבאקומען בלויז אויף א ווײַלע, כדי באלד דערנאָך צו שטארבן. ער אָטעמט־אָפּ מיט א כאָרכל און לאָזט ארויס די נשמה.

ערשט דאן ווערן די דערציילערס אנטשוויגן. עמיצער פונם המון הייבט־אָן צו זינגען א קאפיטל תהילים. אלע העלפן אים באלד צו, און געטראָגן פון הונדערטער שטארקע קולות, שטייגט דאָס טרויער־ליד ארויף צו די הימלען.

דאָס איז דער אָפּשיד־גרוס פון דער ערד צו דער אוועקפליענדער נשמה פון גאָטס שליח.

37.

דאָס וואַלד-הײַזל

דאָס איז נאָך געווען לאַנג לאַנג, אײדער די קאוואַלערן האָבן געפירט די באַלעבאַטישקײט אין עקעבי.

א קלײן פאסטוכל און א קלײנע פאסטוכין האָבן זיך צוזאמען געשפילט אין וואַלד, געבויט הײַזעלעך פון פלאטשיקע שטײנדלעך, געקליבן יאַגדעס און געמאַכט פײפעלעך. זײ זענען בײדע געבוירן געוואָרן אין וואַלד, און דער וואַלד איז אויך איצט געווען זײער הײם און זײער מלוכה. זײ האָבן געלעבט בשלום מיט די תושבים פון וואַלד, א שטײגער ווי מען לעבט בשלום מיט הויז-דינערשאַפט און מיט שטוב-חיות.

די ווילד-קאַץ און דעם פוקס האָבן זײ פאַרעכנט צו זײערע הויף-הינט, דער ווײַזל איז געווען זײער שטוב-קאַץ, דער האָז און דער וועוורעק זענען געווען זײערע שפּיל-חברים, דער בער און דער הירש האָבן געהערט צו זײערע בהמות, סאָוועס און אויער-הענער האָבן זײ געהאַלטן אין שטײגן. די סאָסנעס זענען געווען זײערע באַדינער, און די יונגע בזשאָזעלעך זענען תמיד אײַנגעלאַדן געוואָרן צו זײערע שמחות. די דאָזיקע קינדער האָבן געוואוסט, וואו די ווידרעס ליגן אײַנגעקורטשעט אין זײערע נאָרעס און שלאָפן איבערן ווינטער, און זומערצײַט, בשעתן באָדן זיך, האָבן זײ געזען, ווי

ריזיקע יאשטשערקעס שווימען ארום אינם וואסער. אָבער די צוויי קינדער האָבן נישט קיין מורא געהאט פאר קיין שום זאך, נישט פאר שלאנג און נישט פארן וואלד־רוח, — ווייל דאָס אלץ האָט דאָך געהערט צום וואלד, צו זייער היים. דאָרט האָט זיי קיין שום זאך נישט געקאָנט איבערשרעקן.

דאָס הייזל, וואו דאָס יונגל האָט געוואוינט, איז גע־לעגן טיף אין וואלד. אהין האָט געפירט א בארגיקע וואלד־סטעזשקע. ארום און זענען געשטאנען הויכע בערג, וואָס האָבן פארשטעלט די זונען־שיין, טיפע זומפן זענען גע־לעגן אין דער נאָענט, און א גאנץ קיילעכיק יאָר האָט זיך פון זיי געטראָגן אן אייז־קאלטער נעפל. א תושב פונם פלאך־לאנד וואָלט, אסור, נישט געוואָלט וואוינען אין אזא מין געגנט.

יאָרן זענען געגאנגען. דער פאסטוך און די פאַסטוכין האָבן באשלאָסן חתונה צו האָבן, וואוינען צוזאמען אינם וואלד־הייזל און לעבן פון אייגענער מי. אבער איידער דאָס האָט געקאָנט געשעען, איז אויסגעבראָכן א מלחמה, און דער יונגער בחור איז אוועק פאר א זעלנער.

ער איז אפילו אהיימגעקומען אָן א שום וואונד אָדער קערפערלעכן פעלער, נאָר די מלחמה־יאָרן האָבן פאַרט אוועק־געלייגט זייער שטעמפל אויף זיין גאנץ לעבן. צופיל רשעות האָט ער געזען אין דער וועלט, און צופיל אכזריותדיקייט פון מענטש צו מענטש. ער איז שוין דערנאָך נישט פעאיק געווען צו זען דאָס גוטע אין מענטשן.

תחילת האָט קיינער נישט באמערקט אין אים די פאר־ענדערונג. מיט דער געליבטער פון זיין יוגנט איז ער אוועק צום גלח און חתונה געהאט.

דאָס וואלד־הייזל, אויף צפון פון עקעבי, איז טאקע געוואָרן זייער היים, אזוי ווי זיי האָבן אמאָל נאָך געהאט אָפּגעשמועסט צווישן זיך. אָבער קיין גליק האָט פאַרט נישט באגלייט דאָס יונגע פאָרל אין זייער נייער היים.

דאָס יונגע ווייבל האָט געקוקט אויף איר מאן, ווי אויף א פרעמדן מענטשן. זינט ער איז צוריקגעקומען פון דער

מלחמה, האָט זי אים פשוט נישט געקאָנט דערקענען. זיין געלעכטער איז געווען א הארטער, א גרילצנדיקער, און ער האָט זייער ווינציק גערעדט; זי האָט ווירקלעך מורא געהאט פאר אים.

ער האָט קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס און תמיד שווער געהאָרעוועט. אָבער מען האָט אים פאָרט נישט ליב געהאט, ווייל ער האָט יעדן מענטשן חושד געווען אין שלעכטס. ער אליין האָט זיך געפילט ווי א געהאסטער פרעמדער. איצט זענען פאר אים די חיות פון וואלד געווען שונאים, און דער בארג, וואָס האָט אים פארשטעלט די זון, ווי אויך דער זומפּ, וואָס האָט פון זיך אויסגעדעמפט דעם נעפּל, האָבן אים פארביטערט דאָס לעבן. דער וואלד איז א שרעקלעך אָרט פאר דעם, וואָס טראָגט זיך ארום מיט בייזע מחשבות!

דער, וואָס וויל וואוינען אין דער וויסטעניש, מוז זיך פארזאָרגן מיט ליכטיקע געדאנקען. אויב נישט, זעט ער בלויז רציחה און אונטערדריקונג צווישן די פלאנצן און חיות, פונקט ווי ער האָט עס פריער געזען צווישן מענטשן. און אזא איינער ריכט זיך בלויז אויף שלעכטס פון אלץ, מיט וואָס ער באגעגנט זיך.

יאַן העיק, דער אויסגעדינטער זעלנער, האָט אליין נישט געוואוסט, וואָס אים פעלט, אָבער ער האָט געזען, אז קיין שום זאך גייט אים נישט מזלדיק, און אין זיין היים האָט נישט געהערשט קיין שלום-בית. זיינע זין, וועלכע זענען דאָרט אויפגעוואקסן, זענען געוואָרן שטארקע, אָבער ווילדע מאנסלייט, פארהארטעוועטע אינם קאמף מיט דער ארומיקער נאטור; און אויך זיי האָבן נישט געלעבט בשלום מיט קיינעמען.

נישט קאָנענדיק פארטראָגן דעם ווייטאָק צוליב דעם צעשטערטן גליק, האָט זיך יאַן העיקס ווייב גענומען אויספאָרשן די סודות פון דער וויסטעניש, און אויסגעזוכט פאשידענע רפואה-קרייטעכצער, וואָס וואקסן ביי די זומפּן און טיף אין וואלד. זי האָט זיך ארייננגעטראכט אין דעם מהות

פון די אונטערערדישע וועזנס און פארשטאנען, וואָס פארא קרבנות ס׳געפעלט זיי. זי האָט געקאָנט היילן קראנקע, און געוואוסט צו געבן אן עצה קעגן נישט-באפרידיקטער ליבע. דעריבער האָט מען זי געהאלטן פאר א מכשפה און זי אויס-געמיטן, הגם זי האָט די מענטשן פיל נוצן געברענגט.

איינמאָל האָט זי זיך לסוף אנטשלאָסן צו רעדן אָפן מיט איר מאן וועגן זיין אומעטיקייט:

— זינט דו ביזט אוועק אויף דער מלחמה, ביזטו עפעס ווי פארטוישט געוואָרן, — וואָס האָט מען מיט דיר דאָרט געטון?

דערהערנדיק דאָס, איז ער צוגעשפרונגען צו איר און זי שיער נישט צעשלאָגן; דאָס זעלבע פלעגט אלעמאָל גע-שעען, ווי נאָר זי האָט געפרווט רעדן וועגן דער מלחמה. ער פלעגט דאן ווי משוגע ווערן פון כעס. קיינער האָט אין זיין אָנוועזנהייט נישט געטאָרט דערמאָנען דאָס וואָרט „מלחמה". באלד איז דאָס אומעטום באוואוסט געוואָרן, און וואו ר׳איז נאָר געקומען, האָט מען אויסגעמיטן צו רעדן דערפון.

קיינער פון זיינע חברים אויף דער מלחמה האָט אָבער נישט געקאָנט זאָגן, אז ער זאָל דאָרט האָבן מער שלעכטס געטון, ווי אלע אנדערע. ער האָט געקעמפט ווי א גוטער זעלנער. אָבער דאָס איז געווען דער רעזולטאט פון די אלע שרעקלעכע זאכן, וואָס ער האָט צוגעזעען אויף דער מלחמה, און וואָס האָבן אים געצוואונגען אומעטום צו זען בלויז רשעות. ער האָט געטראכט, אז די גאנצע נאטור האָסט אים דערפאר, וואָס ער האָט גענומען אָנטייל אין אזעלכע אכזריותדיקע מעשים ווי ס׳קומען-פאָר אויף א מלחמה. אנדערע וועלכע האָבן פארשטאנען מער פון אים, האָבן זיך כאָטש גע-קאָנט טרייסטן מיטן געדאנק, אז זיי האָבן געקעמפט פארן פאָטערלאנד און פאר זייער אייגענעם כבוד. אָבער וואָס האָט ער דען געוואוסט פון אזעלכע זאכן? ניין, ער האָט בלויז גע-פילט, אז אלצדינג האָט אים געהאסט, דערפאר ווייל ער האָט פארגאָסן בלוט און געבראכט שאָדן אויף דער וועלט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס די מאיאָרין איז פארטריבן

געוואָרן פון עקעבי, האָט ער איינער אליין געוואוינט אין זיין וואלד-הייזל. זיין ווייב איז געשטאָרבן, און די זין זענען אוועק אין דער וועלט אריין. אָבער בעת די יארידן איז דאָס וואלד-הייזל תמיד פול געוואָרן מיט געסט: די שווארצע ציגיינער פלעגן פארפאָרן צו אים, ווייל זיי פילן זיך צום בעסטן גראָד ביי דעם, וועמען ס׳רוב מענטשן מיידן-אויס. קליינע, האָריקע פערדלעך פלעגן דאן קלעטערן בארג-ארויף איבער דעם וואלד-וועג, שלעפנדיק פורלעך, וואָס זענען געווען פול אָנגעלאָדן מיט קופערנע ראָנדלעס און כלים צום ווייסן, ווי אויך מיט קינדער און מיט שמאטעס. הינטער די פורלעך זענען נאָכגעגאנגען פריצייטיק געעלטערטע פרויען, מיט אָנגעדראָלענע פנימער פון שיכורן און רויכערן, און אויך מאנסלייט מיט שארפע געזיכטס-שטריכן און מוסקולענע גופים. ווען די דאָזיקע באנדע שלעפערס איז אָנגעקומען צום וואלד-הייזל, איז דאָרט געוואָרן לעבעדיק און לוסטיק. זיי האָבן מיטגעברענגט בראָנפן און קאָרטן, זיי האָבן געלאכט און געשטיפט, דערציילט מעשיות וועגן בלוטיקע געשלעגן, וועגן פערד-גנבות און געלונגענע שווינדלערייען.

פרייטאָג, דעם ערשטן טאָג פון יאריד אין ברובי, איז דער קאפיטאן לענאַרט געהרגעט געוואָרן דורך דעם בעל-כוח מאָנס. דער דאָזיקער מאָנס איז געווען יאַן העיקס זון. און אין דעם זונטאָג-פארנאכט דערנאָך האָבן אים דעריבער די ציגיינער, וועלכע זענען געווען פארזאַמלט אין זיין הייזל, עפּטערס ווי תמיד מכבד געווען מיטן פלעשל בראָנפן און אים דערציילט וועגן דעם לעבן אין תפיסה, וועגן דעם עסן, וואָס די ארעסטאנטן באקומען דאָרט, און ווי אזוי ס׳גייט-צו בשעת מען ווערט פארהערט דורכן אויספאָרשונגס-ריכטער. אין די אלע זאכן זענען זיי געווען אלטע מומחים.

דער זקן יאַן העיק איז בשעת מעשה געזעסן אויף א קלעצל אין ווינקל ביים אויוון און נישט קיין סך זיך אָנגערופן. ער האָט בלויז געקוקט מיט זיינע גרויסע, מאטע אויגן אויף דער ווילדע באנדע, וואָס האָט אָנגעפילט זיין שטיבע-

לע. דער בין-השמשות האָט זיך שוין אָנגערוקט, אָבער דאָס פייער אין קאמין האָט העל באלויכטן די אלע שמאטעס, דעם ביטערן עלנט און נויט, וואָס איז דאָרט געווען פארזאמלט.

אין מיטן דערין האָט זיך שטיל אויפגעעפנט די טיר, און צוויי פרויען זענען אריינגעקומען. דאָס איז געווען די יונגע גרעפין עליזאַבעט, באגלייט דורך דעם ברוביער גלחס טאָכטער, אַננא-ליזאַ. דער אלטער מאן האָט זיך שטארק פאר-חידושט, דערזעענדיק אין שיין פונם קאמין-פייער די דאָזיקע ליבענסווירדיקע געשטאלט, וועלכע האָט געשטראלט אין איר צארטער שיינקייט. זי האָט דערציילט פאר די פארזאמלטע, אז מען האָט יעסטאַ בערלינגן נישט געזעען אין עקעבי, זיינט קאפיטאן לענארט איז געשטאָרבן. זי און איר דינערין האָבן אים דעם גאנצן נאָכמיטאָג ארומגעזוכט אין וואלד. איצט האָט זי דערזעען, אז דאָ געפינען זיך מענטשן, וועלכע האָבן שוין זייער פיל געוואנדערט און זענען באהאווונט מיט די סטעזשקעס אין טיפן וואלד, — צי האָט עמיצער פון זיי נישט געזעען יעסטאַן? זי איז דאָ אריינגעגאנגען, כדי צו פרעגן וועגן דעם און זיך אביסל אָפצורוען.

אומזיסט איז געווען איר פרעגן. קיינער האָט יעסטאַן נישט געזעען.

זיי האָבן איר צוגערוקט א בענקל צום קאמין; זי האָט זיך שווער אוועקגעזעצט און א ווײַלע געשוויגן. דער פריערדי-קער רעש אינם שטיבעלע האָט אויפגעהערט און אלע האָבן פארחידושט באטראכט די גרעפין. פילנדיק זיך אומהיימלעך פון דער דאָזיקער שטילקייט, האָט זי געזוכט עפּעס א גלייכ-גילטיקע טעמע צו א שמועס.

זי האָט זיך געווענדעט צום אלטן יאַן:

— אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענט איר דאכט זיך געווען א זעלנער, פּאָטערל, דערציילט-זשע עפּעס פון דער מלחמה!

די שטילקייט איז געוואָרן נאָך מער דרוקנדיק. דער אלטער האָט זיך געמאכט נישט הערנדיק.

— איך וואָלט גערן געוואָלט הערן דערציילן וועגן מלחמה פון איינעם, וועלכער האָט דאָס אַלץ אַליין בייגע-וואוינט... האָט די גרעפין ווייטער גערעדט, אָבער אין מיטן זיידין האָט זי איבערגעריסן, אויפן וואונק מיטן קאָפּ, וואָס איר באַגלייטערין האָט איר געגעבן. מסתמא האָט זי געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך נישט געפּאַסט אין דער דאָזיקער סביבה. און פּלוצלינג האָט זיך איינע פון די אַלטע ציגיינע-רינס שאַרף אָנגערופן:

— מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט אַמאָל געווען די גרעפין פון באָרג?

— יאָ, דאָס בין איך.

— אויב אַזוי, פאַרשטיי איך נישט, ווי געשיקט זיך עס עפּעס, אַז איר זאָלט אַרומלויפן נאָכן משוגענעם גלח... טפו, אַזאַ מין טויש צו מאַכן!

די גרעפין האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, געדאַנקט פאַרן אָפּרוּ און געזאָגט אַ גוטע נאַכט. אָבער די ציגיינערין, וועלכע האָט זיך געווענדעט צו איר, איז איר נאָכגעגאַנגען פון שטוב אַרויס.

— פאַרשטייט איר, פרוי גרעפין, האָט זי זיך גענומען אַנטשולדיקן, איך האָב געמוזט עפּעס זאָגן, וואָרום דער אַלטער יאַן ווערט שטאַרק אויפגעבראַכט, בשעת מען דערמאָנט דאָס וואָרט „מלחמה״. ער קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן. איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שום שלעכטס.

די גרעפין איז שנעל געגאַנגען ווייטער, אָבער זי איז באַלד ווידער געבליבן שטיין. זי האָט אַ קוק-געטון אויף דעם דראָענדיקן פינסטערן וואַלד, און אויף דעם הויכן באַרג, וואָס וואַרפט זיין שאָטן ווייט און ברייט, און אויף דעם דעמפנדיקן זומפּ. אַך ווי שרעקלעך דאָס מוז זיין פאַר דעם, וואָס זיין נשמה איז פול מיט וויסטע זכרונות, צו וואוינען אין אַזאַ אָרט! זי האָט פּלוצלינג רחמנות געקראָגן אויף דעם אַלטן יאַן, וועלכער איז דאָרט נעבעך איינער אַליין געזעסן אין זיין וואַלד-הייזל, און ווען ער האָט שוין יאָ אַמאָל באַקומען גע-

זעלשאפט, זענען דאָס תּמיד געווען די שווארצע יאריד־גנבים, די ציגיינער.

— אַננאַ־ליזאַ! האָט זי געזאָגט צו איר באגלייטערין, לאָמיר זיך צוריק אומקערן! מען האָט אונז אזוי גוט אויפ־גענומען אין דעם דאָזיקן הייזל, נאָר איך האָב זיך דאָרט שלעכט אויפגעפירט. איך וויל שמועסן מיטן אַלטן יאַן וועגן פריילעכערע זאכן, ווי וועגן מלחמה.

זי האָט זיך דערפילט גליקלעך, ביים געדאנק אז זי וועט דאָ עמיצן קאָנען טרייסטן אין זיין צער. זי איז ווי־דער אריין אין הייזל.

— די זאך איז אזוי, האָט זי געזאָגט, איך בין זיכער, אז יעסטאַ בערלינג גייט דאָ ערגעץ ארום אין וואלד און האָט בדעה זיך צו נעמען דאָס לעבן. ס'איז דעריבער זייער וויכטיק, אז מען זאָל אים באצייטנס קאָנען כאפּן און אים נישט לאָזן אויספירן זיין פּלאַן. מיר און אַננאַ־ליזאַן איז בעת אונזער זוכן שוין עטלעכע מאָל פאָרגעקומען, ווי מיר וואָלטן אים געזעען אין וואלד, אָבער פּלוצלינג איז ער אונז ווידער פארשוואונדן געוואָרן פון די אויגן. ער האלט זיך אויף אין שכנות פון דעם בארג, פון וועלכן דאָס ניגאָרדער מיידל איז אראָפּגעפאלן, און אזוי ווי דאָס איז נישט ווייט פון דאנען, איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, אז איך דארף נישט גיין אזש קיין עקעבי, כדי צו שאפן הילף. דאָ זיצן דאָך פלינקע מאנסלייט, וועלכע וואָלטן אים גאנץ לייכט געקאָנט כאפן! — — —

— געגאנגענע זאָל ווערן, חברה־לייט! האָט די אַלטע ציגיינערין אויסגערופן. ווען די פרוי גרעפין טוט אייך דעם חסד און בעט ביי אייך א טובה, דארפט איר דאָס גלייך דערפילן!

די מאנסלייט האָבן זיך תּיכף אויפגעהויבן פון אָרט און זענען ארויס זוכן אין וואלד.

דער אַלטער יאַן העיק איז די גאנצע צייט שטיל געזעסן אויף זיין קלעצל און שטאר געקוקט אין פייער אריין מיט זיינע פארבלאָזע בליקן. אך, ווי שרעקלעך אומעטיק און

הארט פארשלאָסן אין זיך ער איז דאָרט געזעסן ביים קאמין. די יונגע פרוי האָט נישט געקאָנט געפונען קיין וואָרט אים צו זאָגן.

פלוצלינג האָט זי אָבער דערזען, אז א קראנק קינד איז געלעגן אויף א בינטל שטרוי, און דערנאָך האָט זי באַמערקט, אז איינער פון די פרויען האָט ווי־געטון א האנט. זי האָט תיכף גענומען ארומזען די קראנקע, און גאָר גיך איז זי געוואָרן באפריינדעט מיט די ציגיינערינס, וועלכע האָבן אין זיך געהאט ניין מאָס רייד און איר באלד גענומען דערציילן פארשידענע מעשיות. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט ווייזן די זויג־קינדערלעך, וועלכע זענען געלעגן איינגעוויקלטע אין שמאטעס.

אן ערך אין א שעה ארום זענען די מאנסלייט צוריקגעקומען און אריינגעטראָגן יעסטאַן א געבונדענעם אין שטריקעלע. זיי האָבן אים אוועקגעלייגט אויף דער פאָדלאָגע, נעבן קאמין. זיינע מלבושים זענען געווען צעריסן און שמוציק, דאָס פנים בלאס און אָפּגעצערט, די אויגן האָבן ווילד געבלינצלט די לעצטע פאָר טעג האָט ער געפירט א שרעקלעך לעבן: ער איז געשלאָפן אויף דער נאסער ערד און אין זיין גרענצלאָזער פארצווייפלונג האָט ער איינגעגראָבן דאָס פנים און די הענט אין זומפיקן באָדן, געקלעטערט איבער הויכע פעלזנבערג און זיך אדורכגעריסן דורך געדיכטע קוסטעס. פון שעה צו שעה האָט ער אלץ פארביטערטער געקעמפט מיט זיין פארלאנג צו לעבן. לסוף האָט ער זיך איבערצייגט, אז ס׳איז נישט אזוי גרינג צו נעמען אויף זיך דעם טויט, אָבער דאָך איז ער פרייוויליק נישט מיטגעגאנגען מיט די שווארצהאָריקע מאנסלייט: זיי האָבן אים צוערשט געמוזט גובר זיין און בינדן.

בשעת זיין ווייב האָט אים דערזען אין אזא קלאָגעדיקן מעמד, איז זי געוואָרן זייער אויפגעבראכט. זי האָט נישט באפרייט זיינע געבונדענע אברים פון די פענטעס, נאָר גע־

לאָזט אים ליגן אויף דער פּאָדלאָגע און מיט טיפער פאַר־אכטונג זיך אָפּגעקערט פון אים.

— שיין זעסטו אויס! האָט זי נאָך א לאנגער ווײַלע געזאָגט.

— איך האָב שוין מער נישט בדעה געהאט צו קומען דיר פאַר די אויגן, האָט ער געענטפערט.

— צי בין איך דען נישט דיין ווייב? צי האָב איך נישט קיין רעכט צו דערוואַרטן, אַז דו זאָלסט קומען צו מיר מיט דיין עגמת־נפש? איך בין אין די צוויי טעג אַרומגעגאַנגען מיט ביטערן צער און געוואַרט אויף דיין אהיימקומען!

— איך בין דאָך געוועזן דער שולדיקער אין קאַפּיטאַן לענאַרטס אומגליק, טאָ ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט ווייזן פאַר דיינע אויגן?

— מורא צו האָבן איז קיינמאָל נישט געווען דיין טבע, יעסטאַ!

— הער, עליזאַבעט, איך ווייס נישט פאַר ועמען דו האלסט מיך! איך ווייס אויך נישט, וואָס פאַרא פּלענער דו האָסט פאַר דיין צוקונפט. נאָר איין זאַך ווייס איך אויף זיכער: אַז די איינציקע טובה וואָס איך קאָן דיר נאָך טון איז, כ׳זאָל דיך באפרייען פון מיר!

אַן אומבאַשרייבלעך פאַראַכטפולער בליק האָט אויף אים א בליק־אַראָפּ געטון פון אונטער אירע צוזאַמענגעצויגענע ברעמען.

— דו האָסט מיך, הייסט עס, געוואָלט מאַכן פאַר אַן אלמנה נאָך א זעלבסטמערדער! א דאַנק דיר פאַר דעם נחת!

זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטיק.

— עליזאַבעט! האָט ער געזאָגט, לאָמיר אַרויסגיין אין וואַלד און זיך אָפּרעדן פון האַרצן איינער פאַרן אַנדערן!

— פאַרוואָס זאָלן די מענטשן דאָ נישט קאָנען הערן, וועגן וואָס מיר רעדן? האָט זי אויסגערופן הויך, אויפן קול. צי זענען מיר דען בעסער פון זיי? צי האָט דען נאָך עמי־צער פון זיי אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַזוי פיל צער

און שאָדן, ווי מיר? זיי זענען די קינדער פונם וואלד און שליאך, אלע האסן זיי. טאָ זאָלן זיי טאקע הערן, ווי זינד און חרפה קאָנען זיך אויך קלעפּן צום מעכטיקן באלעבאָס פון עקעבי, צו דעם פון אלעמען געליבטן יעסטאַ בערלינג! צי מיינסטו אפשר, אז דיין ווייב האלט זיך פאר עפּעס בעסערס פון זיי, אָדער אפשר גאָר האלטסט דו זיך אזוי?...

קוים מיט גרויס שווערקייט האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף אן עלנבויגן און זי אָנגעקוקט מיט אויפלאמענדיקער עקשנות.

— איך בין נאָך נישט אזוי טיף געפאלן, ווי דו מיינסט! האָט ער מיט היץ אויסגערופן.

און ערשט איצט האָט זי זיך דערוואוסט, וואָס מיט אים איז געשען אין די לעצטע צוויי טעג.

דעם ערשטן מעת-לעת האָט זיך יעסטאַ ארומגעוואָגלט אין וואלד, נישט קאָנענדיק געפינען קיין רו פאר זיין גע-פלאָגטן געוויסן.

ער וואָלט דעמאָלסט נישט אריבערגעטראָגן, זיך צו טרעפן מיט א מענטשנס בליק. ער האָט אָבער נישט בדעה געהאט זיך צו נעמען דאָס לעבן. ניין, ער האָט נאָר געוואָלט אוועק-גיין ערגעץ אין א פרעמד לאנד. זונטאָג איז ער אָבער צוריק אראָפּגעשטיגן פון די בערג און צוגעגאנגען צו דער קירך אין ברובי. נאָך איינמאָל האָט ער געוואָלט זען דאָס פאָלק, דאָס אָרעמע, הונגער-ליידנדע פאָלק פון לעיווזשעאישן קרייז, וועמען ער האָט אמאָל געטרוימט צו דינען, — דאן, ווען ר'איז געזעסן נעבן ברוביער גלח, ביי דער שאנד-קופּע פון טרוקע-נע צווייגלעך, וואָס מענטשן האָבן געהאט צוגעוואָרפן דעם אלטן קמצן, דאָס פאָלק וואָס ער האָט ליב באקומען, בשעת ער האָט עס אמאָל ביינאכט געזען אוועקגיין מיט דעם טויטן ניגאָרדער מיידל.

די גאָט-דינסט האָט זיך נאָר-וואָס געהאט אָנגעהויבן, בשעת ר'איז צוגעקומען צו דער קירך. ער האָט זיך ארויפגע-גנבעט אויף א באלקאָנדל און פון דאָרטן אראָפּגעקוקט אויף

די מתפללים. א גוואלטיקער וויייטיק האָט צונויפגעפּרעסט זיין ברוסט, בשעת ר'האָט זיי דערזען, — זיי, צו וועמען ער האָט געוואָלט רעדן פון טיפן הארצן און זיי טרייסטן אין זייער שרעקלעכער אָרימקייט און האָפנונגסלאָזיקייט. אָ, וואָלט ער נאָר געמעגט רעדן אין גאָטס הויז, — איז ווי האָפנונגסלאָז ער אליין זאָל זיך נישט פילן, וואָלט ער פּאָרט געווען בכּוח צו ווערן דער אָנזאָגער פון באַלדיקער הילף און טרייסט פאַר זיי אַלע!

ווען ר'איז צוריק ארויסגעקומען פון דער קירך, האָט ער געזען שטיין א טרומנע נעבן קירך-טויער. זי איז געווען אויף דער גיך צונויפגעקלאפּט פון אומגעהובלעוועטע ברע־טער, אָבער באַפּוצט מיט שווארצער קרעפּע און מיט קרענץ פון בּאָרוועקע-צווייגלעך. ער האָט גלייך פארשטאנען, אַז דאָס מוז זיין דעם קאפיטאן לענאַרטס טרומנע. מסתּמא האָבן די יאריד-מענטשן געבעטן די קאפּיטאנין, זי זאָל צואיילן די קבורה פון איר מאן, כּדי דער גרויסער יאריד-עולם זאָל קאָ־נען זיין ביי זיין לויה.

יעסטא האָט בשום אופן נישט געקאָנט פארבייגיין די טרומנע, ס'האָט זיך אים געדאכט, ווי דער מת וואָלט גערעדט צו אים.

— אך, יעסטאַ, יעסטאַ!... ווי אזוי ווילסטו עס העלפן די אָרימע מענטשן?... דו שלעפּסט מיט זיך מיט די פּאָלגן פון דעם שלעכטס, וואָס דו האָסט געטון. צוערשט מוזסט דו און די אַלע, וועלכע דו האָסט ליב, קלייבן דעם שניט פונם עלנט וואָס דו האָסט פאַרזייט!...

יעסטאַ איז צוגעטרעטן צו דער טרומנע און געפאַלן אויף די קני. אין א ווייַלע ארום האָט ער אויסגערופן:

— העלף מיר, אַז איך זאָל מיך קאָנען מקריב זיין פאַרן פּאָלק! מאך אזוי, אַז איך זאָל קיינמאָל נישט פאַרשאפן קיין עגמת-נפש די מענטשן, וועלכע איך האָב ליב! העלף מיר, אַז איך זאָל שוין נישט מער ברענגען קיין צער, קיין חרפּה און קיין עלנט אויף דער וועלט!

פלוצלינג האָט זיך עמיצנס א האַנט שווער אוועקגעלייגט אויף זיין אקסל. סינטראַם איז צוגעקומען צו אים.

— יעסטאַ! האָט ער געזאָגט, אויב דו ווילסט עמיצן אָפּטון ריכטיק „אויף טערקיש", טאָ לייג דיך אוועק און שטארב! נישט פאראן קיין ביטערערע זאך, ווי צו שטארבן; קיין שום זאך מאכט נישט קיין גראָבערן שטריך אונטער אלע אויסרעכ־נונגען פון א מענטשן, וועלכער ריכט זיך נישט ז'ערויף. האָרך מיך, יעסטאַ, לייג זיך אוועק און שטארב!

אזוי האָט צו אים גערעדט דער בייזוויליקער פארשוין, דער שליח פונם טייוול.

— דאָס וואָלט פאר מיר געווען דאָס בעסטע! האָט יעס־טאַ נאָך א ווײַלע שטילשווייגן געענטפערט.

— נאָר צוערשט מוזטו אויסטראכטן עפּעס אזוינס, מ״ש וואָס איך וואָלט שטארק געקאָנט דערעסן דעם דאָזיקן מת!

— צי האָט ער דיך אָפּגענארט, פריץ?

— געוויס! ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך, דער כיט־רער סינטראַם, סוף־כל־סוף זיך געלאָזט ארייננארן אין זאק! ער האָט זיך אזוי לאנג געמאכט תמעוואטע, ביז איך האָב אָנגעהויבן גלויבן דעריין, נאָר ער, דער כיטראַק, האָט זיך אויסגעקליבן דעם פאסיקסטן מאָמענט און געשטאָרבן. נישקשה, איך וועל אים שוין באַצאָלן דערפאר! אָט רייס איך אראָפּ די קרעפּע און די קרענץ פון זיין טרומנע און כ'וועל זיי צע־טרעטן מיט מײַנע פיס!

— ביי מיין לעבן, דו וועסט זיך נישט צורירן צו דער טרומנע, דו הערסט, פריץ? האָט יעסטאַ אויסגערופן.

סינטראַם האָט פארלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פון זיין גאנצער מנוולדיקער גע־שטאלט האָט אָפּגעשטראַלט די רשעות פון דעם האַר, צו וועמען ער האָט געדינט.

— אָווא!... אזוי זאָגסטו?... אָבער איך קאָן דיר פאר־זיכערן, אז דאָס איז מיין רעכט! — האָט סינטראַם פייערלעך געזאָגט. איך האָב מיר געמאכט גוטע פּלענער צו גאָר א גרויס

ווערק, און ער האָט עס מיר צו ניוועץ געמאכט. איך האָב געוואָלט חרוב מאכן די גאנצע געגנט ארום דער לעיווען. און ווען איך וואָלט געהאט פרייע הענט, וואָלט איך עס זי־כער אויסגעפירט... דאָס האָב איך פארטריבן די מאיאָרין און געמאכט די קאוואלערן פאר די באלעבאטים איבער דער גאנצער געגנט. איך האָב דערפירט מעלכיאָר סינקלערן צו זיין קראנקהייט, איך האָב געטריבן דעם ברוביער גלח דערצו, אז ער זאָל פאראָרימען זיין פאראפיע, און איך האָב אראָפגע־בראכט די טרוקעניש און די הונגער־נויט. דעם לעצטן קלאפ האָב איך זיי געוואָלט געבן אויפן יאריד אין ברובי. אויפגע־רייצט דורך די כסדרדיקע אומגליקן, וואָלט דאָס פאָלק זיך געכאפט צו רציחות און גנבות, און דערפון וואָלטן די מענטשן געקומען אין אזא שרעקלעכן עלנט, אז ס׳וואָלט פאר מיר געווען פון די גרינגסטע זאכן זיי אינגאנצן אויסצוראָטן. און דאָס איז דאָך געווען מיין ענד־ציל. אָבער דערין האָט מיר געשטערט דער, וועלכער ליגט דאָ אין דער טרומנע. אין דער בעסטער רגע איז ער געפאלן און געשטאָרבן ווי א קדוש. דו האָסט עס דאָך אליין צוגעזעען! די פויערים האָבן זיך גע־וואָרפן אויף די וועסטעריעטלענדער קרעמער און די סוחרים פון דאלאַרנע האָבן זיך געוואָרפן אויף די פויערים, און ווען די זאך וואָלט נאָר געדויערט נאָך א פאָר מינוט, וואָלט זיך דער גאנצער יאריד פארוואנדלט אין איין וויסטן פאָגראָם. מען וואָלט געטרעטן אויף פרויען און קינדער, פון די סחורות וואָלט מען געמאכט א בארג אש, דערנאָך וואָלט זיך אָנגע־הויבן א סדרה פראָצעסן, וואָס וואָלטן דאָס רעשט דערדריקט די אויסגעמאטערטע באפעלקערונג. איר פארביטערונג וואָלט געזוכט אן אויסדרוק אין ווילדע, סטיכישע בונטן, וואָס וואָלטן אין בלוט דערשטיקט געוואָרן דורך די ספעציעל אהערגעשיק־טע מיליטער־אָפטיילן. די גאנצע געגנט וואָלט געוואָרן אויס־געזויגן ביזן לעצטן טראָפן, און די דאָזיקע פראָווינץ וואָלט אזוי פארהאסט געוואָרן, אז קיינער וואָלט דאָרט נישט געוואָלט וואוינען, קיינער א חוץ סינטראַמען, ווייל דאָס אַלץ וואָלט

געוועזן זיין ווערק, זיין שטאָלץ און זיין פרייד, מחמת סינטראַם איז הוילע רשעות. יאָ, יאָ, ברודערקע יעסטאַ, אזא פארשוין בין איך! איך האָב ל״ב וויסטע געגנטן און אומבאארבעט אקער-לאנד, נויט און עלנט, חורבן און אומגליק. אָבער אין דעם אלעם האָט ער מיר געשטערט, דער דאָזיקער תמעוואַ-טער קאפיטאן לענאַרט! אָווא! אזא מין מעשה, צו נעמען און זיך אוועקליייגן שטארבן אין סאמע אנטשיידנדיקן אויגנבליק!... און מיין גאנץ ווערק וועט מוזן גיין לאיבוד!...

— אָבער צו וואָס האָט דאָס אלץ געזאָלט דינען? האָט יעסטאַ געפרעגט.

סינטראַמס אויגן האָבן זיך אָנגעצינדן מיט א בייז פייערל:

— איך וואָלט געקוואָלן פון נחת דערפון — האָט דער מנוול אויסגערופן. וואָרום, זעסטו יעסטאַ, איך בין דער שליח פונם בייזוויליקן האר, איך בין דער אויסגעהונגערטער בער, וואָס באפאלט דעם איינזאמען וואנדערער אין א שמאָלן בארג-דורכגאנג, איך בין די שניי-זאווערוכע אויפן פלאך-לאנד, מיין עובדא איז צו מאָרדן און צו פארוויסטן. אוועק, זאָג איך, אוועק מיט די מענטשן און מיט זייערע ווערק! איך קאָן זיי נישט פארטראָגן! טיילמאָל קאָן איך זיי אפילו לאָזן ארומ-שפרינגען צווישן מיינע נעגל, — אויף א געוויסע צייט קאָן דאָס אויך זייער לוסטיק זיין - אָבער איצט, מיין ליבער יעסטאַ, איצט איז מיר דאָס שפילן זיך מיט זיי שוין מיאוס געוואָרן, איצט האָב איך זיי געוואָלט דערלאנגען דעם לעצטן קלאפ, איצט האָב איך געוואָלט ממיתן און חרוב מאכן די גאנצע געגנט!

יאָ, ער איז געוועזן משוגע, פשוט משוגע. מיט יאָרן צוריק האָט ער בלויז צוליב צייט-פארטרייב אָנגעהויבן זיך באשעפטיקן מיט די דאָזיקע טייוולאָנישע המצאות, דערנאָך אָבער האָט די רשעות באקומען די אויבערמאכט איבער אים, און איצט האָט ער שוין אליין אויך געגלייבט דערין, אז ער איז א שליח פונם גהינום. די דאָזיקע רשעות האָט ער די גאנ-

צע צייט גענערט און געפלעגט אין זיך, ביז זי האָט איינגאנצן באהערשט זיין וויסטע נשמה. אָט אזוי קאָן רשעות מאכן מענטשן פאר משוגעים, פונקט ווי ליבע און גריבלערייען.

דער בייזוויליקער פריץ איז איצט געווען שטארק אויפגעבראכט און פון גרויס רשעות האָט ער ווידער אָנגעהויבן רייסן און פליקן די קרעמפע און די קרענץ, אָבער דאן האָט זיך יעסטאַ געשטעלט צווישן אים און דער טרומנע.

— ריר זיך נישט צו צו דער דאָזיקער טרומנע! האָט ער פארצווייפלט אויסגערופן.

— אָווא!... אָווא!... איך זאָל זיך נישט צורירן צו דער טרומנע? פארקערט, איך וועל מיין פריינט לענאַרטן ארויסווארפן אויף דר'ערד און צעטרעטן זיינע קרענץ. צי זעסטו נישט אין וואָס פארא פיינער גרויער קארעטע איך בין געקומען צופאָרן?

יעסטאַ בערלינג האָט זיך אומגעווענדעט און דערזעען א תפיסה-וואָגן מיטן סטאראָסטע שאַרלינג און עטלעכע געריכטס-דינער, וועלכע האָבן געווארט אויף סינטראַמען נעבן בית-עולם-מויער. און סינטראַם האָט ווייטער ארויסגעצישעט:

— אָווא... אָווא!.. דו ווילסט מיר, הייסט עס, נישט לאָזן שיקן א גרוס צו דער קאפיטאנין פון העלגעזעטער, אלס דאנק דערפאר, וואָס זי האָט זיך נעכטן אוועקגעזעצט און גענומען זוכן און נישטערן אין פארשידענע אלטע פאפירן, כדי צו געפינען באווייזן קעגן מיר אין דער פולווער-געשיכטע, וואָס איז דיר שוין באקאנט? זאָל איך איר, הייסט עס, נישט טאָרן געבן צו וויסן, אז זי האָט זיך ליבערשט געדארפט באשעפטיקן מיט קאָכן און באקן צום מנחם-אבל-מאָלצייט, איידער צו שיקן דעם סטאראָסטע מיט די תפיסה-וועכטער נאָך מיר? זאָל איך מיך נישט אָפרעכענען פאר די טרערן, וואָס איך האָב פארגאָסן, בשעת כ'האָב זיך געבעטן ביי שארלינגן, ער זאָל מיך לאָזן דאָ אהערגיין אָפזאָגן א תפילה ביי דער טרומנע פון מיין גוטן פריינט?

— איך וויל אלץ געבן, כדי דער פריץ זאָל זיך פאָרט

נישט צורירן צו דער טרומנע! האָט יעסטאַ געזאָגט, זעענדיק די בייזע בליקן, וואָס דער פריץ האָט געוואָרפן אויף דער טרומנע.

– טו, ווי דו ווילסט! האָט דער משוגענער געזאָגט. שריי, אויב דו ווילסט! כ׳וועל אַלנפאַלס נאָך באַווייזן עפּעס אויפצוטון, איידער דער סטאַראָסטע וועט צוקומען. שלאָג זיך מיט מיר, אויב דו ווילסט! ס׳וועט כ׳לעבן, זיין א שיין ספּעקטאקל, צו זען ווי מירביידע שלאָגן זיך דאָ אויפן בית-עולם און טרעטן ארום צווישן צעריסענע קרענץ און קרעפּע. טאקע, ס׳וועט זיין א נחת פאַר מיין הארץ!

– איך וויל פאַר יעדן פרייז קויפן דעם פרידן פאַר דעם דאָזיקן בר-מינן, דו הערסט פריץ, פאַר יעדן פרייז בין איך גרייט דאָס צו טון. נעם-צו מיין לעבן, נעם-צו אלצדינג, אבי לאָז צורו די טרומנע!

– אָהאָ, דו זאָגסט צו א סך, דו ברודערל יעסטאַ!

— דו קאָנסט אויספּרובירן, פריץ!

– נו, טאָ ממית זיך!

– דאָס קאָן איך טון, נאָר צוערשט מוז דער מת צו קבורה קומען.

אין יעסטאַן, אין וועמען ס׳האָט געברענט דער פארלאנג צו העלפן די אָרימעלייט, האָט איצט פּלוצלינג ווי א בליץ אויפגעלייכט א געדאנק:

— אפשר ווייסטו, וואו ס׳ליגט ערגעץ באהאלטן דעם ברוביער גלחס פארמעגן?

סינטראַם האָט אויף אים פארדעכטיק א קוק-געטון.

– וואָס איז, דו ווילסט אפשר ווערן דער אפּוטרופּס און גואל פון דער באפעלקערונג?

– יאָ! האָט יעסטאַ געענטפערט, וויסנדיק, אז אזא מענטשן ווי סינטראַמען מוז מען זאָגן דעם אמת.

– המ... איך האָב אפילו געהערט, אז די קאוואלערן האָבן זיך לעצטנס פשוט פארוואנדלט אין מלאכים... וואָס, נישט?.. און איר ווילט, הייסט עס, פארנוצן די ירושה פונם

ברוביער גלחס טאָכטער, כדי צו העלפן דער באפעלקערונג... וואָס, נישט?..

— זיין טאָכטער האָט אליין נישט איינמאָל געזאָגט, אז זי וויל פאר דעם געלט העלפן צוריקברענגען עקעבי צום אמאָליקן מצב און העלפן די אָרימעלייט.

סינטראַם האָט זיך צעלאכט.

— דו ווילסט, זע איך, פאר יעדן פרייז וויסן, וואו דער אוצר ליגט באהאלטן?

— יאָ, איך וואָלט זייער געוואָלט!

— נו, טאָ זאָג-זשע מיר צוערשט צו, אז דו וועסט אוועק אויף דעם אָרט, וואו דאָס ניגאָרדער מיידל איז געהרגעט געוואָרן, און דו וועסט אראָפּשפּרונגען פון דעם פעלז. נאָר אונטער דעם תּנאי וועל איך דיר עס זאָגן. ווי שיין דיין טויט וואָלט אויסגעזען! מען וואָלט געזאָגט, אז דאָס האָט דיך דיין געוויסן געטריבן צום זעלבסמאָרד.

— איך האָב אָבער אמאָל געגעבן מיין וואָרט, אז איך וועל זיך נישט נעמען דאָס לעבן אזוי לאנג, ווי אַננאַ-ליזאַ וועט זיך געפינען אין דינסט ביי דער מאיאָרין.

— נאר־שקייטן! האָט סינטראַם געענטפערט, גיב איר נאָר צוריק איר פאָטערס געלט, וועט זי שוין אויפהערן דינען ביי יענעם.

אלטע און נייע בענקשאפטן האָבן זיך דערוועקט אין יעסטאַן און זיך צונויפגעגאָסן אין איין פארלאנג. ער האָט געוואָלט האָבן דאָס רעכט צו שטארבן. ס׳איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין הסכם צווישן אים און דער פרוי, וועלכער האָט זיך אָנגערופן זיין ווייב. מיט פארגעניגן האָט ער איר געדינט, — ער אזוי גוט, ווי אלע אנדערע קאוואלערן; ער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס וועט געשען, בשעת ס׳וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר פון זייער באלעבאטישקייט אין עקעבי: צי זי וועט זיך צוריקקערן צו אירע עלטערן, אָדער זי וועט וועלן בלייבן ביי אים. ער איז אָבער געווען זיכער, אז די גרעסטע טובה, וואָס ער וואָלט איר געקאָנט טון, איז — ער

זאָל איר צוריקגעבן איר פרייהייט און צו דעם האָט ער איצט געהאט א גוטע געלעגנהייט. איצט האָט ער געקאָנט פּטור ווערן פון זיין געוויסן, ווי ער האָט עס געהאט באגערט אפילו אין די בעסטע מאָמענטן פון זיין לעבן; ער האָט איצט געקאָנט דינען צו גאָט און צו לייט, און דאָס אלץ, און אפילו נאָך מער, האָט אין זיך פארבאָרגן די איינאיינציקע זאך: די מעג־לעכקייט צו שטארבן.

ער האָט דעריבער דערלאנגט סינטראַמען די האנט, און דער אָפּמאך צווישן זיי ביידע איז געשלאָסן געוואָרן.

— דער אוצר ליגט אונטער דער פּאָדלאָגע אין טורעם פון דער ברוביער קירך, באלד נעבן די גלעקער, האָט סינ־טראַם דערקלערט. נאָר דו מוזט געדענקען, אז צוועלף שעה נאָך קאפּיטאן לענצערטס קבורה טאָרסטו זיך שוין נישט געפי־נען אויף דער וועלט. ערשט דאן וועל איך זיין זיכער, אז פון דיר וועט שוין מער נישט ווערן קיין לייט!

און סינטראַם איז צוריק אוועק צום תּפיסה־וואָגן.

יעסטאַ איז ארייננעגאנגען אין קירך. אים איז איצט געווען גרינג אויף דער נשמה. ער האָט זיך געפרייט דערמיט, וואָס ער וועט זיך מקריב זיין פאר דער באפעלקערונג. ער האָט אָנגעשריבן די מודעה (וואָס זיין ווייב האָט שוין געהאט געלייענט), אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט, אז פון היינט אָן וועט מען זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט, און אין עקעבי וועט מען טיילן זריעה צו די נויט־באדערפטיקע. אין א פּאָר קורצע שורות האָט ער מודיע געווען זיין ווייב, וואו זי האָט צו זוכן דעם גלחס אוצר. נישט ווילנדיק האָבן זיך אים ארויסגעגליטשט א פּאָר געזעגנונגס־ווערטער אויך, — אין פאל אויב זיי ביידע וועלן זיך שוין נישט מער זען. ער האָט אויך צוגעגעבן, אז ער מוז עפּעס טון, אלס תּשובה פאר זיין פאר־ברעכן קעגן דעם ניגאָרדער מיידל.

דערנאָך איז יעסטאַ ווידער אוועק אין וואלד און א גאנצן טאָג זיך ארומגעשלעפּט ארום דעם אָרט, וואו דאָס ניגאָרדער מיידל איז געהרגעט געוואָרן.

ווען דעם אַלעם האָט ער עס איצטער דערציילט פאַר זיין ווייב, בשעת ר׳איז געלעגן געבונדן אין וואַלד־הייזל.

— ס׳וואָלט שוין לאַנג געווען נאָך מיר, האָט ער פאַר־ענדיקט זיין דערציילונג, ווען דו וואָלסט נישט געקומען אין וואַלד אַריין! איך האָב ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו שטאַרבן, בשעת דו ביזט אַזוי נאָענט פון מיר, אָבער איצט מוזטו מיך לאָזן פריי, כדי איך זאָל קאָנען האַלטן דאָס וואָרט מיינס, וואָס איך האָב געגעבן סינטראַמען!

— אַך! האָט זי טרויעריק געזאָגט, ווען ער איז אַנט־שוויגן געוואָרן, ווי גוט איך קען שוין דאָס אַלץ! איך קען שוין פון לאַנג די דאָזיקע העלדישע פּאָזעס און פראַזן! יעסטאַ איז תמיד גרייט אַריינצושטעקן די הענט אין פייער, אָדער אוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר עפּעס־וואָס! אַמאָל האָב איך דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסע זאַך, אָבער איצט שאַץ איך מער די רואיקייט און באַזאַכטקייט. וואָס פאַרא נוצן האָסטו געבראַכט דעם טויטן מיט אַזאַ מין צוזאָג צו סינטראַמען? וואָס פאַרא אומגליק וואָלט עס געווען, אויב סינטראַם וואָלט אפילו באַוויזן אומצודרייען די טרומנע און צערייסן די קרע־פּע? די טרומנע וואָלט מען צוריק גלייכגעשטעלט, קרענץ און קרעפּע וואָלט מען געקאָנט ברענגען פרישע.

יעסטאַ, יעסטאַ... איך וואָלט דיך פיל מער געשעצט, ווען דו וואָלסט אוועקגעלייגט דיין האַנט אויף לענאַרטס טרומנע, טאַקע פאַר סינטראַמס אויגן, און געשוואוירן צו לעבן, כדי צו העלפן דער אָרימער באַפעלקערונג, וועלכע ער האָט געוואָלט אומברענגען. איך וואָלט דיך אויך געשעצט, ווען דו וואָלסט געטראַכט, בשעת דו האָסט געזען די מענטשן אין דער קירך: „איך וויל זיי העלפן, איך וויל אַליין געברויכן מיינע כוחות, כדי זיי אַלעמען צו העלפן". און ליבערשט נישט אַרויפגעלייגט אַזאַ שווערע לאַסט אויף דיין שוואַך ווייב, און אויף אַלטע מאַנסלייט, וואָס די כוחות פאַרלאָזן זיי שוין!

יעסטאַ בערלינג איז אַ ווײַלע געלעגן שטיל.

— מיר קאַוואַלערן זענען נישט קיין פרייע מענטשן,

האָט ער לסוף געזאָגט. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק מתחיב געווען צו לעבן פאר דער פרייד און בלויז פאר דער פרייד. ווי ווערט זיין צו אונז אלע, אויב עמיצער פון אונז וועט נישט האלטן זיין צוזאָג!

— יאָ, ווי איז צו דיר, האָט די גרעפין מיט כעס געזאָגט, וואָס דו ביזט דער גרעסטער פחדן צווישן די קאוואלערן, און דו ביזט אויך דער לעצטער פון זיי אויף תשובה צו טון. אָט וועסטו אָקאָרשט הערן פון מיר, וואָס בעת דיין אָפּוועזנהייט איז געשעען אין עקעבי.

נעכטן נאָכמיטאָג זענען אלע עלף קאוואלערן געזעסן אין קאוואלערן-פליגל, און אלע זענען זיי געווען זייער אומעטיק. אין דער רעזידענץ פון פריילעכקייט, ווי דו רופסט זי אָן, האָט געהערשט א שטילקייט. די וואָלטאָרנען, וועלכע מען האָט לכבוד דעם יאריד, באפוצט מיט נייע גרינע שנורען און פרענזלעך, זענען געהאנגען אין די ווינקלען, די פידלען זענען געלעגן איינגעהילט אין זיידנס אין זייערע געעפנטע שיידלען, און נעבן זיי זענען געלעגן די אָנגעשטראָכענע סמיטשיקעס, ווי אויך רעזערוו-סטרונעס און קאליפאָניע. די לוסטיקע בעלמאנישע לידלעך זענען אנטשוויגן געוואָרן, מען האָט נישט געהערט די געווײנלעכע שפאסן און געלעכטערס. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צום קאראפקעלע מיטן גוטן בראָנפן. בערענקרייץ האָט געטאסט א טאליע קאָרטן, אָבער קיינער האָט נישט געהאט קיין חשק ארייננצוווארפן א מטבע אין קאפל.

די קאוואלערן, וועלכע האָבן לויט דיינע רייד געזאָלט זיין די וועכטער פון פרייד, זענען איצט מער ענלעך געווען צו א כאָפּטע פרירנדיקע ווינטער-פליגן, וואָס האָבן זיך צוזאמענגעפאקט אין ווארימסטן ווינקעלע אויפן אויוון. פון אלע זייטן האָט זיי ארומגענומען א קעלט און איינזאמקייט. א טאָג פריער איז געשטאָרבן דער קאפיטאן לענארט, און דו יעסטאַ, זייער ליבלינג, די ביזט גלייך פון זיין גסיסה-בעט אוועק אין וויסטן וואלד. ערנעקלו האָט פלוצלינג דערזעען, אז ער

איז אלט און מיאוס, דער פעטער עבערהאַרד האָט פארענדיקט זיין ווערק און עס פארשלאָסן אין קאסטן, דאָס געוויסן האָט? געפייניקט דעם פאטראָן יוליוס און ליליענקרונאַ האָט געבענקט אהיים.

זיי האָבן זיך אליין געפרעגט, ווער איז שולדיק דעריין, וואָס דער וויין האָט פארלוירן דעם טעם, די קאָרטן האָבן אויפגעהערט זיי צו פארוויילן און די מוזיק אויפצומונטערן פארוואָס האָט זיי פארלאָזט די קראפט פון פרייד? וואָס פארא פארברעך האָבן די אָרימע קאוואלערן געטון, וואָס זיי ווערן אזוי הארב באשטראָפט?

און אזוי ווי זיי זיצן דאָרט אויבן אין קאוואלערן-פליגל, פארזונקענע אין שווערע מחשבות, עפנט זיך אויף די טיר און ס׳קומט אריין אונזער ווירטשאפטערין אַננא-ליזאַ, וועלכע שטייט דאָ איצט נעבן מיר. דו ווייסט, אז זי איז זייער א טיכטיק מיידל. א יאָר צייט האָט זי פארצווייפלט געקעמפט קעגן דער פארשווענדערישער באלעבאטישקייט פון די קאוואַ-לערן, און הגם זי איז נאָך יונג, האָבן אלע פאָרט געהאט רעספעקט פאר איר.

— היינט בין איך ווידער געווען אין מיין עלטערן-היים און געזוכט מיין טאטנס געלט, האָט זי געזאָגט צו די קאוואלערן, איך האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט געפינען, אלע וועקסלען זענען צעריסן אין די שופלאָדלעך און שענק שטייען ליידיק.

— דאָס איז ווירקלעך א ביטערער עסק פאר אַננא-ליזאַ, האָט בערענקרייץ געזאָגט.

— בשעת די מאיאָרין האָט פארלאָזן עקעבי — האָט דעם גלחס טאָכטער פאָרטגעזעצט, האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל האָבן די השגחה איבער איר הויז. ווען איך וו[illegible]לט איצט געפינען מיין טאטנס געלט, וואָלט איך צוריק אויפגע-בויט דעם אָפגעברענטן טייל עקעבי. איך האָב אָבער אין דערהיים קיין זאך נישט געפונען, האָב איך מיטגענומען א פאָר צווייגלעך פון מיין טאטנס שאנד-קופע, ווייל ס׳וואָרט

אויף מיר א גרויסע חרפה, בשעת מיין באַלעבאָסטע וועט אהיימקומען און מיך פרעגן, וואָס דאָ איז געשעען מיט איר עקעבי.

— נעם זיך נישט אזוי צום הארצן, אננאַ-ליזאַ! דו ביזט דאָך נישט שולדיק דערין! האָט בערענקרייץ ווידער געענטפערט.

- איך האָב אָבער נישט נאָר פאר מיר אליין געבראכט די צווייגלעך פון דער שאנד-קופּע, האָט דאָס מיידל זיך אָנ-גערופן. איך האָב אויך מיטגעבראכט עטלעכע פאר די הערן קאוואלערן. ביטע, דאָ זענען זיי, מיינע ליבע הערן! מיין טאטע איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געברענגט חרפה און עלנט אויף דער וועלט!

דאָס זאָגנדיק, איז זי צוגעגאנגען פון איינעם צום אנ-דערן, און פאר יעדן פון זיי האָט זי אוועקגעלייגט א טרוקן צווייגל. אייניקע פון די קאוואלערן האָבן געשאָלטן, נאָר ס'רוב פון זיי האָבן זיך פארהאלטן רואיק. לסוף האָט זיך בערענקרייץ אָנגערופן מיט דער חשיבות פון א גרויסן שררה:

— גוט, שוין גוט, אננאַ-ליזאַ קאָן שוין גיין. א שיינעם דאנק!

נאָכדעם ווי זי איז ארויסגעגאנגען, האָט ער אזא קלאפּ-געטון מיט דער פויסט אין טיש, אז די גלעזער זענען אונטערגעשפּרונגען.

— פון היינט אָן, האָט ער אויסגערופן וועט קיין טראָפּן משקה נישט קומען אין מיין מויל אריין. איך וויל נישט, אז דער בראָנפן זאָל מיך נאָכאמאָל דערפירן צו אזא מין מצב!!

און באלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז ארויס. און ווידער האָט זיך א טיפע שטילקייט אויסגעשפּרייט איבערן קאוואלערן-פליגל.

פאר יעדן איינציקן פון די קאוואלערן איז געלעגן א טרוקן צווייגל, וואָס האָט ווי געפרעגט:

— וואו איז איצט די מאיאָרין? וואו איז אהינגעקומען דער כבוד און די עשירות פון עקעבי? פארוואָס איז גאָטס שליח אומגעקומען? וואו האָט זיך אהינגעטון דער וואויל-שטאנד, וואָס האָט ערשט נישט לאנג געהערשט ביי די ברעגן פון דער לעיוועון?

דער קאוואלערן-פליגל האָט פלוצלינג ווי אָפּגעהילכט פון פארשידענע קולות, וואָס האָבן געענטפערט אויף די שאלות פון די צווייגעלעך. די אלטע מאנסלייט האָט זיך געדאכט, ווי זיי וואָלטן דאָ ארייגעפאלן אין א זשומענדיקן בינשטאָק, און צערייצטע בינען באפאלן זיי, בייסנדיק און זומזענדיק. אלע האָבן זיי געהערט די שמערצפולע, שטעכיקע ענטפערס:

— די קאוואלערן האָבן פארטריבן זייער וואוילטוערין! פון דעם הויז, וואָס זי האָט פאר זיי געעפנט, האָבן זיי זי ארויסגעטריבן צו גיין בעטלען אויפן שליאך! זי האָט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען און זיי משמח געווען, און זיי האָבן איר געגעבן הונגער און צרות.

— די קאוואלערן האָבן חרוב געמאכט דעם שענסטן הויף פון ווערמלאנד! די קאוואלערן האָבן פאר גאָטס שליח פאר־מאכט די טירן פון זיין אייגענער היים. דער אוואנטורניק, וועלכער האָט אים דערהרגעט, האָט אים נישט געטון אזא עולה, ווי זיי, — זיי האָבן אָפּגעטויט זיין אינערלעכסטע האָפנונג. די קאוואלערן האָבן אויסגעלערנט די אָרימע באפעל־קערונג צו שיכורן און צו פארוואָרלאָזן זייער באלעבאטישקייט. זיי האָבן חרוב געמאכט דעם וואוילשטאנד פון דער גאנצער געגנט...

ווי נאָר די דאָזיקע קולות האָבן זיך דערהערט און אָנ־געהויבן שטעכן דאָס געוויסן פון די קאוואלערן, האָבן זיי זיך איינער נאָכן אנדערן אויפגעהויבן און ארויסגעגאנגען. ווייסטו, וואוהין זיי זענען געגאנגען, יעסטאַ? זיי זענען אלע אוועק צום טייך, צום וואסערפאל. און עפּעס ווי דורך אן אויסטער־לישן צופאל האָבן זיי זיך אלע צוזאמענגעטראָפן אויף דעם אָרט, וואו ס'איז אמאָל געשטאנען די עקעביער מיל און קוז־ניע. אומעטום האָט מען געקאָנט זען סימנים פון פארוויסטונג. דער גרויסער האמער האָט ארויסגעסטארטשעט פון דעם מיש־מאש פון ברעטער און בעלקעס, די צעבראָכענע ווענט פונעם שמעלץ-אויוון זענען נאָך פארבליבן, און דער שמעלץ-קאנאל

האָט ווי געדראָט די פאַרבייגייער מיט זיין שווארצן, ברייט פאנאנדערגעעפנט מויל.

און אָט אין דעם דאָזיקן תוהו-ובוהו האָט דער פּולקאָווניק גענומען מאכן אָרדענונג. ער האָט געארבעט מיט דער גרעסטער עקשנות. די איבריקע קאוואלערן האָבן אים צוגעהאָלפן. זיי האָבן גענומען שלעפּן קלעצער און שטיינער, כּדי אויפצושטעלן א נייע קוזניע און א נייע מיל. זיי האָבן אויסגעגראָבן די ערד און אָנגעהויבן מויערן פונדאמענטן. די דאָזיקע אלטע מאנסלייט האָבן אדורכגעלעבט שווערע צייטן. ס'רוב פון זיי האָבן אין זייער לעבן געהאט אויסצושטיין פיל צער. איך ווייס אפילו, אז די קאוואלערן שעמען זיך צו ארבעטן, אָבער איצט האָבן זיי גענומען אויף זיך די חרפּה. די ארבעט איז געגאנגען, ווי געשמירט. איצט האָבן זיך ווידער דערהערט זייערע פרייליכע לידלעך, זייערע לוסטיקע שפּאסן און קלינגענדיקע געלעכטערס. נאָך מער: זיי האָבן באשלאָסן צו שיקן אַנגאַ-ליזאַן, זי זאָל צוריק אהיימברענגען די מאיאָרין. זיי האָבן געשוואוירן צו געבן ארבעט יעדן תּושב פון ארום דער לעיווען.

און איך קאָן דיר זאָגן, יעסטאַ, אז קיינער פון זיי האָט זיכער נישט געטראכט וועגן דעם קאָנטראקט, וואָס מען האָט מיט בלוט אונטערגעשריבן אין א ווייגאכט, אין דער אלטער קוזניע. אך... זייערע מעשׂים וועלן איצט זיין מער קאוואלערישע ווי פריער, און איבריקנס, זיי האָבן איצט נישט בדעה צו ארבעטן פאר שׂכירות, נאָר פאר דעם רום און כּבוד פון עקעבי!

יאָ, יעסטאַ בערלינג, דאָס טוען דיינע איבריקע חברים, די אלטע הערן קאוואלערן, — און וואָס האָסט דו בדעה צו טון?

ער האָט א קוק-געטון אויף איר מיט א פארצווייפלטן בליק און אויסגערופן:

— וואָס פארלאנגסטו פון מיר, פון א דעגראדירטן, פארטריבענעם גלח? איך מוז תּשובה-טון, און וואָס קאָן איך דען געבן פאר דער ליידנדיקער באפעלקערונג, חוץ מיין אייגן

לעבן? איך בין פאַראַכטעט פון מענטשן, פאַרהאסט פון גאָט!
— אזוי זאָגסטו, יעסטאַ? אלזאָ, זיי ווייסן, אז איך בין אויך היינט געווען אין דער ברוביער קירך. איך קאָן דיר אָפּגעבן א גרוס פון צוויי פרויען. „זאָג יעסטאַן", האָט מיר מאַריאַננע סינקלער געזאָגט, „אז א פרוי וויל נישט ליידן קיין חרפה איבער דעם מאַן, וועלכן זי האָט געליבט". „זאָג יעסטאַן", האָט אַננאַ שערנהעק געזאָגט, אז מיר איז איצט גוט! איך באַלעבאַטעווע אליין איבער מיינע מאַיאָנטקעס. מענטשן זאָגן, אז מיט דער צייט וועל איך ווערן די צווייטע מאַיאָרין. איך טראַכט שוין נישט מער וועגן ליבע, בלויז וועגן אַרבעט. אויך אין בערגאַ פאַרגעסן זיי שוין ביסלעכווייז זייער ביטערן צער. אָבער מיר אַלע זענען זיך מצער צוליב יעסטאַן. מיר גלייבן אין אים און בעטן צו גאָט פאַר זיין נערטוועגן, — נאָר ווען, ווען וועט ער שוין ווערן א לייט"?
— זעסטו שוין, ווי פאַרשטויסן דו ביזט פון מענטשן, יעסטאַ? האָט די גרעפין ווייטער גערעדט. מענטשן האָבן דיר צו פיל ליבע געשאָנקען, דאָס איז געווען דיין אומגליק. פרויען און מענער האָבן דיך געליבט. מען האָט דיר אַלצדינג מוחל געווען, אבי דו האָסט נאָר געשפּאַסט און געלאַכט, אבי דו האָסט נאָר געזונגען און געשפּילט. דאָס וואָס דיר איז געפעלן געוואָרן צו טון, איז זיי אויך געווען צום הארצן. און דו האָסט נאָך א העזה זיך אָנצורופן א פאַרשטויסענער מענטש? און ווי קאָנסטו זאָגן, אז דו ביזט פאַרהאסט פון גאָט? פאַר־וואָס ביזטו נישט געבליבן און נישט בייגעוואוינט קאַפּיטאַן לענאַרטס לויה?
ער איז דאָך געשטאָרבן אין א יריד־טאָג, האָט זיך די ידיעה וועגן דעם שנעל פאַרשפּרייט ווייט ארום. נאָך דער גאָט־דינסט זענען טויזנטער מענטשן צוגעקומען צו דער קירך. דער גאַנ־צער בית־עולם און דער פּאַרקאַן ווי אויך דאָס פעלד ארום דער קירך זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן, דער טרויער־צוג האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם פּאַראָפּיע־הויז. מען האָט בלויז געוואַרט אויפן אַלטן גלח, וועלכער איז די לעצטע צייט כסדר

געווען קראנק און נישט געפריידיקט. אָבער דעם קאַפּיטאַן לענארטס לויה האָט ער צוגעזאָגט צו באַגלייטן. און אַט איז ער געקומען, גייענדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פארזונקען אין זיינע אייגענע חלומות, און זיך אוועקגעשטעלט בראש פונם טרויער-צוג. ער האָט דאָרט נישט באַמערקט קיין שום אומגעוויינלעכעס. א סך לויות האָט דער דאָזיקער זקן שוין געהאט באַגלייט אין זיין לעבן. מיט אָפּגעמאָסטענע שוואכע טריט איז ער געגאנגען איבער דעם גוט באַקאַנטן וועג, נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיין שום זאַך; ער האָט אָפּגעזאָגט זיינע תפילות, ארויפגעשאָטן א לאָפּעטע ערד אויף דע' טרומנע, און נאָך אלץ נישט באַמערקט קיין שום אומגעוויינלעכעס.

דער אָרגאַניסט האָט אָנגעהויבן זינגען א קאפּיטל תהלים. איך וואָלט מיר קיינמאָל נישט געווען געגלייבט, אז דער דאָזי־קער גראָבער קול, וואָס פלעגט תמיד מוזן זינגען אײנער אליין, וועט זיין אימשטאנד אויפצוּוועקן דעם אלטן גלח פון זיינע חלומות.

אָבער, ניין, דאָסמאָל האָט דער אָרגאַניסט נישט געדארפט זינגען איינער אליין. הונדערטער און איבער הונדערטער קולות האָבן אים צוגעהאָלפן—מאנסלייט, פרויען און קינדער האָבן מיטגעזונגען. ערשט דאַן האָט דער גלח אויפגעוואכט פון זיינע חלומות. ער האָט זיך א ווישׁ-געטון די אויגן, ווי זיי וואָלטן פארבלענדעט געוואָרן פון א פלוצלינגדיקן שארפן בליאסק, און ס׳איז ארויפגעשטיגן אויפן פריש אָנגעשאָטענעם בערגל, כדי זיך ארומצוקוקן אין אלע זייטן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־הערט אזא טרויער-געזאנג איבער א פרישן קבר, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעען אזא מחנה אבלים. די מאנסלייט האָבן געטראָגן די אלטע, אויסגעריבענע טרויער-צילינדערס, די פרויען האָבן גענומען אויף זיך די ווייסע פארטיכער מיט די ברייטע פאלבאנעס. אלע האָבן געזונגען, אלע האָבן געהאט טרערן אין די אויגן — אלע האָבן זיך געפילט אלס אבלים.

דער אלטער פּראָבאָשטש איז פארציטערט געוואָרן פון פרייד, דערזעענדיק אלעמענס צער צוליבן טויט פון זייער

פריינט. נאָר באַלד האָט ער זיך אויך דערשראָקן דערפאַר. וואָס וועט ער זאָגן צו די דאָזיקע מענטשן, וועלכע באַוויינען איצט זייער שווערע אבידה? ער מוז זיי איצט אומבאַדינגט מגחם-אבל-זיין. אָבער צי האָט ער נאָך קראַפט דערצו?

בשעת דאָס געזאַנג איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס איבער די פאַרזאַמלטע.

— איך זע, אַז דאָס פאָלק איז פאַרזונקען אין טרויער, האָט ער מיט אַ שוואַכן קול געזאָגט, און דער טרויער איז פיל שווערער פאַר דעם, וועלכער האָט נאָך לאַנג צו טרעטן איבער די שטעגן פון דער ערד, ווי פאַר מיר, וואָס וועט באַלד פאַרלאָזן דעם טאָל פון טרערן...

ער האָט זיך דערשראָקן און שטיל געוואָרן. זיין קול איז געווען צו שוואַך פאַר אַזאַ ריזיקן עולם, און ער האָט זיך געקווינקלט ביים אויסוואַל פון ווערטער.

אָבער באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו רעדן. זיין קול האָט פּלוצלינג צוריק באַקומען זיין יוגנטלעכע קראַפט, און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט פון התלהבות.

— אָ, יעסטאַ, דו האָסט געדאַרפט הערן, סאַראַ הערלעכע דרשה ער האָט פאַר אונז געהאַלטן! קודם-כל האָט ער אונז דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט וועגן גאָטס שליח. דערנאָך האָט ער אונז אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז נישט אויפערלעכער פּראַכט און גלאַנץ פון עשירות, און נישט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן האָבן דעם דאָזיקן מענטשן אַזוי פיל כבוד פאַרשאַפט. נאָר דאָס, וואָס ער איז תמיד געגאַנגען אין גאָטס דרכים. און איצט האָט ער אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן נאָכטון דעם ביישפּיל פונם דאָזיקן געפאַלענעם פאָלקס-פריינט. מיר זאָלן פּראַקטיש אָפּהיטן דאָס געבאָט פון ליבהאָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין און זיך קעגנזייטיק אַרויסהעלפן אין אַן עת-צרה. יעדער איינער זאָל גלייבן נאָר גוטס אויף דעם צווייטן. יעדער איינער זאָל האַנדלען אַזוי ווי דער גוטער קאַפּיטאַן לענאַרט, ווייל דערצו ברויכט מען נישט קיין גרויסע פעאיקייטן, בלויז אַ פרום הארץ. און ער האָט אונז מסביר גע-

ווען אלצדינג, וואָס איז אין דעם יאָר געשעען. ער האָט גע־זאָגט, אז דאָס איז בלויז א פאָרבאַרייטונג צו די צייטן פון גליק און ליבע, וואָס דערנענטערן זיך שוין זיכער צו אונז. די מענטשלעכע גוטסקייט האָט ער דאָס יאָר אָפט געזעען זיך אדורכברעכן אין צעשטרייטע שטראלן, איצט וועט זי אפער־טרעטן ווי א גאנצע, לייכטנדיקע זון.

איך קאָן דיר זאָגן, יעסטאַ, אז ס'האָט זיך אונז אלעמען געדאכט, ווי מיר וואָלטן געהערט א נביא רעדן. אלע האָבן זיך געוואָלט קעגנזייטיק ליבן, אלע האָבן מיר דאן געוואָלט זיין גוט און פרום.

דער זקן האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און הענט צום הימל און פארשפּראָכן שלום איבערן לאנד.

— אין גאָטס נאָמען, האָט ער אויסגערופן, זאָג איך דיר רשעות, פארשווינד פון דער ערד! זאָל שלום ושלוה וואוינען אין אייערע הערצער, מיינע ליבע מענטשן, און אויך אין דער גאנצער נאטור! זאָלן די טויטע זאכן, די חיות און פלאנצן דערפילן אין זיך רו, און זאָלן זיי אויפהערן צו ברענגען שאָדן!

און עפּעס ווי א הייליקע רו וואָלט זיך טאקע אראָפּגע־לאָזט איבער דער געגנט. עפּעס ווי די בערג וואָלטן געשטראלט, די טאָלן געשמייכלט, און דער הארבסט-נעפּל האָט זיך ווי באַפּוצט מיט רויזן-קאָלירן.

דערנאָך האָט ער גענומען בעטן אויף א גואל פארן פאָלק.

— ער וועט קומען! האָט ער געזאָגט, גאָט וויל נישט, אז איר זאָלט פארטיליקט ווערן. גאָט וועט אויפוועקן עמיצן, וועלכער וועט אָנזעטיקן די הונגעריקע און וועט אייך אלעמען אוועקפירן אויף גאָטס דרכים!

יעסטאַ! אין דער דאָזיקער רגע האָבן מיר אלע אין זינען געהאט דיך. מיר האָבן פארשטאנען, אז דער זקן רעדט וועגן דיר. די מענטשן האָבן געהערט וועגן דיין מודעה. אהיימגייענדיק, האָבן זיי אלע גערעדט וועגן דיר. און דו ביזט

גאָר ארומגעקראָכן אין פינסטערן וואלד און געוואָלט שטארבן! די באפעלקערונגווארט אויף דיר, יעסטאַ! אין אלע אָרימע, חושכדיקע שטיבעלעך זיצן זיי איצט און שמועסן וועגן דעם, אז וואָלט זיי נאָר דער משוגענער גלח פון עקעבי געוואָלט העלפן, וואָלט שוין אלצדינג ווידער גוט געוואָרן. דו ביזט זייער העלד, יעסטאַ! יאָ, זייער אלעמענס העלד ביזטו, און דו האָסט זיי געוואָלט פארלאָזן!

— ווי אזוי קאָן איך זיי העלפן, אָן געלט? און פאר דעם דאָזיקן געלט, וואָס איז נויטיק, כדי איך זאָל זיי קאָנען קומען צו הילף, האָב איך דאָך צוגעזאָגט סינטראַמען צו שטארבן!

דער גרעפינס קול האָט געציטערט פון צאָרן און עגמת-נפש, בשעת זי האָט אים געענטפערט:

— מיר האָבן שוין נעכטן אין אָוונט געוואוסט אין עקעבי, וואו ס'געפינט זיך דער באהאלטענער אוצר. דער מאיאָר פוקס האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט, אז ער האָט אים אמאָל צופעליק אנטדעקט, בשעת ר'האָט זיך אין א געווויסער נאכט ארויפגעגנבעט צום טורעם פון דער ברוביער קירך, כדי אראָפצוקראצן א ביסל רודע פונם גלאָק צו א קויל...

יעסטאַ האָט פארמאכט די אויגן און צוגעפרעסט זיינע געבונדענע הענט צו זיין פלאטערנדיקער ברוסט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט לינדערן דעם ווייטיק פון זיין הארץ — — —

— דו וועסט אוודאי זאָגן, האָט די גרעפין ווייטער גערעדט, אז דאָס גייט דיך גאָר ווינציק אָן. סינטראַם האָט דיר ערלעך געזאָגט, וואו ס'ליגט דאָס געלט, אלזאָ דארפסטו, לויט דיין מיינונג, שטארבן! צי מיינסטו, אז מיטן בלויזן געלט וועלן מיר זיין בכוח פטור צו ווערן פון דעם עלנט, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט? א שיינעם סוף פון דיין לעבן האָסטו פאר זיך אויסגעטראכט! נו, יאָ, די באפעלקערונג פון דער גאנצער געגנט וואָלט דיך טאקע מיט ביטערן געוויין באגלייט צו דיין קבר און געהאלטן דיין אָנדענק אין גרויס כבוד, ווי בנוגע קאפיטאן לענאַרט, ווייל דו וואָלסט דאָך אויך

אוועקגעגעבן דיין לעבן פארן פאָלק. און איך ווייס ביי מיר, יעסטאַ, אז דו וואָלסט דאָס זייער גערן געטון, כדי דערמיט אויס־קויפן דיינע זינד. נאָר איך, אלס דיין ווייב, איך זאָג דיר, אז דו מוזט לעבן, כדי צו דערפילן דיין חוב!

יאָ, יעסטאַ בערלינג, ס'איז זיכער, אַז דער אלטער פּראָבאָשטש האָט גערעדט וועגן דיר, אלס דעם קומענדיקן גואל, וועלכער וועט ארויסהעלפן דער באפעלקערונג פון איר ביטערער נויט, און דאָס וועט דיך מסתמא צוציען צום לעבן. אָבער איך זאָג דיר נאָכאמאָל: דו זאָלסט נישט טרוימען, אז דו ביזט געשיקט געוואָרן פון גאָט. יעדער איינער פון אונז איז דאָס, פארשטייסטו מיך. דו זאָלסט טון דיין פליכט אָן שום העלדן־פּאָזעס, דו זאָלסט זיך נישט באמיען צו שטראַלן און צו איבערראשן דיינע מיטמענטשן, דו זאָלסט ליבערשט זען, אז דיין נאָמען זאָל נישט צו אָפט קומען אין מענטשנס מיילער. בארעכן זיך גוט, איידער דו ציסט צוריק דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט געגעבן סינטראַמען! דו האָסט דיר פארשאפן א מין רעכט צו שטארבן, און איך גלייב נישט, אז דאָס לעבן זאָל דיר אין דער צוקונפט נאָך קאָנען שענקען א וואָסער ס'נישט איז פרייד. ביז איצט האָבן מיר ביידע נישט געהאט קיין קלאָרן באגריף פונם מהות פון אונזער פארבינדונג. נישט דו האָסט געוואגט מיך צו באטראכטן אלס דיין ווייב, און איך ווידער, בין נישט געווען זיכער, צי אונזער פארבינדונג איז א באשטימטע זאך פון הימל. ס'איז געווען א צייט, ווען איך האָב געוואָלט אהיימפאָרן צו מיינע עלטערן, וואָרום, זעסטו, יעסטאַ, איך האָב דאן געטראכט, אז פאר אזא זינדיקע פרוי ווי איך, איז עס א צו גרויס גליק צו זיין דיין ווייב און לעבנס־באגלייטערין. נאָר איצט זאָג איך דיר, אז כ'וועל דאָ בלייבן. אָבער דו זאָלסט נישט האָפן אויף קיין גרויס גליק פון דעם דאָזיקן באשלוס מיינעם! איך וועל דיך צווינגען צו וואנדערן איבער דעם וועג פון שווערער פליכט־דערפילונג. דו זאָלסט נישט דערוואַרטן צו הערן פון מיר א וואָרט פון טרייסט און פון פרייד! דעם גאנצן עלנט און צער, וואָס מיר האָבן דאָ אראָפּגעבראכט אויף דער

געגנט, וועל איך אוועקשטעלן אלס שומר ביי אונזער געצעלט. צי קאָן דען נאָך ליבן א הארץ, וואָס האָט אזוי פיל געליטן ווי מיינס? אָן טרערן און אָן פרייד וועל איך דיך באגלייטן איבער די שווערע וועגן פון לעבן. באקלער זיך גוט, יעסטאַ, איידער דו קלייבסט אויס צו לעבן. געדענק, אז מיר וועלן דאן מוזן וואנדערן מיט דעם וועג פון א בעל־תשובה!

נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער, האָט זי א ווינק־געגעבן צום גלחס טאָכטער, און זיי האָבן ביידע פארלאָזן דאָס וואלד־הייזל. בשעת זיי זענען אריינגעקומען אין טיפן וואלד, האָט די גרעפין אָנגעהויבן ביטער צו וויינען, און אזוי האָט זי שוין געוויינט ביז זיי זענען אָנגעקומען א היים, קיין עקעבי. ווען זי איז אריינגעקומען אין הויז, האָט זי זיך דערמאָנט, אז זי האָט דאָך געזאָלט שמועסן מיטן אלטן זעלנער יאַן העיק וועגן פריילעכערע זאכן, ווי וועגן מלחמה.

אינם וואלד־הייזל האָט נאָך איר אוועקגיין געהערשט א טיפע שטילקייט.

— געלויבט איז גאָט! האָט דער אלטער זעלנער פלוצלינג אויסגערופן.

אלע אָנוועזנדיקע האָבן אים פארחידושט אָנגעקוקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין קלעצל און זיך דערשטוינט ארומגעקוקט אין אלע זייטן.

— רשעות, בלויז רשעות איז אלצדינג געווען! האָט ער ווייטער גערעדט. אלץ וואָס איך האָב געזעען, זינט מיינע אויגן זענען מיר געעפנט געוואָרן, איז געווען בלויז רשעות! בייזוויליקע פרויען און מאנסלייט! אומזיסטער האס און ווילדער צאָרן אין וואלד און פעלד! בלויז זי איינע אליין איז א גוטער מענטש! א צדיקת איז איצט געווען אין מיין היים! בשעת איך וועל דאָ זיצן אין איינזאמקייט, וועל איך געדענקען איר ליכטיקע געשטאלט! איר בילד וועט מיך אויך באגלייטן אויף מיינע וואנדערונגען איבער די סטעזשקעס פונם פינסטערן וואלד!

ער האָט זיך איינגעבויגן איבער יעסטאַן, אויפגעבונדן זיין

געפּטנטעכץ און אים געהאָלפן זיך אויפהייבן פון דער ערד, דערנאָך האָט ער אים פייערלעך אָנגענומען ביי דער האַנט.

— פארשטויסן פון גאָט! האָט ער געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. יאָ, דאָס ביזטו טאקע געווען! אָבער איצט ביזטו עס שוין נישט מער, יעסטאַ בערלינג, און איך אויך נישט, נאָכדעם ווי זי איז געווען אין מיין היים. זי איז א צדיקת!

צומאָרגנס איז דער אַלטער יאַן העיק געקומען צום סטאראָסטע שאַרלינג און געזאָגט:

— איך וויל נעמען אויף מיינע פּלייצעס די לאסט פון מיין זון! איך בין געווען א שלעכטער מענטש, דעריבער האָב איך געבראכט שלעכטע זין אויף דער וועלט!

און ער האָט געבעטן, אז מען זאָל אים דערלויבן אָפּ-צוקומען די שטראָף פאר זיין זון. אָבער דאָס האָט נאטירלעך נישט געקאָנט פאָרקומען.

דאָס בעסטע פון דער אַלטער געשיכטע איז אָבער דאָס, ווי דער אַלטער זעלבער יאַן העיק (אזוי דערציילן זקנים) האָט באגלייט זיין זון, מיטגייענדיק מיטן ארעסטאנטן-וואָגן, בשעת מען האָט מאָנסן אוועקגעפירט אין תּפיסה, און ווי ר׳איז גע-שלאָפן נעבן דער תּפיסה, — נישט פארלאָזנדיק זיין זון, ביז ער איז אָפּגעקומען די שטראָף. אָבער די דאָזיקע מעשה וועט שוין מסתּמא עמיץ אנדערש דערציילן.

.38

מאַרגאַרעטאַ צעלסינג

ערב ווייַנאַכט-חגאות איז די מאַיאָרין אויף איר נסיעה אַהיים אָנגעקומען אין לעיוושעישן קרייז, און ערשט האַרט ערב-חגא איז זי אָנגעקומען קיין עקעבי. די גאַנצע צייט פון דער נסיעה איז זי געווען קראַנק. זי האָט געהאַט אַ לונגען-אָנצינדונג און גרויסע היץ. און דאָך האָט מען זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פרייִלעכע ווי גראָד איצט און קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע פריינטלעכע רייד פון איר.

דעם ברוביער גלחס טאָכטער, וועלכע איז זינט דעם חודש אָקטאָבער געווען ביי איר אין פּאָלוואַרק צווישן די עלוודאַלער וועלדער, איז איצט געזעסן נעבן איר אין שליטן און האָט גערן געוואָלט צואיילן דאָס פאָרן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט שטערן דער אַלטער איינצוהאַלטן אַלע מאָל די פערד און צוצורופן יעדן פאַרבייגייער צום שליטן, כדי גע-וואויר צו ווערן, וואָס עס הערט זיך דאָ עפּעס נייעס.

— ווי גייט עס אייך דאָ איצט אין לעיוושעי? האָט די מאַיאָרין געפרעגט.

— נישקשה, ס׳גייט אונז גאַנץ גוט, האָט זי באַקומען אַן ענטפער. ס׳קומען שוין אָן בעסערע צייטן. דער משוגענער גלח און זיין ווייב העלפן אונז אַלעמען.

— אַ גוטע צייט איז אָנגעקומען, האָט אַ צווייטער גע-

ענטפערט. סינטראַם איז שוין נישטאָ. די קאוואַלערן פון עקע־בי האָבן זיך ערנסט גענומען צו דער ארבעט, דעם ברוביער גלחס אוצר איז געפונען געוואָרן אין טורעם פון קירך, און דאָס וועט קלעקן צוריק אויפצוריכטן דעם כבוד און מאכט פון עקעבי. דאָס וועט אויך קלעקן צו שאפן ברויט פאר די הונגעריקע און זריעה פאר די פאראָרימטע.

— אונזער אלטער פראָבאָשטש האָט אויפגעוואכט צו א ניי לעבן און צו נייע כּוחות! האָט א דריטער געזאָגט. יעדן זונטאָג דערציילט ער אונז וועגן אָנקומען פון מלכות־השמים. ווער וויל דען איצט זינדיקן, בשעת ס׳דערנענטערט זיך שוין די ממשלה פונם יצר־טוב?

די מאיאָרין איז געפאָרן ווייטער, אלץ פרעגנדיק די פארבייגייער:

— ווי גייט עס אייך? צי ליידט איר דאָ נישט קיין נויט?

דאָס פיבערן און דאָס שטעכן אין ברוסט האָט זיך איר געלינדערט, בשעת מען האָט איר געענטפערט:

— מיר האָבן דאָ צוויי גוטהארציקע נגידותטעס: מאַר־יאַננע סינקלער און אַננאַ שערנהעק, זיי העלפן־צו יעסטאַ בערלינגן און צוזאמען מיט אים גייען זיי פון הויז צו הויז און זעען־צו, אז קיינער זאָל חלילה נישט ליידן קיין הונגער. איצטער ווארפט מען שוין נישט מער א ריין קיין תבואה אין בראָנפן־קעסל.

זיצנדיק אין שליטן, איז עס דער מאיאָרין פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט דאָרט אָפּגעריכט א גאָט־דינסט. זי איז אָנגעקומען אין א הייליק לאנד. זי האָט געזעען אלטע, גערינצלטע פּנימער, וואָס האָבן אויפגעשיינט פון פרייד, בשעת זיי האָבן גערעדט וועגן די גוטע צייטן, וואָס זענען איצט אָנגעקומען. קראנקע האָבן פארגעסן וועגן זייערע ווייטיקן, לויבנדיק און דאנקענדיק גאָט פאר דער גוטער צייט.

— מיר באמיען זיך אלע צו זיין ווי דער קאפּיטאַן לענאַרט! האָבן זיי געזאָגט. מיר ווילן אלע זיין גוטע מענטשן,

מיר ווילן אויף יעדן איינציקן גלייבן בלויז גוטס און ווילן קיינעם נישט טון קיין עולה. דאָס וועט צוואיילן דאָס אָנ־קומען פון דער הימלישער ממשלה.

זי האָט זיי אלע געפונען באהויכט פונם זעלבן גייסט. אין די ארומיקע פריצישע הויפן האָט מען בחינם ארויסגעגעבן עסן פאר די באדערפטיקע. דער, וואָס האָט געהאט עפּעס אן ארבעט אויסצופירן, האָט עס נישט אָפּגעלייגט, נאָר תּיכּף זיך גענומען דערצו, און אויף דער מאיאָרינס זיבן הויפס איז די ארבעט געווען אין פולן גאנג.

זי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אזוי געזונט, ווי איצט, בשעת זי איז געזעסן אין שליטן און געלאָזט די קאלטע לופט אריינשטראָמען אין איר חרובדיקער ברוסט. זי האָט נישט געקאָנט פארבייפאָרן נעבן א כאטע, זי זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויסצופרעגן, וואָס הערט זיך דאָרט.

— איצט איז שוין אלצדינג גוט און וואויל, האָט מען איר געענטפערט. מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט זייער א שווע־רע צייט, אָבער די גוטע הערן קאוואלערן פון עקעבי העלפן אונז ארויס פון דער נויט. די פרוי מאיאָרין וועט זיך זיכער חידושן איבער דעם אלעם, וואָס זיי האָבן שוין דאָרט אויפ־געטון. די נייע מיל איז שוין באלד פארטיק, אין דער קוזניע ארבעט מען שוין, און דאָס אָפּגעברענטע הויז האָט מען שוין צוריק אויפגעבויט ביז צום דאך.

דאָס האָט די נויט און די דערשיטערנדיקע איבערלע־בונגען זיי אלעמען אומגעאנדערשט. אך, דאָס וועט סיי ווי לאנג נישט אָנהאלטן! האָט די מאיאָרין געטראכט. ס'האָט איר אָבער פאָרט הנעה געטון צוריקצוקומען אין א לאנד, וואו איינער האָט גערן געטון עפּעס פארן צווייטן און וואו אלע מענטשן האָבן געוואָלט זיין גוט. די מאיאָרין האָט דערפילט, אז זי וועט איצט קאָנען מוחל־זיין די קאוואלערן די שווערע עולה, וואָס זיי זענען קעגן איר באגאנגען, און זי האָט געדאנקט גאָט דערפאר.

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אננא־ליזא! — האָט

וי זיך אָנגערופן צו איר באגלייטערין. איך, אלטע פרוי, זיץ דאָ מיט דעם געפיל, אז איך געפין זיך שוין איצט אויפן וועג צום הימל!

בשעת זי איז שוין לסוף אָנגעקומען קיין עקעבי און די קאוואלערן זענען ארויסגעלאָפן, כדי איר העלפן ארויס-שטייגן פונם שליטן, האָבן זיי זי פשוט נישט דערקענט, ווייל זי איז איצט געווען גראָד אזוי איידל און מילד, ווי זייער אייגענע יונגע גרעפין!.. די עלטערע פון זיי, וועלכע האָבן נאָך געדענקט די צייטן, ווען זי איז געווען א יונגע פרוי, האָבן זיך איינער דעם אנדערן איינגערוימט א סוד אויפן אויער, אז דאָס איז נישט די מאיאָרין, וואָס איז איצט צו-ריקגעקומען, נאָר... די אמאָליקע מאַרגאַרעטאַ צעלסיגן! — —

גרויס איז געווען די שמחה פון די קאוואלערן צו זען זי צוריקקומען אזא גוטע, און פרייע פון יעטוועדער מחשבה וועגן נקמה: אָבער באלד איז זייער שמחה פארוואנדלט גע-וואָרן אין עגמת-נפש, דערוויסנדיק זיך ווי שווער קראנק זי איז. מען האָט זי גלייך אריינגעטראָגן אין איר שלאָף-שטוב, וואָס אין דעם מויער פון די קאָנטאָר-לאָקאלן, און מען האָט זי תיכף אריינגעלייגט אין בעט. אָבער שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, האָט זי זיך אומגעווענדעט צו זיי און געזאָגט:

— א שטורם פון גאָט איז אריבער איבערן לאנד! יאָ, א שטורם פון גאָט. און איצט ווייס איך שוין, אז אלץ איז געווען צום גוטן!

דערויף האָבן זיך פארמאכט די טירן צו איר שלאָף-שטוב, — און זיי האָבן זי שוין קיינמאָל נישט מער געזעען א לעבעדיקע.

מען האָט דאָך תמיד אזוי פיל צו זאָגן א מענטשן, וועלכער האלט ביים שטארבן! די ווערטער רייסן זיך ממש אויף דער צונג, בשעת מיר ווייסן, אז אין דער שכנותדיקער שטוב ליגט עמיצער, וואָס זיינע אויערן וועלן באלד אויף אייביק אויפהערן צו הערן.

— אָך, טייערער פריינט, ווילן מיר דאן צו אים זאָגן

צי קאָנסטו מיר מוחל זיין? צי קאָנסטו מיר גלייבן, אז איך האָב דיך געליבט, — ביי אלעם, וואָס איז צווישן אונז פאָרגעקומען? אין דער אמתן, איך קאָן אליין אויך נישט פאַרשטיין, ווי אזוי איך האָב דיר געקאָנט פארשאפן אזוי פיל עגמת־נפש דורך דער צייט, וואָס מיר האָבן צוזאמען געוואַנדערט! אך, דו מיין טייערער פריינט, איך דאנק דיר פאר דער פרייד, וואָס דו האָסט מיר געשענקט!

אָט דאָס וואָלטן מיר אים געוואָלט זאָגן, און נאָך פיל מער.

אָבער די מאיאָרין איז געלעגן אין גרויסער היץ, און די קאוואלערנס קול האָט נישט געקאָנט דערגרייכן צו איר. וועט זי טאקע קיינמאָל נישט דערוויסן זיך, ווי זיי האָבן געהאָרעוועט פאר אירעטוועגן, וויפיל פראצע זיי האָבן אוועקגעלייגט צו ראטעווען עקעבי, זיין כבוד און רום? וועט זי זיך עס שוין קיינמאָל נישט דערוויסן?

קורץ דערנאָך זענען די קאוואלערן אראָפגעגאנגען צו דער קוזניע, וואו די ארבעט איז אין יענעם טאָג געווען אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אָנגעשאָטן פרישע קוילן און ביי רויאייזן, און זיך צוגעגרייט דאָס צו צעשמעלצן. זיי האָבן נישט געשיקט נאָך די שמידן, וועלכע זענען אהיימגעגאנגען צו פייערן די ווייַנאכט־חגאות, נאָר זיי האָבן אליין געארבעט ביים אויוון, נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳איז שוין באלד געווען חגא. וואָלט נאָר די מאיאָרין כאָטש געקאָנט דערלעבן, ביז דער פאל־האמער וועט קומען אין באוועגונג, וואָלט שוין זיין קלאנג איר אלצדינג דערציילט!

דער בין־השמשות האָט זיך אָנגערוקט, די נאכט איז צוגעפאלן, און זיי זענען נאָך אלץ געווען באשעפטיקט ביי זייער ארבעט. פאר א סך פון זיי איז עס פאָרגעקומען זייער מאָדנע, וואָס זיי וועלן דאָס מאָל ווידער פייערן די וויגיליענאכט אין קוזניע.

דער פילפאכיקער מייסטער און גרויסער דערפינדער, דער דייטש קעווענהיללער, וועלכער האָט אין דער דאָזיקער

אויסטערלישער צייט אָנגעפירט מיטן ווידעראויפבוי פון דער מיל און פון דער קוזניע, איז צוזאמען מיטן שטארקן קאפּי־טאן קרישאַן בערג געשטאנען ביים אויוון און אָפּגעהיט דאָס שמעלצן. יעסטאַ בערלינג און דער פּאטראָן יוליוס האָבן גע־שלעפּט קוילן. די איבריקע האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער קאָוואדלע וואָס אונטערן אויפגעהויבענעם פאל־האמער, אָדער אויף די איבערגעדרייטע קוילן־וועגעלעך און אויף קופּעס אייזן־שטאבעס. דער אלטער מיסטיקער לעווענבאָרג איז גע־זעסן אויף דער קאָוואדלע נעבן פּעטער עבערהאַרד, דעם פי־לאָזאָף, און פארפירט מיט אים א שמועס.

— היינט ביינאכט וועט סינטראַם שטארבן! האָט ער גע־זאָגט.

— וואָס עפּעס גראָד היינטיקע נאכט? האָט דער פּע־טער עבערהאַרד געפרעגט.

— צי געדענקסטו נישט, ברודערל, דעם אָפּמאך וואָס מיר האָבן פאראיאָרן מיט אים געשלאָסן? איצט האָבן מיר אין משך פון גאנצן יאָר נישט געטון גאָרנישט אזוינס, וואָס איז נישט אָנגעשטאנען דעם כבוד פון א קאוואלער, בכן האָט סינטראַם פארשפּילט דעם געוועט.

— נו, ברודערל, אויב דו גלייבסט אין אזעלכע זאכן, ווייסטו דאָך אליין, אז מיר האָבן א סך זאכן געטון, וואָס האָבן נישט געפּאסט פאר א קאוואלער. ראשית כל האָבן מיר נישט געהאָלפן דער מאיאָרין, בשעת זי האָט זיך געפונען אין א נויט, והשנית, האָבן מיר זיך דאָך ווידער גענומען צו דער ארבעט, און דאָס וואָס יעסטאַ האָט נישט געהאלטן זיין וואָרט, ווען ער האָט צוגעזאָגט זיך צו ממיתן, איז אויך נישט אזוי ריכ־טיק קאוואלערן־מעסיק.

— איך האָב אויך געקלערט וועגן דעם, האָט לעווענ־באָרג געזאָגט, אָבער איך מיין, אז דו האָסט במחילה א גרוי־סן טעות. אונז איז בלויז געווען פארבאָטן צו האנדלען לויט אונזערע פּערזענלעכע קליינלעכע חשבונות און נוצן, אָבער ס׳איז אונז לחלוטין נישט געווען פארבאָטן צו האנדלען אזוי, ווי ס׳האָט פון

אונז געפאָדערט די ליבע, אָדער דער כבוד, אָדער די רעטונג פון אונזערע נשמות. לויט מיין מיינונג, האָט סינטראַם פארשפילט.

— המ... כ׳ווייס... אפשר האָסט דו רעכט, ברודערל...

— יאָ, איך קאָן דיר זאָגן, ברודערל אז איך בין אפילו פולשטענדיק זיכער דערין. א גאנצן אָוונט האָבן מיר זיינע שליטן-גלעקלעך געקלונגען אין די אויערן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער קלאנג פון שליטן-גלעקלעך. דו וועסט זען, ברודערל, אז מיר וועלן אים דאָ באלד האָבן פאר א גאסט.

דער קליינער אלטיטשקער איז געזעסן און זיך איינגעקוקט אין די אָפענע טירן פון דער קוזניע, און אין דעם שטיקל בלויען הימל, וואָס האָט זיך דורך זיי געזעען און וואָס איז געווען שיטער באזייט מיט שטערן.

אין א ווײַלע ארום איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט, שושקענדיק צו עבערהאַרדן:

— זעסט אים דאָרט, ברודערל? אָט-אָ, דאָרט גלייך... זעסט, ווי ער גנב׳עט זיך אריין?... וואָס, זעסט אים נישט דאָרט, אין דער טיר-עפענונג?

— איך זע גאָרנישט! האָט דער פעטער עבערהאַרד געענטפערט, דו ביזט שלעפעריק, ברודערל, דאָס איז גאָר.

— וואָס רעדסטו, ברודערל, איך האָב אים דאָך אזוי בולט געזעען אויפן פאָן פונם קלאָרן הימל. ער האָט געהאט אויף זיך זיין לאנגן וואָלפן-פעלץ און פוטערנעם היטל. איצט איז ער אריין דאָרט, אין דער פינסטערניש, איך קאָן אים שוין נישט זען. אָט-אָ דאָרט, זע, ברודערל, דאָרט ביים אויוון!... ער שטייט נעבן קרישאַן בערגן, אָבער קרישאַן זעט אים נישט... איצט בייגט ער זיך איין און ווארפט עפעס אריין אין אויוון. אוי, סארא גרימאסן ער מאכט דאָס!... גיט אכטונג, חברים, גיט אכטונג!..

ווי נאָר ער האָט דאָס ארויסגעזאָגט, האָט זיך דערהערט א דונער, און פונם אויוון האָט זיך א שאָט-געטון א ריזיקער

פייער־בעזים. אין איינגעהילט די צוויי שמידן און זייערע גע־הילפן אין א שלייער פון פונקן. ס'האָט אָבער קיינעם נישט געשאדט.

— זעסטו, ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין!... האָט לעי־וועגבאָג שטיל ארויסגעמורמלט.

— דו ביזט משוגע געוואָרן, צי וואָס? האָט עבערהאַרד אויסגערופן. איך האָב געמיינט, אז דו האָסט זיך שוין באַפרייט פון אָט די מחשבות.

— דאָס האָב איך שוין פון לאנג געוואָלט טון און מיר געווינטשן, כ'זאָל שוין א מאָל פטור ווערן פון זיי, אָבער ס'העלפט גאָרנישט. נא, נא, זעסט, ברודערל אָט־אָ דאָרט שטייט ער ביים סלופּ און פארקרימט זיך פאר אונז, אך! ווי איז מיר, דאכט זיך, אז ער טשעפּעט־אָפּ דעם פאל־האמער!

ער איז האסטיק אראָפּגעשפּרונגען פון דער קאָוואדלע, מיטשלעפּנדיק עבערהאַרדן מיט זיך. א רגע דערנאָך איז דער האמער מיט א גוואלטיקן טראך אראָפּגעפאלן אויף דער קאָוואדלע. א פּנים, אז ס'האָט זיך איינע פון די קלאמערעס אויפגעעפנט, אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, זענען עבערהאַרד און לעיוועגבאָרג קוים ניצול געוואָרן פון א זיכערן טויט.

— זעסטו, ברידערל, אז ער האָט שוין נישט קיין שליטה איבער אונז! האָט לעיוועגבאָרג טריאומפירנדיק אויסגערופן. אָבער מען זעט שוין איצט באשיינפערלעך, דאָס ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין!

און דערנאָך האָט ער א געשריי־געטון צו יעסטאַן.

— יעסטא, גיי נאָר ארויף צו די פּרויען! אפשר וועט ער זיך פאר זיי אויך וועלן באווייזן. זיי זענען נישט געוואוינט ווי איך צו אזעלכע אָנבליקן, און זיי קאָנען זיך נאָך שטארק איבערשרעקן. און היט זיך, יעסטאַ, ווייל צו דיר פילט ער גאָר א שטארקן כעס, און צוליב דעם וואָס דו האָסט געבראָכן דיין וואָרט, האָט ער נאָך אפשר א שליטה איבער דיר, ווער ווייסט... א קשיה אויף א מעשה!..

מען האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, אז לעיוועגבאָרג איז

טאקע געווען גערעכט, און סינטראַם איז ווירקלעך געשטאָרבן אין דער זעלבער וויגיליע-נאַכט. לויט ווי מען דערציילט, האָט ער זיך אַליין אויפגעהאָנגען אין תפיסה. אנדערע ווידער, האָבן געזאָגט, אז דאָס האָבן אים די תפיסה-שומרים אין געהיים דערהרגעט, מחמת די אויספאָרשונג האָט אויסגעזעען אָנצוּנע- מען א גינסטיקע ווענדונג פאר אים, און ס'וואָלט געווען א פארברעכן אים ארויסצולאָזן, ער זאָל ווידער קאָנען פראווען זיינע טייוולאָנישע שטיק אויפן רוקן פון דער פארפייניקטער באַפעלקערונג. אָבער חוץ דעם האָבן זיך פאָרט געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אז אין חצות פון דער וויגיליע-נאַכט איז א שווארצער פארשוין צוגעפאָרן צו דער תפיסה אין א שווארצער קארעטע, איינגעשפאנט מיט א פאָר שווארצע פערד און אים אוועקגעפירט פון דאָרט. און לעי- ווענבאָרג איז נישט געווען דער איינציקער, פאר וועמען ער האָט זיך אין דער דאָזיקער וויגיליע-נאַכט באוויזן. אויך אין זיין הויף פאָרס האָט ער זיך באוויזן, און אויך אולריקאַ דילנער האָט אים געזעען אין אירע חלומות, א סך מענטשן האָבן שפעטער דערציילט, אז ער איז זיי צו חלום-געקומען, און דאָס איז געשעען אזוי לאנג, ביז וואנען אולריקאַ דילנער האָט נישט איבערגעפירט זיין טויטן קערפער אויפן בית-עולם אין ברובי. דערנאָך האָט זי פארטריבן זיינע בייזוויליקע באַ- דינער פון פאָרס און דאָרט איינגעפירט א גוטע באלעבאטיש- קייט. זינט דעמאָלסט האָט מען שוין דאָרט מער נישט געהערט פון קיין שדים.

— — — — — — — — — — — — — — —

מען דערציילט, אז איידער יעסטאַ בערלינג האָט באוויזן צוצוקומען צום פאלאַץ, איז דאָרט אָנגעקומען עפעס א פרעמ- דער פארשוין און אָפּגעגעבן א בריוו, אדרעסירט צו דער מאַ- יאָרין. קיינער האָט נישט געקענט דעם שליח, אָבער דעם בריוו האָט מען פאָרט אריינגעטראָגן צו דער קראנקער און אים אוועקגעלייגט אויפן נאכט-טישעלע. באלד דערנאָך איז איר פלוצלינג פיל בעסער געוואָרן; די היץ איז אָפּגעטרעטן,

די וויטיקן האָבן זיך געשטילט, און זי האָט זיך דערפילט בכוח איבערצולייענען דעם בריוו.

אלטע לייט האָבן שפּעטער אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז די דאָזיקע פאַרבעסערונג אין איר געזונט-צושטאַנד איז געווען דאָס שטיקל אַרבעט פון טייוול, ווייל סינטראַמען מיט זיין סוויטע איז עס שטאַרק אָנגעגאַנגען, אז די מאַיאָרין זאָל זיך דערוויסן דעם אינהאַלט פונעם דאָזיקן בריוו.

דאָס איז געווען א דאָקומענט געשריבן מיט בלוט אויף שוואַרץ פּאַפּיר. די קאַוואַלערן וואָלטן זיכער דערקענט דאָס דאָזיקע כתב; דאָס איז פאַראיאָרן אין דער וויגיליע-נאַכט פאַר-פּאַסט געוואָרן אין דער גרויסער קוזניע פון עקעבי.

די מאַיאָרין האָט געלייענט, ליגנדיק אין בעט. זי האָט זיך דערוואוסט, אז היות זי איז א מכשפה און פלעגט כסדר שיקן די קאַוואַלערן אין גהינום אריין, דעריבער איז זי פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרלירן עקעבי מיט אַלע איבעריקע הויטעס און גיטער. אָט-אָ דאָס און נאָך אזעלכע שטותים האָט זי דאָרט געלייענט. זי האָט נאָכגעקוקט די דאַטע און די אונטערשריפטן, און ביי יעסטאַ בערלינגס אונטערשריפט האָט זי געפונען פאָל-גענדיקע באַמערקונג:

„דערפאַר, וואָס די מאַיאָרין האָט אויסגענוצט מיין שוואַכקייט, און מיך אוועקגענומען פון ערלעכער פּראַצע, און זיך כסדר באַמיט צו האַלטן מיך אַלס קאַוואַלער פון עקעבי, דערפאַר, וואָס זי האָט מיך געמאַכט צום מערדער פון עבבאַ דאָנאַ, וואָס זי האָט פאַר איר דערציילט, אז איך בין א דער-גראַדירטער גלח —, בלויז דערפאַר שרייב איך דאָס אונטער".

נאָכן איבערלייענען האָט די מאַיאָרין פּאַמעלעך צונויפ-געלייגט דעם דאָקומענט און אים צוריק אריינגערוקט אין קופּערטע, דערנאָך איז זי א לאַנגע ווייַלע רואיק געלעגן און נאָכגעקלערט וועגן דעם, וואָס זי האָט זיך אָקאָרשט דערוואוסט. זי האָט איצט מיט גרויס ביטערקייט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז מסתמא די אַלגעמיינע מיינונג, וואָס די באַפעלקערונג האָט וועגן איר. פאַר א מכשפה און א שותפטע פונעם טייוול האַלט

מען זי דאָ, אין דער דאָזיקער געגנט, וואו זי האָט יעדען אייניציקן געהאָלפן, וואו זי האָט אלעמען געגעבן ארבעט און ברויט. דאָס איז, אלזאָ, געווען איר שכר, אזא נאָמען וועט זי איבערלאָזן נאָך זיך. פון א אומטריי ווייב האָט מען, הייסט עס, נישט געקאָנט ווארטן אויף עפּעס בעסערס — — —

אָבער וואָס האָט זי זיך צו רעכענען מיט דער מיינונג פון דער דאָזיקער פינסטערער מאסע? זי איז גאנץ ווייט פון זיי. נאָר פארוואָס איז זי אזוי געמשפט געוואָרן דורך די קא-וואלערן, דורך די, וועלכע האָבן געלעבט פון איר חסד, און זיי האָבן זי דאָך יאָ געקאָנט? פארוואָס האָבן זיי זיך געמאכט גלייבן דערין — בלויז כדי צו קאָנען פארכאפּן די ממשלה איבער עקעבי? פארשידענע געדאנקען האָבן איר גע-נומען עגבערן אין מוח. אין איר פיבערדיק בלוט האָט אויפ-געברויזט א ווילדער צאָרן און א ליידשאפטלעכער פארלאנג נאָך נקמה. זי האָט געהייסן דעם גלחס טאָכטער, וועלכע האָט צוזאמען מיט דער גרעפין עליזאַבעט געוואכט ביי איר, זי זאָל שיקן נאָך דעם פארוואלטער פון העגפאָרס און נאָך איר הויפּט-עקאָנאָם. זי האָט באשלאָסן אָנצושרייבן איר צוואה.

דערנאָך איז זי ווידער געלעגן און געטראכט. אירע ברעמען האָבן זיך צוזאמענגעצויגן, און איר פּנים האָט זיך פארקרימט פון שמערץ.

— פרוי מאיאָרין, ווי איך זע, זענט איר זייער קראנק, האָט די גרעפין שטילערהייט געזאָגט.

— יאָ, יאָ, איך פיל זיך איצט ערגער ווי פריער, האָט די מאיאָרין געענטפערט.

זי האָט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט א הארטן קול:

— ס'איז מיר א גרויסער חידוש, וואָס איר, פרוי גרעפין, ווערט אזוי געליבט פון יעדן אייניציקן, הגם איר זענט אויך אַ אומטריי ווייב.

די יונגע פרוי איז פארציטערט געוואָרן.

— יאָ, איר זענט עס... אפשר נישט אין האנדלונג, נאָר אין געדאנק און פארלאנג, אָבער דאָס ענדערט נישט די זאך. איך ליג דאָ אויף מיין קראנקן-בעט און קלער טאקע וועגן דעם, אז דאָס ענדערט נישט די זאך.

— איך ווייס דאָס, פרוי מאיאָרין...

און דאָך זענט איר איצט אזוי גליקלעך, פרוי גרעפין. איר האָט אייער געליבטן, און מען האלט דאָס נישט פאר א זינד. דער שווארצער שד שטעלט זיך נישט צווישן אייך, בשעת איר טרעפט אייך צוזאמען, איר מעגט אָפן פאר דער גאנצער וועלט געהערן צו איינאנדער, איך מעגט אייך צערטלען אין מיטן העלן טאָג, איר קאָנט פראנק און פריי וואנדערן האנט-ביי-האנט דורכן לעבן!...

— אך, פרוי מאיאָרין, וואָס רעדט איר?...

— אָבער ווי קאָנט איר גאָר וואגן צו בלייבן ביי אים, פרוי גרעפין?... האָט די אלטע אויסגערופן מיט שטייגנדיקער רוגזה אין איר קול. טוט תשובה, טוט תשובה, כל זמן ס׳איז נאָך צייט! פאָרט אהיים צו אייער טאטע-מאמע, איידער זיי וועלן דאָ אהערקומען, כדי אייך צו פארשעלטן! ווי וואגט איר עס, אָנצורופן יעסטאַ בערלינגן אלס אייער מאן? פאָרט אוועק פון אים! איך האָב בדעה אים אוועקצושענקען גאנץ עקעבי, איך וויל אים שענקען מאכט און עשירות... צי וועט איר אָפן וואגן צו נעמען אן אָנטייל אין דעם גליק און כבוד פון אייער געליבטן? איך האָב עס אמאָל געוואגט. אָבער צו געדעקט איר, ווי ס׳איז מיר נאָכדעם צוגעגאנגען? צי געדענקט איר די תפיסה אין מונקעכוד? — — —

— אָ, מאיאָרין, מאיאָרין!... האָט די גרעפין מיט א געבראָכענער שטים געענטפערט. מיר צוויי זינדיקע מענטשן, איך און יעסטאַ בערלינג האָבן זיך אונטערגענומען צו וואנדערן דורכן לעבן אָן א ברעקל גליק. איך אליין וואָך דערי-בער, אז קיין שום פרייד זאָל זיך נישט דערנענטערן צו אונ-זער געצעלט. גלויבט איר מיר נישט, אז איך בענק אהיים? אָ, ווי ביטער איז מיין בענקשאפט נאָך דער שוץ און שטיצע

פון מיין עלטערן-היים! אָבער מיר איז שוין נישט באשערט צו געניסן דערפון. דאָ וועל איך פאַרברענגען מיין לעבן אין מורא און ציטערניש, וויסנדיק, אז אלץ וואָס איך טו פירט צו זינד און צער, וויסנדיק, אז אויב איך העלף איינעם, ברענג איך אום דערמיט א צווייטן. איך בין צו שוואך און צו שלימזלדיק צו קאָנען איבערהאלטן. דאָס לעבן אויף דער ערד, און דאָך בין איך געצוואונגען צו לעבן, געבונדן פון דער פליכט אייביק תשובה צו טון!

— מיט אזעלכע מחשבות נארן מיר בלויז אָפּ אונזערע הערצער! האָט די מאיאָרין אויסגערופן. דאָס איז בלויז א כאראקטער-שוואכקייט פון אייער זייט. איר ווילט אים נישט פארלאָזן, דאָס איז די איינציקע סיבה!

איידער די גרעפין האָט באוויזן צו ענטפערן, איז יעסטאַ אריינגעקומען אין דער קראנקן-שטוב.

— קום אהער, יעסטאַ, האָט די מאיאָרין תיכף אויסגערופן, ווי נאָר זי האָט אים דערזעען, און איר קול איז געוואָרן נאָך שארפער און הארטער. קום נאָר אהער צו מיר, דו, וועמען אלע איינוואוינער פון לעווזשעי לויבן! קום אהער, דו, וואָס ווילסט, אז נאָכן טויט זאָל מען דיר נאָכזאָגן דעם שבח, אז דו ביזט געווען דער גואל פונם פאָלק! דו וועסט איצט הערן, ווי ס'איז צוגעגאנגען דיין אלטער מאיאָרין, וועמען דו האָסט געלאָזן א פאראכטעטע און א פארשטויסענע ארומגיין מיט א בעטלער-זעקל איבערן לאנד.

איך וויל דיר קודם כל דערציילן, וואָס מיט מיר איז געשעען אין פארגאנגענעם פרילינג, בעת איך בין אהיימגעקומען צו מיין אלטער מוטער, ווייל דו מוזט וויסן דעם סוף פון דער דאָזיקער געשיכטע.

אין חודש מערץ בין איך אָנגעקומען צום פאָלווארק, וואָס ליגט טיף צווישן די עלוודאַלער וועלדער, און איך קאָן דיר זאָגן, יעסטאַ, אז איך האָב דאן ווירקלעך נישט אויסגעזעען אויף עפּעס בעסערס, ווי א בעטלערין. ווען כ'בין דאָרטן אָנגעקומען, האָט מען געזאָגט, אז מיין מוטער געפינט זיך

אין דער מילך-קאמער. איך בין צוגעגאנגען אהין, און א לאנגע ווײַלע געבליבן שטיין בײַ דער טיר. ארום די ווענט אין קאמער זענען געהאָנגען לאנגע פּאָליצעס, אויף וועלכע ס'זענען געשטאנען בלאנקענדיקע קופּערנע שיסלען, אָנגעפּילטע מיט מילך. און מײַן מוטער, וועלכע איז שוין דעמאָלסט אלט געווען איבער זיבעציק יאָר, איז געווען באשעפטיקט בײַם אראָפּהייבן די שווערע שיסלען פון די פּאָליצעס, כדי פון איינער נאָך דער אנדערער אראָפּצושעפּן די סמעטענע. בײַ אזא טיפן עלטער איז זי נאָך געווען זייער פלינק, אָבער איך האָב באמערקט, ווי שווער ס'קומט איר אָן אויסצוגלײַכן דעם רוקן, אז זי זאָל קאָנען דערגרייכן צו די פּאָליצעס. איך האָב נישט געוואוסט, צי זי האָט מיך שוין דאן געהאט באמערקט, אָבער אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך צו מיר אָנגערופן מיט א מאָדנעם שארפן קול:

— איך זע, אז ס'האָט מיט דיר פּאסירט, אזוי ווי כ'האָב עס דיר פאָראויסגעזאָגט!

איך האָב געוואָלט רעדן צו איר, בעטן זי זאָל מיר מוחל-זײַן, אָבער ס'האָט נישט געלוינט די טירחה. זי איז געווען טויב, ווי די וואנט. א ווײַלע דערנאָך האָט זי ווידער גערעדט צו מיר.

— דו קאָנסט אהערגיין און מיר צוהעלפן, האָט זי געזאָגט.

און איך בין טאקע גלײַך צוגעגאנגען און איר געהאָלפן אראָפּשעפּן די סמעטענע. איך האָב אראָפּגענומען די שיסלען ווי געהעריק, אלץ לויט דער ריי, איך האָב ארײַנגעשטעקט דעם שום-לעפל בלויז אזוי טיף ווי מען דארף, און דערנאָך האָב איך אין בעסטער אָרדנונג צוריק אוועקגעשטעלט די שיסלען, יעדע אויף איר אָרט. זי וואָלט פאר קיין שום געלט אין דער וועלט נישט דערלויבט עמיצן פון די דינסט-מיידלעך דאָס צו טון, נאָר איך האָב שוין פון פריער געוואוסט ווי אזוי עס אויסצופירן, אז ס'זאָל איר געפעלן.

— פון היינט אָן קאָנסטו זיך נעמען צו דער דאָזיקער

ארבעט! האָט זי געזאָגט, און איך האָב פארשטאַנען, אז זי האָט מיר מוחל געווען.

נאָכדעם איז זי עפּעס מיט אמאָל אזוי שוואַך געוואָרן, אז זי האָט שוין מער נישט געקאָנט ארבעטן. ס'רוב איז זי גאנצע טעג געזעסן אין איר פאָטעל און געדרעמלט. אן ערך צוויי וואָכן פאר וויינאכט איז זי געשטאָרבן. איך האָב שוין פריער געוואָלט אהיימקומען, יעסטאַ, אָבער ס'איז מיר גע-ווען שווער צו פארלאָזן די אלטע.

די מאַיאָרין איז אנטשוויגן געוואָרן, דאָס אָטעמען איז איר ווידער אָנגעקומען מיט שוועריקייט, זי האָט זיך אָבער באהערשט און ווייטער גערעדט:

— דאָס איז אמת, יעסטאַ, אז איך האָב טאקע געוואָלט, דו זאָלסט זיין דאָ ביי מיר אין עקעבי. דו ביזט שוין אזא מענטש, וואָס אלע פרייען זיך מיט דיין געזעלשאפט. אויב דו וואָלסט געוואָלט ווערן א לייטישער מענטש, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געוועזן איבערגעגעבן א גרויסע מאכט אין די הענט אריין. מיין האָפנונג איז תמיד געווען, דו זאָלסט באַ-קומען א גוט ווייב. צוערשט האָב איך געמיינט, אז דאָס וועט זיין מאַריאַננע סינקלער, ווייל איך האָב געזען, דאָס זי האָט דיך געליבט, — שוין דעמאָלסט ווען דו ביזט נאָך געווען א האָלץ-העקער אין וואלד. דערנאָך האָב איך גערעכנט אויף עבבאַ דאָנאַ, און איך בין איינמאָל אהינגעפאָרן קיין באָרג, און איר געזאָגט, דאָס אויב זי וועט דיך נעמען פאר א מאַן, וועל איך דיך מאכן פארן יורש פון עקעבי. אויב איך האָב דיר דערמיט אן עוולה געטון, — טאָ זיי מיר מוחל!

יעסטאַ איז געפאלן אויף די קני און אָנגעשפּארט זיין קאָפּ אָן קאנט פון בעט און שווער געקרעכצט.

— אדרבא, זאָג מיר, יעסטאַ, פון וואָס דו האָסט בדעה צו לעבן, און פון וואָס וועסטו מפרנס זיין דיין ווייב? אדרבא, זאָג מיר, דו ווייסט דאָך, אז איך בין תמיד אויסן געווען דיין טובה!

יעסטאַ האָט איר געענטפערט מיט א שמייכל אויף די

ליפן, — הגם זיין הארץ האָט שיער נישט געפּלאַצט פון צער:
— פרוי מאיאָרין, איר האָט מיר דאָך אמאָל געהאַט געשענקט א שטיקל נחלה און א הייזל, דאָס איז נאָך געווען אין יענער צייט, ווען איך האָב געוואָלט ווערן אן ערד־אר־בעטער דאָ אין עקעבי, און די דאָזיקע נחלה באַזיץ איך נאָך עד־היום. אין הארבסט האָב איך דאָרט אַלצדינג אין אָרדנונג געבראַכט; לעיוועגבאָרג האָט מיר צוגעהאָלפן, און מיר האָבן אויסגעקאַלכט די סופיטן און אויסגעקלעפּט די ווענט מיט פּאַפּירן, וואָס מיר האָבן אליין באַמאָלט. דאָס הינטערשטע שטיבעלע האָט לעיוועגבאָרג א נאָמען געגעבן „דער גרעפינס קאַבינעט" און עס אויסמעבלירט מיט פארשידענע מעבל, וואָס ער האָט אויסגעגישטערט אין די ארומיקע פויערשע הייזלעך און וואָס שטאַמען פון ליציטאַציעס אין פריצישע הויפן. אָט אזא מעבל האָט ער געקויפט, און דעריבער געפינען זיך איצט אין דעם שטיבעלע פּאָטעלן מיט הויכע אָנלענס, קאָמאָדעס און קופערטן, באַשלאָגענע מיט גלאַנציקן מעטאַל. אָבער אין דער גרויסער שטוב פון פראָנט שטייט עליזאַבעטס וועבשטול און מיין דרייבאַנק. דאָרטן זענען פאראַן פארשידענע שטוב־זאַכן און אנדערע מכשירים. אין דער דאָזיקער שטוב פלעג איך אָפט אין אָוונט זיצן צוזאַמען מיט לעיוועגבאָרגן און שמועסן מיט אים וועגן דעם, ווי אזוי איך און די יונגע גרעפין וועלן זיך קאָנען איינאָרדנען אין דעם קליינעם ארענ־דאר־הייזל. אָבער מיין ווייב ווערט ערשט איצט געוואויר דער־פון, פרוי מאיאָרין, מיר האָבן איר דאָס נישט געוואָלט זאָגן, ביז וואַנען מיר וועלן נישט זיין גרייט צו פארלאָזן עקעבי.
— רעד ווייטער, יעסטאַ.
— לעיוועגבאָרג פלעגט אָפט דערמאָנען, אז ס'וואָלט זייער גוט געווען, ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט פארגינען צו האַלטן א דינסטמיידל. ווארום זומער־צייט איז דאָ זייער שיין, פלעגט ער זאָגן, אָבער ווינטער וועט זיך די יונגע פרוי פילן זייער איינזאַם. דו מוזט אלזאָ צונעמען א דינסטמיידל, יעסטאַ!

איך האָב אים געגעבן גערעכט, אָבער פון וואנען האָב איך געזאָלט נעמען דערויף? איינמאָל אין א מיטן העלן טאָג האָט ער געברענגט צו שלעפן זיינע נאָטן און זיין טיש מיט די אָנגעמאָלטע קלאַווישן און עס אוועקגעשטעלט אין דער גרויסער שטוב.

— ווי איך זע, לעיוועבאָרג, האָסטו בדעה צו זיין אונזער דינסטמיידל האָב איך צו אים אין שפאס געזאָגט. און ער האָט מיר געענטפערט, אז נישקשה, ער וועט אונז ברענגען א גוטן נוצן. וואָרום מסתמא וויל איך דאָך אליין אויך נישט, אז די יונגע גרעפין זאָל שטיין ביי דער קיך און טראָגן האָלץ און וואסער.

— ניין, האָב איך אים געענטפערט, דאָס וויל איך נישט, זי וועט בכלל גאָרנישט טון, אזוי לאנג ווי איך האָב א פּאָר געזונטע הענט צו דער ארבעט. ער האָט זיך אָבער פּאָרט געהאלטן ביי זיין מיינונג, אז אין צווייען וועט עס אונז נאָך בעסער גיין מיט דער דאָזיקער ארבעט, אלץ כּדי זי זאָל זיך אינגאנצן טאָג קאָנען זיצן אויף איר סאָפּקעלע און נייען אויף א טאמבורעק. ער האָט מיר דערקלערט, אז איך הויב גאָרנישט אָן צו וויסן, וויפיל באדינגונג אזא קליינע צארטע פרוי דארף האָבן.

— רעד ווייטער, יעסטאַ, האָט די מאיאָרין געזאָגט. דאָס לינדערט מיר מיינע שמערצן. נו, האָסטו טאקע געגלייבט, אז דיין יונגע גרעפין וועט וועלן וואוינען אין אָרים ארענדאר-הייזעלע?

אים האָט פארחידושט דער חוזק-טאָן, אין וועלכן זי האָט דאָס געזאָגט, אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— אך, פרוי מאיאָרין, איך אליין האָב אויך נישט געוואגט צו גלייבן דעריין, נאָר דאָס וואָלט אָבער געווען א גרויס גליק פאר מיר, אויב זי וואָלט זיך דעצידירט דערצו; פון דאנען איז דאָך א מהלך פון פינף מייל צום נאָנטסטן דאָקטאָר, זי האָט אזא לייכטע האנט און אזא איידל הארץ, זי וואָלט שוין דאָ געהאט גענוג צו טון מיט ארומגיין ביי קראנקע,

היילן וואונדן און שטילן ווייטיקן. איך בין זיכער, אז די אלע וואָס געפינען זיך אין א צרה, וועלן שוין געפונען דעם וועג צו דער איידעלער פרוי, וועלכע וואוינט אינם ארענדאר-הייזל. צווישן אונזערע אָרימעלייט איז פאראן זייער פיל צער, וואָס מען וואָלט געקאָנט לינדערן מיט א גוט וואָרט און א פריינטלעכער עצה.

— אָבער דו אליין, יעסטאַ בערלינג, וואָס האָסט דו בדעה צו טון?

— איך וועל שוין האָבן געגוג ארבעט אין מיין סטאָלער-ווארשטאט און ביי דער דרייבאנק. איך וועל מיר שוין איצט אליין איינאָרדנען מיין לעבן. אויב מיין ווייב וועט נישט בא-שטיין צו פירן אזא לעבן מיט מיר, וועט זי טון ווי זי ווילן. מען זאָל מיר איצט אפילו אָנבאָטן אלע אוצרות פון גאָר דער וועלט, וועט מיך שוין קיין שום זאך נאָכאמאָל נישט ברענגען צו א נסיון. אָ, ניין, איך מוז און איך וויל שוין איצט פירן מיין אייגן לעבן. איך וויל זיין אן אָרימאן צווישן אָרימעלייט און איך וויל זיי העלפן מיט אלע מיינע כוחות. זיי ברויכן צו האָבן עמיצן, וועלכער זאָל זיין קלעזמער אויף זייערע חתונות און שמחות, און וועלכער זאָל פאר זיי שרייבן די בריוו-לעך צו זייערע זין אין דער פרעמד, און דאָס אלץ וועל איך קאָנען זיין פאר זיי. אָבער קודם כל מוז איך זיין דער זעלבער אָרימאן ווי זיי, פרוי מאיאָרין!

— דאָס וועט אָבער זיין אן אומעטיק לעבן פאר אייך ביידן, יעסטאַ!

— אָ, ניין, פרוי מאיאָרין, דאָס וועט נישט זיין אזא אומעטיק לעבן, ווי איר שטעלט זיך עס פאָר, אויב מיר וועלן נאָר דערצו זיין אין צווייען און תמיד צוזאמען אינם גוטן ווי אינם שלעכטן. אויך רייכע און פריילעכע מענטשן וועלן קומען צו גאסט צו אונז, פונקט ווי די קראנקע און אָרימע. און אין אונזער אָרעמער היים וועט זיין גענוג פריילעך. אונ-זערע געסט וועלן זיכער נישט פאראיבל האָבן, וואָס זיי וועלן מוזן צוזען, ווי מען קאָכט די מאכלים, און וואָס זיי וועלן

קיין אנדער ברירה נישט האָבן, ווי צו עסן צו צוויי פּאַרשוין פון איין טעלער.

— און וואָס פאַרא נוצן וועסטו ברענגען דערמיט, יעסטאַ? וואָס פאַרא כבוד וועסטו דערמיט דערגרייכן?

— ס'וואָלט שוין פאַר מיר גענוג כבוד געווען, אויב די אָרימעלייט וועלן מיך לפּחות א פּאָר יאָר נאָך מיין טויט געדענקען צום גוטן. און איך וועל האָבן געבערענגט גענוג נוצן, אויב איך וועל כאָטש באַווייזן צו פאַרפלאַנצן א פּאָר עפּלביימלעך ביי יעדער כאַטע, אויב איך וועל איינעם פון אונזערע יונגערע קלעזמער אויסלערנען א פּאָר אַלטע נגונים, און אויב די קליינע פאַסטוכלעך וועלן זיך פון מיר האָבן אויסגעלערנט א פּאָר שיינע לידלעך צו זינגען, בעת ס'איז זיי אומעטיק, היטנדיק די בהמות אויפן פעלד. גלייבט מיר, פרוי מאַיאָרין, איך בין נאָך אַלץ דער זעלבער משוגענער יעסטאַ בערלינג וואָס א מאָל. איך וויס ביי מיר, אז דאָס איינציקע וואָס איך קאָן זיין, איז בלויז א קלעזמער פאַר די פּויערים, אָבער דאָס איז גענוג פאַר מיר. איך מוז תשובה-טון אויף א סך עבירות. אָבער וויינען און חרטה-האָבן איז נישט קיין עסק פאַר מיר. איך וועל די אָרימעלייט שענקען פרייד, און דאָס וועט זיין מיין תשובה-טון.

— יעסטאַ! האָט די מאַיאָרין געזאָגט, דאָס איז א צו נישטיק לעבן פאַר א מענטש מיט דיינע פעאיקייטן. איך וויל דיר שענקען עקעבי!

אָ, פרוי מאַיאָרין, האָט יעסטאַ דערשראָקן אויסגערופן, איין זאך בעט איך אייך: מאַכט מיך נאָר נישט רייך! לייגט נישט אַרויף קיין גרויסע פליכטן אויף מיר. מאַכט מיך נישט פאַר קיין נגיד, וואָרום דערמיט וועט איר מיך אָפּרייסן פון די אָרימע!

— איך וויל אוועקשענקען עקעבי דיר מיט די איבעריקע קאַוואַלערן! האָט די מאַיאָרין איבערגעחזרט. דו ביזט דאָך אַן אָרנטלעכער מענטש, און די באַפעלקערונג האַלט דיך איצט

אין איין לויבן. איך זאָג, ווי מיין מאמע: „פון היינט אָן קאָנ־סטו זיך נעמען צו דער ארבעט!"

— ניין פרוי מאיאָרין, מיר קאָנען נישט צונעמען די מתּנה פון אייך, מיר, וועלכע האָבן אזא טעות געהאט אין אייך און אזוי פיל צרות אייך אָנגעטון!

— איך וויל אייך שענקען עקעבי, דו הערסט, צי ניין? האָט זי נאָכאמאָל געזאָגט, אָבער שוין מיט א שארפן און הארבן טאָן, אָן שום סימן פון פריינטלעכקייט.

א שרעק איז אים באפאלן.

— פרוי מאיאָרין, איך בעט אייך, ברענגט נישט די דאָזיקע אלטע לייט צו אזא מין נסיון! האָט ער געזאָגט מיט א ציטעריקן קול, ווייל דאָס וועט זיי ווידער מאכן פאר ליי־דיקגייערס און שכּורים. רבונו של עולם, רייכע קאוואלערן גאָר! וואָס וועט עס ווערן פון אונז?

— אויב אזוי, יעסטא, וועל איך דיר אליין אוועקשענ־קען גאנץ עקעבי, אָבער דערפאר מוזטו מיר געבן תּקיעת־כּף, אז דו וועסט צוריקגעבן דיין ווייב איר פרייהייט. זעסטו, יעסטאַ, אזא צארטע פרוי איז נישט פאר דיינעטוועגן. זי האָט שוין צופיל געליטן אין דעם דאָזיקן בערן־לאנד. זי בענקט צוריק צו איר זוניקן געבורט־לאנד. איך וויל, אז דו זאָלסט זי לאָזן אהיימפאָרן, און דערפאר טאקע גיב איך דיר עקעבי.

אָבער איצט איז אויך די גרעפין עליזאַבעט צוגעקומען צו דער מאיאָרין און אנידערגעפאלן אויף די קני ביים בעט.

— איך בענק שוין נישט מער אהיים, פרוי מאיאָרין. ער, וועלכער איז איצט מיין מאן, האָט געלייזט די פראגע און געפונען דעם שטייגער, אויף וועלכן איך וועל אויך קאָנען פארברענגען מיין לעבן. איך וועל שוין נישט מער דארפן גיין נעבן אים א קאלטע און שטרענגע, און כ׳וועל אים שוין נישט דארפן כּסדר דערמאָנען וועגן זיין חוב תּשובה צו טון. די אָרימקייט, די נויט און דאָס שווערע לעבן וועלן שוין אָן מיר דערפירן די זאך ביז צום סוף. איבער די וועגן,

וואָס פירן צו אָרימע און קראַנקע, וועל איך קאָנען גיין אָן זינד. איך שרעק זיך שוין נישט פאַרן לעבן דאָ אין צפון-לאַנד. אָבער, מאַכט אים נישט רייך, פרוי מאַיאָרין! ווייל דאַן וועל איך נישט וואגן צו פאַרבלייבן מיט אים.

די מאַיאָרין האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט.

— דאָס גאַנצע גליק ווילט איר האָבן! האָט זי מיט ווילדן כעס אויסגערופן, דראָענדיק זיי מיט די פויסטן, דאָס גאַנצע גליק, און דערצו נאָך ווילט איר געבענטשט ווערן פון דער באַפעלקערונג! אָ, ניין, איך וועל אייך דאָס נישט פאַר-גינען! אַזוי ווי איך וויל, אַזוי וועט עס זיין! די קאַוואַלערן וועלן באַקומען עקעבי, און זאָל דאָס פירן צום אומגליק פאַר זייערע נשמות. איך וועל צעשיידן מאַן-און-ווייב, כדי זיי זאָלן ביידע אַראָפּזינקען אין אָפּגרונט פון זינד! יאָ, דאָס וויל איך דערגרייכן, ווייל איך בין דאָך א מכשפה, א שותּפטע פונם טייוול, און איך וויל אייך דערפירן צו אַלדאָס בייז! יאָ, איך וויל טאָקע זיין דאָס, פאַר וואָס די מענטשן האַלטן מיך דאָ! — —

זי האָט געכאַפּט דעם בריוו און אים א שליידער-געטון יעסטאַן אין פּנים אַריין. דאָס שוואַרצע פּאַפּיר האָט א ווײַלע געפלאַטערט אין דער לופט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָד-לאָגע. יעסטאַ האָט עס גלייך דערקענט.

— דו האָסט געזינדיקט קעגן מיר, יעסטאַ! דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, מיך, וואָס איך בין פאַר דיר געווען א צווייטע מאַמע! און דו האָסט נאָך די דרייסטקייט נישט צו וועלן צונעמען די שטראָף פון מיין האַנט? דו וועסט מוזן צונעמען עקעבי מיט זיין גאַנצן עשירות, און דאָס וועט ברענ-גען אומגליק פאַר דיין נשמה, ווייל דו האָסט א שוואַכן כאַ-ראַקטער. דו וועסט מוזן אַהיימשיקן דיין ווייב, כדי ס'זאָל דאָ נישט זיין ווער ס'זאָל דיך קאָנען אָפּהאַלטן פון זינד און רשעות. און איך זאָג דיר שוין צו, אַז דו וועסט שטאַרבן מיט א נאָמען, וואָס וועט זיין פּונקט אַזוי געהאַסט, ווי מיין נאָמען איז עס איצט. נאָך מאַרגאַרעטאַ צעלסינגס טויט וועט מען זאָגן, אַז זי איז געווען א מכשפה און א שותּפטע פונם טייוול,

אָבער נאָך דיין טויט וועט מען זאָגן, אז דו ביזט געווען א פארשווענדער פון גאָטס גאָב, א הולטאַי און א אכזר קעגן אָרימע פּויערים.

זי איז צוריק אנידערגעפאַלן אויף די קישנס, און א לאנגע ווײַלע האָט געהערשט שטילקייט אין דער שטוב. אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט פּלוצלינג אָפּגעהילכט א טויבער, גוואַלטיקער קלאַפּ, דערנאָך נאָך איינער און נאָך איינער. דער ריזיקער פּאַלהאמער האָט אָנגעהויבן זיין דונערנדיקע ארבעט.

— הערט! האָט יעסטאַ בערלינג מיט גרויס התלהבות אויסגערופן. אָט-אָ דאָס איז דער קלאַנג פונם רום, וואָס מאַרגאַרעטאַ צעלסינג לאָזט נאָך זיך איבער! דאָס איז נישט קיין וואנזיניקער ספּעקטאַקל פון שיכּורע קאַוואַלערן. דאָס איז דער נצחון-געזאַנג פון ארבעט, לכּבוד אַן אַלטער געטרייער ארבעטערין. צי הערט די פרוי מאַיאָרין, וואָס דער האמער רעדט? „א דאנק“, זאָגט ער, „א דאנק פאַר דער מעגלעכקייט צו ארבעטן, א דאנק פארן ברויט, וואָס דו האָסט געגעבן די אָרימעלייט צו עסן, א דאנק פאר די נייע וועגן, וואָס דו האָסט געבויט, א דאנק פאר די נייע ישובים, וואָס דו האָסט געגרינדעט! א דאנק פאר דער שמחה, וואָס דו האָסט אַלס שטענדיקן גאסט אויפגענומען און געלאָזט הערשן אין דיינע סאַלאָנען!“ — „א דאנק“, זאָגט ער, „און שלאָף רואיק! דיין ווערק וועט לעבן און עקזיסטירן! „אין דיין הויף וועט תּמיד הערשן די גליק-ברענגענדיקע ארבעט“. — „א דאנק“, זאָגט ער, „און פארמשפּט אונז נישט, וואָרום מיר האָבן געבלאָנדזשעט! דו, וואָס דו לאָזט זיך איצט אוועק צו די לאַנקעס פון אייביקן פרידן, האָב בלויז גוטע מחשבות וועגן אונז, וועלכע לעבן נאָך!“

יעסטאַ איז אנטשוויגן געוואָרן, אָבער דער פאַלהאמער האָט פאָרטגעזעצט זיין געזאנג, און די אַלע קולות, וועלכע האָבן בעת דער מאַיאָרינס נסיעה געהאט גערעדט צו איר מיט גוטע און פריינטלעכע רייד, האָבן זיך איצט צונויפגעמישט מיט די קלאַנגען פונם האמער אין איין סימפאָניע. ביסלעכווייז איז פארשוואונדן געוואָרן די שטרענגקייט פון דער מא-

יאָרינס געזיכט, אירע שטריכן זענען צארטער געוואָרן און עפּעס די דער שאָטן פונם טויט וואָלט שוין געפאלן אויף איר פּנים.

אננאַ-ליזאַ, דעם ברוביער גלחס טאָכטער, איז ארייננגעקומען און צו וויסן-געטון, אז די באאמטע פון העגפּאָרס זענען אָנגעקומען, אָבער די מאיאָרין האָט באפוילן זיי זאָלן צוריק אהיימפאָרן, זי האָט שוין נישט געוואָלט שרייבן קיין צואה.

— אָ, יעסטאַ בערלינג, דו מענטש פון גרויסע מעשים! האָט זי מיט א שוואכער שטים אויסגערופן, דו האָסט, אלזאָ, נאָכאמאָל געזיגט! בייג-צו צו מיר דיין קאָפּ, כדי כ׳זאָל דיר קאָנען געבן מיין ברכה!

די היץ איז איצט צוריקגעקומען מיט פארטאָפּלטער קראפט. די גסיסה האָט זיך אָנגעהויבן. דער גוף האָט נאָך געהאט אדורכצוגיין שווערע יסורים, נאָר די נשמה האָט שוין באלד נישט געוואוסט דערפון. זי האָט גענומען ארייננקוקן אין די וועלט, וואָס ווערן געעפנט פאר שטארבנדיקע.

אין א שעה ארום האָט זיך דער קורצער קאמף מיטן טויט געענדיקט. אויף איר פּנים איז דאן געלעגן אויסגעגאָסן אזא הדרתדיקע רואיקייט און איידעלע שיינקייט, אז די וואָס זענען געשטאנען ארום איר בעט זענען געוואָרן טיף גערירט.

— מיין טייערע, ליבע פרוי מאיאָרין! האָט יעסטאַ געזאָגט, איך האָב דיך שוין אמאָל געזעען אין דער זעלבער געשטאלט... יאָ, מאַרגאַרעטאַ צעלסינג האָט זיך צוריקגעקערט צום לעבן. פון היינט אָן וועט זי שוין קיינמאָל נישט מער אָפּטרעטן איר אָרט פאר דער מאיאָרין פון עקעבי.

— — — — — — — — — — — — — —

בעת די איבריקע קאוואלירן זענען צוריק ארייננגעקומען פון דער קוזניע, האָבן זיי זיך דערוואוסט, אז די מאיאָרין איז געשטאָרבן.

— צי האָט זי כאָטש דערלעבט צו הערן דעם האמער? האָבן זיי געפרעגט.

יאָ, זי האָט אים געהערט. און דערמיט האָבן זיי זיך געמוזט צופרידנשטעלן.

זיי האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אז די מאיאָרין האָט געוואָלט זיי לאָזן בירושה דאָס גאנצע גוט עקעבי, מיט אלע הוטעס און הויפן, אָבער דאָס אָנשרייבן די צואה איז נישט צושטאנד געקומען. דאָס האָבן זיי געהאלטן פאר א גרויסן כבוד פאר זיך און זיי האָבן זיך דערמיט געריממט אזוי לאנג, ווי זיי האָבן געלעבט. אָבער קיינער האָט נישט געהערט, זיי זאָלן זיך אמאָל האָבן באקלאָגט, וואָס זיי האָבן דורכדעם פארלוירן אזא גרויס עשירות.

מען דערציילט אויך, אז אין דער דאָזיקער וויגיליע-נאכט האָט יעסטאַ בערלינג געהאלטן זיין לעצטע דרשה צו די קאַ־וואלערן, שטייענדיק נעבן זיין יונג ווייב. ער האָט פאר זיי אויסגעדריקט זיין באדויערן איבער זייער גורל, וואָס זיי וועלן איצט אלע פארלאָזן עקעבי, די עלטער מיט אלע אירע ליידן ווארט אויף זיי. אן אלטער, אומעטיקער מענטש ווערט אומעטום קאלט באגעגנט. דער אָרימער קאוואלער, וועלכער מוז זיך אויף דער עלטער אויפהאלטן אין א פּויעריש הייזל, האָט שוין נישט צו דערווארטן קיין שום פרייד פון לעבן. צעשיידט פון זיינע חברים און פון שטארקע איבערלעבונגען, ווערט ער פארוועלקט און פארדארט אין זיין איינזאמקייט.

אזוי האָט ער גערעדט צו זיי, — צו די זאָרגלאָזע מענט־שען, צו די, וועלכע זענען שוין געווען פארהארטעוועט קעגן די פארשידנסטע פארענדערונגען פונם גורל. נאָכאמאָל האָט ער זיי אָנגערופן אלטע געטער און ריטער-לייט, וועלכע זענען אויפגעשטאנען תחית-המתים, כדי ארייצופירן פרייד אין דעם לאנד פון אייזן, אין דער תקופה פון אייזן. אָבער ער האָט זיך פאָרט באקלאָגט, וואָס דער גן-עדן, אין וועלכן דער פריי־דיקער שמעטערלינג איז ביז איצט ארומגעפלויגן אויף זיינע צארטע, זיידענע פליגעלעך, ווערט איצט אָנגעפילט דורך א מחנה היישעריקן, וואָס מאכן א חורבן און צעשטערן זיינע פרות.

ער איז אליין אויך איבערצייגט דערין, אז פרייד איז אן אומשאצבאַרער אוצר פאר די קינדער פון דער וועלט, און

זי מוז זיך געפינען אויף דער ערד, אָבער ווי א שווער רע־טעניש ליגט נאָך אלץ איבער דער וועלט די פראגע, ווי אזוי זאָל א מענטש גלייכצייטיק זיין אי גליקלעך, אי גוט. דאָס איז אי די גרינגסטע, אי די שווערסטע זאך אויף דער וועלט. אויך זיי זענען פריער נישט ראוי געווען צו קאָנען לייזן דאָס דאָזיקע רעטעניש. אָבער איצט וויל ער גלויבן, אז זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט די שווערע קונץ, אז זיי האָבן זיך שוין עס אויסגעלערנט אין משך פונם דאָזיקן יאָר פון פרייד און נויט, פון גליק און צער.

— — — — — — — — — — — — — —

אך, איר חשובע הערן קאוואלערן, אויך פאר מיר איז איצט אָנגעקומען די ביטערע מינוט פון געזעגענען זיך מיט אייך! דאָס איז שוין געווען די לעצטע נאכט, וואָס מיר האָבן צוזאמען געוואכט. איך וועל שוין נישט מער הערן אייערע פריילעכע געלעכטערס און לוסטיקע לידלעך. איך מוז זיך איצט צעשיידן מיט אייך און מיט אלע פריילעכע מענטשן וואָס וואוינען ביי די ברעגן פון דער לעיווען.

אָ, איר, מיינע טייערע זקנים! אין פריערדיקע צייטן האָט איר מיר געשאָנקען גוטע מתנות. איר זענט געקומען צו א איינזאמער און איר געבראכט די בשורה וועגן עשירות פון לעבן. איך האָב געזעען די העלדישע שלאכטן, וואָס איר האָט אויסגעקעמפט ארום דער אָזערע, וואו ס'האָבן געשוועבט די חלומות פון מיינע קינדער־יאָרן. אָבער וואָט האָב איך אייך געגעבן דערפאר?

ס'וועט אייך אפשר פאָרט פרייען, וואָס איך האָב דאָ פאראייניקט אייערע נעמען מיט די ערטער, וועלכע זענען אייך ליב. זאָל דער גאנצער פראכט און גלאנץ פון אייער לעבן ווידער באשטראלן די געגנט, וואו איר האָט פארבראכט די בעסטע יאָרן אייערע. ס'עקזיסטירן נאָך די ריטער־גיטער באָרג און ביערנע, און אויך עקעבי ליגט נאָך עד־היום ביים ברעג פון לעיווען, אין א הערלעכן קראנץ פון וואסערפאלן און טייכן, פון פארקן און חנעוודיקע וואלד־לאָנקעס, און ווען מען שטעלט

זיך אוועק אויף דער ברייטער טעראסע, קומען די לעגענדעס צופליען און קרייזן ארום אונז, ווי א מחנה זומזעגדיקע בינען.

ווען איך רעד שוין דאָ וועגן בינען, טאָ לאָמיך פאר-איינוועגס דערציילן נאָך איין קורץ מעשהלע. דער קליינער רוסטער האָט אין יאָר 1813 אלס פייקלער, בראש פון דער שוועדישער ארמיי, ארייגמארשירט קיין דייטשלאנד, און נאָך זיין אהיימקומען האָט ער זיך נישט געקאָנט גענוג אָנדער-ציילן פון די נסים ונפלאות, וואָס ער האָט דאָרטן געזען. די דאָרטיקע מענטשן, האָט ער געזאָגט, זענען הויכע ווי די קירכן-טורעמס, די שוואלבן זענען אזעלכע גרויסע ווי אָדלערס, און די בינען זענען ווי די גענז.

— אָבער די בינשטאָקן, ווי גרויס זענען זיי? האָט מען אים געפרעגט.

— די בינשטאָקן זענען געווייונלעכע בינשטאָקן, אזעלכע ווי ביי אונז.

— טאָ ווי אזוי האָבן די בינען געקאָנט ארייננקומען אהינצו?

המ... דאָס, זעט מיר, איז שוין זייער זאך, האָט דער קליינער רוסטער געענטפערט.

ליבע לעזער מיינע, צי בין איך דען נישט געצוואונגען צו זאָגן אויך דאָסזעלבע? די ריזיקע בינען פון דער פאנ-טאזיע האָבן דאָ לאנג געזומזעט ארום אונז, אָבער ווי אזוי וועלן זיי ארייַן אין בינשטאָק פון דערווירקלעכקייט? אך, דאָס איז שוין, כ׳לעבן, טאקע זייער אייגענע זאך...

ס ו ף